STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01242

GEKLIBENE SKITSEN

Z. Libin

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by David & Goldie Blanksteen
in memory of
Rachelle Teichberg Golden*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ליבין.

געקליבענע סקיצען.

ארויסגעגעבען פון דיא „פאָרווערטס אַססאָסיאיישאָן“.
183½ דיוויזיאָן סטריט, ניו־יאָרק.
1902.

Forward Press,
183½ Division Street,
New York.

Allied Printing Trades Union Label Council New York City

1892—1902

ז. ליבין. (י. הורעוויץ.)

Hyman Bachman
309 Clifton ave.
Newark N. J.

אינהאַלטס-פערצייכניס:

		זייטע.
(1	א פיקניק	7
(2	טוביה נעביך	13
(3	אָפּרופען	33
(4	א פערשלאָפענער גזר דין	36
(5	מאָריסעס טויט	39
(6	ווער?	43
(7	דער נאכט-שליסעל	45
(8	הונד און קאַץ	50
(9	דיא שטילע פאָר פאָלק	53
(10	דיא אידישע קעניגין ליער	56
(11	דער מעמבער און זיין פרוי	59
(12	א מעשה מיט אן אָווערקאָוט	62
(13	א שטילער יובילעאום	70
(14	א וואנד	76
(15	סלעק טיים — שלאָפען זיי	81
(16	איבער א נאָדעל	85
(17	מאיר דעם ביגלערס באַנדעל	88
(18	פערלאָרען דעם באָס	91
(19	דער בעל חשבון	96
(20	וואוהין?	101
(21	מופענעס	103
(22	מיסטער בוכהאָלץ	106
(23	אראָב פון וועג	114
(24	מנחם'ס ביזנעס טאָג	117
(25	דיא ירושה	120
(26	אן אויסגעצאָהלטער הויקער	124

27)	איבער א גאַרנישט	132
28)	יאָהרצייט נאָך דער מוטער	138
29)	איז ער שולדיג?	142
30)	דיא לעצטע טרעפּ אריבער	147
31)	גלייכע מיוחסים	154
32)	וועט זיא האלטען וואָרט?	157
33)	אן אויסצוג פון א טאָגע־בוך	160
34)	דעם קליינעם אלבערטס פסק	163
35)	צוריק אין דער דיספּענסערי	165
36)	און ער האָט זיא פערשטויסען	171
37)	נאַ דיר פרייטאג	176
38)	א מוטער	181
39)	מנשה	184
40)	עס פערדריסט מיך	188
41)	דעם קינד'ס פראגען	191
42)	דערקאָנט	195
43)	דיא נייע גזרה	198.
44)	צוריק אהיים	202
45)	מר. לאַנקין און זיין פרוי.	205
46)	ביידע	209
47)	פערראַטהען זיין פרינציפּ	213
48)	קאָנסטיטוציע אין רוסלאנד	216
49)	צוריק פון דער קאַנטרי	220
50)	„דער טאַטע טריקענט זיך".	222
51)	דער ערשטער לעסאָן	225
52)	זיצט שבעה אויפ'ן רוף	232
53)	דיא מאַמע איז געפאלען	234
54)	אומעט	237

זייטע.

אַ פּיק-ניק.

פּרופּט אויף אַ שפּאַס איינלאַדען שמואל דעם קאַפּען־מאַכער אויף אַ פּיקניק, וועט ער פון אייך אַפּשפּרינגען גלייך וויא איהר וואָלט איהם געשיקט צו דער תליה... געקומען איז דאָס איהם, ניט פאַר אייך געדאַכט, פון זיין ווייבעל: זיין שרה האָט איהם לייגגער געגעבען אַזאַ „פּיקניק", אַז ער וועט דאָס ניט פערגעסען זיין גאַנצען לעבען.

דאָס איז געווען אַ שבת אין דיא לעצטע טעג פון אויגוסט. שמואל איז געקומען אהיים פון דער אַרבּייט און האָט געזאָגט צו זיין ווייב:

— שרה לעבען.

— וואָס מיין מאַן? — האָט שרה געפרעגט.

— איך וואָלט זיך וועלען עפּעס פערשאַפען אַ פערגעניגען — האט שמואל געענטפערט עפּעס וויא האלב דערשראָקען.

— וואָס איז? דו ווילסט מאָרגען אין וואַנע געהן — האָט שרה ווידער געפרעגט.

— עט! וואָס איז דיא וואַנעס!

— נו, וואָס דען? אַ ביסעל אייז וואַסער צו סאַפער ווילסטו דערקאַזען?

— אויך ניט.

— אַ סיפאָן נעהמען?

— שמואל האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ניין.

— וואָס דען זשע, — האָט שרה געפרעגט האלב פערוואונדערט — אַ פיינטעל ביער אפשר ברייגגען?

— וואָס איז דיא ביער?

— אויפ'ן רוף שלאָפען?

— ניט דאָס.

— נאָך אַמאָהל נעהמען קאַרבּאָלקע און אויסשפּריצען דיא וואַנצעז?

— דאָס וואָלט געווען ניט איבעריג — ענטפערט שמואל — אַבער ניט דאָס מיין איך.

— נו, וואָס דען, אַ טעלעריל פון הימעל, פייגעל־מילך? האָט שוין שרה בייז געזאָגט — וואָס האָט שוין דיא קאָפּ אויסגעטראַכט? — זאָג!

און שמואל זאָגט:

— שרה, דוא ווייסט דאָך, אַז מיר בעלאַנגען צו אַ לאָדזש.

— פאר וואס זאל איך ניט וויסען? — קוקט איהם שרה אן האלב פערוואונדערט און האלב דערשראקען — איך וויים שוין גוט, אז דוא האסט פאר אכטטאגען אבגעריסען זיך א'ן אבר און אוועקגעשלעפט אהין א טאלער. — נו, וואס, מען דארף שוין ווידער געלד געבען?

— נאך עפעס!

— טא וואס דען־זשע?

— איך... וואלט וועלען, שרה — זאגט שמואל — אז מיר זאלען פאהרען אויפ'ן פיקניק.

— מעהר וויא פיקניקעס שמואל'קע — שרייט שרה — פעהלט דיר שוין ניט?

— מיר ארבייטען, פראצעווען — רעדט שמואל — א גאנצען יאהר. מעהר וויא געשמאלצענע צרות זעהט מען אין דיא אויגען ניט... ווייסען מיר דען פון א לעבען, וואס פאר א פערגעניגען האבען מיר?

— נו, וואס זאל מען טהאן? — זאגט שוין שרה שטילער אביסעל.

— דער זומער וועט באלד אריבער און מיר האבען אפילו א גרינע גרעזיל אין דיא אויגען ניט געזעהען; מיר זיצען דא טאג אזוי וויא נאכט און שוויצען אין דעם חושך.

— אך, אך, אך — זיפצעט שרה... און שמואל רעדט מיט א העכערען קול:

— לאמיר פאהרען, שרה, לאמיר עפעס הנאה האבען פון לעבען; זאלען אונזערע קינדער פערזוכען א ביסעל פרישע לופט; לאמיר כאטש איין מינוט אויסלופטערן דיא אויגען.

—— וואס דארף דאס קאסטען? — פרעגט פלוצלונג שרה. און שמואל גיט באלד א ריכטיגען רעכענונג:

— א פאמיליע טיקעט קאסט בלויז 30 סענט; פאר יאסעלען, פאר ריוועלען, פאר חנה'צקען, פאר בערעלען, פאר רייזעלען און פאר דאלעצקען דארף מען דאך קיין קאר געלד ניט צאהלען. וואס דען, פאר מיר און פאר דיר צעהן סענט אהין און צעהן סענט צוריק — האבען מיר פופציג סענט. ווייטער רעכען איך, אז ביי 30 סענט דארף קאסטען אויף צו נעהמען מיט זיך צו קוויקען זיך: א פיין עפעל, א צוגילעגענע קען מען קריגען פאר פינף סענט, עטליכע באנאנעס, א שטיקעל וואטער מעלאן, א בוטעלע מילך פאר דיא קינדערלעך, א פאר זעמעלעך... א'ן ערך פון אכציג סענט דארף אונז קאסטען דער פערגעניגען.

— אכציג סענט! — האט שרה א פאטש געגעבען מיט דיא הענט — אכציג סענט! פאר אכציג סענט קען מען דאך צוויי טאג לעבען, אויף אכציג סענט דארפסטו כמעט א טאג הארעווען, אכציג סענט! פאר אכציג סענט קען מען קויפען א צוגעניצטען אייז־באקס, פאר אכציג סענט קענסטו זיך קויפען א פאר נייע הויזען, אכציג סענט!...

— גענוג דיר שוין משוגעת — האט איהר שמואל איבערגעשלאגען — מיט אכציג סענט וועלען מיר דעם דלות ניט פערשטאפען — וויא מיט זיי, אזוי אהן זיי. אבער מען מוז חאטש איין טאג אין יאהר לעבען וויא א מענש. שרה, לאמיר פאהרען; מיר וועלען זיך דארטען זעהען מיט מענשען, מיר וועלען זעהען א וועלט, מיר וועלען זעהן וויא לייט פערברייננגען... וועסט זיך אביסעל דורכפאהרען, וועסט זעהען א וועלט; נו, זאג שרה, האבען דיינע אויגען געזעהען ווען עס איז א רעכטע זאך דא אין אמעריקא? צו ווייסטו פון א ברוקלין ברידזש, פון א סענטראל פארק, פון א באראן הירש'ס באד?...

— פון וואנען זאָל איך וויסען ? — שלאָגט איהם איבער שרה — איך האָב דען צייט ארומצוגעהן ? ! מעהר אז פון דאנען אין חזיר־מארק וויים איך טאקע דיא וועג ניט.

— און וואָס מיינסטו — רופט זיך אָפּ שמואל — איך וואָלט אויך געווען אזא גרינהאָרן וויא דוא, ווען איך וואָלט ניט געדאַרפט טרייען וועגען ארבייט. איצט ב"ה וויים איך שוין, אז אמעריקא איז א גרויסע מדינה. דיא סלעק טיים, ניט היינט געדאכט, האָט מיר בעוויזען וואו עס געפינט זיך אן אכטע סטריט, א הונדערט און דרייסיגסטע סטריט מיט א בלעך פעקטאָרי, א פיער און אכציגסטע סטריט מיט א מעטש פעקטאָרי. איך וויים שוין יעדע געסעלע ארום דיא „וואָלדס בילדונג". איך וויים, וואו דיא קייבל קאר סטאָפּט... אָבער דוא, מיין ווייב, ווייסט דאָך פון גאָר נישט — ביסט דאָך וויא אָט ערסט פון שיף אראָפּ... לאָמיר פאָהרען, שרה — דיך וועט עס אסור פערדריסען.

— איך וויים — זאָגט שרה, שוין מיט א שמייכעל — זאָל מען פאָהרען....

און אזוי האָט שמואל מיט זיין ווייבעל בעשלאָסען מאָרגען צו פאָהרען צום פיקניק פון לאָדזש.

אויף מאָרגען פריה איז מען ביי שמואל'ן אויפגעשטאַנען פיעל פריהער וויא אין יעדען געוועהנליכען זאנטאג. שוין גאַנץ פריה איז דאָרטען געווען א מהומה: שרה מיט איהר מאן האָבען אָהן רחמנות געריינינגט זייערע קינדער. שרה האָט געמאַכט א וואַנע דער דאַלעצקען, און דיא דאָלע האָט געשריען אויף וואָס דיא וועלט שטעהט. שמואל האָט גענומען יאָסעלען אויסוואַשען דיא פיסלעך, אָבער מחמת יאָסעלע פלעגט אימער ארומלויפען א באָרוועסער איז געווען אונמעגליך צו דערגעהן א גרונד, און שמואל האָט גענומען יאָסעל'ס פיסלעך און אריינגע־שטעלט אין בעק מיט ווארעמע וואסער ווייקען זיך.... און יאָסעל האָט געשריען... ערשט א זייגער צוועלף זיינען שוין געווען דיא קינדערלעך פיקס און פערטיג צום פאָהרען, און שרה האָט זיך גענומען פאר איהר מאן: פעררירכט דיא הויזען, אויס־געריבען דיא פלעקען פון דעם רעקעל מיט קעראָסין, איינגענייט קנעפּלאך אין וועסט. נאָכהער האָט זיא זיך אליין צוגעקליבען: אָנגעטהאָן דיא היימישע אטלעסענע חופה קלייד... א זייגער צוויי האָט זיך שמואל'ס געזינדעל בשלום אין וועג געריהרט. מען האָט זיך געזעצט אין קאר.

— גאָר נישט פערגעסען ? — האָט שרה געפרעגט.

שמואל האָט איבערגעציילט זיין ביסעל בלוט און האָט באַלד געזאָגט:

גאָר נישט, שרה!

דיא דאָלעצקע איז אנטשלאָפען געוואָרען. דיא קינדערלאך זיינען געזעסען גאַנץ רוהיג. שרה האָט אויך געכאפּט א לייכטען דרעמיל — אזא דרעמיל וויא מען כאפּט בשעת מען הערט א רעדנער, און עס ווילט זיך שלאָפען. זיא איז געווען זעהר מיעד פון צוגרייטען זיך צום וועג. אַלץ איז געגאַנגען רוהיג און שטיל ביז מען איז אריינגעפאָהרען „טיעף אפּ־טאָון". דאָ האָט זיך שרה פּלוצלונג אויפגעכאפּט.

— מיר איז עפּעס אזוי ניט גוט... דיא קאָפּ שווינדעלט — האָט זיא געזאָגט צו שמואל'ן.

— איך פיהל זיך אויך ניט אין גאַנצען — האָט שמואל אונרוהיג געענטפערט. הפנים וויא דיא פרישע לופט האָט אונז פערשאַט.

— הפנים — האָט שרה געזאָגט — איך האָב מורא פאר דיא קינדער.

אזוי וויא דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט: דיא דאָלעצקע האָט זיך אויפגע־

כאַפּט און האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען און צו ברעכען. יאָסעלע האָט זיך אויף איהר קוקענדיג אויך צו־וויינט. דער טאַטע האָט זיך אויף איהם צובייזערט, — האָבען דיא איבריגע קינדער גענומען וויינען. דער קאָנדוקטאָר האָט אויף שמואל'ן אויסגעשטעלט א פּאָר טאַטערשע אויגען; ביי דעם אָרימען שמואל'ן איז ארויס־געפאַלען פון דיא הענט דיא האַנט־בייטעל מיט דיא עסען־וואַרג. שמואל האָט גע־וואוסט, אַז דאָרטען האָט געמוזט טרעפען א גרויסער חורבן און האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען. שרה האָט גענומען איינגעהמען דיא קינדער. שמואל'ן האָט זיא גאַר נישט געזאָגט, אָבער איהר פּנים האָט געפלאַקערט פון כעס, און שמואל האָט שוין גוט געוואוסט, אַז קוים געהען זיי אַראָפּ פון קאַר, וועט ער שוין לייזען א חלק; און אַזוי איז טאַקע געווען: וויא שמואל מיט זיין געזינדעל זיינען אַראָפּ פון קאַר, האָט שרה גלייך אויסגעשאָסען:

— פּיקניקעס האָט זיך פערוואָלט דעם שררה! א פּיקניק איהם אין הארצען!... ביסט אַן ארבייטער, דאַרפסטו ליגען אויף אַן אָרט!...

שמואל'ן האָט שוין טאַקע אין גאַנצען פערדראָסען אויף דער גאַנצער מעשה און ער האָט געשוויגען... נור דיא האַרץ האָט איהם געקלעמט...

אויף איין האַנט האָט ער גענומען יאָסעלען, אויף דער צווייטער ריוועלען, און דאַביי האָט ער געטראָגען דיא האַנד־בייטעל מיט'ן חורבן.

— שטיל, מיינע קינדערלעך, שטיל מיינע בעבעלעך, שטיל! דיא מאַמע וועט באַלד געבען צוקער מיט ברויט — שטיל — האָט שמואל ניט אויפגעהערט צו לאַסצען דיא קינדער, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געוויינט...

שרה האָט געטראָגען אויף דיא הענט דיא דאַלעצקע און איהר געוויגט. און פון איהרע ביידע זייטען זיינען געגאַנגען בערעלע און חנה'לע.

דיא יאָהרען האָט ער מיר אָפּגעריסען — האָט שרה געזאָגט — אָפּגעריסענע יאָהרען זאָל איהם זיין...

און שמואל'ס געזינדעל איז גלייך אין פּאַרק אריין.

— לאָמיר אויסזוכען א בוים און זעצען זיך — האָט שמואל געזאָגט צו זיין ווייב — קום שרה.

— איך האָב ניט קיין כח צו שלעפּען זיך, גזלן — האָט שרה געענטפערט און האָט זיך וויא א שטיין אוועקגעזעצט ביים רעכטען אריינגאַנג. שמואל האָט עפּעס געוואָלט זאָגען — נור א בליק געבענדיג אויף שרה'ס פּנים, האָט ער דערזעהען, אַז זיא איז פערמאַטערט... אליין איז ער אויך געווען מיעד, און ער האָט זיך שווייגענדיג געזעצט לעבען זיין ווייב. שרה האָט געגעבען זייגען רייזעלען. דיא קינדער־לעך האָבען זיך גענומען קייקלען אין גראָז, שפּיעלען און לאַכען, און שמואל האָט גענומען אָטהעמען אַביסעל גרינגער.

איבערן פּאַרק האָבען ארומגעשפּאַצירט יום־טוב־דיג צוגעפּוצטע מיידלעך און ערטער־ווייז אונטער בוימער איז מען געזעסען גאַנצע קאָמפּאַניעס־ווייס. ארום א שעהנע מיידעל פלעגען זיך א סך בחורים צוזאַמענקלייבען און ארום א שעהנעם בחור פלעגען ארומטאַנצען יונגע מיידלעך.

ווייט ערגעץ פון אונטער א בוים האָט זיך איבער'ן פּאַרק געטראָגען א טרויע־ריגער געזאַנג פון אַ'ן ארבייטער ברוסט. ניט ווייט האָט איינער געשפּיעלט אויף א פידעל. שרה האָט דאָס אַלעס בעקוקט און בעטראַכט. איהר כעס איז אָפּגעגאַנגען... דיא האַרץ האָט אפילו איהר עפּעס אָנגעפאַנגען וועה צו טהאָן...

אָבער דאָס איז געווען א וועהטאָג ניט פון כעס. זיא האָט עפּעס אָנגעהויבען פער־נאַנדער צו קלייבען איהר לעבען... און איהר איז געוואָרען ביטער... איהר האָט אָנגעפאַנגען צו קלעמען קוקענדיג אויף שמואל'ן — זיא האָט איהם אוועקגעלייגט דיא הענט אויף דיא קניע.

שמואל איז אויך געבליעבען זיצען פערטראַכט... ער האָט עפּעס געטראַכט וועגען דיא בוימער, וועגען דיא גראָז, וועגען דיא פידעלע וואָס האָט געשפּיעלט... איהם איז עפּעס אויך געוואָרען שווער אויפ'ן הארצען...

— אָה, באבעלע מיינע! האָט ער א זיפץ געטאָהן... ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען צו שרה'ען... נור דאָ האָט אָנגעפאַנגען צו טריפּען א רעגען. שמואל האָט ניט קיין צייט געהאַט פון אָרט זיך אויפצוהויבען, וויא עס האָט א גאָס געגעבען א שלאַגס רעגען... עס איז געוואָרען א סומאַטאָכע אין פּארק... שמואל איז געבליעבען שטעהן וויא א צוטומעלטער...

— שלים־מזל, נעהם דיא קינדער! — האָט שרה א קאָמאַנדעווע געטהאָן. — שמואל האָט געכאַפּט א פּאָר קינדערלעך — שרה א פּאָר, און מען איז אַנטלאָפען אין א הויז. דיא דאַלעצקע האָט זיך ווידער צושריען...

— מאַמע עסען! — האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען בערעלע...

— עסען, עסען — האָט געוויינט יאָסיל — איך וויל עסען.

שמואל האָט זיך געכאַפּט פארן האַנד בייטעל, אָבער דאָ האָט ער דערזעהען דעם חורבן... דיא פלאַש האָט זיך צובראָכען און דיא מילך האָט זיך אויסגעגאָסען אין בייטעל, דיא באַנאַנעס מיט דיא זעמיל זיינען צוקראָכען אין דיא מילך... דיא פּיין עפּעל האָט געקראָגען א פּנים פון אַן אָפּענעם געשוויר... שרה האָט עס בעמערקט.. פון כעס האָט זיא אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן מיט איהר מאַן. שרייען, שילטען האָט זיא זיך געשעהמט פאַר לייטען. זיא איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם און האָט איהם אויפ'ן אויער א סוד געזאָגט:

— אַזאַ חורבן זאָל דיר זיין אין דיא קישקעס, מיין מאַן!

דיא קינדער האָבען ניט אויפגעהערט בעטען עסען.

— איך וועל געהען צום בופעט קויפען א גלאָז מילך מיט א פּאָר זעמיל,—האָט שמואל געזאָגט צו זיין ווייב.

— געלד האָסטו דען? — האָט שרה געפרעגט—דאכט זיך אויסגעבייטעלט זיך אין גאַנצען איבער דיין פּיקניק.

— פראַנען ביי מיר אַקוראַט פינף סענט איבעריגע.

— נו טאָ געה שנעל — האָט שרה געזאָגט. — זעהסט דאָך אז דיא קינדערלעך שטייען געבעך פערשמאַכטע.

שמואל איז צוגעגאַנגען צום בופעט און האָט א פרעג געטאָהן וויפיעל עס קאָסט א גלאָז מילך מיט א פּאָר זעמיל.

— צוואַנציג סענט, מיסטער. האָט דער בופעטשיק געענטפערט.

שמואל איז אָפּגעשפּרונגען וויא אַ'ן אָפּגעבריהטער. ער איז צוגעגאַנגען צו שרה'ן מיט אַן אראָפּגעלאָזענע קאָפּ.

— נו וואָס, שלים'מזל, וואו איז דיא מילך? — האָט שרה געפרעגט.

— ער בעט צוואַנציג סענט....

— צוואַנציג סענט פאַר א גלאָז מילך מיט א זעמיל... וואָס ביסטו עפּעס מאַנטי־פיאָר — האָט שוין שרה ניט איינגעהאַלטען זיך — מען וועט דאָך אונז בדיל דל

שטעלען! פאהר נאך א מאל אויף א פיקניק, וועלען מיר מוזען דיא איבעריגע בעבכעם פערקויפען.

דיא קינדער האבען ניט אויפגעהערט בעטען עסען... אבער וואס זאל מען טאן? —האט געפרעגט דער פערלארענער שמואל.

— וו׳הייסט וואס? — האט שוין געשריען שרה — א היים! דיא מינוט אהייב.

שמואל האט גלייך גענומען דיא וויינענדע קינדער אויף דיא הענט..... און מען איז ארויס פון פארק... פאהרענדיג צוריק האט שרה דעם מאן ניט געשאלטען; זיא האט איהם אבער געזאגט, אז קומענדיג אהיים וועט זיא זיך מיט איהם אברעכענען.

— איך וועל דיר בעצאהלען — האט זיא געזאגט — פאר דער אטלעסענער קלייד, פאר דעם האנד בייטיל, פאר דעם פיין עפיל, פאר דיא באנאנעס, פאר דיא מילך, פאר דעם גאנצען פיקניק, פאר דעם גאנצען ביטערען לעבען...

— שריי, שריי, מיין ווייב! — האט שמואל געענטפערט — דוא ביסט גערעכט? שדים וויסען וואס מיר האט זיך פערוואלט... א פיקניק!... פרעג, וואס ווען?... איך בין א פינסטערער א ביטערער ארבייטער... דארף איך מעהר אז וועגען דעם שאפ ניט טראכטען......

קומענדיג אהיים האט שרה מקיים געווען איהרע ווערטער. שמואל׳ן האט זיך געוואלט עסען אקוראט וויא אין סלעק צייט, נור איהם איז שוין ניט געוועז צום עסען. ער האט זיך אוועקגעלייגט אין בעט א הונגעריגער און א גאנצע נאכט האט ער פון שלאף גערעדט:

„א פיקניק, אי א פיקניק!...“

טוביה, נעבעך.

I.

אין גרינשטיין'ס שאפ.

טוביה איז, ניט פאר אייך גערעדט, געווען א גרויסער קבצן. ער איז געווען א קנעפ־מייקער און האט געארבייט ביי גרינשטיין'ען אין זיין קליין סוועטינג „שאפקע“.

דאס איז געווען א טאג אין דעם אנפאנג פון נאוועמבער. ווען איהר וואלט דאן געהאט אריינגעגאנגען אין גרינשטיין'ס שאפ, וואלט איהר געקענט מיינען, אז עס איז דא גענוג ארבייט.

דיא אפרייטארס האבען, דאכט זיך, גאנץ פיין געטריבען דיא דאנקעס, דער קאטער האט, דאכט זיך, וויא עפעס געשניטען, דער ביגלער געביגעלט... א טומעל, א רעש, שמוץ, שטויב.... דאכט זיך, גאנץ פיין, וויא עס דארף זיין אין א ביזי שאפ.

ווען איהר וואלט דארט אבער פערבלייבען מעהר אדער וויניגער צייט און טאקי אביסעל בעסער בעטראכטען דיא זאך, וואלט איהר באלד פערשטאנען, אז דער געשעפט איז דא היבש צרה'וואטעדיג. איהר וואלט זעהן, אז דא איז עפעס אזוי א קדחת, אן ארד'עריל, א פערלעגענע מכה, — דאס הייסט, „סטאק“, אדער עפעס אזוי א מין טהעאטער שפיעל.

דארטען אין א ווינקעל זיינען געזעסען צוויי אפרייטארס, און דאכט זיך, גאר פיין געארבייט. מיט א מאל אין מיטען דער מלאכה — עפעס אזוי וויא זיי וואלטען זיך ביידע צוזאמענגערעדט — האבען זיי ביידע פעררימען דיא מיילער און האבען זיך אזוי פיין אויפ'ן בעל־הבית'שען אופן פערצויגען זיך מיט א געגעץ, און טאקע באלד מיט א צווייטען, מיט א דריטען — פון דער פולער האנד. ביידע האבען זיך רוהיג אוועקגעלייגט דיא ארבייט. איינער האט גענומען לאנגזאם און מיט דיא גרעסטע בדיקות שניידען זיינע נעגעל און דער צווייטער האט פון דער העלער הויט מיט'ן פינגער גענומען מאהלען בילדער אין דיא שטויב פון דיא פענסטער.

נאך אין א'ן ארט זיינען געזעסען נאך צוויי אפערייטארס, מען האט אפילו כלומרשט געארבייט; אבער עס איז געווען לייכט צו דערקענען, אז חברה היילט זיך ניט, ווארים ביידע האבען זיך אזוי געשמאק ארומגעקריגט.

דיא קריעג האט געהאט א פאליטישען כאראקטער. דאס זיינען געווען א גאלי־ציאנער „יהודי“ מיט א רוסישען ליטוואק; און דיא וואוילע יונגען האבען זיך ארומ־געריסען פאר זייערע קיסרים.

סיימאן דער גאליציאנער האט גאר איינפאך געשמיערט מיט בלאטע ניקאלאי דעם צווייטען.

היימאן דעם רוסישען האט עס פערדראסען. ער האט זיך געלייגט אין דער לייגנ און אין דער ברייט פאר זיין קיסר און טאקע דערביי האט ער גוט געריבען דיא ביי־נער דעם ארעמען עסטרייכישען פראנץ יאזעף.

— סיימאן, טאמער וואלסטו אוועקגעשיקט א פאר הויזען דיין פראנץ־יאזעף'ן?

— האט היימאן געדייצט זיין גאליציאנעם פריינד — שיק אוועק, ער געהט דאך ארום א נאקעטער.

— דאך איז ער מעהר מענש, איידער דיין ניקאלאי — דיין קיסר איז דאך איין איינפאכער שוויין.

— און דיינער געהט ארום אהן הויזען.

— דיינער איז א גראבער חזיר.

— אהן הויזען.

— חזיר.

— אהן תחתונים.

— פליו! פליו! שוויין — שווייניולע!

— אהן שיך.

— גראבער יורקע.

— גאליציע.

— ליטוואק......

— דער רוסישער קיסר וועט דאך מיט איין בלאז צובלאזען גאנץ גאליציע.

— אבער דיך האט מען דאך פון דיין רוסלאנד ארויסגעיאגט, דוא דומער ליטוואק.

היימאן'ען האבען דיא לעצטע ווערטער פון דעם גאליציאנער דערנומען אין פינפטען ריפ — עפעס האט איהם א כאפ געגעבען פארן הארצען, און ער האט אויף איין מינוט דערפיהלט, אז ער קריגט זיך דא טאקע גאנץ אומזיסט... נו, אבער פער־שעהמט ווערען געגען א ברודער ווילט זיך דאך אויך ניט, — האט ער ווילענדיג־ניט־ווילענדיג ווייטער גענומען קריגען זיך... קורץ, עס איז געקומען נאהענט צו קלעפ. נור צום גליק האט זיך אונטערגערוקט סעם'קע און האט געמאכט א שלום צווישען דיא צוויי צוקריגטע צדדים מיט דעם וואס ער האט ביידען איינגעלאדען מאכען א קערטיל מיט דעם קאטער.

דער בלאקער האט עפעס אויך אין מיטען דער מלאכה גאנץ פיין אויסגעגענצט זיך; אויסגעפונען עפעס א בלעכענע כלי, וועלכע איז געווען עהנליך צו אן אלטער צדקה פושקע, און האט גענומען ארומגעהן מיט דעם פון מאשין צו מאשין, פון אפ־רייטאר צו אפרייטאר, זוכען שותפים אויף א פיינטעלע ביער. שותפים האבען זיך אבער געפונען, אבער מיט דיא מזומנים האט זיך קיינער ניט ארויסגערוקט. דער ארע־מער בלאקער האט אזוי א האלבע שעה זיך ארומגעשלעפט איבערן שאפ. זעהענדיג אז זיין מיה איז אומזיסט, האט ער מיט כעס דעם קעסעלע א שליידער געטאהן אן דער פאדלאגע, האט זיך אנגעשפארט אן א ברעג פון א טיהר און האט געכאפט א לייכטען דרעמיל... א פינישער, וועלכער האט, דאכט זיך, גאר געארבייט, האט עס אלעם פיין צוגעזעהען; און, ווען דער בלאקער איז אוועק צו זיין מנוחה, איז ער גלייך אויפגעשטאנען פון זיין ארבייט, צוגעגאנגען צו דער כלי, איהר אויפגעהויבען, עפעס אזוי וויא פהילאזאפיש איהר בעטראכט פון אלע זייטען און ווידער געגעבען א גוטען שליידער אן פאדלאגע און דערביי מיט דיא פיס געמאכט איהר דיא קבורה. אבער איהם איז עס גלאט ניט אריבער. אין דער זעלבער מינוט, ווען דער שלעכטער פיני־שער האט זיך אזוי מערדעריך נוקם געווען אן דער קענדיל, האט ער שוין בעקומען זיין פסק דורך פלטיאל דעם קורנאסען'ס הענד.

פלטיאל דער קורנאסער איז געווען א פריילעכער יונג און אין אפטאן א שפיצעל איז ער געווען דער ערשטער אין שאפ. שטילערהייט האט זיך ר' פלטיאל צוגעגנב'עט

צום פינישער, האָט גענומען זיינע סוספענדערס, וועלכע זיינען אראפגעהאנגען, און האָט זיי פיין צוגעבונדען צו אַ שטוהל. ווען דער פינישער האָט זיך גערירט פון אָרט, איז ער געפאלען, און דער שטוהל אויף איהם... אין שאַפּ איז געוואָרען אַ פּאַטשעריי, אַ געלעכטער, אַ מהומה.... חברה האָט זיך גאר איינפאך געהאלטען פאר דיא בייכער... נו, און פלטיאל? גאר נישט: פלטיאל איז זיך געזעסען גאַנץ רוהיג ביי זיין מאַשין און געגענעצט, גלייך וויא ניט איהם מיינט מען דאס...

אָבער ניט דאס אַלעס בין איך אויסען. איך וויל אייך בלויז זאגען, אז אין גרינ־שטיין׳ס שאַפּ איז געוועזען צרות־סלעק, טויט־סלעק.

אַי, וואס? מען איז דאך געזעסען, מען האָט דאך עפּעס יא געארבייט? דאס איז גאר נישט, דאס איז געווען אַ ביזנעס זאך.

גרינשטיין, פערשטעהט איהר, האָט געוואלט אז סיי עס איז דא ארבייט, סיי נישט, זאלען דיא ארבייטער זיך געפינען אין שאַפּ. ער האָט זעהר ניט געליעבט, אַז חברה זאלען ארומגעהן איבער דיא גאסען, און מען זאל זעהן, אַז ביי איהם אין שאַפּ איז גרויסענע צרות. מען האָט געמעגט זיך טאָן וואס מען וויל — שרייען, שטיפען, לאכען, טאַנצען, וויינען, צורייסען זיך קלאגענדיג — אָבער געפינען זיך האָט מען אימער געמוזט אין שאַפּ. דערפאר, אז עס פלעגט זיך מאַכען אַ קליין ארדעריל, פלעגט גרינשטיין דיא ארבייט צוטהיילען צווישען זיינע ארבייטער; און זיי, וויססענדיג, אַז דאס טהייער ארדעריל איז אַ בן יחיד אויף אַ גאַנצער וואך, פלעגען מיט דעם, אנ־שטאט אַ טאג אדער וויינינגער, זיך האַלטען טאַקע דיא גאנצע וואָך.

סלעק איז געווען, טויט סלעק.

אָבער אַזוי וויא ביי גרינשטיין׳ען אין שאַפּ האָבען געארבייט עפּעס אלץ יונג־ווארג, נאָך ניט פערהייראטה, וועלכע האָבען הינטער זייערע פּלייצעס ניט געהאַט קיין ווייבעלע מיט עטליכע קינדערלעך, — נו, איז קיין גרויסער אומעט אין שאַפּ ניט געוועזען.... דער איינציגער אין שאַפּ, וועמען דיא סלעק האָט דערשלאגען, וועמען דיא סלעק האָט פארביטערט דיא יאָהרען, איז געווען טוביה — טוביה דער גרויסער קבצן..

טוביה איז שוין געווען אַ איד פון א יאהר פינף און דרייסיג, אַ ווייב מיט פינף קינדערלעך האָט ער אויך געהאַט; נו פערשטעהט איהר שוין, אַז איהם האָט זיך נע־בעך ניט געשפּיעלט?

אין אַ ווינקעל, אָבגעזונדערט פון אַלעמען, איז געזעסען טוביה. ער איז זיך שטיל געזעסען ביי זיין מאַשין און האָט לאנגזאם, פערשלאפענערהייט געפיהרט זיך עפּעס מיט אַ שטיקעל ארבייט.

שטונדען־ווייז האָט איהר געקענט שטיין לעבען טוביה׳ן, ניט אראפּנעהמענדיג אַן אויג פון איהם, און דאך וואלט איהר ניט בעמערקט אויף זיין פּנים קיין פרייען שטריכעלע, קיין לעבעדיגע פינטעלע, קיין פרעהליכע עויה.

זיין בלאסער פּנים איז געווען באדעקט עפּעס מיט אַ שווערען האָפנונגסלאזען אומעט; עס איז געווען קענטיג, אַז ער איז נידערשלאגען, פערשטיקט, פערוואָרגען...

ניט קיין וואונדער, גוטע פריינד — דער דלות! אי דער דלות!... בעהיט זאל מען ווערען. דער דלות קען אַלעס מאַכען. און אַ קבצן איז טוביה געווען גאָר אַ גרוי־סער, — פּיללייכט נאָך אַ גרעסערער וויא גאט און גוטע לייט ווילען האָבען. קיין ברויט, ניט פאר אייך גערעכט — טאַקע פּשוט קיין שטיקעל טרוקענע ברויט האָט ביי איהם, זינט דיא סלעק האָט זיך פערצויגען, כמעט ניט געטאָגט און ניט גענעכטיגט

אין שטוב; און דיא סלעק האט זיך געצווינגען, געצווינגען — אר־או! וויא לאנג זיא האט זיך געצווינגען! — אהן א אויפהער, אהן א ברעג....

— וואס הויבט מען פארט אן צו טאן? — האט טוביה עפעס א מורמעל געטאן פאר זיך, א בראך געגעבען מיט דיא הענד און וויטער געבליבען זיצען שטיל. זיין געדאנק, וועלכער איז געווען פערטומעלט פון דאגות, דחקות און צרות, האט גענומען עפעס ארבייטען.

ער האט געטראכט וועגען דיא „פיידע", וועלכע ער וועט אפנעהמען היינטיגע וואך און וועגען זיין היים מיט זיין פעקעלע צרות. זיין פנים האט זיך פערענדערט. ער האט אויסגעזעהען עפעס אזוי וויא ער וואלט זיך געמאטערט אויסצוגעפינען עטוואס און אין בשום אופן ניט געקאנט.

עס איז שוין דיענסטאג אריבער, און וויא פיעל האט ער אויפן ביכעלע? פינף און ניינציג סענט. און וואס הערט זיך אין דער היים? צרות, גאנצע בערג מיט צרות. מען מוז געבען אין גראסערי, מען מוז געבען אין בוטשער־שאפ, מען מוז אין גיכען רענט, זעקס דאלאר, בעצאהלען. עס איז שוין ווינטער אויף דרויסען, און דיא קינדער געהען ארום נאקעטע, בארוועסע, הוילע — איין גאט מעג רחמנות האבען — זיין חיה ברײנע געהט אויך ארום א הוילע, א נאקעטע. עס זעהט זיך דורך פשוט דאס הוילע לייב. אין שטוב איז פינסטער, חשך, קאלט, דיא ספרינג פון בעט האט זיך צובראכען, און ווען מען לייגט זיך שלאפען, קומט אויס, אז מען מוז ליגען אויסגעדרעהט וויא א שלשלת. דער מאטראץ איז צוריסען. דחקות, צרות... עס איז איהם ניט ניחא א היים צו קומען צו זיין ווייב און קינדער... געלד, געלד דארף מען האבען... אוי וויי, וואס מען דארף האבען! — האט טוביה ווידער א מורמעל געטהאן און זיך ווידער פערטראכט.

א זיסע פאנטאזיע האט איהם אויף דיעזען מאהל גענומען איינשלעפערען.

טוביה'ן האט זיך געדרומעלט, אז געהענדיג פון דער ארבייט, האט ער פלוצלונג דערזעהען פון וויטען עפעס א שווארצינקע זאך, און טוביה איז ניט פויל, לויפט צו און הויבט אויף... א פארטמאנע! און טאקע גאר א פיינער!... ער קערט זיך אן א זייט, עפענט אויף... און... און... בילעטקעס... זילבער... ער ציילט: פינף און צוואנציג דאלער!... דרייסיג! — האט טוביה באלד חרטה געקראגען. ניין, פערציג... פופציג... נאך צעהען... און טאקע פאר וואס ניט דיא גאנצע הונדערט?... ניין, צופיעל! א צו גרויסער גליק... און טוביה האט זיך אפגעשטעלט אויף פינף און פופציג דאלער...

טוביה האט זיך גענומען פארשטעלען, וויא ער וועט זיך בעגעהן, וואס פאר א מין מינע ער וועט מאכען אויף זיין פנים, ווען ער וועט קומען אהיים און וועט אנזאגען זיין חיה־ברײנען דיא שמחה. וויא ער וועט אריינקומען אין הויז, וועט ער געבען א געשריי:

— חיה־ברײנע! מאך א גוטען סאפער היינט.

חיה ברײנע וועט אויף איהם אויסשטעלען א פאאר פערוואונדערטע אויגען. ער וועט זיך צולאכען און זאגען צו איהר: „קום!" ער וועט איהר אוועקשלעפען אין בעד־רום, און וועט איהר ווייזען דיא מזומנים...

— וואס זייט איהר אזוי פערטראכט, מיסטער טוביה? וואס קלערט איהר?

— הא? האט זיך טוביה א כאפ געטהאן.

II.

דיא גוטע בשורה אין שאפ.

לעבען טוביה׳ן איז געשטאנען דער באס, מיסטער גרינשטיין אליין, און האט עפעס געשמייכעלט.

עטליכע אפרייטארס זיינען אויך ארום איהם געשטאנען מיט אפענע מיילער און האבען עפעס אויך געלאכט. טוביה האט געמיינט, אז חברה מאכט פון איהם שפאס, און ער האט אזוי וויא ברוגז׳דיג געענטפערט:

— מען טראכט... וואס זאל מען טראכטען?

— ר׳ טוביה — האט דער באס געזאגט — ווייסט איהר אפשר ניט פון א פאר גוטע אפרייטארס?

— נו, איז וואס? — האט טוביה געפרעגט, ניט פערשטייענדיג וואס דא טהוט זיך.

— שיקט זיי אהער־צו, איך וועל אייך דערפאר בעפרידיגען.

— צו וואס?

— איך האב געקראגען א׳ן ארדער אויף פינף טויזענד דאזען.

— פינף טויזענד דאזען?!

— יעס, פינף טויזענד דאזען, טוביה!

— איז שוין אוים סלעק? — האט טוביה געפרעגט, ניט גלויבענדיג וואס ער הערט.

— מארגען וועט מען שוין ארבייטען ביז עלף דעם זייגער אין דער נאכט. אוים שפיעלען זיך! עס הויבט זיך אן א פייערדיגע ביזע.

ביי טוביה׳ן האט גענומען ציטערען דאס הארץ פאר שמחה.

— אפרייטארס קען מען גענוג קריגען — האט ער געענטפערט — א סך איז דא, וואס געהען ארום אהן ארבייט, איך קען אייך שיקען.

— פערדרעהט זיך אייער קאפ, טוביה דער משוגענער! — האבען אויף איהם עטליכע אפרייטארס געגעבען א געשריי אין איין קול — מיר וועלען אליין דיא אר־בייט מאכען! עס זיינען דא גענוג אונזערע אייגענע הענט. וועט מען צו־ארבייטען אביסעל! מען דארף ניט אננעהמען קיין נייע הענט.

— איך וויים זעהר! — האט טוביה געענטפערט, כאפענדיג זיך, אז ער האט דא געטהאן א גרויסע נארישקייט.

— איהר זייט א פערד, ניט נעהמט פאר אום־גוט — האבען טוביה׳ן עטליכע אפרייטארס געגעבען א קאמפלימענט; און טוביה האט בלויז א קנייטש געטהאן מיט דיא ברעמען.

— וויפיעל האט איהר אויפ׳ן ביכעל? — האט דער באס ווייטער גערעדט צו טוביה׳ן.

— ביי א דאלאר.

— נו, איהר וועט נאך היינטיגען שבת אוועקשלעפען אהיים פופצעהן דאלער. נור געארבייט, געריבען זאל זיין, ניט געשלאפען! — האט דער באס געזאגט און געקלאפט טוביה׳ן איבער דיא פלייצעס.

און טוביה — טוביה איז עפעס אריבער וויא אין א צויבער וועלט. זיין

הארץ איז איהם פערגאנגען פון גליק, פון פרייד. זיין פנים איז געוואָרען גאָר ליב־ביגער. פון איהם האָט זיך דער אומעט אָפּגעטהאָן.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן באָס עפּעס וויא אויף אַ גוטען מלאך. דער שאפּ האָט זיך איהם אויסגעדאַכט פאר אַ גן־עדן און דיא אַפּרייטאָרס, וועלכע ער האָט ניט זעהר ליעב געהאַט, וואָלט ער יעצט געוואָלט ארומנעהמען און יעדען איינציגען צוקושען דיא גלידער.

„פינף טויזענד דאָזען, פינף טויזענד דאָזען!" — אָט דיא עטליכע ווערטער האָבען געקלונגען ביי טוביה'ן אין דיא אויערען. זיי האָבען איהם נעבעך געטומעלט זיין שוואַכע קאָפּ, זיי האָבען איהם שכור געמאַכט. „פופצעהן דאָלאר... אַכטצעהן... צוואנציג... דריי, פינף און צוואנציג... און עס וועט ווערען אַ נייער ספרינג, אַ נייער מאַטראַץ, שיכעלעך אברהם'עלען, הייזקעלעך בערעלען, אַ העמדעלע באַסקעלען, אַ קאַפּטעלע נחמהלען, אַ קלייד מיט אַ בגד דער וויב, זיך אַ פּאָר הייזען, אַ נייע העט, אַ קישעלע, אויף וואָס צו זיצען ביי דער ארבייט... און... און... און... אוי, וואָס מען דאַרף האָבען!..." סאַפּערס וועט ער נעהמען עסען טאַקע דיא פיינע, מיט דעם גוטען שטיקעל פלייש, מיט אַ פיינעם טעלער ארבעס, אָדער עפּעס אַזוי אַ פּעטע, גוטע קאַשע; און אַ'ן עפּעל צימעסיל אָדער אַ קאָמפּאָטיל פון געטריקענטע באַרען; אַ שטיקעל הערינג דיא ערשטע געריכט און... און... טאַקע אַ זופּ בראַנפען ביי'ן עסען... דיא אויגען זיינען ביי טוביה'ן אַזש פערלאָפען מיט טרערען און דאָס מויל האָט זיך ברייט פערנאַנדער געעפענט.

אין שאפּ האָט געקערט אַ וועלט. חברה האָט זיך גענומען גרייטען צו דער פייערדיגע ביזי. איינינע האָבען צוגלידערט זייערע מאַשינען, האָבען געגאָסען אויף זיי און געריינגט אָהן רחמנות.

פלטיאל איז ארומגעגאנגען ארום שאפּ און האָט עפּעס געזוכט אַ רעכטען שותף צו דער האַנד, און חיים דער טויבער האָט אָנגענומען דעם עסק. דיעזער חייב איז אין ביזי געווען אַ פייערדיגע בריה. הערען האָט ער דיא וועלט ניט געהערט, — געזעסען און געריבען וויא אַ מחבל.

— נאָר איינער — האָט פלטיאל איינגעשמועס'ט זיין צוקונפטיגען שותף — דיא ארבייט געהט צעהן מאָל גיכער: אַזוי דאַרפען ביידע ארונטער געהן נאָך אַר־בייט, און, ווען מען ארבייט צוזאַמען, געהט בלויז איינער ארונטער, און דער אַנדע־רער זיצט און רייבט דערווייל.

— דער הויפּט דאַרף מען זעהען — האָט חיים דער טויבער געזאָגט — אַז עס זאָל זיין ארבייט אויף ארבייט; איין באַנדעל זאָל נאָך ניט זיין געפינישט, זאָל שוין דער צווייטער ליגען אָנגעגרייט.

— ניין, ניין! — האָט פלטיאל געענטפערט — מיינסט איך ווייס דאָס ניט? מהו נאָר אַ קוק, וואו איך האָב געמאַכט אַ'ן אָרט פאר אונזערע מאַשינען! זעהסט דאָרטען אין ווינקעל פערשטעהסטו מיך, דאָרטען קען מען בעהאַלטען ארבייט, אויף אַ גאַנצער וואָך.

— מען דאַרף מיט'ן קאַטער דורכשמועסען.

— איך האָב שוין גערעדט מיט איהם.

— נו איז וואָס?

— עס וועט שוין זיין אַלל רייט, מיר וועלען קריגען דיא בעסטע ארבייט.

אברהם דער שלים־מזל האָט זיך אויך ארומגעבלאָנקעט איבער'ן שאפּ און האָט

געזוכט א שותף, אָבער אזוי וויא ער איז געווען א לאנגזאמער ארבייטער, האָבען זיך קיין בעלנים ניט געפונען.

ענדליך איז אברהם צוגעגאנגען צו טוביה׳ן.

— מיסטער טוביה, ווען איהר ארבייטען שותפות מיט מיר?

— הא, שותפות?... יעס, פאר וואָס ניט?

— אָבער איהר זאָלט נור ניט לאָזען קריכען יעדען איינציגען אויפ׳ן קאָפּ. פערשטעהט איהר מיך, מען דארף זיין א קריכער, ווען ניט קען מען קריגען גוטע מכות און ליגען אין דער אדמה. איהר ווייסט דאָך טוביה, וואָס הייסט ליגען אין דער אדמה.

— אוי, אוי, אוי וויא איך ווייס! זאָל איך אזוי ניט וויסען.

— פערשטעהט איהר מיך, א ביזי פאנגט זיך אָן א פייערדיגע, און מען מוז מאכען דיא מזומנים, ווען ניט מוז מען אין דיא סלעק לייגען דיא צייהנער אויפ׳ן בוידעם. דיא סלעק ציהט זיך און ציהט זיך און וויפיעל מען זאָל ניט אנגרייטען נעהמט זיך אוים.

— איך ווייס דאָס זעהר גוט, אברהם׳קע.

— זעהט איהר, אבי איהר פערשטעהט! הערט־זשע, ווען מען געהט אראָפּ נעהמען א באָנדעל ארבייט, דארף מען זעהען קריגען וואָס בעסערע ארבייט און וואָס א גרעסערען באָנדעל.

— איך פערשטעה דאָס אויך. אָבער וויא קריגט מען דאָס, אברהם׳קע ברודער?

— דאָס האָב איך שוין בעזאָרגט, איך האָב שוין דורכגעשמועסט מיט׳ן קאַטער.

— אזוי?

— ניין, ניין!

— נו, וואָס?

— גאָר נישט, ער האָט צוגעזאָגט צו געבען דיא בעסטע ארבייט; עס וועט בלויז קאָסטען א פּאָאר פיינט ביער.

— אי״ה מען וועט פערדינען.

— וואָס ארט אייך, ר׳ טוביה, מיר וועלען נאָך היינטיגע וואָך אוועקשלעפּען צו אכטצעהן „רעדער“.

טוביה האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער אברהם׳ען ארומגענומען און א קוש געגעבען.

— ווילט איהר א גלעזעל ביער, מיסטער טוביה?

— ביער? איך ווייס, זאָל זיין ביער!

— וועט איהר געבען א חלק, וועלען מיר נעהמען א פיינטעלע ביער.

— וויפיעל דארף עס קאָסטען?

— איך ווייס? מיר וועלען געפינען נאָך צוויי פּארטנער, וועט עס קאָסטען צו צוויי סענט.

טוביה האָט זיך פערטראַכט אויף א מינוט: „צוויי סענט... צוויי סענט...“ פאר צוויי סענט קען ער עפּעס קויפען דיא קינדערלעך. פאר צוויי סענט וועט זיין א האַלבע קוואָרט מילך באַסקעלען — אזוי נעבעך טרינקט זיא געזאָטענע וואסער, וואָרים דיא מאַמע האָט ניט מיט וואָס צו זויגען... פאר צוויי סענט... אָבער טוביה האָט זיך באַלד דערמאָהנט, אז דיא צוויי סענט האָט ער סיי וויא סיי ניט און ער דארף דאָס גאָר ביי אימיצען באָרגען, האָט ער געענטפערט: „יעס“.

— גיט אהער צוויי סענט.

— איך האָב ניט... זאָל אזוי ניט זיין קיין צרות... באָרג מיר אויס ביז שבת...
אברהם האָט עפּעס א קראַץ געגעבען דעם קאָפּ און איז אוועק זוכען נאָך צוויי שותפים.

שותפים האָבען זיך יעצט געפונען און טאַקע באַלד איז ביי טוביה'ן אויפ'ן מאַשין געשטאַנען א פיינט ביער. מען האָט גענומען זוכען א גלאָז, אָבער עס איז ניט געווען צו געפינען. נו, האָט מען בעשלאָסען, אז יעדערער זאָל געבען צו דריי זופּ.

אזוי וויא טוביה איז געווען דער עלטערער, האָט מען איהם דעם ערשטען גענעבען זופּען. דערביי האָט דיא חברה געהאַט א צווייענדיגען נוצען. אי מען האָט אָפּגע־געבען כבוד אַן עלטערן, אי מען האָט טוביה'ן אריינגעשפּארט דיא שוים.

טוביה האָט איין מאָל א גוטען זופּ געטהאָן — גאָר נישט, בלויז דיא וואָנצען האָט ער אין גאַנצען אין שוים פערשמירט, און פון ביער האָט ער אפילו דעם ריח ניט געהערט. דיא זאַך האָט איהם ניט זעהר געשמעקט. ער האָט עפּעס א מורמעל געטהאָן און האָט א צווייטען מאָהל א ציה געטהאָן — א נעכטיגער טאָג! קיין ביער א שמיער ניט; האָט עפּעס ווייטער א מורמעל געטהאָן, א קער, א קרעכץ, און האָט א דריטען מאָהל געגעבען א פיינעם ציה, עטוואָס בלויז א ריהר מיט דיא ליפּען צו דיא ביער... טוביה האָט מיט הארצוויַיטאָג אָבער שווייגענדיג אוועקגעגעבען דיא פיינטעל אברהם'ען.

אברהם האָט געגעבען זיינע דריי זופּ.

ווען דיא פיינטיל איז אריבער צו שמואל דעם גרויסען אין דיא הענד, האָבען דיא חברה געמיינט, אז צו דיא ביסעל ביער איז א סוף געקומען.

— זעה, זעה וויא א'ן אָקס, אקוראט... אלץ הייסט א זופּ! — האָט זיך אברהם ניט איינגעהאַלטען.

— ווען דיא ביער איז א צווייטען מאָהל אָנגעקומען צו טוביה'ן, איז שוין געווען אָהן שווינדעל, און טוביה האָט פיינע דריי זופּ געגעבען. עס איז איהם נאָך אָנגעקומען א דריטען מאָהל צו געבען זיינע דריי זופּ.

איהם האָט א ביסעל גענומען טומלען אין מוח און ער איז פריילוך געוואָרען. ער האָט גענומען עפּעס אונטערזינגען אונטערן נאָז...

חברה האָט גענומען פון איהם שפּאַס מאַכען, וואָס זיי האָבען אימער געליעבט. טוביה האָט — וויא אימער — געשוויגען.

טוביה איז שטענדיג געווען א קבצן, וואָרים אַן ארבייטער איז ער געווען א לאַנגזאַמער און קיין גוטער אויך ניט. בטבע איז ער געווען א שווייגעדיגער; שטענדיג געשוויגען. אין דער היים האָט דער דלות טוביה'ן געשטיקט, אז מען האָט געקענט משוגע ווערען — טוביה האָט געשוויגען; אוועק פון דער היים א הונגע־ריגער — געשוויגען. אין דער פינסטערער סוועטינג שאַפּקע האָט דער באָס גע־צאַפּט טראָפּען־ווייס טוביה'ס בלוט — געשוויגען. דיא אַפּרייטאָרס שפּאַסען — טוביה שווייגט; אויף אַלעס געשוויגען. פּלטיאל איז צוגעגאַנגען צו דער חברה.

— מיסטער טוביה — האָט ער געזאָגט — איהר זייט דאָך עפּעס א'ן עלטע־רער, ווייסט איהר ניט וואָס מען לייגט צו צו א געשוויר? — פּלטיאל האָט דאַביי געמאַכט אזא ערנסטען פּנים, אז עס איז געווען ניט צו פערשטעהן, דאָס ער מיינט דאָ א שפּיצעל.

— זאָל איך אזוי וויסען פון בייז — האָט טוביה געענטפערט — מען זאָגט, אז עס איז גוט צו צולייגען גויט־פּוטער.

— עס קען זיין — עס איז ניט שלעכט — האָט טוביה געזאָגט.

— וויא מאכט מען עס דיא גויט־פוטער. איהר ווייסט ר׳ טוביה?

— ווער ווייסט עס ניט — מען נעהמט אין א באַטעל מילך און מען מישט אזוי פיעל — ביז וואנען עס ווערט פוטער.

— ניט אזוי ר׳ טוביה — האט איינער פון דער חברה געזאָגט.

— וויא דען? — האט טוביה געפרעגט.

— מען נעהמט אין מויל מילך און מען שלאָגט קאָפּ אָן דער וואנד, ביז וואנען עס ווערט פוטער...

חברה האט גענומען לאכען אויף וואס דיא וועלט שטעהט.

— ר׳ טוביה — האט געזאָגט שמואל דער גרויסער — פאר וואס האט מען אייער טאטען פערשאָטען מיט ערד, ווען ער איז געשטאָרבען?

— א וואָרט ניט! איך וויל ניט — האט טוביה אויסגעשריען — מיין טאטע איז געווען אַ׳ן עהרליכער און גוטער בעל מלאכה. עס איז ניטאַ פון איהם וואס צו מאכען שפאס... טוביה האט עפעס געגעבען מיט דער בלעכענער כלי א גוטען קלאָפּ אָן דעם סטענד פון זיין מאַשין... זיינע אויגען האָבען א גלאַנץ געגעבען.

דיא אפרייטערס האָבען עס בעמערקט. שמואל דער גרויסער איז עפעס אָפּגע־טראָטען און דיא איבעריגע חברה האָבען א קוק געגעבען אויף טוביה׳ן, עפעס וויא מיט מעהר דרך ארץ, עפעס וויא מיט א מין רעספעקט.

— איהר רעדט... איהר מאכט שפאַס פון מיר — האט טוביה ווייטער גענומען ריידען — איך שווייג. גאָר נישט. עס איז ביטער, עס איז פינסטער אויפ׳ן האר־צען — נו — שווייגט מען... אָבער דאָ — איהר זעהט דאָ — האט טוביה געצייגט אויפ׳ן ברוסט, אַט דאָ טהוט וועה, אַט דאָ קלעמט, קלעמט שטענדיג...

— א נייעס וואס מען שפּאסט! — האט זיך אָפּגערופען אברהם — א נייעס, ר׳ טוביה?

— יע, מען שפּאסט, שפּאסט מען — האט טוביה געענטפערט — אָבער עס איז דאָ א מאָס...

עס האט זיך געלאָזט הערען א פייף פון זעקס דעם זייגער און טוביה איז גע־גאנגען אהיים.

III.

דיא בשורה אין דער היים.

ווען טוביה איז געקומען אהיים, איז ער אריין שמייכלענדיג. דער לעמפּיל האט געברענט מיט א קליין פייעריל, און אין צימער איז געווען פינסטערליך.

חיה ברײנע איז געזעסען אויף א שטוהל און געהאלטען באסעלען אין שויס. באסעלע האט געהאלטען אין מויל א ראָזיג מיט זיסע וואסער, און האט גע־דרעמילט, און דיא מאמע אליין האט אויך אונטערגעדרעמילט. איהר פנים איז וויא אימער געווען פערצאָגט, פערקלאָגט.

נחמה מיט בערען, באָרועסע, נאקעטע, דארינקע, בלאסע, זיינען געזעסען אויף דער פאָדלאָגע לעבען אויווען און האָבען זיך עפעס ארומגעשלאָגען פאר א שטיקעל ביינדעל; און אברהם׳קע איז געזעסען לעבען דער מאמען און עפעס וויא מיט א נגון פון איכה, האט ער ניט אויפגעהערט צו ריידען:

— מאמע איך בלייב! עסען!...

— דער טאטע וועט קומען, וועט ער אייך אלעמען מאכען דיא קבורה, משומדים — האט חיה בריינע ארויסגערעדט פון שלאף און איז ווייטער אנדרעמילט געווארען.

טוביה איז אריין אין שטוב.

ווען דיא קינדער האבען דערזעהען דעם טאטען, איז מען געבליעבען זיצען שטיל וויא דער טויט און אברהם האט זיך שטילערהייט אפגעטראגען אין בעד־רום.

— וואס שרייט איהר, מיינע קינדערלעך, מיינע טהייערע בעבעלעך ? — האט טוביה אויסגערעדט מיט א ווייכען, גוטען קול.

דיא קינדער האבען א בליק געגעבען אויף זייער פאטער, און זייערע הערצער זיינען זיי אפגעגאנגען פון אימה ; אבער דאך זיינען זיי געבליעבען זיצען גאנץ רוהיג און שטיל ; עפעס עס האט זיך זיי גאר ניט געגליובט.

געוואוסט האבען זיי זעהר גוט, אז דער טאטע קומט אהיים, מוז ער אויף זיי גוט אנשרייען, און טאקע אפט מכבד זיין מיט דיא הענד ; דעם טאטענס טרויעריגער פנים, זיין בייזער בליק איז זיי געווען זעהר גוט בעקאנט, יעדען אבענד, — שוין פון א לאנגע, לאנגע צייט, יעדען אבענד פלעגען זיי באגעגנען דיזען בליק און זייערע קינדערשע הערצער פלעגען פערשטארבען ווערען פון שרעק. אפט, אפילו זעהר אפט, פלעגט זיי דער זעלבער בייזער, צורייצטער טאטע טאקע באלד נאך דיא קלעפ און נאך דיא געשרייען נעהמען גלעטען, קושען, האלזען און האלובען. אבער דאך האבען דיא קינדער מורא געהאט פאר טוביה'ן. טוביה האט עס געוואוסט. אפט פלעגט איהם דאס זעהר פערדריעסען — אבער קיינמאהל האט איהם דאס אויף אזוי פיעל ניט דערנומען וויא יעצט. ער האט עס עפעס וויא מיט אמאהל א פיהל געטאהן און זיין הארץ האט איהם גענומען קלעמען.

ער איז צוגעגאנגען צו נחמה'ען און האט איהר גענומען גלעטען דיא האר.

— נא מיין טהייערע קינד, האט ער געזאגט צו איהר, געבענדיג איהר א באר, וועלכע ער האט גראד געפונען אין וועג.

נחמה האט גענומען דיא באר, און האט שוין מעהר ניט געקוקט אויפ'ן פאטער מיט שרעק.

— נעהם מיין קינד, צוטהייל זיך מיט בערעלען און מיט אברהם'ען ; נור ניט צושלאגט זיך, מארגען וועל איך אייך ברייננען א סך בארען.

טוביה איז צוגעגאנגען צו זיין ווייב ; אין דער צייט האט זיך באסעלע אויפגעכאפט ; ווען זיא האט דערזעהען איהר טאטען, האט זיא בעהאלטען איהר קעפעלע. דאס עוף'עלע האט ניט זעהר סימפאטיזירט מיט איהר טאטען — באסוניו, נפש מיינער — האט טוביה זיא גערופען — קינד מיינע, וואס בעהאלטסטו זיך פון מיר ?

איך ווייס ניט אויב באסעלע האט פערשטאנען, אז דעם טאטענס קול איז עפעס ווייך און גוט, נור זיא האט אויף איהם א בליק געגעבען.

א קינד, עס מעג זיין זעהר יונג, פערשטעהט זעהר גוט א בליק פון א מענשען. טהוט א בליק אויף א קינד בייז, צארענדיג, וועט עס פערקרימען דיא ליפעלעך און וועט נעהמען וויינען. טהוט אבער אויף איהם א בליק איידעל און גוט, וועט עס אייך ענטפערען מיט דעם זעלבען גוטען בליק.

באסעלע האט, הפנים, אויך גוט בעגריפען דעם טאטענס גוטען קוק, וועלכער איז יעצט געווען עפעס זעהר גוט, צוציהענד, ווארעם... אין זיינע דונקעלע אבער יעצט שיינענדע אויגען האבען זיך אפגעשפיגעלט אי ליעבע און רחמנות, ליידען און גליק, אונגליק און פרייד...

דאָס קינד האָט אויסגעצויגען דיא הענטעלעך צו איהר אָרעמען פאָטער.

טוביה האָט זיא גענומען צו זיך און האָט בעדעקט איהר בלאַסען פּנים מיט קושען.

חיה ברײנע האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— נו וואָס, חיה ברײנע, — האָט טוביה צו איהר געזאָגט שמייכלענדיג — וואָס שלאָפסטו? שטעה אויף, געה מאַך עפּעס אַ רעכטען סאַפּער פאַר דיין מאַן.

— וואָס איז מיט דיר אַזוי דיא שמחה? — האָט פערוואונדערט געפרעגט חיה ברײנע.

טוביה האָט געקוקט אויף זיין פערוואונדערטער ווייב און האָט געשמייכעלט.

ביי חיה ברײנען איז אויף אַ מינוט איינגעפאַלען אין הארצען. זיא האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז איהר אַלטינקער האָט געמוזט פון צרות דעם פערשטאַנד פערלירען.

— וואָס קוקסטו מיך אָן וויא אַ משוגענעם? נאַרעשע ווייבעל דוא איינע! וואָס אַרט דיך, געה מאַך אַ גוטען סאַפּער!

— לאַכען און מאַכען מיט דיא זייטען מעגסטו מיין מאַן — וואָס זאָגסטו אויף טוביה׳ן! טוביה... דער דלות שפּיעלט און טאַנצט און איהם שפּאַסט זיך נאָך...

— שרעק זיך ניט, מיין ווייבעלע, דער דלות וועט שוין מעהר ניט שפּיעלען.

— וואָס איז מיט דיר טוביה?

— וואָס זאָל זיין? אַ פייערדיגע, אַ ברענענדיגע ביזע איז געוואָרען אין אונזער שאַפּ!

— אַ ביזע? איז דאָס אמת? אָדער מיינע שונאים זאָלען אַזוי געזונד זיין?

— נאַר, וואָס גלויבסטו דאָ ניט? פינף טויזענד דאָזען אָ׳ן אָרדער איז אָנ־געקומען אויף איין קלאַפּ.

— טוביה האָסטו געזעהען דיא ארבייט? דיר קען מען דאָך עפּעס איינ־שמועת׳ען אויך.

טוביה איז געבליעבען שווייגען אויף אַ מינוט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. איהם האָט זיך געוואָלט זאָגען דעם אמת, אַז דיא ארבייט איז נאָך דערווייל ניטאָ, אַז דער באָס האָט עם בלויז צוגעזאָגט. — אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז חיה ברײנע וועט ניט גלויבען און איהם האָט זיך זעהר ניט געוואָלט וואָכעדיג מאַכען דיא גוטע גליקליכע מינוט, וועלכע ער האָט יעצט אָנגעפאַנגען איבערצולעבען. צו שטאַרק האָט איהם שוין פערגומערט דאָס לעבען דער שטענ־דיגער אומעט, און איהם האָט זיך שוין לאַנג געגלוסט אָפּצוכאַפּען דעם אָטהעם.

— נו, געווים — האָט טוביה געזאָגט אַ ליגען.

— אַ סך סחורה עפּעס?

— אַ פראַגע נאָך!

חיה ברײנע׳ס פּנים איז אויך געוואָרען פרייער און ליכטיגער.

— איך ווייס אָבער ניט — האָט טוביה גענומען עפּעס וויא שטאַמלען.

— וואָס ווייסטו ניט?

— וויא זאָל איך ארבייטען? הערסטו דאָך, דעם באָס וואָלט ניט געאַרט געבען מיר אַכצעהן דאָלער אַ וואָך, ווען איך זאָל ארבייטען פון וואָך; איך וויל אָבער ניט, וואָרים ווען איך וועל ארבייטען פון שטיק, קען איך מאַכען מיינע פינף

און צוואנציג דאָלער א וואָך... דיא לעצטע ווערטער האָבען פאַריאַגט פון חיה בריינעס האַרץ יעדען סימן פון צווייפעל, טוביה האָט מיט דיא ווערטער געטראָפּען.

—פינף און צוואַנציג דאָלער!—האָט חיה בריינע אויסגעשריען, איך האָב מורא, אז דאס איז עפּעס ניט גלאַט, דוא האָסט אזוי פיעל ניט פערדיענט אין דער גרעסטער ביזע, געדענקסט ניט טוביה?

— נאַר, דיא ארבייט איז זעהר א לייכטע און האָרעווען וועט מען אויך צוויי טעג פאר איינעם. היינט וואס איז דאָ דער וואונדער אזוי גרויס?

— פינף און צוואַנציג דאָלער? — גיעה שוין, גיעה טוביה! מיך וואָלט ניט ארען כאָטש אכצעהן.

— טאַקע פינף און צוואַנציג; וואס איז, מען דאַרף ניט האָבען, חיה בריינע?

— יעס, מען דאַרף ניט האָבען! מען איז דאָך אויף אזוי פיעל פעראַרעמט גע־וואָרען, אז איך האָב שוין פערלאָרען דעם גלויבען, אז מיר וועלען זיך ווען עס איז ארויסכאַפּען פון דעם ביטערען דלות. עס איז דאָך שוין ווינטער אויף דער וועלט, און, ווען מען זאָל בעטען, וועט מען דאָך אין הויז א וואַרעמע טיכעל ניט געפינען. מען איז דאָך אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, א גאַנצע פּאָדעשווע אין שטוב ניטאָ, היינט וויא פיעל איז מען דאס שולדיג! אין גראָסערי איז מען שולדיג... זאָל איך שוין אזוי וויסען פון בייז וויא איך ווייס וויפיעל! ווען איך טהו א קוק אין ביכעלע, ווער איך א פערשטאַר־בענע! עס איז פינסטער פון חשבונות. איך האָב שוין גאר געלאָזען דיא גאנצע זאָך אין הפקר, זאָל ער זיך פערשרייבען וואס ער וויל.

— דאַכט זיך דיא גאַנצע צייט, וואס איך פערדיען ניט, האָט מען דאָך געגעסען מכות, פון וואַנען האָט מען דאס אזוי פיעל געלד אָנגעבאָרגט?

— איך ווייס פון וואַנען? זאָל איך אזוי וויסען פון בייז — האָט חיה בריינע גע־ענטפערט — איך ווייס מעהר ניט, אז סיי מען עסט, סיי מען עסט ניט, ווערט אין ביכעל אליץ געדיכטער און געדיכטער. נור וואָס דען זאָל זיין? אז מען לעבט אויף בּאָרג, קען קיין מזל ניט זיין.

— אָבער גענוג צו ריידען — האָט טוביה געזאָגט — איך וועל איהם אליץ אויס־צאָהלען. און דערווייל שטאַרב איך עסען. מאַך עפּעס סאַפּער, און טאַקע עפּעס א רעכטען סאַפּער. פּאַרט מאָרגען גיעה איך אוועק אזוי שווער ארבייטען.

חיה בריינע איז אוועק אין גראָסערי, טוביה האָט זיא אָפּגעשטעלט ביים טיהר.

— וואָהין איז דאָס, חיה בריינע?

— אין גראָסערי.

— האָב איך דיר טאַקע געוואָלט זאָגען, אז דוא זאָלסט זיין א מענש.

— וואס איז, וואָס?

— גאר נישט; זאָלסט קיין לאַנגען צונג ניט האָבען.

— וואס איז דאַרטען?

— פאַרשטייסטו מיך, ביז וואַנען מיר וועלען זיך ניט אַרומזועהען אליין, דאַרף קיינער ניט וויסען, אז איך בּין אזוי בּיזי.

— וואס אַרט דיך — האָט חיה בריינע געענטפערט — איך בין נאָך ניט אזא נאַר, וויא דוא מאַכסט אָפּ.

און זיא איז אוועק אין גראָסערי.

טוביה האָט גרעסער געמאַכט דעם פייער אין לאָמפּ, אויסגעמישט אין אויווען, דערשאָטען קוילען און האָט אביסעל אויפגעראַמט אין צימער: איהם האָט זיך עפּעס געוואָלט, אז אלעס זאָל אויסזעהען וויא יום־טוב'דיג.

— ווילט איהר עסען, מיינע קינדערלעך?

— איך שטארב עסען, טאטע — האט אברמלע געענטפערט.

— איך אויך.

— איך וויל אויך.

באסעלע האט עפעס אויך גענומען ניקען פון וויגעלע. טוביה איז צו איהר צוגעלאפען און האט זיא גענומען וויגען; דיא איבעריגע קינדער האבען זיך ארום איהם ארומגעשטעלט.

— באלד, מיינע פייגעלעך, וועט דיא מאמע קומען, וועלען מיר עסען סאפער.

חיה ביינע איז טאקע באלד אריינגעקומען און גענומען מאכען סאפער.

אין גיכען איז געווארען דער סאפער פארטיג און חיה ביינע האט גענומען געבען צום טיש.

— וואס איז דא אויף סאפער? — האט זיך טוביה ניט איינגעהאלטען.

— וואס זאל זיין? א הערינגיל — דיא ערשטע געריכט — א זופ פון ביינער און א שטיקעל בראטענס, א סאפער כדי המלך.

— כיד המלך דארף מען זאגען — האט טוביה פאררעכט דיא ווייבס גרייז...

דאס געזינדעל האט זיך ארומגעזעצט ביים טיש.

אין דעם זעלבען צימער, וואו מיט איניגע שטונדען פריהער האט געהערשט עלענד, אומעט, חשך און קעלט, איז יעצט געווארען עפעס לעבעדיג, פריילעך, ווארעם און ליכטיג.

דער עולם האט געגעסען וויא נאך א קדיינק. און טוביה, דער זעלבער טוביה, וועלכער איז פריהער געזעסען אין גרינשטיין'ס שאפקע א האלבער א טויטער, א פערפינסטערטער, א פערביטערטער און געווארגען זיך מיט צרות — דער זעלבער טוביה איז יעצט געוועזען גאר אן אנדער מין מענש; ער איז געוועזען לעבעדיג און אין זיינע האלב פערלאשענע אויגען האט געשטראהלט האפנונג; אויף זיין פערמוטשעטען פנים האט עפעס גערוהט וויא א יום־טוב.

טוביה איז געזעסען און געקוקט.... געקוקט אויף זיין חיה ביינען, געקוקט אויף זיינע קינדערלעך, געקוקט אויף דעם פייער אין לאמפ, אויף דעם פייער אין אויווען, אויף אלעס, אויף יעדער ברעקעלע אין הויז; ער האט געקוקט און איהם האט א הנאה געקוויקט.

טוביה איז געזעסען און געשוויגען; ער האט מורא געהאט א ווארט אויסצוריידען, אום עס זאל חלילה ניט אריינכאפען זיך אזא מין געשפרעך, וועלכער זאל מיט עטוואס וואכעדיג מאכען זיין געמאכטען יום־טוב. ער האט זאגאר געשראקען זיך א ריהר צו טאהן מיטן זיננען — מורא האבענדיג, פיעללייכט מאכט זיך אריין אזא מחשבה, וועלכע זאל חס ושלום ניט אריינווארפען א צווייפעל אין זיין הארצען....

לאכט נור ניט, רבותי, פון מיין טוביה'ן. אזעלכע מאמענטען פאסירען מיט קליינערע מענשען. אפט, ווען אייער גרשאנק, אייער לאגיק זאגט אייך פאר בלויז ליידען און צרות, פערטומעלט איהר איהם, פערטויבט איהם, חאטש איהר פערשטעהט אז איהר נארט זיך זעלבסט.

ווען איהר זייט שכור פון יסורים, פון וויטאג, ווען איהר זייט צובראכען, מיד פון ליידען, איז אייך אפט גענוג דער קלענסטער סימן־דל פון האפענונג, אום איהר זאלט זעלבסט זיך בעשאפען א פיינעם גליקליכען מיראזש, וויססענדיג אין דער זעלבער צייט, אז ווען איהר וועט עטוואס זיך בעטראכטען, צופליהט אייער מיראזש אויף גאר נישט. אינטעלליגענטע, ענטוויקעלטע מענשען, וועלכע זיינען ווייט פון רעליגי־

עזען גלויבען און מנהגים, מאכען מאנכעס מאָל א יום־טוב, א רעליגיעזען יום־טוב מיט אַלע צערעמאָניעס, מיט אַלע מנהגים, אום איבערצולעבען א נארעשע אָבער א גליקליכע מינוט, א געטרייע מינוט פון קינדערשע יאהרען, אום לעבעדיג צו מאכען וועלכע עס איז זיסע עראינערונגען.... אָפט, זעהר אָפט געפינט מען א זיסקייט אין דעם וואס מען מאכט זיך פערגעסען, וואס מען מאכט זיך נארעש.

— ווערסט אָפּעסען סאפער, טוביה, וועסטו זיך טאקע באלד לייגען שלאָפען. רוה זיך אויס גוט, ביסט אזוי שוואך, איך ווייס גאר ניט, וואס איך זאל טאָהן.

— אמת, מיין ווייבעל — האָט טוביה געענטפערט — איך פיהל טאקע, אז קוים וואס איך שלעפּ זיך אויף דיא פיס; מען מוז זיך אביסעל צוזעהען...

טוביה׳ס געזינדעל האָט זיך גוט אונטערגעפייקעלט, און טוביה האָט גענומען דרעמלען.

אברהמ׳על איז טאקע אויפ׳ן ארט אנשלאָפען געווארען. בערע מיט נחמה׳ען האָבען זיך געבעטען ביי דער מאמען שלאָפען, און חיה ביינע האָט איהר ביסעל בלוט אוועקגעטראגען אין בעד־רום. טוביה׳ען האָט אויך גענומען שלעפערן.... עס האָט זעהר ווייניג געדויערט און טוביה׳ס געזינדעל איז זיך רוהיג, פיין געשלאָפען.

IV.

טוביה׳ס צרות.

— זאָל זיי שטעבען אין דיא זייטען, וואס ארט עס מיך? ! — דיעזע ווערטער האָט חיה בריינע געזאגט צו זיך אַליין אויף מאָרגען פריה, וויא זיא איז נאר אויפגעשטאַנען פון בעט. — זאָללען זיי וויסען, אז חיה בריינע איז שוין א מענש גלייך מיט אַללעמען.

דעם ערשטען וויזיט האָט חיה בריינע אָפּגעגעבען מיסטער באנעט דעם גראָסערי מאַן. ווען טוביה׳ס ווייב איז געקומען אין גראָסערי איז אפילו קיין איבעריגע „ביזי“ ניט געווען; אָבער דאך האָט דער גראָסערי מאַן אפילו אויף איהר קיין בליק ניט געגעבען. אַללע מאָהל פלעגט זיך חיה בריינע אוועקשטעלען אין א ווינקעלע, — שטעהן, שטעהן, שטיל, עפּעס אזוי וויא זיא האָט געוואַרט אויף א נדבה. ווען עס פלעגט שוין אין גראָסערי א סימן פון א ווייבעל ניט בלייבען, דאַן פלעגט באנעט מזכה זיין מיט א קוק דיא ארעמע חיה בריינע.

— ארבייט שוין אייער מאַן? — פלעגט באנעט פרעגען.

— אי״ה, מיר האָפען אז אין גיכען — פלעגט חיה בריינע ענטפערן.

— יע, אין גיכען.... אי דער גיכען, דער גיכען...

ביידע פלעגען בלייבען שווייגען און וועגען סחורה א וואָרט ניט. חיה בריינע פלעגט ניט בעטען און באנעט פלעגט זיך ניט רוקען.

— פאר וואס זוכט ער עפּעס ניט א׳ן אנדער זאך? — פלעגט באנעט טראַפען־ווייז ציהען חיה בריינעס ביסעל בלוט — מען טהוט, מען טרייט עפּעס.

— וואס זאָל מען זוכען? עס איז דען אזוי גרינג צו געפינען?

— מען דארף ערגער ניט וויא א גראָסערער צו זיין. מען ווערט בדיל הדל, עס זיינען דאָ אַזעלכע אונפערשעהמטע לייטע, וועלכע געהען אין גראָסערי אזוי וויא אין א׳ן אייגענעם גארטען; מען צאַפּט פון דעם גראָסערי מאַן זיין ביסעל בלוט ארויס — וואס ארט עס זיי? זאָל זיין קאָפּ קריינקען!....

חיה ברײנע פלעגט פארשטײן, אז מען ווארפט עס א שטײן אין איהר גארטען. זיא פלעגט פיהלען דעם קלאפּ פון דעם שטײן. אוי, וויא זיא פלעגט פיהלען! דאכט זיך, זיא וואָלט נעהמען א שפּײ געגעבען אויף דער גראָסערי, אויף דעם גראָסערי מאַן און לויפען פון איהם וואו פעפער וואקסט. אָבער חיה ברײנע פלעגט זיך דערמאָנען, וואס עס טהוט זיך אין דער הײם.... און זיא פלעגט בלײבען שטעהן וויא א פערשטאָר־בענע.... — פּטור! — פלעגט זיא זאגען — ווער צאָהלט עס ניט אָפּ אין א גראסערי? סײדען מען שטאַרבט.....

אָט אזא מין געשפּערך פלעגט זיא אָפט ציהען און ציהען און חיה ברײנע פלעגט פיהלען, אז זיא געהט אויס מיט דיא כוחות... יעצטיגען מאָהל איז חיה ברײנע צוגע־טראָטען צום רעכטען טיש, וואו מיסטער באנעט איז געשטאַנען און האָט עפּעס געוואויגען.

דער גראסערי מאַן האָט אויסגעשטעלט אויף חיה ברײנען א פּאָאר טאָטערשע אויגען.

— מיסטער באנעט — האָט חיה ברײנע געזאָגט הויך און מיט שטאָלץ — גיט עפּעס מיר גוטע זאכען, איך מוז צוזעהען מײן טוביה'ן, ער דאַרף נעבעך ארבײטען אזוי שווער.....

— ביזי שוין? — האָט מיסטער באנעט געפרעגט — ביזי שוין? און זײנע אױ־גען האָבען א בליק געגעבען אויף חיה ברײנען אזוי גוט, אזוי ווײך.

— אלץ הײסט ביזי, א חאפּעניש, א רײסעניש...

ווער קען עס בעגרײפען, ווער קען עס בעשרײבען דעם נחת, וואס חיה ברײנע האָט איבערגעפיהלט אין דיעזער מינוט! יעדער װאָרט, וועלכען זיא האָט ארויסגע־רעדט, האָט געקלאַפּט אין איהר הארצען וויא א קוואל פון פערגעניגען.

— נו, בקיצור — האָט באנעט געזאָגט — גאָט צו דאנקען, סחורה איז דאָ גע־נוג, נעהמט וואס איהר דארפט, וואס דארפט איהר עפּעס רײדען?

—איצט אי"ה — האָט חיה ברײנע ווײטער גערעדט, — וועלען מיר זיך פער־נאַנדערצאָהלען.

— זאָל איך אזוי האָבען צער, איהר הערט, חיה ברײנע, וויא איך האָב געזאָרגט פאר אײערע געלד, איך האָב איממער געוואוסט, אז דאס איז וויא ביי מיר אין קע־שענע....

פון גראסערי איז חיה ברײנע אוועק אין בוטשער שאָפּ און דארטען האָט זיא ווידער אויסגעטרונקען א פוללען בעכער פון גליק.

דיא לוסטיגע קבצן'טע האָט אין גאנצען פערגעסען, אז דער מאַן האָט איהר עט־ליכע מאָהל פערזאָגט, זיא זאָל נור ניט האָבען קײן לאַנגען צונג; זיא האָט גאר נישט געדײנקט; זיא האָט גאר נישט געטראכט; זיא האָט אונטער זיך דיא ערד ניט גע־פיהלט; זיא איז געווען שכור פון נחת, פון גליק....

פון בוטשער שאָפּ איז חיה ברײנע אוועק צו שכנים, פון שכנים צו ווײטערע גוטע פרײנד. ביז א זײגער צעהן אין דער פריה האָט חיה ברײנע אויסגעפּויקט וועגען איהר מאַן'ס גרויסע ביזי וואו עס איז נור געווען מעגליך..... ווען עס איז שוין ניט געווען וואוהין צו געהן, ווען זיא האָט שוין געגונג דעם עולם אָנגעשטאָכען דיא זײטען, איז חיה ברײנע אוועק אהײם און האָט גענומען צוגרײטען עפּעס א רעכטען דינער פאר זיך און פאר דעם מאַן.

אין דער זעלבער צײט, וואס חיה ברײנע האָט דא געשעפּט נחת עמער־ווײז, איז דער אָרעמער טוביה געזעסען אין שאָפּ אין געהאַקטע וואונדען.

פון דער געפעהרליכער ביזי, פון דעם גרויסען ארדער, איז נאך דערוויילע א סימן ניט געווען. אין שאפ איז געווען לעער און וויסט אזוי וויא אין דיא גרעססטע סלעק.

נו, און מיסטער גרינשטיין? ער איז עפעס אויך ניט געקומען..... דיא אפרייטארס זיינען ארומגעגאנגען אזוי וויא דיא גענז אין דיא דריי וואכען. דיא חברה האבען פערשטאנען, אז עפעס איז דא ניט גלאט, נור מען האט זיך געטרייסט מיט דעם וואס דער באס איז ניטא און מען האט עס אנגענומען פאר א גוטען סימן.

— וואס מיינסטו — האט פלטיאל געזאגט צו זיין שותף, — אז עס קומט אן אזוי גרינג ביז מען פידרט אריין אזא גרויסען ארדער? א קלייניגקייט, פינף טויזענד דאזען!

— ניין, ניין! — האט חיים דער טויבער געענטפערט — געוויס דארף געווערען.

טוביה איז געזעסען ביי זיין מאשין שטיל..... אבער ער האט געפיהלט, אז איהם שטעכט וויא מיט נאדלען. דיא הארץ האט איהם געקלאפט, געקלאפט...... יעדעס גליעד האט אין איהם געציטערט. דיא צייט האט זיך אין טוביה׳עס אויגען מערדערליך געצויגען. יעדע מינוט האט געדויערט יאהרען. צו יעדען מאהל וואס דיא טיהר פון שאפ פלעגט זיך עפענען, פלעגט טוביה ווערען א פערשטארבענער.... „אט געהט דער באס!“ פלעגט ער שוין מיינען, אבער אומזיסט! דער באס איז דאך ניט געקומען.

ווען עס איז געקומען אום צוועלף אוהר, האט דער עולם גענומען זיך פארן דינער. טוביה איז אוועק אהיים עסען.

— ביסטו גוט מיד, מיין מאן? — מיט דיא ווערטער האט דיא גליקליכע חיה ברײנע באגעגענט איהר מאן. טוביה האט געוואלט זאגען „זעהר“, אבער פון זיין צונג האבען זיך ארויסגעגליטשט דיא ווערטער „ניין, א האר אויך ניט“.

ביי חיה ברײנען איז דיא הארץ פערשטארבען, אלע אברים האבען ביי איהר גענומען חלש׳ען. טוביה האט דערזעהען וויא זיין ווייב איז געווארען אין איין מינוט בלאס וויא לייווענד.

— גאר נישט — האט ער געענטפערט — וואס האסטו זיך אזוי דערשראקען? מען איז זעהר ביזי מיט דיא סעמפעלס....

— מיט דיא סעמפעלס...... און ווען הויבט מען שוין אן צו ארבייטען?

— ארבייטען... אט וועט מען פטר׳ן דיא סעמפעלס.

— אוי, משוגענער טוב׳קע — האט חיה ברײנע געזאגט, אפכאפענדיג דעם אטהעם — דו מוזט אפרייסען דיא יאהרען — אנדערש קענסטו ניט....

ביי דינער האט זיך טוביה געהאלטען פריילעך: ערשטענס האט ער זיך געמאכט א ביסעל, אום ניט צו ערוועקען ביי זיין ווייב א פערדאכט; — און צווייטענס האט ער זיך נאך זעלבסט געטרייסט מיט דער האפענונג, אז נאך דינער וועט מען ארייןפיהרען דעם גרויסען ארדער.

— דוא הערסט, טוביה? — האט חיה ברײנע געזאגט — אז איך וואלט געווען א נגידה...

— נו איז וואס?

— וואלט איך זיך א צאהן ארויסגענומען; עס טהוט מיר אזוי וועה... נור הויב זיך אן מיט דאקטוירים ביי יעצטיגער צייט!....

טוביה האט צוגעשוויגען.

— איך זאג דיר, טוביה, עס איז טאקי גוט צו זיין א נגידה.

— וואס איז, וואס?

— וואָלסטו זעהען, וויא דער גראָסערי מאַן האָט זיך דאס מיט מיר בעגאַנגען! ביי טוביה'ן האָבען געגומען ציטערן העגד און פיס.

— האָסט שוין פאַר אַללעמען אויסגעפויקט — האָט ער איבערגעשלאָגען זיין ווייב.

— מען האָט זיי אין דער ערד! — האָט חיה בריינע געענטפערט — וואס איז, וואס? ווארום דאַרף איך זיך דאס שטיקען פאַר דעם צווייטען? דוא גנב'עסט עפּעס, וואס?

טוביה האָט פערשטאַנען, אַז דיא זאַך קען מען שוין ניט אומקעהרען, און ער האָט גאַר נישט געענטפערט, נור דער ביסען איז ביי איהם ארויסגעפאַלען פון מויל.

— ווער קען דאס זיין ביי אונז הונגעריג? — האָט חיה בריינע געזאָגט — וואָס ביי דיר פאַלט דער ביסען פון מויל? אפשר אין דער היים, אין סמאָרגאָן — מיינע אָדער דיינע קרובים — גרויסע קבצנים נעבעך... וואָס מיינסטו, טוביה, אַז עס וואָלט געוואָרען פרייליכער אויפן הארצען האָט מען זיי בעדאַרפט עפּעס ארויסשיקען, מען דאַרף זעהען אָנשרייבען דערוויילע, אַז אי"ה.....

ווען טוביה איז געקומען אין שאַפּ, איז נאָך דער באָס ניט געווען. עס האָט זיך ביי איהם ווייטער אָנגעפאַנגען דיא וואַרטענעס. אָבער מיט יעדער מינוט איז טוביה'ס האָפענונג אַלץ דונקעלער און דונקעלער געוואָרען; אויף זיין הארצען איז אַלץ שווע־רער געוואָרען.

טוביה האָט זיך גענומען פאַרשטעלען, וואס פאַר אַ מין אָפּקומענעש ער וועט עס האָבען, ווען פון דער ערוואַרטעטער ביזי וועט זיך גאַר נישט אויסלאָזען, און ביי איהם האָבען זיך דיא האָר געשטעלט קאַפּויער.......

פערדראָסען האָט טוביה'ן אויף דער גאַנצער מעשה, וואס ער האָט געלייקענט פאַר דער ווייב, וואס ער האָט איהר באַלד ניט געזאָגט דעם אמת, אַז דיא אַרבייט איז נאָך ניטאָ, — אַז דער באָס האָט עס בלויז פארשפּראָכען. אוי האָט איהם שוין פערדראָסען!

— אוי טוביה פּלוט! — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — אוי, האָסטו אָנגע־מאַכט אַ חתונה, אוי האָסטו פערקאָכט אַ קאַשע!

ער האָט גענומען טראַכטען וועגען דעם וואס עס וועט זיין שבת־צו־נאַכט, ווען חברה וועט עס קומען מיט דיא ביכלעך אָפּרעכענען זיך און בעטען בעצאָהלט און טוביה האָט נור אַ ביטערן שמייכעל געגעבען.

דער טאָג איז אַזוי אריבער. עס האָט שוין גענומען דונקעל ווערען, און גאַר נישט: דער באָס איז ניט געקומען, כאָטש נעהם און שטעל נאָך איהם אַ ליכט. איינינע אָפּריי־טאָרס האָבען זיך צוזעצט ביי דיא מאַשינען און מיט צובראָכענע הערצער האָט מען גענומען זינגען „נעילה" און איינינע האָבען זיך געשטילט דיא וואונדען מיט דעם, וואס מען האָט זיך גענומען לוסטיג מאַכען איבער דעם אָרעמען טוביה'ען.

יעצט האָבען שוין דיא חברה דערמאָנט זיין טאַטען, זיין מאַמען, זיין גאַנצע משפחה און טוביה האָט געשוויגען שטיל וויא אַ קאַליקיל...

— טשעפּעט זיך אָפּ!... לאָזט צו רוה!... — מעהר וויא דיא ווערטער האָט מען פון איהם ניט געהערט.

—דער באָס געהט! דער באָס געהט! — איז פּלוצלונג געוואָרען אַ טומעל אין שאַפּ.

און גריגשטיין איז טאַקע געקומען, איינינע אָפּערייטאָרס זיינען צוגעגאַנגען צום באָס הערען וואס עס טהוט זיך.

גרינשטיין'ס פנים איז געווען עפּעס פערצויגען מיט א וואָלקען. ער האָט אויסגעקוקט בייז און ווילד. דיא אפּערייטארס זיינען געבליעבען שטעהן שטיל.

— נו, וואָס ? — האָט דער באָס געפרעגט עפּעס מיט א גיפטיגען שמייכעל.

— גאר נישט...... אזוי...... האָט זיך אָפּגערופען שמואל דער גרויסער — מיר ווארטען אויף ארבייט.

— ניטא פאר אייך קיין ארבייט. איך האָב געוויזען דיא סעמפּעלס, וויל מען ניט האָבען אזא מלאכה וויא איהר באַטשט.

צו דאס איז געווען אמת צו ניט — דאס האָט נור דער באָס אַליין געוואוסט. אָבער דיא ארבייטער האָבען יערענפאַלס פערשטאַנען, אז פון דער גרויססער בייזי האָט זיך אויסגעלאָזען א'ן אויסגעבלאָזענע איי, און זיי זיינען געבליעבען שטיין וויא אָפּגעגאָסענע מיט קאַלטע וואסער.

ווען טוביה האָט עס דערהערט, איז ער געווען וויא מיט א דונער דערשלאָגען. איהם איז נעבעך פינסטער געווארען אין דיא אויגען.

— וואס זיצט מען דא אין דעם גיהנם ? — האָט ער א זאג געגעבען פאר זיך.

— ווארום צולייפט מען זיך ניט ?

דער באס האָט טוביה'עס ווערטער דערהערט. שנעל איז ער אראפּגעלאָפען ער־געץ וואו, געבראכט א באַנדעלע, פארנאַנדערגענומען און האָט באלד געגעבען א רוף טוביה'ען.

טוביה איז וויא א צוטומעלטער צוגעגאַנגען צום באָס.

— דאָס אי־ אייער ארבייט טוביה? — האָט דער באָס געפרעגט—אייער מלאכה?

— מיינע, נו איז וואָס ?

— אָט אזוי ארבייט מען דאס ?... באַטשער ! איבער אייער באַטשעריי האָב איך א גרויסען אָרדער אָנגעווארען. געהט, איך וויל אייך מעהר דאָ אין שאָפּ ניט האָ־בען. גיט אהער אייער ביכיל !

דיא אפּערייטארס, וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי, האָבען געמיינט, אז דער טוביה וועט זיך נעהמען בעטען און פערענטפערן זיך, אזוי וויא מיט איהם האָט עס שוין פּאסירט איינינע מאָהל; אָבער ניט דאָס האָבען דיא חברה דערזעהען. טוביה האָט זיך היינטיגען מאָהל בעגאַנגען גאָר אַנדערש.

ער האָט גאַנץ שטיל דערלאַנגט דעם ביכעל.

— ניטא שוין וואס אָנצרווערען — האָט ער א מורמעל געגעבען און איז אוועק צו זיין מאַשין.

שווייגענדיג האָט טוביה גענומען אָפּשרויפען דיא קעפּעל פון מאַשין.

דיא ארבייטער האָבען איהם ארומגערינגעלט און מיט פערשטאַרבענע הערצער האָבען זיי צוגעקוקט דיא סצענע.

אין גרינשטיין'ס שאָפּ איז פון לאַנג אָן געווען א מנהג, אז ווען איינער געהט אוועק פון שאָפּ, סיי ער ווערט געסעקט, סיי ער געהט אוועק מיט זיין פרייען ווילען, זאָל מען מאַכען א מי שברך און מיט דעם נגון פון „כל נדרי", פלעגט מען אויסזינגען :

„מיט א טארבע אין דיא הייזער !"

יעצטיגען מאָל האָט עס הפנים קיינער ניט געטראַכט מקיים צו זיין, אלע זיינען געשטאַנען שטיל וויא דיא אָבגענומענע...

דער ביגלער האָט אָבער ביי זיך גערעכענט, אז א מנהג ברעכט מען ניט און ער האָט גערעכענט פאר נויטיג צו דערמאָנען דיא ברידער וועגען דעם.

— נו, ברידער — האָט ער געזאָגט, מען קען ניט העלפען, דעם „מי שברך“ מוז מען מאַכען, פלטיאל, הויב אָן!

— אַ מי שברך דיר אין הארצען! — האָט אָבער פלטיאל געענטפערט דעם ביגלער.

— ליעג אויף אַ'ן ארט, מאַלפּע — האָט זיך אויף אריינגעמישט שמואל דער גרויסער.....

דער ביגלער איז געבליעבען שווייגען.

— האָט ניט קיין מורא ר' טוביה — האָט דער זעלבער שמואל אריינגעמורמעלט טוביה'ען אַ סוד — איך געה אויף אוועק אין אַ וואָך ארום צו דעם שווארצען אין די ווייזען סטריט. איך וועל זעהען, אַז איהר זאָלט דארטען מיט מיר אויך ארבייטען.

— פּאַלט ביי זיך ניט אראָפּ טוביך — האָט געזאָגט חיים דער טויבער — עס איז ניטאָ אויף וואָס צו פערדריסען, איהר וועט קריעגען אַזאַ פּליים.

אַללע האָבען גענומען רײדען מיט טוביה'ען, טרייסטען איהם ווייך און ווארעם און אויף דיא פּנים'ער פון דיא ארבייטער האָט מען געקענט זעהן, אַז זיי ריידען דעם אמת.

— גיט אַ האַנד טוביה — האָט געזאָגט סעם.

— גיט אַ האַנד.

— גיט אַ האַנד......

טוביה האָט יעדען איינעם געגעבען דיא האַנד, אָבער ער האָט געשוויעגען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער דיא הארץ האָט איהם פערקלעמט און טרעהרען האָבען זיך געשטעלט אין רעכטען גארגעל; און ער האָט בלויז געמאַכט עפּעס מיט דיא ליפּען, מיט דיא אויגען און מיט דיא הענד....

שווייגענדיג, מיט אַ באַנדעלע אונטער דיא הענד, האָט טוביה פערלאָזען גרינ־שטיין'ס שאָפּ, אַ צוטומעלטער, אַ צושלאָגענער האָט זיך טוביה גענומען ארומשלעפּען איבער דיא גאַסען.

דער וועטער איז געווען שלעכט, צרה'דיג. עס האָט געגאָסען, געשאָטען, געוויינט, געריסען — אַלץ צוזאַמען. נור טוביה האָט עס ניט געפיהלט און ארומגעשלעפּט זיך אַזוי וויא אַ בעל חלום. עטליכע מאָהל האָט ער שוין געוואָלט געהן אַהיים נור עפּעס פלעגט איהם אַלץ אָפּשטעלען.

— פון וואַנען געהט איהר דאָס, טוביה? פאַר וואָס געהט איהר ניט אַהיים?

טוביה האָט זיך אַ כאַפּ געגעבען. לעבען איהם איז געשטאַנען שמואל דער גרויסער.

— זעה, שמואל!...

— יעס, איך געה דאָס פון אייך; איך ווייס דאָך אַז איהר זייט אַ גרויסע צרה, בין איך אייך געקומען זאָגען, איהר זאָלט נור זיין אַ מענש, איהר וועט שוין קריגען ארבייט.

— דוא ביזט געווען ביי מיר, שמואל?

— נו, געוויס!

— נו, וואָס טהוט מיינע? זיא ווייס דאָך שוין געוויס...

— איך האָב איהר געזאָגט.

— נו, וואָס?

— וואָס זאָל זיין? אַ ווייבעל בלייבט אַ ווייבעל: זיא איז אין איין מינוט געוואָרען אַ פערשטאָרבענע...

בײ טוביה'ן האט עפּעס א ריס געגעבען אין הארצען.

— װאס זאגט זיא ?...

— גאר נישט, זיא האט אלץ געפרעגט, װאו זײט איהר.

— װער ? חיה ברײנע האט געפרעגט ?

— יעס, געװיס הונדערט מאל האט זיא איבערגעזאגט : אבער װאו איז טוביה ? פאר װאס קומט ער ניט ?... װאו איז ער דאס ?

— איך געה... א גוטע נאכט... האט טוביה אויסגערעדט שנעל און איז װיא א משוגענער אװעקגעלאפען א הײם צו זיך.

װען ער איז צוגעקומען צום טהיר פון הויז, האט ער זיך אויף אײן מינוט אפּגעשטעלט און האט זיך צוגעהערט. דיא הארץ האט בײ דעם ארעמען טוביה'ען געקלאפּט, אזוי װיא עס װאלט װעלען ארויסשפּרינגען.

טוביה האט זיך צוגעהערט... און ער האט דערהערט װיא זײן װײב װײנט...

בײ טוביה'ען זײנען זיך דיא אויגען פערלאפען מיט טרעהרען. קוים װאס האלטענדיג זיך אויף דיא פיס, איז ער ארײן אין צימער.

שטיל, װיא אפּגעמשפּט צום טויט, האט זיך טוביה אװעקגעזעצט אויף א שטוהל און האט געװארט אויף זײן אפּקומענעס.

װען חיה ברײנע האט אויף איהם א בליק געגעבען, האט זיא אבער בלויז פער־בראכען מיט דיא הענד...

— טהו א קוק אויף זיך, טוביה, ביסט דאך א האלבער א געשטארבענער — האט חיה ברײנע געזאגט.

טוביה האט געשװיגען.

— צרות מײנע ! א פײער אויף דעם שאפּ מיט דעם באס צוזאמען ! טוביה װאס איז מיט דיר ?

— גאר נישט — האט טוביה שטיל אויסגערעדט.

— עס װעט גאנץ זײן... עס איז דא א גאט אויף דער װעלט... מיר װעלען פון הונגער ניט שטארבען, טוביה.

— חיה ברײנע...

— אוי, נאר ! נאר !

טוביה האט שנעל בעהאלטען דעם קאפּ אין דיא הענד... און... א איד מיט א בארד האט זיך בעגאסען מיט קינדערשע טרערען...

אָ פּ ר ו פּ ע ן.

אייבראם דער סיגארענמאַכער שטאַרבט אוועק... ער לאָזט איבער נאָך זיך א ווייב, דריי יונגע קינדערלעך און גאַנצע בערג מיט צרות.

פּאר נאכט איז געווען דער דאָקטאָר, א פרייער דאָקטאָר פון דיא מיסיאָנערן, און האָט בעטראכט דעם קראַנקען.

דער דאָקטאָר האָט געזעהן אז אייבראַם׳ס שטונדען זיינען געציילטע, און ער האָט עס געזאָגט דעם קראַנקענס ווייב.

גיטע בוסיע (אזוי האָט געהייסען אייבראַם׳ס ווייבעל), האָט גע־נומען ברעכען דיא הענד און חלש׳ן.

אום צו בעפרייען זיך פון אַ שווערען איינדרוק, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו דער אונגליקליכער פרוי:

— זייט זשע אַ מענש... עס איז דאָך נאָך דאָ אַ האָפנונג... ווען אייער מאַן וועט נור אויסהאַלטען דיא נאַכט... וועט ער זיין אָלל־רייט, אָבער... רופען דארפט איהר מעהר קיינעם ניט.

„אויסהאַלטען דיא נאַכט... וועט ער זיין אָלל־רייט" דיזע עטליכע ווערטער האָ־בען אַביסעל פרייער געמאַכט גיטע בוסיעס פערקלעמטע האַרץ.

— איך וועל ניט דערלאָזען — האָט זיא ביי זיך געטראַכט — איך וועל איהם ניט לאָזען שטאַרבען. איך וועל איהם אָפּרופען, איך וועל רייסען וועלטען מיט מיינע קולות. איך וועל איהם אָפּרופען... מיט אַ וואונק האָט זיא אַרויסגערופען איהרע קינדער אין האָל און זיא האָט שעפּטשענדיג געגומען געבען זיי „אינסטראָקשאָנס" וויא אַזוי צו בעקעמפּפען דעם מלאך המות און אָפּרופען דעם שטערבענדען טאַטען.

— אַ גאַנצע נאַכט מיינע קינדערלעך — האָט גיטע בוסיע געזאַגט, טאָרט איהר ניט אַנשלאָפען ווערן, ניט חלילה מיט אַן אויג צומאַכען, איהר זאָלט אַלע שטעהן ביים בעט פון טאַטען און היטען איהם... און ווען איך וועל נור געבען א געשריי, מאַכט אַלע גלייך בענומענע קולות, שרייט, וואָס העכער און לאָזט דעם טאַטען ניט שטאַרבען.

— יעס, מאַמע, יעס, מאמע — האָבען דיא קינדער שטילערהייט געזאָגט.

— ווען דער טאַטע וועט איבערלעבען היינטיגע טאַכט — האָט די מוטער ווייטער גערעדט — וועט ער שוין געזונד ווערן. ער וועט ווייטער געהן אין שאַפּ אַרבייטען, ער וועט פערדיענען, איך וועל אייך קויפען קליידער און שיכעלעך און אויך גוטע מתנות...

— איך וועל שרייען: טאַטע ניט שטאַרב — זאָגט אַלבערט א זיעבען יאָהריגער באָי, דאָס עלטסטע קינד.

—און איך אויך — זאָגט איזעניו.

— און איך וועל אויך „שאַיען": פּאפּעלע ניט „שטאַיב"—זאָגט גאָר דאָס אינסטע קינד, מירעלע, אַלט פיער יאָהר.

עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט...

אייברעם דער סיגארענמאַכער ליגט אין פראָנט רום אויף אַ בעטיל און שטאַרבט

אוועק, הארט ביי זיין צוקאָפּען זיצט זיין פרוי דיא חבר'טע פון זיין יוגענד, איהרע
אוועק, הארט ביי זיין צוקאָפּען זיצט זיין פרוי, דיא חבר'טע פון זיין יוגענד. איהרע
קראַנקען. הארט ביים בעט אויף שטולען זיצען דריי בלאַסע, אויסגעדארטע קינדער.
זיי האַלטען פערבראָכען דיא הענד און קוקען אויף אויפ'ן טאַטען. א קליינע קעראָסין
לאָמפּ מיט א פערראויכערטער גלאָז בעלייכטעט מעלאַנכאָליש דעם פעראָרימטען, פער־
ווייסטען צימער.

דער קראַנקער ליעגט און האַלט ברייט אָפען דיא אויגען. עס שיינט אָבער אז ער
פערשטעהט ניט וואָס ער זעהט ארום זיך... זיינע בליקען זיינען קאַלט און שרעקליך...
דער פּנים פון דעם קראַנקען איז שוין שווארץ און בלויז נאָך זיין שווערען אָטהעמען
קען מען וויסען וועגען זיין לעבען.

דאָס, איינגסטע קינד איז אַנדרעמעלט געוואָרען און איז אזוי געבליעבען זיצען
מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענער קעפּעלע, אָבער דיא עלטערע צוויי קינדער זיצען און קוקען
דאָס אויף זייער מוטער, דאָס אויף זייער קראַנקען פאָטער און זיפצען...

שטיל, טויט - שטיל...

— אה, אז דיא נאַכט וואָלט שוין אריבער! — האָט א שווערען זיפץ געגעבען
גיטע בוסיע...

פּלוצלונג האָט זיך דער קראַנקער אזוי וויא א טרייסעל געגעבען. זיין מויל האָט
זיך אויסגעקרימט און דיא שווארץ־אפּעל פון דיא אויגען האָבען זיך פערקייקעלט...
ער האָט געחלש'ט. . .

— אייבראַם!!! אייבראַם!!! — האָט גיטע בוסיע ארויסגעלאָזען א שרעק־
ליכען יאָמער - געשריי.

— פּאַפּע!!

— פּאַפּעלע!!!

מירעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און אויך געגומען שרייען. גיטע בוסיע און דיא
קינדער האָבען זיך א וואָרף געגעבען צום קראַנקען און געגומען איהם רייסען, צופּען
און מינטערן...

— אייבראַם, אייבראַם האָב רחמנות, אויף וועמען לאָזט דו אונז?

— פּאַפּע!

— פּאַפּעלע!

— פּאַפּאַ ניט „שטאַבע".

דער צימער איז פולל געוואָרען מיט א שרעקליכען יאָמער.

דער טויט איז בלאָס געוואָרען און האָט זיך דערשראָקען.

ביי דעם מלאך המות איז ארויסגעפאַלען דער חלף פון האנד און אייבראַם האָט
געעפענט דיא אויגען. . .

— וואָס איז מיט דיר געווען, אייבראַם? — האָט גיטע בוסיע זיך געווענדעט
צו דעם אָפּגעמינטערטען און זיא האָט זיך וויטער צעוויינט אויפן קול.

אייבראַם איז אָבער געבליבען ליגען בעוואוסטלאָז און האָט קיינעם ניט דערקענט.

דיא נאַכט האָט זיך וויטער אוועקגעצויגען.

דיא קינדער זיינען זיצענדיג אַנשלאָפען געוואָרען, און ביי דער מוטער האָט ניט
געכאַפּט קיין הארץ צו וועקען זיי, מיט א פערשטאָרבענער הארץ האָט זיא געקוקט
אויף דעם קראַנקען און ביי יעדער קרומע הויה זיינע פלעגען אין איהר פערקיהלט ווערן
איהרע בלוטען.

אָט האָט גענומען טאָגען.

„ווען ער וועט אויסהאַלטען דיא נאַכט וועט ער זיין אָלרייט“ — האָבען אין איהרע אויערן אָבגעקלונגען דעם דאָקטאָרס ווערטער און דיא ארעמע האָט פריער אַן אטהעם געגעבען.

פּלוצלונג האָט זיך דער קראַנקער ווייטער א צאפּעל געגעבען, דער מויל האָט זיך פערקרימט און דיא אויגען פערגלאָצט. . .

— קינדער! אייבראם!!

דיא צושראָקענע קינדער האָבען גענומען שרייען.

דער טויט איז אָבער יעצט געווען שטאַרק ביי זיך און ער האָט דערשטיקט זיין אָפּפער.

אייבראם איז געשטאָרבען.

א פערשלאפענער גזר דין.

דער סיזאן פון דיא ווינטערדיגע ארבייט פאנגט זיך אן ביי דיא קלאוקמאכער אזוי ארום אלול און ענדיגט זיך אין דעם קלאגעדיגען חשון, נור דיא רעכטע ביזי, דער רעכטער פייער, ברענט אין דעם הייליגען חודש תשרי. אי, ארבייטען דאס דאן דיא קלאוקמאכער! נו, נו, געארבייט! עפעס אזוי וויא געיאגט פון א העלישען פייער. פאטערס צושיידען זיך מיט דיא פאמיליעס און מען קומט ניט אהיים נעכטיגען וואכען לאנג. מען ארבייט טאג, מען ארבייט נאכט, מען ארבייט שבת, מען ארבייט יום טוב, מען שלאפט און מען עסט ביי דיא מאשינען, און ווען דער גליקליכער סיזאן ענדיגט זיך, זיינען אויס קלאוקמאכער, ניטא מעהר קיין קלאוקס־אפרייטאר אין נויארק, נור סקעלעטען מיט אבגענומענע פיס, מיט אבגענומענע הענד, בלאסע, געלע פנים'ער צודולטע, צוטומעלטע קעפ, ביטערע פינסטערע קאליקעס, קראנקע, שוואכע, קאנדי־דאטען פארן קבר... אויס אפרייטארס... עס איז נאך'ן סיזאן... אי, האט מען דאס געארבייט! נו, נו געארבייט!

דיא מאשינען בינדט מען צו צו דיא שטוהלען אויף וועלכע מען זיצט אזוי, אז דיא אייזערנע ברואים זאלען זיך ניט אומרוקען און ניט באדערן דיא ארבייט, מען גרייט אן גאנצע בערג מיט צוגעשניטענע סחורה און מען דרייט דעם ראד... עס פליהט! עס קאכט! עס געהען אויס דיא יאהרען, מען בלייבט, מען שטארבט אב ביי דער מא־שין, אבער מען ארבייט, עס איז דער סיזאן!

יעדער קלאוקמאכער וויים, אז נאכ'ן סיזאן וועט זיך אוועקציהען א לאנגע, לאנגע פינסטערע סלעק, א סלעק, וועלכע וועט אויפפרעסען וויפיעל מען זאל ניט אנגרייטען... און מען ארבייט...

ווען עס קומט דיא נאכט און עס פאנגט זיך אן צו דרעמלען, געברויכט מען פער־שיעדענע מיטלען וויא אזוי צו פעריאגען דעם שלאף, מען נעצט דיא אויגען מיט קאל־טע וואסער, מען פרובירט זינגען, שרייען, מען גיסט אויך אויף דיא קעפ קאלטע וואסער... און מען ארבייט, ביז וואנען מען פאלט אוועק ביי דער מאשין און מען ווערט צושלאפען ביי דער מלאכה, אנדערע שפארען אן דיא קעפ אן דיא נעה־מאשינען, אנ־דערע לייגען זיך אויף דיא באנדלעך געוואנט און מען כאפט א דרימעל צוויי דריי שטונדען און מען ארבייט ווייטער... דאס הייסט א סיזאן ביי דיא קלאוק מאכער...

דאס איז געוועזן ערב יום כפור.

אין מיסטער בוריק'ס סוועט שאפ האבען דיא קלאוק מאכער געהאלטען אין דער ארבייט, מיט צוטומעלטע אויגען פערשטויבטע, פערשמוצטע, פערפינסטערטע, אנדערע ארומגעבונדען דיא קעפ מיט נאסע טיכער, האבען דיא אידישע אפרייטערלעך געיאגט דיא רעדער, עס איז דער סיזאן!

נור אט איז געקומען דינערטיים! עס איז טאקע דער סיזאן, אבער יום כפור איז דאך יום כפור און דיא הענד האבען אוועקגעלייגט ביז נאך'ן תענית.

לייבע דער טויבער האט אויך געסטאפט פון דער ארבייט. נור אין דער צייט ווען זיינע מיטארבייטער זיינען זיך אלע צולאפען אין גרוים היילעניש, איז ער גע־בליעבען זיצען לעבען מאשין אזוי וויא א מטושטש.

לייב האט זיך ניט געהאט וואהין צו היילען: זיין פאמיליע איז אין רוסלאנד און ער איז דא גאנץ עלענד. ער וואהנט אין א „סעפרעט רום” פאר וועלכע ער צאהלט דריי דאלער א מאנאט רענט. ער קומט אהין בלויז איבערשלאפען, אבער היינטיגען חודש צאהלט ער טאקע אומזיסט רענט, ווארום ער נעכטיגט אין שאפ ביי דער מאשין.

ער זיצט ביי דער מאשין... דער קאפ איז איהם אזוי שווער, אזוי שווער; דיא ביינער ברעכען... ער קען זיך ניט אויסגלייכען און מוז זיצען אט אזוי צוזאמענגעהוי־קערט וויא ביי דער ארבייט, וויל ער זיך אויסגלייכען טהוט א בראך אז ער דערזעהט דעם טאטען פון יענער וועלט, און ער בלייבט זיצען אזוי האלב קיילעכדיג. און דיא אויגען? ער קען זיי בשום אופן ניט האלטען אפען... זיי פערמאכען זיך גאר ניט גע־בעטענערהייט און א סוף. פאריגע נאכט האט מען דא אין שאפ ניט צוגעלייגט זיך אפילו אויף איין מינוטעלע, ווארים דיא אפרייטארס האבען געוואוסט, אז מארגען וועט מען זיך שוין אויסרוהען. און מען האט ניט פערגונען זיך א דרעמיל טאהן באטש אויף עטליכע מינוטען... און לייבע פיהלט... אז ער שטארבט, ער שטארבט שלאפען... ער וויל זיך ריהרען פון ארט אבער ער קען ניט... דיא פיס הערען איהם אין טראק און פערבלייבען אויף דיא טרעטער, דורך וועלכען זיי האבען בעוועגט דעם ראד.

אלע ארבייטער זיינען שוין אוועק.. נור לייבע איז זיצענדיג איינגעשלאפען. אבער אט דארף שוין אליין דער מיסטער בוריק אויך אוועקגעהן און צושליסען דעם שאפ.

— היי! היי נבלה! — וועקט דער באס דעם ארביימער, אבער לייבע שלאפט וויא א טויטער און הערט דיא וועלט ניט.

— היי! היי! שטעה אויף, איך פערשלים דיך אין שאפ!

לייבע שלאפט שוין אבער געשמאק. בוריק איז צוגעגאנגען און האט איהם א גוטען „טורך” געגעבען.

— היי! אהיים!

— אי, לאזט מיך דא א ווײלע צולעגען זיך, — בעט זיך לייבע.

— איך דארף דאך צושליסען דעם שאפ, פערריקטער?

— הא? — פרעגט לייבע פון שלאף. — הא? וואס זאגט איהר?

— אהיים! איך דארף צושליסען דעם שאפ!

— אי, לאזט א ווײלע, לאזט דעם שליסעל—בעט זיך לייבע,—איך וועל צושליסען פון אינעווייניג... איך וועל א דרעמעל טאהן... נאכהער אייך פערטראגען דעם שליסעל.

— טא קום, פערשלים און זאלסט נאכהער אויך גוט פערשליסען.

מיט צרות מאכט לייבע אן אנשטריינגונג... געהט צום טיהר, לאזט ארוים דעם באס און פערשליסט דיא טיהר פון אינעווייניג, ווארפט זיך אוועק אויף עטליכע באנדלעך געוואנד און שלאפט איין מיט א לעטארגישען שלאף.

לייבע דער טויבער שלאפט.

עס איז שוין אבענד. אידען געהען דאווענען, און לייבע שלאפט.

עס איז נאכט. אידען וויינען, קלאגען, שרייען „יעלה”, און לייבע האט אלע דאגות אוועקגעלייגט אונטער דיא באנדלעך געוואנט און ער שלאפט שטארק... גע־שמאק... אה, לאנג, לאנג האט ער שוין אזוי געשמאק ניט געשלאפען.

אין שאפ איז פינסטער און טויט־שטיל און לייבע דער אפרייטאר שלאפט...

אָט חלום'ט זיך איהם וויא ער פאָהרט נאָך אַמעריקאַ און ער שיידעט זיך מיט דער ווייב און זיינע קינדער... און דיא קינדערלעך קושען זיך מיט איהם און אלע וויי־נען... און איהם ווערט שווער, שווער, אויפ'ן הארצען... און עפּעס שטיקט איהם אויף זיין ברוסט, און לייבע דער אפּרייטאָר ווײנט פון שלאָף... וויינט אויף דיא באָנדלעך געוואנד אין שטילען סוועטינג שאָפּ... אָט טהוט ער זיך א כאַפּ, אָבער ער ווערט גלייך ווייטער אַנשלאָפען.

ענדליך האָט זיך לייבע אויפגעכאַפּט, אין שאָפּ איז געווען פינסטער און שטיל, און דער אַפּרייטאָר איז געבליבען זיצען א וויילע עפּעס ניט פערשטעהענדיג וואָס דאָ טהוט זיך.

— וואָס איז דאָס עפּעס? ער איז דאָך אין שאָפּ, היינט וואָס איז דאָס עפּעס פינסטער? און וואו זיינען דיא איבעריגע אפּרייטאָרס? ער שלאָפט שוין פיינע עטליכע וואָכען אין שאָפּ, אָט אַזוי אויף דיא באָנדלעך, אָבער אימער ווען ער טהוט זיך א כאַפּ, ברענט דאָך געז אין שאַפּ, אייניגע אפּרייטאָרס פלעגען שוין ארבייטען און אייניגע פלעגען שלאָפען ביי דיא מאַשינען... וואָס איז דאָס עפּעס אַזוינס?

— אָ, א בראָך? — האָט דער קלאָוקמאכער פלוצלונג אויסגעשריען: דער קעריל האָט זיך דערמאָנט אַז עס איז ערב יום כפור...

— וועה איז מיר, עס מוז שוין זיין נאָך כל נדרי!

לייבע האָט אין דער פינסטער אויסגעפונען זיין קעפּקע, אראָפּגעריסען פון זיך דעם פארטוך... פערשלאָסען דעם שאַפּ און געכאַפּט לויפען.

— האַ? וואָס איז דאָס עפּעס? ביי דעם אָרעמען לייבען האָבען זיך דיא האָאָר פון קאָפּ געשטעלט קאַפּויר. וואָס איז דאָס עפּעס? דיא סטאָרס זיינען אָפען... און אידען זיצען... עס איז טומעלדיג אין גאַס... מען האַנדעלט און מען וואנדעלט... וואָס איז דאָס? דאָס איז דאָך לודלאָוו סטריט... יעס, לודלאָוו סטריט... היינט וואָס טהוט זיך דאָ?

לייבע איז געבליבען א וויילע שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל, פערוואונדערט און דערשראָקען..

פארביי איהם זיינען דורכגעלאָפען צוויי ווייבער.

— נו, וויא איז אייך געגאַנגען דער תענית? האָט איינע געפרעגט.

— גאָט צו דאנקען, — האָט אַ צווייטע געענטפערט.

לייבע האָט אין א סעקונדע בעגריפען וואו און וויא אזוי ער האָט פערבראַכט דעם יום כפור, און עפּעס אזוי וויא מוראשקעס זיינען איהם אריבער איבערן לייב... ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען גאַס מיט אַן אָפענעם מויל, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, וויא א וואהנזיניגער...

מאָריסעס טויט.

זייער געשיכטע איז געווען אַ קורצע, אַן אַלטבעקאַנטע — זיי האָבען זיך בלויז געביטען מיט דיא פּלעצער; מאָררים איז פערבליבען אין דער היים מיט זיינע צוויי קינדערלעך און זיין פרוי מערדי איז אַוועק אין שאַפּ אַרבייטען.

מאָררים איז געווען אַ סיגאַרען־מאַכער, מערדי האָט פאר דער חתונה געאַרבייט ביי דיא זעלבע סיגאַרען, און יעצט האָט זיא עס זיין פּלאַץ פערנומען. מערדי איז אַוועק אַרבייטען צו דעם זעלבען באָס וועלכען איהר מאַן האָט געמוזט פערלאָזען.

מאָררים האָט געמוזט פערלאָזען זיין אַרבייט ווייל ער איז געוואָרען קראַנק, ווייל ער האָט אָנגעפאַנגען צו הוסטען מיט בלוט און ציינען שרעקליכע סימנים פון שווינדזוכט. קיין אַנדערע בעשעפטיגונג פון וואָס צו מאַכען אַ לעבען האָט ער ניט געקענט קריגען — דאַן איז ער פערבליעבען צו בעל הבית'עווען אין הויז און צו ערציהען זיינע צוויי קינדערלעך, וועהרענד זיין מערדי איז אַוועק אַרבייטען.

דיא דעקאָראַציאָנען האָבען זיך געביטען, אויך האָבען זיך געביטען דיא סצענען. אַ טרויעריגע אָבער נאַטירליכע בילד פון אַרבייטערס לעבען האָט זיך געביטען אויף אַן אוננאַטירליכער לעכערליכער און הערצרייסענדער סצענע; וויא אַזוי דער קראַנקער סיגאַר מאַכער האָט געהאַלטען אָרדער אין הויז, וויא אַזוי ער האָט אַכטונג געגעבען אויף דיא קינדערלעך, האָט מען ניט געטאָרט ווינשען דעם ערגסטען שונא. אויך מערדי האָט ווייט ניט גוט אויסגעמאַכט — זיא האָט גע־אַרבייט נעביך זעהר שווער. אָבער זיא האָט מעהר ניט געקענט אויסאַרבייטען וויא אַ העלפט פון דעם וואָס איהר מאַן פלעגט פערדינען אין דער צייט ווען ער איז געווען געזונד און דיא פּלאַגענעס פון דיעזער אַרבייטער־פאַמיליע איז געווען ניט איבערצוגעבען, אָבער ניט דאָס בין איך אייך אויסען צו דערציילען.

דיא לעצטע צייט האָט דער קראַנקער מאָררים גענומען בעמערקען אַז מאַנ־כעס מאָל, ווען מערדי קומט פון דער אַרבייט, קומט זיא אוים עפּעס זעהר אויפגע־רעגט, צורייצט און איהרע אויגען זיינען אַזוי וויא פערוויינט.

מאָררים האָט גערעכענט, אַז עס איז געווען עפּעס צרות אין שאַפּ, אַז עס איז טראָבעל וועגען דיא פּרייזעס און וועגען דער אַרבייט; זיין קראַנקעס האַרץ האָט איהם געריכען אויף זיין פרוי, אויף זיין מערעלע, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט מיט זיין גאַנצער נשמה, ער האָט אָבער מיט איהר ניט געוואָלט ריידען וועגען דעם, ניט וועלענדיג „שיטען איהר זאַלץ אויף איהרע וואונדען“.

איין מאָהל, ווען מערדי איז געקומען פון דער אַרבייט און זיא האָט אויסגעקוקט עפּעס אַזוי „מאָדנע“, האָט מאָררים צו איהר געזאָגט:

— מערדי, איך פאַנג זיך אָן צו פיהלען בעסער... איך דיינק אַז דוא זאָלסט מאָר־גען פערבלייבען אין דער היים און איך וועל פּרובירען ווייטער געהן אין שאַפּ אַר־בייטען.

מערעי האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע שעהנע אויגען.

מאַררים'עס בלאַס־געלער און אויסגעמאַטערטער פּנים האָט אויסגעקוקט צופיעל קראנק און פערדעכטיג.

— מאַררים'ל—האָט מערעי געענטפערט—איך ווייס אָבער ניט אויב דו וועסט קענען, אויב דוא טאָרסט אַרבייטען... מעררים שטימע האָט געציטערט, איהר בליק האָט געשיינט מיט ליעבע, אָבער אויך מיט שמערצען און וויא עפּעס מיט שרעק.

— איך פיהל זיך גוט און איך וויל געהן — האָט מאַררים ענטשלאָסען געענט־פערט—איך פיהל זיך פיעל בעסער.

— איז דאָס ריכטיג מאַררים, מאַרריסיל? און מערעי האָט זיך פּלוצלינג היסטע־ריש צו־וויינט.

בייגאַכט האָט מאַררים געפיהלט זעהר שלעכט. ווען דיא נאַכט איז אריבער איז ער געלעגען אין בעטעל א האלבער א טויטער און וועגען געהן אין שאַפּ האָט שוין מעהר קיין פראגע ניט געקענט געבען.

מערעי האָט אויך מורא געהאַט אוועקצוגעהן, נור ערשטענס איז גראדע דיעזער טאָג געווען „פיידיי" און צווייטענס האָט מאַררים זיא בערוהיגט, אז ער פיהלט ניט אזוי שלעכט וויא זיא דיינקט, און זיין פרוי איז אוועק אין שאַפּ אַרבייטען.

דער קראַנקער מאַררים האָט א גאַנצענעם טאָג געטראַכט וועגען זיין ווייבעל.

—וואָס קען דאָס מיט איהר זיין?—האָט ער ניט געסטאָפּט אויף איין מינוט צו ריידען צו זיך זעלבסט—מיט איהר מוז עפּעס פּאַרקומען אין שאַפּ... א שוידערלי־כער פערדאכט האָט צוזאַמענגעדריקט דעם קראַנקענס הארץ.

— וואָס פיר א מין אויסוואורף איך בין!—האָט מאַררים פּלוצלונג אויסגע־שריען—זיא אַרבייט מיט דיא זייטען... פינסטערט נעבעך אין שאַפּ, קאַרמעט מיך, היילט מיך... און איך?—דיינק וועגען איהר שדים ווייסען וואָס... אה, וואָס פאַר א מין פערדאָרבענער קערל איך מוז זיין!

— וואָס האָט זיא זיך נעכטען אזוי היסטעריש צו־וויינט? — האָט מאַררים דערהערט וויא עפּעס א געהיימע און שפּאָטישע שטימע פרעגט ביי איהם. ער איז געוואָרען א פערציטערטער.

האַלטענדיג דאָס קינד אויף דיא הענד האָט מאַררים פּלוצלונג בעמערקט אז זיין ריוועלע טראָגט נייע שיך... און עפּעס האָט זיך ווייטער צוזאַמענגעדריקט זיין הארץ.

— ווען האָט זיא עס געקויפט? ווארום האָט זיא מיר גאָר נישט געזאָגט? האָט ער זיך ניט אויפגעהערט צו וואונדערן. און איהם איז געוואָרען דיא זאַך אלץ פער־דעכטיגער. ער האָט אוועקגעלייגט דאָס קינד אין א וויגעלע און וויגענדיג האָט מאַרים זיך גענומען עררינערען אז שוין צייט עטליכע וואָכען האָט דיא שטיקענדע נויטה, וועלכע פלעגט אימער הערשען ביי זיי אין הויז גענומען פערשוואונדען ווערן, ער האָט זיך יעצט געכאַפּט אז דיא לעצטע צייטען לעבט זיך זיי פיעל גראַמער איידער בעפאַר און דאָך פערדינט זיין מערעי ניט מעהר איידער אימער.

— וואו נעהמט זיא דאָס? — האָט דער קראַנקער סיגארען מאַכער געפרעגט אין דער טיעפענעם פון זיין הארצען.

מאַררים דאָט געוואוסט זיין באָס, וואו זיין פרוי האָט יעצט געאַרבייט. ער האָט איהם גוט געקענט פאַר א יונגען שאַרלאַטאן, אלס איינעם, וועלכער קען מאַנכעס מאָהל זיין ווייט ניט איידעל צו זיינע אַרבייטערינען... ער האָט זיך גענומען פאַרשטעלען פערשיעדענע שרעקליכע בילדער... און ער האָט דערפיהלט אז זיין שוואכע הארץ ווערט פערשטאַרבען פון אויפרעגונג און פון ווייטאָג.

אַבֿיטערער געפֿיהל פֿון אייפֿערזוכט האָט גענומען זויגען און בייסען זיין פֿון שווינדזוכט אויפֿגעפֿרעסענעם הארץ, ער איז אַ לאַנגע צייט געבליבען זיצען ביי דער וויגעלע פֿון זיין קינד, פֿערטיעפֿט אין פֿערצווייפֿעלטע מחשבות. ער האָט מעהר ניט געצווייפֿעלט אין דעם, אַז זיין פֿרוי איז איהם ניט טריי, און זיא האָט זיך פֿערקויפֿט צום באָס... אָנפֿאַנגס האָט ער געטראַכט נעהמען זיך דאָס לעבֿען... און ער האָט גענומען פּלאַנעווען פֿערשיעדענע מיטלען וויא אַזוי שנעל אָפּצושניידען זיינע געציילטע טעג. נאַכהער האָט זיך איהם פֿערגלוסט ראַכע צו נעהמען פֿון זיין באָס, פֿון דעם פֿערפֿיהרער פֿון זיין מערדין און ער האָט ווייטער געזוכט אַ מיטטעל וויא אַזוי צו בעגעהן זיין ראַכע. דער קלאַפּען פֿון דעם זייגער־גלאָק האָט איהם ארויסגעפֿיהרט פֿון זיינע ביטערע גערדאַנקען.

עס איז שוין געוועזן צוויי דער זייגער. מאָררים האָט שוין ביז יעצט געדאַרפֿט נעהמען צוויי מאָהל אַ מעדיצין, וועלכען דער דאָקטאָר האָט איהם פֿערשריבען מיט עטליכע טעג בעפֿאָר, ער האָט בעדאַרפֿט אַ פּאָר מאָהל איינגנעהמען צו לעפֿעל וויין, ער האָט בעדאַרפֿט מאַכען זיך אַ לייכט אָבגעקאָכטע איי, אַלעס איז דאָס געווען צוגעגרייט פֿאַר איהם דורך זיין ווייבעל, מאָררים האָט זיך אָבער פֿון אָרט ניט גערירט און האָט גאָר נישט איינגענומען.

— ווער ווייס פֿאַר וואָס פֿאַר אַ געלד זיא האָט עס געקויפֿט ? ! — האָט ער כמעט וויא אויסגעשריען. זיינע כמעט פֿערלאָשענע אויגען האָבען אַ ברען געגעבען און ער האָט זיך ביטער צולאַכט.

זייענדיג אויפֿגערעגט האָט דער קראַנקער מאָררים ניט געפֿיהלט אַז זיין ליכט ברענט אויס, אַז ביי איהם שטאַרבען אָפּ אַ גליעד נאָך אַ גליעד...

ווען עס איז געקומען אָבענד צייט האָט זיך איהם פֿערוואָלט לויפֿען אין שאָפּ, וואו מערי האָט געאַרבייט, ער האָט אייגענטליך ניט געוואוסט צו וואָס ער זאָל געהן, נור איהם האָט עפּעס געשלעפּט, עפּעס געצויגען... ער האָט עפּעס וויא געהאָפּט אַז ער וועט עטוואָס דערגעהן.

ער האָט בעשלאָסען צו לאָזען דיא קינדער אַ ווײַלע אַליין און געהן טאַקע אין שאָפּ. ער האָט זיך איינגעבויגען, ארויסצונעהמען זיינע שיך פֿון אונטערן בעט און האָט זיי געפּרובירט אָנטהאָן. ער האָט עס אָבער ניט געקענט, ווארום זיינע פֿיס זיינען געווען געשוואָלען וויא דיא קלעצער, דאַן האָט ער געטראַכט ער וועט געהן אין דיא פּאַנטאָפֿעל, אין וועלכע ער איז ארומגעגאַנגען אין הויז. ווען מאָררים האָט גענומען אויף זיך אָנציהען זיין אויבערראָק, האָבען איהם זיינע לעצטע קרעפֿטען געסטאָפּט צו דיענען... איהם איז פֿינסטער געוואָרען אין דיא אויגען און ער איז געפֿאַלען אויף דעם זעלבען פּלאַטץ, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען. מאָררים האָט אָנגעווענדעט זיין לעצטע אנשטרייננגונג, אויפֿגעהויבען זיך, געכאַפּט אַ לעפֿיל מעדיצין און אריינגעפֿאלען אין בעטיל. באַלד האָט ער דערפֿיהלט אַז ער ווערט דערשטיקט, אַז ער קען דעם אטהעם ניט כאַפּען, אַז ער שטאַרבט אַוועק... זיינע געדאַנקען האָבען זיך גענומען פּלאָנטערן, ער האָט עפּעס גענומען ריידען אָהן אַ זינען...

— מאָררים ! — האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ שרעקליכען געשריי.

מאָררים האָט אויפֿגעהויבען זיינע אויגען וועלכע זיינען שוין געווען אויסגעקרימט פֿון ליידען, לעבען איהם איז געשטאַנען זיין פֿרוי בלאַס וויא דער טויט... מאָררים האָט געוואָלט זיא אַ כאַפּ געבען פֿאַר׳ן האַנד, ער האָט אָבער ניט געקענט זיך אַ ריהר געבען פֿון אָרט.

מיט אַ שרעקליכען יאָמער איז מעררי ארויסגעלאָפען פון חדר; זיא האָט געבעטען אַ שכנה לויפען נאָך אַ דאָקטאָר און אליין האָט זיא זיך צוריקגעקעהרט צום חולה.

מאָררים האָט אויף איהר אַ בליק געגעבען מיט שרעקליכע אויגען.

— מעררי... מעררי — האָט ער שוואַך געשעפּטשעט — זאָג מיר... אָבער דעם אמת... איז דאָס ריכטיג?... — מאָרים האָט פּלוצלונג אַ קרים געטאָהן מיט דיא ליפּען זיינע אויגען זיינען פערגלאָצט געוואָרען — ער איז געוועזן טויט.

— מאָררים! — האָט מעררי אַ שרעקליכען געשריי געגעבען... זיא האָט זיך בעגאָסען מיט טרעהרען און גענומען קושען זיין טויטען פּנים.

— זיי מוחל... איבער דיר... איבער דיא קינדער — האָט מעררי געשטאַמעלט און געריסען זיך דיא האָר פון קאָפּ... מאָררים האָט זיא שוין אָבער ניט געהערט.

ווער?

עס איז מאי; עס איז א שעהנער פריהמארגען. קיין ארבייט האב איך ניט, נו, זיטץ איך מיר לעבען פענסטער און קוק אין שמאלען יארד אריין.

הויב איך עטוואס אויף דעם קאפ, זעה איך א שטיקעל שיינעם בלויען הימעל... דיא הארץ איז פול מיט צרות און מיט וואונדען און דיעזער שטיקעל בלויער ריינער הימעל גלעט אזוי מחיה'דיג דיא וואונדען, אבער גלעטענדיג רייצט ער אזוי און מאכט דיא שמערצען פיהלען מעהר.

דער ברעקעלע בלויער הימעל דערצעהלט מיר אויף שטום־לשון א שעהנע זיסע אבער פאר מיר אונענדליך טרויעריגע געשיכטע... ער דערצעהלט מיר, אז ערגעץ וואו ווייטער, ווייטער הינטער אונזער יארד, הינטער אונזער טענעמענט הויז, ווייט, ווייט פון אונזער שטיקענדער טומעלדיגער סטריט, זעהט ער זיך ניט אזא ברעקעלע... נור ברייט, טיעף און ווייט וויא דער ים און ביי דיא ווייטע ברעגען לאזט ער זיך ארונטער און כאפט אראב דיא יום'טוב'דיגע און אין גרינס־פערפוצטע ערד אין זיינע ארעמס... און דארטען איז יעצט אזוי גוט... אזוי פריי זיסס...

אך, וויא אומעטיג מיר ווערט!

איך מיעד זיך איין צו קוקען אין דער הויף, לאז איך אראב דעם קאפ... פייער־עסקייפס... „פאלס", ליינס... וועש און וועש....

אט פאלען מיינע אויגען אויף א פייער־עסקייפ. עס לופטערט זיך אויף איהר איין אלטער האלב פער'עפוש'טער מאטראץ און איין אלטע צוריסענע קאלדרע, א קופע פערבלאטיגטע ביכער, בראשעס, קלאיזפינס און שמוטציגע שמאטעס. און צווישען דיזע שמוטץ זעהט זיך ארויס א וואזאן מיט פרישע ערד, פון וועלכע עס שפריצט ארויס א יונגער גרינער בלום...

איך קוק אויף דעם און עס דאכט זיך מיר דעם יונגען בלום חלום'ט זיך יענע שעהנע פרייע „ראזידאליע" וועגען וועלכער עס דערצעהלט מיר דער שטיקעל בלויער הימעל. און עס דאכט זיך, אז דער בלום האט א הארץ, א קינדערשע, אונשולדיגע הארץ און דיזע הארץ בייגקט און ווערט צוגאנגען.... בייגקט נאך לעבען, לופט, ליכט און פרייהייט... און געהט אוים, געהט אוים אזוי וויא מיין אייגענע קראנקע הארץ. און עס דוכט זיך מיר, דער בלום וויינט מיט שטילע טרעהרען...

„איז דאס דא מיין פלאטץ," שיינט מיר, פרעגט ער דא מיר מיט פארוואורף, „איך וועל דאך פערפוילט ווערן איידער איך וועל פערבליהען..."

און עס טהוט מיר וועה, און עס טהוט מיר וועה!....

אט האט א שכנה אויפגעהויבען דיא „ווינדע־בליינד" און אויפגעעפענט א פענסטער... און איך דערזעה הייגענדיג א מעשענעם פערשימעלטען שטיינגעל און אין שטיינגיל דרעמילט א קאנארייאיק, אויפ'ן פענסטער דערביי זיטצט א קאץ און ווארפט אזעלכע בלוטדורסטיגע בליקען אויף דער שוואכער ארעמער פויגעלע.

אט האט זיך דיא פויגעלע אויפגעכאפט און א קוק געגעבען אין דער הויף... אפשר האט זיא דערזעהען דעם זעלבען שטיקעל בלויען הימעל וואס קוקט אריין

צו אונז אין יארד און רייצט זיך מיט אונז פערשטיקטע פון לעבען און פון גליק בערויבטע.

אַט האָט דיא פייגעלע איינגעטונקען דעם קעפּיל אין אַ שמוציגער, קליינער קאָפּע מיט וואסער, וועלכע געפינט זיך אין איהר פריזאָן... זיא האָט א ציטער געטהון, א מאַך געטהון מיט דיא פליגלען און גענומען טשירקען.

און עס דאכט זיך מיר, דיא פויגעלע וויינט און בעט זיך אהין... אהין וואו עס וואקסען גרינע געדיכטע בוימער... גראָז... ראָזען.... בלומען. וואו עס זעהט זיך פריי דער שעהנער הימעל... וואו דיא לופט איז זיס און פריש... וואו עס זינגען... טאנצען... שפּיעלען פיעלע, פיעלע פרייע פייגלען... און זיא וויינט און זיא רעדט, און רעדט און וויינט און פערגיסט זיך אזוי בייִנקענד, אזוי טרויעריג...

אומזיסט, מיין ארימע פייגעלע בעטסט דוא זיך אהין... וואו עס דארף זיין דיין היים... אויף יענעם פרייען פּלאטץ, פאר וועלכען גאָט האָט דיך בעשאפען און אראָבגעשיקט פון דיאַ הימלען...

אומזיסט, ווייַן ניט, עס וועט ניט העלפען! דוא ביזט אַ געקויפטע און דוא מוזט דאָ אויסגעהן אין פערשימעלטען שטייגעל, אָהן לופט און אָהן ליכט... אפשר וועט מען דיך בעשיצען פון דער בייזער קאַץ... וואָס דורשט דיך אזוי צו פערשטיקען.. אָבער בלויז דאפיר אז דוא זאָלסט דאָ אין שטייגעל אוועקשטארבען מיט אַ לאַנגזאמען טוידט....

„נעהם דאָס קינד אויף דיא הענד“, זאָגט צו מיר מיין פרוי און איך נעהם צו זיך מיין זיסע בייבעלע.

דבורה׳ניו, מיין טהייערע, אַ שוואכע, קראנקע קינד נעבאַך... דאַר, בלאַס, הויט און ביינדלאַך... געהט אוים וויא אַ ברענענדע ליכטעל... אוי, וויא מיין הערץ טהוט מיר וועה.

דיא מאַמע זאָגט „עס מאכט ציינדלאך“.

מיר דאַכט זיך אָבער, מיין קינד, אז דיר פעהלט דאָסזעלבע וואָס עס פעהלט דער וויינענדער פייגעלע און דעם יונגען בלום, וועלכער האָט ארויסגעשפּראָצט אַט דאָ לעבען דעם פערפוילטען מאטראַץ.

דאָרטען אויף יענעם פרייען פּלאַטץ... וואָלסט דו ווערען דיק און געזונד. דיינע בעקלאַך וואָלטען ווערען פול און רויט... וואָלסט בליהען און פרעהליך לאכען מיט אַ זילבענעם געלעכטער.

אוי, מיין קינד, מיין קינד, איך קען אָבער דיר ניט העלפען... דיין טאטע איז גרעב... מוזט פוילען אַט דאָ לעבען מיר אין דיעזען לעבעדיגען קבר, ווייט פון לופט און פון ליכט...

דער בלום וועט דאָ פערדארט ווערען.
דיא פייגעלע וועט דאָ אויסגעהן.
און מיין קינד?
אוי, איך האָט מורא צו טראַכטען.
אָבער ווער?
ווער האָט דאָ פערזועט דעם בלום?
ווער האָט דאָ פערשפּאַרט דיא פויגעל?
ווער רויבט אוועק פון מיין קינד דיא לופט און דיא ליכט, דיעזע צוויי פרייע מתנות פון דער נאַטור? ווער?

דער נאכט שליסעל.

(א פאמיליען - בילד).

אין א ווינטערדיגען אבענד, נאך סאפער, האט מיסטער ראדסאן געזאגט צו זיין פרוי:

— ענני, איך רעכען דאך היינט געהן אין טהעאטער.

געוואלט האט ער דאס זאגען דער וויב גלייך וויא ער איז געקומען פון דער אר־בייט, נור ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז זיין בשורה וועט גאר ניט שמעקען זיין חנה'ן, און ער האט אלץ ניט געהאט קיין מוטה צו זאגען איהר דאס ביז עס איז שוין געקומען דיא לעצטע מינוט.

חנה האט געשוויגען. נור פון איהר פנים האט זיך אפגעטאהן דער פריער, פריי־ליכער געמיטה.

חנה האט א דריי־מאנאטליכעס קינד, און וועגען געהן צוזאמען מיט איהר מאן קען גאר קיין רייד ניט זיין; מוז זיא בלייבען אין דער היים אליין און דאס האט דיא יונגע פרוי זעהר און זעהר ניט ליעב.

לאנגווייליג און אונמעטהיג איז איהר! אפ־טאון צווישען קריסטליכע שכנים וואוינען דיא ראדסאן'ס, אוירישע אנטיסעמיטען, און זיא האט ניט מיט וועמען א ווארט אויסצורריידען.

וואלט זיא כאטש אריינגעקוקט אין א פענסטער און זעהען וויא ליים לעבען, וואוינען זיי צו דיא בעק און אלץ וואס זיא קען זעהען איז א וואנד פון א הויכער סטייבעל.

און דיא ווינטערדיגע נאכט איז אזוי לאנג.

שלאפען קען זיא ניט.

דיא מיסעס ראדסאן איז א פרוי, וועלכע האט אפילו ניט פיינט א שלאף צו טאהן, אבער ווען איז דאס גערעדט געווארען? ווען איהר מאן איז צו הויז.

ווען נאך סאפער זעצט זיך אוועק ראדסאן ביי א צייטונג דאן קען זיא זיך רוהיג אוועקלייגען אין בעט און א דרעמיל טאהן אין „דיא קליידער“ פיינע עטליכע שטונדען, און נאכהער ווען ראדסאן וועקט זיא אויף אום צו געהן שלאפען, בעט זיא אוים דיא בעט, טהוט זיך אויס און לייגט זיך שלאפען און שלאפט איין אזוי וויא זיא וואלט א יאהר ניט געשלאפען. אבער דאס קען נור געבען, ווען ער, ראדסאן, איז דא לעבען איהר.

שלאפען קען זיא ניט ווען ער איז ניטא!

ליעב האט זיא איהם, דיא ארעמע, שמערצליך ליעב!

געהט ער אוועק נעהמט ער צו מיט זיך דיא נשמה איהרע, און זיא מעג זיין מיעד ביז טויט, קען זיא שוין מיט אן אויג ניט צו מאכען.

ראַדסאַן האָט מיט גלאַנציגע אויגען געקוקט אויף זיין ווייב, ווארטענדיג אויף איהר ענטפער.

זיא שווייגט.

— ערלויבסטו מיר? — פרעגט ער און שמייכעלט עפּעס אזוי נאַריש.

חנה וויים, אַז ווען זיא וועט ניט ערלויבען וועט זיא נור מאַכען זיך צום געלעכ־טער, ער וועט עפענען אַ מויל, עס וועט פארקומען אַ סצענע, און ער וועט דאָך געהן און דעריבער ענטפערט זיא:

— טהו וויא דוא ווילסט.

און אויסרעדענדיג דיא פּאָאר ווערטער, פיהלט זיא וויא אַ שאַרפער וועהטאָג דרינגט דורך איהר הארץ דורך און דורך.

— עס איז זעהר אַ אינטערעסאַנטע פּליי, — זאגט ראַדסאַן מיט אַזאַ טאָן עפּעס אזוי וויא ער וואלט זיך מיט דעם פערענטפערט.

— ווען וועסטו זיין צוריק? — פרעגט חנה.

— אַ זייגער צוועלף — ענטפערט ראַדסאַן.

אייגענטליך וויים ראַדסאַן אַז ער וועט בעפאַר איינס דעם זייגער אַהיים ניט קומען, נור ער זאגט אַ פריהעריגע שטונדע אום צו פערלינדערען דיא ווייבס שמערצען.

— זעה, זעה, — זאגט חנה — צוועלף דעם זייגער זאלסטו זיין אין דער היים, ראַדסאַן! און אין איהרע אויגען צייגט זיך אַ פונק.

— נו, געוויס, — זאגט ראַדסאַן אזוי ערנסט.

ראַדסאַן האָט זיך גענומען איבערטאָהן, און חנה האָט איהם געהאָלפען. נאָכהער האָט ער גענומען דעם נאַכט־שליעסעל, אַ קוש געגעבען דיא שלאָפענדיגע בייבי, אַ קוש געגעבען דיא פרוי און איז ארוים פון הויז.

חנה האָט זיך גלייך אין בעט ארייגגעווארפען און גענומען ווארטען אויף צוועלף דעם זייגער.

לאַנגזאַם, מערדערליך לאַנגזאַם האָט זיך געצויגען דיא צייט אין איהרע אויגען.

ווען עס האָט געשלאָגען צעהן דער זייגער איז זיא אויפגעשטאַנען, אויסגעבעט דיא בעט, אזוי וויא איממער, אויסגעטאָהן זיך און געלייגט זיך ניט שלאָפען נור ווייטער ווארטען אויף צוועלף דעם זייגער.

דיא ערוואַרטעטע שטונדע איז ענדליך געקומען.

חנה ווארט. הערט זיך צו אויב איהר מאַן קומט.

ניטאָ! עס הערט זיך ניט!

עס שלאָגט האַלב נאָך צוועלף... איינס... חנה ווערט אונגעדולדיג. עס הויבט איהר פון בעט.

אַך, וואס פאר אַ ביטערע געדאַנקען עס האָבען זיא פעסט ארומגעכאַפּט.

אָט דאַכט זיך איהר, ראַדסאַן זיצט אין טהעאטער, לעבען וועמען? לעבען דער מיסס גראַן... אָדער לעבען דער מיסס בלאַך... אָדער לעבען דער מיסים גוד. אויף דער לעצטער שטעלט זיא זיך אָפּ, ווייל צו דער מיסעס גוד איז זיא אייפערזיכטיג מעהר איידער צו אַלעמען.

די מיסעס גוד איז אַ פערהייראַטהע פרוי פון עטליכע און דרייסיג יאָהר, אַ רויטע, אַ ברייטע, מיט געשאַרענע האָאר און מיט אַ דיקען פליישיגען פנים און איז ראַד־סאַן׳ס אַ נאָהענטע בעקאַנטע.

און עס דאכט זיך חנה'ן, אז איהר מאַן זיצט אין טהעאַטער לעבען אַט דער דיקער פרוי, און אַט זיינען זיי ביידע אַוועק... געהען געאַרעמט, דריקען זיך איינער צו דעם צווייטען און ריידען און לאַכען.

און אַט דאכט זיך חנה'ן, אז זיי זיינען אריין אין א הויז... זי פערברייענגן דאר־טען ביידע זעהר לוסטיג... זעהר פריי !...

אַך, וואס פאר א שרעקליכע געדאנקען... עס הויבט זיך ביי דער אַרעמער פרוי דער מוח... עס שלאַגט האַלב נאַך איינס... זיא שפּרינגט ארויס פון בעט.

איהר פּנים ברענט... איהרע אויגען פינקלען... ניטאַ... מען הערט איהם ניט...

— וואָס פאר א תירוץ וועט ער דאס מיר יעצט זאגען דער... דער... דער...

א שרעקליכער גראַבער ווארט איז אַרויס פון איהרע ליפּען און דיא פרוי האָט זיך צולאכט מיט א העסליכען, פערצווייפעלטען געלעכטער.

עס שלאַגט צוויי... ניטאַ דער מאַן !

אויף א ווײלע ווערט זיא אַנרוהיג פאר דעם שיקזאל פון איהר מאַן, נור באלד בעהערשט זיא צוריק דער שמערצליכער געפיהל פון אייפערזוכט, אין איהר פאנטאַ־זיע פאנגען אָן צו שילדערן זיך אויפרעגענדע בילדער... זיא פיהלט, זיא ווערט משוגע !...

א געפיהל פון נקמה כאַפּט זיא ארום, ווען ער זאל יעצט אריינקומען... צוריסען וואלט זיא איהם אויף שטיקער !

עס שלאַגט האלב נאַך צוויי... דריי... ניטאַ איהר מאַן !

און דאָך, ווען זיא וואָלט וויסען וואו ראַדסאָן איז !

* * *

אויף שפּילקעס זיצט ראדסאן אין טהעאַטער. דיא פּליי געפעהלט איהם ניט... עס עקעלט איהם, עס ווילט זיך איינפאַך ברעכען... פערפיהרט האָבען איהם היינטי־גען מאָהל דיא שרעקליכע פאוסטערס, דיא בעצאָהלטע געמיינע שבחים פון דיא צייַ־טונגען... עס פערדריסט איהם וואס ער איז געגאַנגען... עס פערדריסט איהם אויף דיא פערספּענדעטע עטליכע פענעס... עס פערדריסט איהם, וואס ער האָט געלאָזען דיא פרוי אליין... וואס ער האָט גאַנץ אומזיסט פערשאַפט איהר שמערצען.

עס שטעלט זיך איהם פאר, אז יעצט וואָלט ער זיך געלעגען און געשלאָפען אין א רוהיגען גוטען געמיטה, און עס פערדריסט איהם גאַנץ ערנסט וואס ער איז געלאָ־פען היינט אין טהעאַטער.

ניט דערוואַרטענדיג דעם סוף פון דעם פערטען אַקט, איז ער אַן ענטטוישטער אַוועקגעפאָהרען אַהיים.

ער איז געקומען אַהיים, וויל ער אָפשליסען דיא טיהר פון האָל און נעהמט זוכען דעם שליסעל... ניטאָ !

נעהמט ער זוכען אין אלע פאַקעטס, ניטאַ !

א סקרוף געהט איהם אריבער איבערן גאַנצען לייב.

— וואס טהוט מען ? — האָט ער א בראַך געטאָהן מיט דיא הענד און איז גע־בליעבען שטעהן א פערצווייפעלטער.

דיא נאַכט איז א ווינטערדיגע. עס איז א פיינער פרעסטיל. ראַדסאָנען ווערט קאַלט און עס ווילט זיך עסען אויך...

— וואס טהוט מען ?

ער ווארט. אפשר וועט אימיצער אריין אָדער ארויס... קיינער ניט. דיא טהיר איז פערהאַקט און שריי חי וקים !

און דאָ דערמאָנט ער זיך אז זיין חנה ווארט אויף איהם, און זיא וועט נאָך געוויס ניט גלויבען זיין אָפּקומענעש, און עס ווערט איהם נאָך מעהר פערדראָסיג. דער פראָסט דערנעהמט דיא ביינער!

נעהמט ער ארומטאַנצען איבערן סייד־וואָק, טאַפּעט מיט דיא פיס, פייפט, עטליכע מאָל האָט ער געפּרואווט אויסשרייען מיט א בענומענעם קול:

— אננא! חנה! ענני!

אין קול ואין עונה! כאָטש לייג זיך און ווער דערפראָהרען.

עס נעהמט קלאַפּען א צאָהן אָן א צאָהן...

— ע־נ־נ־י!!!! — שרייט ער משונה'דיג הויך.

ער ווארט אויף אַן ענטפער, ניטאָ!

— איהר איז ווארעם, שלאָפט זיא וויא א געהרג'עטע — מורמעלט ראדסאָן מיט כעס, מיט גיפט, און קלאַפּט מיט דיא צייהנער, און ער ווייס ניט אז זיין ענני שלאָפט ניט, אז עס קלאַפּט איהר יעצט אין דיזער מינוט אויך א צאָהן אָן א צאָהן נור ניט פון קעלט נור פון היץ, פון אויפרעגונג און פון אונגליק.

אוי, וויא קאַלט!

—ענני!!!

ניטאָ קיין ענטפער!

—אפשר הערט זיא מיינע געשרייען — טראַכט ער — און זיא וויל מיט א כיון ניט עפענען; און ראדסאָן ווערט ווילד און ער פיהלט אז ער וואָלט צורייסען אויף שטיקער זיין פרוי...

וויא א פערסם'טער לויפט ראדסאָן ארום הין און צוריק איבערן סייד־וואָק... עס ווארפט איהם א צאָהן אָן א צאָהן און ער רייסט דיא האָאר פון קאָפּ פאַר צרות.

ראדסאָן זוכט ווייטער דעם נאַכט־שליסעל, ער ווייס, אז ער האָט איהם דאָך גענומען מיט זיך... ער זוכט אין אַלע קעשענעס... ניטאָ!

— וואו האָב איך איהם געקענט פערלירען? — טראַכט ער ביי זיך און בייסט פאר כעס דיא ליפּען ביז בלוט...

— הא, וואָס איז דאָס!... דער שליסעל ... דער שליסעל איז דאָ! אין פאַקעט איז א ריסס, און ער האָט זיך אריינגעגראָבען אינעווייניג אין דעם אונטערשלאַק. און ליגט זיך דאָרטען.

ראָדסאָן שלעפּט ארוים דעם שליסעל און פּרובירט עפענען דיא טיהר, קען ער ניט... דיא פינגער בייגען זיך ניט; אָפּגעפראָרען זיינען זיי. ער נעהמט דיא הענד צום מויל און ווארעמט מיט'ן אָטהעם דיא פינגער.

ענדליך שליסט ער אָפּ דיא טיהר... לויפט אַפּסטערז... און אָט איז ער ביי זיך אין צימער.

ווארעם... ליכטיג... אוי, וואָס פאר א פערגעניגען.

אָבער באַלד קומט ארוים פון בעדרום... זיא... ער זעהט א שרעקליכען שטורעם אויף איהר פּנים.

— צוועלף דער זייגער — מאַכט זיא גאָר געלאַסען...

— איך האָב ניט געקענט אריין — ענטפערט ראדסאָן.

— האָסט דאָך א שליסעל געהאַט...

— איך האָב... געוועזן פערלאָרען — זאָגט ראדסאָן — און זיינע ווערטער ציטערן איינפאַך פון קעלט...

זיא טהוט אויף איהם אַ וואָרף אַ בליק פול מיט פעראַכטונג.

— ביסט אַ געמיינער ליגנער!!

— ביסט אַ נאַרר.

— אמת... איך בין אַ נאַרר — זאָגט זיא פיעלבעדייטענד — און ווערט בלאַסס.

— זעהסט דען ניט אַז איך בין אַ דערפראָרענער?

— געוויס......... דאָרטען מיט דער דיקער.

— האַלט דאָס מויל! — שפּרינגט אויף ראדסאָן...

— לומפּ!

— אידיאָט!!

און דיא סצענע פון דעם הייליגען פאַמיליען לעבען האָט זיך אוועקגעצויגען ביז'ן גרויסען טאָג אריין.

הונד און קאטץ.

(א פאמיליען - בילד).

א יונגע פּאָאר פאלק זיינען דיא פרידמאַן׳ס, אין גאנצען זעקס יאהר נאָך דער התונה. אָבער פאר דיא עטליכע יאהר האָבען זיי שוין איינער דעם צווייטען דערעסען וויא א ביטערע ציבעלע.

אין א ווינטערדיגען לאנגען אבענד קען מען דאס זעהר דייטליך ארויסזעהען. דייטליכער איידער צו יעדער אנדער צייט.

בייטאָג איז פריעדמאַן אין שאפּ און חנה׳קע זיין פרוי איז אין הויז — קען מען דאָס ניט בעמערקען.

אין א זוממער אבענד געפינט מען זיך דאס רוב דרויסען, צווישען מענשען, צווישען שכנים, און דאָס קען מען ניט איינזעהען.

זונטאָג געהט מען צו געסט, אָדער עס קומען געסט, און דאָס קען זיך ניט פיהלען.

אָבער א ווינטער אבענד! אָך, דיא לאנגע, לאנגע ווינטער אבענדס, משוגע מאַכען זיי!

אין א לאנגען ווינטער אבענד, ווען דיא פרידמאַן׳ס בלייבען צו הויז און עס קומט אוים מאַן און ווייב געשמאקע עטליכע שטונדען זיצען צוזאממען אויג אויף אויג, דאן פיהלט זיך זעהר דייטליך דער גליקליכער פאמיליען־לעבען.

א קינד האָבען זיי, א צוויי יאָהריגע בייבעלע, און בלויז דיא קינד פערהיט דיא עלטערען, אז זיי זאלען ניט משוגע ווערען פון לאנגווייליגקייט, פון טאשנאָטע.

אָט קומט דער ווינטער אבענד.

זעקס דעם זייגער איז שוין פרידמאַן געקומען פון דער ארבייט, און ביז זיעבען דעם זייגער האָט מען אָפּגעגעסען סאפּער, אָפּגעטרונקען דעם נאָך־סאַפּער טהעע, חנה האָט איינגעוויקט דיא בייבי. פארטיג! און מאַן און ווייב האָבען מעהר ניט וואָס צו טאָהן...

לייגען זיך שלאָפען איז נאָך צו פריה, עס ווילט זיך ניט, און עס איז ניט שעהן פאר שכנים.

ריידען?!

וואס זאל מען ריידען?

ניטאָ וואס!

חנה ווייס אז פרידמאַן האָט א טאָג אין שאפּ געארבייט און האָט שריופלעך געמאַכט. פרידמאַן ווייס, אז חנה האָט א טאָג געשייערט, געוואשען און געקעכילט. וואס זאלען זיי איינער דעם צווייטען דערציילען?

חנה זעהט אז פרידמאַן איז היינט ניט צופרידען מיטן סאַפּיר, טראכט זיא ביי

זיך: „איך האָב דיך טיעף אין דער ערד". פרידמאַן פערשטעהט וואס זיין ווייב טראַכט; ער זעהט דאס נאָך איהרע בליקען, נאָך איהר גאַנצען פּנים און ער טראַכט ביי זיך: „איך האָב דיך אויך טיעף אין דער ערד".

און גארנישט!

זיצט זיך פרידמאַן לעבען אויווען און גענעצט און חנה ראַקעט זיך אין ראַקינג טשער און גענעצט אויך; און דיא לאַנגע ווינטערדיגע נאַכט ציהט זיך מערדערליך; משוגע קען מען ווערען.

צייטענווייז ווארפען מאַן און ווייב ביינקענדע בליקען אויפן טיהר, ביידען ווילט זיך, אַז אימיצער זאָל קומען און זאָל פעריאַגען דעם שווערען אומעט.

— „וואָלט כאָטש איינער דיא טיהר געעפענט" — וויל חנה זאגען, אָבער אין דער זעלבער מינוט רייסט פרידמאַן איבער דיא שטילקייט מיט אַזא בענומענעם קול:

— וואָלט כאָטש אימיצער געקומען!

און חנה בלייבט שווייגען.

און פרידמאַן זאגט ווייטער:

— וואָלט כאָטש אַ משוגענער הונד אריינגעקוקט, מען קען אַראָפּ פון זיננען פון טאָשנאטע.

חנה פיהלט דאס זעלבע, אָבער איהר פערדריסט, ווארום איהר מאַן פיהלט זיך אַזוי „טאַשנע" אין דער צייט ווען זיא איז צו הויז, און גלייך לאָזט זיא וויסען איהר פערדרוסס:

— דער לעבען געהט דיר ניט איין — מאַכט חנה מיט פארוואורף — פינסטער און ביטער איז דיר, ווען דוא בלייבסט מיט מיר אַליין.

פרידמאַן ווייס ניט וואס צו ענטפערען, אָבער עס ווילט זיך דאָך ניט בלייבען אין חוב ביי דער ווייב און ער ענטפערט:

— חנה'קע, איך האָב דיך אין דער ערד!

חנה בלייבט אַ ווײַלע שטיל, אָבער באַלד דערפיהלט זיא אַ שטאַרקען פערלאַנג צו ער־גערן איהר מאַן און זיא פאַנגט זיך אָן מיט איהם צו רייצען.

— איך וויים פארוואס דוא זיצט אַזא בעגראַבענער, מיין גראַטענער מאַנדורע.

— פאַר וואָס? — פרעגט פרידמאַן מיט אַ בייזען שמייכעל.

— דער סאַפּער ניט געפעהלען...

חנה טרעפט, זיא דערטאַפּט אַ פרישע וואונד אין איהר מאַן'ס הארצען; זיא פערשטעהט עס און עס טהוט איהר אַ ווילדע הנאה.

פרידמאַן בעמערקט איהר הנאה, און עס כאַפּט איהם אָן אַ ווילדער כעס.

— דוא שטאַלצירסט נאָך „פאַנאַבעריע" מיינע! — שרייט ער אויס מיט גיפט — זיא רייצט זיך נאָך דיא... דיא....

— איך קערר פאַר דיר ניט — ענטפערט חנה מיט ניצחון.

— און איך פאַר דיר אויך ניט — זאגט פרידמאַן — דיא קאַץ שפּיעלט ביי מיר אַ גרעסערע ראָללע פון דיר.

— איך וויים, אַז דוא האָסט אַ הינטעשען צונג — בעליידיגט זיך פּלוצלונג חנה אויף איהר מאַן.

— שווייג, קאַץ! — שרייט שוין פרידמאַן. און ציטערט פאַר כעס.

— ווער רעדט מיט דיר? — שפּרינגט אויף חנה.

און דער „הונד" און דיא „קאַץ" פאַנגען זיך אָן ארומצורייסען טאַקע ניט מעהר וויא פון אומעט, פון טאַשנאַטע... ביז עס כאַפּט זיא אויף דיא בייבי.

דיא מוטער נעהמט דאס קינד אויף דיא הענד.
דאס קינד הייסט: מירעלע.
וויא שעהן דאס קינד איז, א מלאך׳ל!
דיא אויגעלעך פינקלען. דיא בעקעלעך ברענען און עס שמייכעלט אזוי זיס, אזוי ערקוויקענד...
— מירעלע, קינד מיינע! — קושט און האלזט דיא מוטער איהר קינד.
— מירוניו, טאָכטער — טהוט זיך אויך פרידמאַן א ווארף צו זיין קינד.
און מירעלע נעהמט ארום ביידען דעם „פאפא“ און דיא „מאמא“ און פערגיסט זיך מיט א זילבערנעם, פריילינבען געלעכטער.
און עס איז אוים „קאץ“ און אוים „הונד“, אוים מאַן און אוים ווייב, עס איז פאָטער און מוטער... און ביידע נעהמען שפּיעלען מיט דער בייבי און אין הויז ווערט פלוצלונג פריילעך.
אוים אומעט, אוים טאַשנאטא!
ליעבע רוהט אין הויז, עס שיינט אין יעדען ווינקעלע איהר הייליגער פנים.
אָט צייגט דיא בייבי אַז מען זאל אוועקלייגען אויפן פלאר א קאלדרעטשקע.
פרידמאַן פאלגט דאס קינד און לייגט אוועק א בליינקעט אויפן פלאָאר.
בעט דאס קינד א בלעכערנע שיסעל און לעפעל, גלייך גיט מען דאס איהר. זעצט זיך אוועק מירעלע אויף דעם בליינקעט און לאדעט איין דעם פאטער און מוטער צו טאָהן דאס זעלבע.
פרידמאַן און חנה האָבען זיך געזעצט לעבען זייער בייבי אויפן פלאָאר.
האָט דאס קינד גענומען א לעפעל און אויך געצייגט אז פאפא און מאמע זאלען טאָהן דאס זעלבע.
מירעלע האָט א „קאָמאַנדע“ געגעבען און אלע דריי האָבען גענומען גוואַלדעווען מיט דיא לעפעל איבער דער בלעכערנער שיסעל.
וויא פריילעך עס איז אין צימער!
עס קוועלט דיא בייבי, עס לאכט דער פאטער, עס לאכט דיא גליקליכע מוטער!
און בייבי טהוט אויף עפּעס ווייטער.
זיא הייסט, מען זאל סטאפּען דעם קלאפּען. סטאפּט מען.
נאכהער צייגט מירעלע, אז דיא מאמע זאל מאכען וויא א „פּוססי“, און חנה הויבט אָן „מיאוקען“ וויא א קאץ.
הייסט מירעלע אז דער טאטע זאל מאכען „וואו - וואו“ וויא א „טשוטשע“, און פרידמאַן לאָזט זיך ניט בעטען לאנג און מאכט נאָך דעם בילען פון א הינטעל.
און מירעלע קוקט אויף דעם „הונד“ און אויף דער „קאץ“, פערגיסט זיך מיט א גליקליכען געלעכטער און עס לאכען מיט דער פאָטער און דיא מוטער.
א פריילינבער ספּעקטאַקעל.
— זעה נור, חנה—מאכט פרידמאַן—מען לעשט שוין אוים דיא גאז אין האָלל.
— ניט שוין זשע איז דאָס אזוי שפּעט?—וואונדערט זיך חנה.

דיא שטילע פאָר-פאָלק.

זיין נאָמען איז מאיר ברייני׳ן, זיין פרוי׳ס נאָמען איז גרונע, און מיט דיעזע נעמען רופט מען זיי בלויז, ווען מען רעדט צו זיי פערזענליך, אָבער אַזוי קען מען זיי אונטער דעם נאָמען: „דיא שטילע רוהיגע פּאָאַר פאָלק“.

זיי זיינען בלויז מאַן און ווייב, קיין קינדער האָבען זיי ניט און אַ שטילען רוהיגען לעבען פיהרען זיי דאָרום, ווייל זייט זיי האָבען געהייראַטה, אַ צייט ביינאַהע פון אַכט יאָהר, זיינען זיי נאָך איין איינציגע מינוט צוזאַמען אין זייער היים ניט געווען ניט רעכענדיג נאַטירליך דיא עטליכע שטונדען אין מעת לעת ווען זיי שלאָפען צוזאַמען. אויב זיי פערהאַלטען זיך דאַן שטיל און רוהיג, ווייס איין גאָט!

אָבער דיא ארומיגע שכנים זיינען זיי דאָך מקנא און מען רופט זיי „דיא שטילע רוהיגע פּאָר פאָלק“ הויפּטזעכליך איז דער לענדלאָרד פון דיא הויז און אויך דער הויזקיפּער פון זיי איינפאַך ענטציקט.

מיט אַכט יאָהר צוריק, ווען מאיר האָט חתונה געהאַט אָט מיט דער זעלבער גרונען, האָבען זייערע פריינד און פערוואַנדטע טרויעריג געשאָקעלט מיט דיא קעפּ און שטילערהייט צווישען זיך נביאות פאָרגעזאָגט וועגען דער נייער פּאָר פאָלק, און האָט מען דען עטוואָס גוטעס געקענט ערוואַרטען?

מאיר איז געווען אַ „סלאַיער“ אַרבייטער און האָט זיין אייגענעם זינדיגען נפש ניט געקענט ערנערען, און גרונע? אויף גרונען האָט מען זיך אויך געקענט ווייניג פערלאַזען. זיא איז געווען אַ מיידעל, וועלכע האָט שוין 10 לאַנגע יאָהרען אָפּגעאַרבייט ביי דער נעה־מאַשין, זיא האָט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אָנגעלעבט גרויסע אינערליכע וועהטאָגען, און ווייטער אַרבייטען האָט מען פון איהר ערוואַרטען אין קיין פאַל ניט געקענט — אַלזאָ האָט מען וועגען זיי אונטערגערעדט אַז דאָס געהען צוויי מתים טאַנצען.

אָבער אין אמעריקא ווערט קיינער ניט פערפאַלען, הורריי פאַר קאָלאָמבוס׳ען!

גרונע האָט פאַר איהר 10 יאָהר אַרבייטען אין דיא צייהנער ניט געקוקט און האָט בסדר געלייגט געלד אין דיא בייַנק און זיא האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַזוי גוט וויא הונדערט און פיער און פערציג דאָלאַר אין געזונדע קלינגער, אַ שוואַרצע זיידענע קלייד און אַ קליינעם גאָלדענעם רינג און חפצים.

מיט דיעזען פערמעגען איז גרונע צו דער חופּה געגאַנגען; מאיר פון זיין זייט האָט גאָרנישט געהאַט, בלויז אַ הילצערנעם קאַסטען, אַ פּאָאַר אויבער העמדער, אַ זיידענעם האַלז־טוך און אַ נייעם „סוט“ — דאָס אַלעס!

דיא פיער און פערציג דאָלאַר האָט גרונע פערברויכט אויף חתונה־הוצאות און אויף אַ ביסעל פערלעבען זיך, און פאַר דעם הונדערטער האָט זיא שוין מיט מאיר׳ן צוזאַממען, ווייל דיא געלד האָט שוין צו איהם בעלאַנגט אַזוי גוט וויא צו איהר, געקויפט אַ ביזנעס אין ניו־יאָרק.

אָט דיעזע ביזנעס האַלטען זיי נאָך עד היום און מאַכען אַ רוהיגען, שטילען לעבען אַזוי אַז גאָט און לייט זיינען זיי מקנא.

דיא ביזנעס איז א קליינער סטענדעל אויף א קארנער לעבען א סאלון אונטער א „אהנינג“. אויף דעם סטענדעל ווערט פערקויפט קענדי, טאבאק, א ביסעל סטיישיא־נערי, סאדא וואסער, סטעמפס, פאסטעל־קארדס און ציימונגען.

פערנומען ביים סטענד מוזען זיין צוויי מענשען: איינער פון פינף אוהר פריה־מארגענס ביז צוועלף אוהר אין דער נאכט אריין, און א צווייטער, אזוי־בלויז צום איבערבייטען עטליכע שטונדען אין טאג.

זומער, מחמת דיא סאדא וואסער, טראגט דער סטענד אריין פיינע געלד, ווינטער זיינען דיא געשעפטען אביסעל שטילער, נור דורכשניטליך מאכט מאיר בריינגען פון זיין סטענד ביי זיעבען דאלער דיא וואך.

און מאיר מיט זיין ווייב מאכען זיך א פיינעם, אנשטענדיגען לעבען!

אין דער פריה, צעהן מינוט צו פינף פינקטליך, שטעהט אויף מאיר. פינף מינוטען פערנעהמט ביי איהם דער אנטאהן זיך און פינף מינוטען דער גאנג ביז׳ן סטענד, און פונקט פינף דעם זייגער איז דער מאן אויפ׳ן פלאטץ.

דער סטענד האט נאך אויך א שטיקעל אויסערליכען טרייד, ד. ה., מאיר האט פונאנדערצוטראגען ציימונגען אין דער פריה און פארנאכט צו קאסטימער איבער דיא הייזער, און אט דא קומט שוין גרונע צוניץ.

זעקס אוהר קומט גרונע צום סטענד און מאיר געהט גלייך אוועק מיט דיא ציימונגען, זיעבען אוהר קומט ער צוריק און גרונע געהט גלייך אהיים אוועק, מאכט קאפע, מאכט עפעס צום עסען, געהט אוועק צום סטענד און דער מאן איהרער געהט גלייך אהיים.

דער קערל עסט אב, טרינקט אב און לייגט זיך צו אויף א האלבע שעה, ניין אוהר איז ער צוריק ביים סטענד און גרונע געהט אהיים.

צוועלף אוהר ערשיינט גרונע ווייטער ביים סטענד, דאס קומט זיא מאיר׳ן רופען עסען דינער, און מאיר געהט גלייך אהיים אוועק. ער עסט אב וואס גאט האט געגעבען און וואס דיא ווייב האט פערפערטיגט, כאפט א לייכטען דרעמיל, אזוי ביי צעהן, פופצעהן מינוטען, און נאהענט פון איינעם איז ער שוין צוריק ביים געשעפט, און גרונע געהט אהיים.

דיא ווייבעל עסט אב דינער און נעהמט זיך פאר איהרע ווייבערשע הויזיגע מלאכות. א זייגער פיער קומט זיא ווייטער צום סטענד און מאיר לויפט גלייך אוועק איילענדיג, צוטראגען זיינע ציימונגען. פינף אוהר איז ער אויפ׳ן פלאטץ און גרונע לויפט אוועק מאכען סאפער.

א זייגער זיעבען קומט גרונע צום סטענד און מאיר לויפט אוועק עסען סאפער. ער עסט אב, רוהט זיך אוים עטליכע מינוטען און געהט אוועק צום סטענד און גרונע געהט אהיים. פערבלייבען א וויילע ביים סטענד צוזאמען איז ניטא וואו און ניטא צו וואס, דער קארנער איז א ביזי קארנער, דער סטענדיל איז א קליינער, און פאר צוויי מענשען איז קיין פלאטץ ניטא, און צו וואס זאלען זיי ביידע דארטען זיין?

צוועלף דעם זייגער אין דער נאכט פארמאכט מאיר דעם סטענד און געהט אוועק אהיים. ווען ער האט א גוטען טאג, דאס הייסט ווען עס לייזט זיך גוט, געהט ער אריין אין הויז מיט גאנץ שטילע טריט, צינדט ניט אן קיין פייער, געהט אריין אין בעד רום, טהוט זיך אוים שטילערהייט און לייגט זיך שלאפען לעבען זיין פרוי.

ווען ער האט א שלעכטען טאג, דאס הייסט ווען ער לייזט שלעכט, געהט ער אריין אין צימער מיט שטארקע טריט און מורמעלט עפעס בייז אונטערן נאז.

גרונע האַפּט זיך אויף. זיא ווייס שוין דעם סימן און זיא הויבט אָן זיפצען, זיי בייטען זיך דורך א פּאָאר ווערטער, ריידען לאַנג איז ניטאָ קיין צייט, און מאיר לייגט זיך שלאָפען.

אזוי געהט עס זייער לעבען. קיין קינדער האָבען זיי ניט און דאָס איז פאר זיי א גרויסער גליק, אַ קינד וואָלט אַוועקגענומען גרונען פון דעם ביזנעס, מאיר וואָלט מוזען דינגען אַ בעהעלפער און ער וואָלט דאַרפען קאַיען דיא ערד, וואָרום דער כטענד טראָגט בלויז צו מאַכען א לעבען און צאָהלען דעם העלפער וואָלט ניט זיין פון וואַנען.

קיין געלד שפּאָרען זיי ניט, אָבער אַ רוהיגען לעבען מאַכען זיי, און אַזוי געהט עס שוין פון אכט יאָהרען אָן: קיין שום איבערבייט, סיי ווינטער, סיי זוממער, סיי אין מיטען דער וואָך, סיי זונטאָג, אימער איינס און דאָס זעלבע: גרונע אהיים, מאיר צום סטענד; מאיר א היים און גרונע צום סטענד.

זונטאָג קומט פאַר אין זייער לעבען אַ קליינע ענדערונג: נעמליך — מאיר און גרונע טהוען אָן ביידע ריינע וועש — דאָס אַלעס!

דיא אידישע קעניגין ליער.

זיא איז אַלט אַ יאָהר זעכציג; איהר ריכטיגער נאָמען איז הינדע. הינדע האָט דאָ אין אמעריקא דריי זיהן און אַ פערהייראטע טאָכטער.

הינדעס עלטערער זוהן הייסט שמעיה, דער צווייטער הייסט אבא, אָבער ד'א מאַמע רופט איהם אבאיע און דער אינגסטער זוהן הייסט ישעיה, אָבער רופען רופט מען איהם שאַיע; הינדעס טאָכטער הייסט חייה. שמעיה, אבאַיע, שאַיע, און חייה — אזוי הייסען הינדעס פיער געבענטשטע קינדער. דיא אַלטע מאַמען האָט אראָפּ־געבראכט אהער אין אַמעריקאַ דער אינגערער זוהן איהרער, שאַיע.

ווען שאַיע האָט אָבער אהער אריבערגעבראכט זיין מאַמען, איז ער נאָך דאַן געווען „סינגל" און זיא איז ביי איהם געווען אַ גוטער גאַסט.

שאַיע איז געשטאַנען אין באָרד ביי דער שוועסטער. ווען דיא מאַמע איז געקומען, האָט ער זיא אויך גענומען צו דער שוועסטער און האָט פאר איהר אויך געצאָהלט באָרד.

הינדעס דריי זיהן זיינען אַלע געווען פיינטערס — און האָבען זיך געמאַכט אַ לעבען. חייה'ס מאַן איז געווען אַ'ן אַגענט און קאָלעקטאָר פאר אַ פערזיכערונגס קאָמפּאַניע. ער איז געווען האַלב אינטעליגענט, האַלב מטורף'דיג און בטבע אַ גאַנ־צער ליץ, אָבער ניט דאָס בין איך אויסען.

כל זמן שאַיע האָט געצאָהלט פאר דער מאַמען באָרד, האָבען איהר אַלע קינדער גענעבען דעם גרעסטען כבוד, מען האָט זיא גאָר איינפאַך ארומגעטראָגען אויף דיא הענד. הינדעס קינדער, מוז איך אייך זאָגען, זיינען אַלע געווען כשר'ע און גאָטס פאַרכטיגע אידען, און אפילו דאָ אין דער אויסגעלאַסענער מדינה האָבען זיי ניט פערלאָרען זייער אידישקייט... עס פלעגט קומען אַ שבת אָדער יום טוב, פלעגט אַלעס ביי הינדעס קינדער פאָרקומען אויפ'ן רעכטען אידישען אופן. יעדען שבת און יעדען יום טוב פלעגען זיך דיא איבעריגע צוויי זיהן קומען צו דער מאַמען, פלעגען איהר אָפּגעבען אַ ברייטען גוט־שבת, אָדער גוט יום טוב. און דיא אַלטינקע הינדע פלעגט קלייבען נחת פון איהרע קינדערלאַך, אָבער ניט לאַנג האָט דער אַלטער הינדען איהר גוטער מזל געשפּיעלט.

גאָט האָט צוגעשיקט שאַיען זיין „בעשערטע" און הינדע האָט מיט מזל דערלעבט אַ חתונה אין אַמעריקאַ. נאָך דער חתונה איז שאַיע, נאַטירליך, געוואָרען פאר זיך בעל הבית און ער האָט גענומען דיא מאַמען צו זיך.

עס זיינען פאַראיבער עטליכע וואָכען נאָך דער חתונה, דיא יונגע ווייבעל, יהודית, האָט גענומען קרימען זיך אויף דער שוויגער און זיא האָט אוועק געשטעלט איהר מאַן שאַיען אַ „פאַר וואָס?" מיט אַ שלשלת.

— זאָג מיר, שאַיקע — פלעגט זיא ריידען צו איהר מאַן — זאָג מיר מיט וואָס ביסטו דאָס מעהר מחויב פאַר אַלעמען? עס זיינען דאָ צוויי זיהן וויא דיא שטיינער און אַ טאָכטער; וואס, זאג מיר, האָט זיא זיך צו דיר צוגעטשעפּעט? — שאַיע האָט דערזעהען אַז דער רעכענונג איז ריכטיג; ער האָט פערשטאַנען אַז זיין יהודית רעט

ניט אויסען וועג. און אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט ער אװעקגעשיקט די אַלטע מאַמען „צו גאַסט“ צו דעם ברודער שמאַיען. יהודית, פון איהר זייט, האָט געגעבען דער שוויגער אַן „אַנצוהערענעם“ אַז זיא מעג זיך „פערזאַמען“ וואָס לייִנגער.

— איהר הערט שוויגער, — האָט זיא געזאָגט — פון שמאַיען קענט איהר זיך געהן פערברייִנגען עטליכע וואָכען צו אַבאַיען און פון אַבאַיען צו חייה׳ן. איהר דאַרפט זיך גאָר ניט היילען.

די אַלטינקע הינדע האָט פערשטאַנען, אַז מיט איהר איז דאָ ניט פריילעך...

— אַ גוטען טאָג, קינדערלעך — האָט זיא געזאָגט, פערלאָזענדיג שאַיעס הויז — זייט זיך דאָ געזונד. דאָס האַרץ האָט אָבער דער אָרעמער אַלטשינקער פערקלעמט, און איהרע צו־וויטאָגטע, האַלב פערלאָשענע אויגען האָבען זיך בעגאָ־סען מיט טרעהרען.

שמאַיע האָט גאָר ניט פערדעכטיגט, נאָך וואָס זיין מאַמע איז דאָס צו איהם געקומען און ער האָט אָנפאַנגס זיא מקבל געוועזן מיט גרוים אהבה און שמחה.

ווען עס איז אָבער געקומען נאַכט, און שמאַיע האָט עפּעס דערזעהען, אַז די מאַמע דענקט הפנים בלייבען נעכטיגען, — איז איהם די מעשה אריין אין נאָז.

— מאַמע, דוא געהסט גאָר ניט אַהיים נעכטיגען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פערשטאָרבענעם האַרצען.

— אוי, זוהן מיינער — האָט די אַלטינקע געענטפערט — וואו איז מיין היים? וואו מיינע קינדער זיינען, דאָרטען איז מיין היים. מיר איז אַלץ איינס, דוא אָדער שאַיע.ביידע מיינע קינדער, ביידע מיין אייגענע בלוט.

— אָבער... אָבער... איך... וויים ניט — האָט געשטאַמעלט שמאַיע — וואו איך זאָל דיך לייגען, עס איז אַזאַ איינגענעש ביי מיר... איך וויים ניט...

— אַ זאָרג אַ גרויסע, מיין זוהן — האָט די אַלטע מאַמע מיט אַ ציטערנדיגער שטימע גערעדט — אַ זאָרג אַ גרויסע, גיב מיר עפּעס אַ ווינקעלע און איך וועל צולייגען מיין אַלטע קאָפּ...

שמאַיע׳ס ווייבעל האָט פערביסען די ליפּען און האָט גענומען שטעלען אויף דער שוויגער אַזעלכע אויגען, אַז ביי דער לעצטער איז די נשמה אוועק אין די שפּיצען פון די פּיס. — שמאַיע האָט לאַנג ניט געדולדעט פון דער מאַמען, אויפ׳ן דריטען טאָג האָט ער זיא מְשלח געוועזן צו „אַבאַיען“.

„אַבאַיע“ איז געוועזן נאָך קליגער און האָט די מאַמען טאַקע גלייך טראנס־פּאָרטירט צו חייה׳ן. — חייה איז אַ פערשטאָרבענע געקומען צולויפען צו שאַיען. דאָרטען האָט זיא אָבער בעגעגענט יהודית׳ן און עס איז געוואָרען לעבעדיג... עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ביטערע מלחמה צווישען הינדעס קינדער: מען איז זיך געוואָרען דם שונאים און מע האָט זיך איינער דעם צווייטען צעהן מאָל אַ טאָג דעם טויט געוואונשען. אָבער ווינשט היינט — ווינשט מאָרגען, די מאַמען קען מען לעבעדיגער הייט דאָך ניט בעגראָבען. מען האָט געמוזט עפּעס טהאָן. נו, האָבען זיך די קינדער, די שניר און חייה׳ס מאַן, דער איידעם, צוזאַמענגעקליבען אויף אַזאַ מין קאָנפערענץ, אום צו זעהען מאַכען אַ סוף צו דער מאַמען.

דער „קאָנפערענץ“ איז געוועזן ווייט ניט אַ שטילער: עס האָט עטליכע מאָהל געהאַלטען ביי קלעפּ... חייה׳ס מאַן, דער לץ, האָט זיך דאָ געוויצעלט; ער האָט עס אַ נאָמען געגעבען דער פערוואָגעלטער שוויגער: „די אידישע קעניגין ליער“ און האָט דאַביי געמאַכט אַ העכסט וויציגען פאָרשלאַג, נעמליך: מען זאָל דערקאָזען אַ שליטעלע, אוועקזעצען די „קעניגין“ און שמאַיעס עלטערער זוהן זאָל די באָבען

ארומפיהרען פון איין קינד צו דעם צווייטען, און בּיי יעדען קינד זאָל דיא קעניגין עסען א מאָהלצייט.

אויפ׳ן קאָנפערענץ האָט מען געמאַכט אַ פּאָרשלאַג, אַז איינער פון דיא קינדער זאָל דיא מאַמען נעהמען צו זיך און דיא איבּעריגע זאָלען חלקים־ווייז צאָהלען איהם פאַר בּאָרד, אָבּער דער פּאָרשלאַג האָט געמוזט מיאוס דורכפאַלען, ווארום קיינער פון דיא קינדער האָט ניט געוואָלט זיין דער „נעהמער“. קורץ, נאָך אַ לאַנגע רייסענעש, און בּייסענעש, האָבּען היגדעם קינדער בּעשלאָסען צו דינגען אַ דירה דער מאַמען, און יעדערער זאָל צאָהלען זיין חלק.

דער בּעשלוס איז געווען אין גיכען אויסגעפיהרט, און דיא אַלטע הינדע האָט געמופּט אין א דירה, וועלכע דיא קינדער האָבען איהר געדונגען עפּעס בּיי זייערן אַ געבּראָכענעם לאַנדסמאַן.

עס איז אריבּער אַ גאַנץ קליינע צייט און עס האָבּען זיך ווייטער אָנגעפאַנגען צרות. עפּעס שמעיה האָט זיך איינמאָהל „פערגעסען“ בּריינגען זיין חלק געלד פאַר דער מאַמען. דעם צווייטען מאָהל האָט שוין „אבּאיע“ געמאַכט זיך אַ היתר ניט צו בּריינגען זיין חלק; שאַיע האָט נאַטירליך געטאָן דאס זעלבּע, נו, ער איז דאָך אויך אַ קינד און וועגען חיה׳ן איז דאָך ניטאָ וואס צו ריידען. עס האָבּען זיך ווייטער אָנגעפאַנגען רייסענעש צווישען דיא קינדער און מען האָט גאר אין גאַנצען געסטאָפּט צו צאָהלען פאר דער מאַמען.

דער געבּראָכענער לאַנדסמאַן בּיי וועמען הינדע איז געשטאַנען לאַזשי, האָט ניט געוואלט וויסען פון קיינע מחלוקות, און פון קיינע גליקען. ער האָט געוואָלט דיא קלינגער פאר זיין בּארד. ווען ער האָט עס אָבּער ניט בּעקומען, האָט ער לאַנג ניט געוואָרט און אין איין שיינעם פריה־מאָרגען, האָט ער געזאגט צו דער אַלטער הינדע, דאָס זיא זאָל מוחל זיין און גיין בּריינגען געלד, ווען ניט מעג זיא קריגען אַ פּלאַץ וואו צו נעכטיגען.

דיא אַלטע הינדע, דיא אידישע קעניגין ליער, איז אַרויס אויף דרויסען, ווען זיא איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָאר בּלאָק, האָט זיא זיך אַוועקגעשטעלט.....

דיא אַלטע מאַמע האָט ניט געוואוסט צו וועמען פון איהרע קינדער זיא זאָל גיין.

דער מעמבער און זיין פרוי.

מיסטער גלאָק איז אַ שריפטזעצער, פון דעם מאַכט ער זיין לעבען. אָבער דאס איז צו אונז ניט שייך...

דיא שריפטזעצער זיינען ארגאניזירט און האָבען אַ יוניאָן. גלאָק, אַלס אָרענטליכער ארבייטער, איז נאַטירליך אַ געטרייער מעמבער אין זיין יוניאָן און מיטמעט מיט איהר צוזאַמען יעדען מאָנטאג אבענד.

דיא יוניאן האָט אַן עקזעקוטיוו קאָמיטע, וועלכע פערוואלטעט איהרע געשעפטען; אויך בעלאנגט דיא יוניאן צו אַ גרויסער געוויסער קערפערשאַפט פון פערשיעדענע אַרבייטער־ארגאניזאציאנען און שיקט צו דיזער קערפערשאַפט דריי דעלעגאַטען.

דער ברודער גלאָק, אַלס פערנינפטיגער אַרבייטער, איז ערוועהלט אַלס מעמבער אין דער עקזעקוטיווע, אויך איז ער דעלעגאַט צו דער גרויסער קערפערשאַפט. דיא עקזעקוטיווע מיטעט יעדען דיענסטאג און אלס דעלעגאט איז גלאק פערנומען יעדען מיטוואָך אבענד.

גלאָק איז אַ סאציאליסט און אן ערנסטער, איבערגעבענער גענאָסע. ער איז נאַטירליך אַ מעמבער אין זיין סאציאליסטישער פּארטיי...

אין דער פּארטיי איז גלאָק פערטראטען אין צווייען. ערשטענס פערטרעט ער זיך זעלבסט און איז א מעמבער אין א געוויסער קליינער אבטהיילונג פון דער פּארטיי, אין אַ „ברענטש“ מיט אַ געוויסען נומער; און צווייטענס רעפּרעזענטירט ער זיין „ברענטש“ ביי דעם „סענטראל קאָמיטע“ וועלכע איז ארגאניזירט פון דעלעגאַטען פון דיא פערשיעדענע סאציאליסטישע אָרגאניזירטע ברענטשעס.

גלאָק מיטעט יעדען דאָנערשטאָג אבענד מיט זיין „ברענטש“ און יעדען פרייטאָג מיטמעט ער מיט דעם „סענטראל קאָמיטע“.

דיא סענטראל קאָמיטע פון איהר זייט האָט אן עקזעקוטיווע קאָמיטע, וועלכע מיטעט יעדען שבת, און גלאק איז ביזי אויך יעדען שבת אבענד.

אין איסט בראַדוויי ווערען געגעבען יעדען זאָנטאג נאָך מיטאָג, פון רחמנות וועגען, וויססענשאַפטליכע לעקטשורס, גלאָק רעכענט אַלס זיין הייליגע אויפגאַבע צו אַטטענדען דיעזע לעקטשורס, און גלייך נאָך דיננער מאַרשירט אַוועק דער ברודער גלאָק נאָך איסט בראַדוויי.

זאָנטאג נאַכט, קען מען זאָגען, איז דער איינציגער פרייער אַבענד, וועלכען גלאק האָט אין דער גאַנצער וואָך. אויף דיעזער נאַכט איז ער אָפיציעל ערגעץ ניט אַפּוינטעט און ער וויסט טאָקע ניט וויא ער זאָל דיזע נאַכט אַם בעסטען בענוטצען פאר זיך. און דיזען פרייען אבענד איז גלאָק נעבעך וויא אַ צודרייטער שעפּס און וויסט ניט וואוהין צו לויפען: דאָ איז ערגעץ וואו אַ וויכטיגע פערזאמלונג, מאַנכעס מאָהל ניט ערגעץ וואו אַ דעבאַטע, מאַנכעס מאָהל דארף מען אזוי געהן פערברייגגען צו אַ קאמעראד. ווער קען עס וויסען וואס עס מאַכט זיך? און אויף דעם האָט גלאָק בלויז

איין איינציגען אבענד.... דער ארעמער. אין דיזען אבענד לויפט ער ארום גאר אָהן א קאָפּ.

גלאָק איז א „פאמיליען־מאן.

גלאָק האָט א פרוי און דריי קליינע קינדער. גלאָק ארבייט און פערדיענט צום עקזיסטירען אין לעבען, און זיין פרוי מוז טענדען דיא הויז און דיא פאמיליע, און דאס איז דאך ניט מעהר וויא רעכט.

גלאָק'ס פרוי האָט קיין באס ניט, דאס הייסט, זיא האָט יע א באס, ווארום דעם מאן'ס באס איז אויך איהר באס, אָבער דאך פאסט קיינער אויף איהר ניט אויף, אָבער ארבייט האָט זיא, זיא האָט קיין מאָהל ניט קיין סלעק: קערען, וואשען, ריי־ניגען, הייצען, קאָכען, מאכען קאפע, מאכען ברעקפעסט, קאָכען דינער, קאָכען סאַ־פּער, וואשען געפעס, איין מאָל וואשען געשיר, א צווייטען מאָל וואשען, א דריטען מאָל, טענדען דיא קינדער, וועלכע לאזען ניט אטהעמען, וועלכע רייסען שטיקער, און אזוי דרעהט זיך ארום א טאג. פון אויוועז צום וואש־טאב, פון וואש־טאב צום סינק, פון סינק צום טיש, פון טיש צום אלמער, פון אלמער צום סינק, פון סינק צום אוי־וועז, פון אויוועז צום וואש־טאב, פון וואש־טאַב צום סינק, פון סינק צום טיש, פון טיש צום אלמער, פון אלמער צום אויוועז, פון אויוועז צום וואש־טאַב, פון וואש־טאַב צום סינק... טעלער, גאפּלען, מעסערס, כלים בלעכענע, צינענע, פּארצעלייענע, אייזערנע... חריין, ציבעלע, אייער, מעהל, פּאטייטעס, שאָלעכץ... מיסט, אשעס, בלאָטע, טיכער, טראַנטעס... אימער איינס און דאס זעלבע. פון וואש־טאב צום אוי־וועז, פון אויוועז צום טיש, פון טיש צום אלמער, פון אלמער צום סינק א. ז. וו.

נור אָט איז אבענד.

אבענד צייט ענדיגט זיך דיא ארבייט. דיא שווערע בלאָטיגע, נודנע ארבייט פון קאָכען און וואשען. דיא קינדערליך פאללען שלאָפען און דיא פרוי בלייבט אליין... איינע אַליין, ווארעם דער מאן איז דאך א מעמבער און גייט אוועק יעדען אבענד.

מאַנכעס מאָהל איז זיא אויסגעמאַטערט און פאלט אוועק צום בעט וויא א טויטע, אָבער מאנכעס מאָהל שלאָפט זיך איהר ניט! אין אזעלכע נעכט, אין דיא טרויעריגע שלאָפלאָזע נעכט, טהוט זיא אַן ארבייט עפּעס. דאס ביגעלט זיא וועש, דאָס פערריכט זיא עפּעס, דאָס נייט זיא עפּעס, מאנכעס מאָהל לעזט זיא א צייטונג... אָבער שטיל, עלענד איינע אליין... אין האָלל פערלעשט מען דיא גאז, עס ווערט שפּעט, עס ווערט שטיל, טויט שטיל... עס פאלט אָן אַן אימה, אַן אומעט, און איהר הארץ ווערט פערשטארבען... און עס ווילט זיך וויינען...

איהר פעהלט גאר ניט, אלס בעל־הבית'טע האָט זיא כל טוב, א וואנט מיט טעפּ־לעך און מיט שמאָטעס; אלס מוטער, האָט זיא דריי קינדער, און אלס פרוי פעהלט איהר אויך וויינינ... אָבער דאך גייט אויס איהר הארץ. עס רייסט זיך צו עפּעס... דאס איז וויינינ, עס ווילט זיך לעבען. עס ווילט זיך זיין א מענש גלייך מיט אלעמען. און עס קומט ארויף אויפ'ן זינגען דער גאנצער לעבען! וואָס? ווען? טעפּלעך! שמאָטעס! וואשען, רייניגען, קאָכען, שייערען, הייצען, פון טיש צום אלמער, פון אלמער צום אויוועז, פון אויוועז צום וואש־טאב, פון וואש־טאב צום סינק... אך, וויא טרויעריג... אך, וויא לעער, וויא לעבערליך! און דיא הארץ ווערט צוריסען.... און עס ווילט זיך וויינען און וויינען...

עס ציהען זיך אוועק לאנגע, לאנגע ווינטערדיגע נעכט, און אָט לעשט מען אויס דיא גאז, עס ווערט אומעטיג, שטיל, טויט שטיל, און שלאָפען שלאָפט זיך ניט... און עס איז ניטא מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען. עס ווילט זיך ריידען... לעבען.

עס ווילט זיך זיין צווישען מענשען... און דאך איז זיא עלענד. אך, וויא עלענד! און דיא הארץ געהט אויס, געהט אויס וויא א ליכט...

טעפלעך, טעלער, וואשען, רייניגען, שייערען, קאָכען... איממער איממער... פע, וויא קלעגליך, וויא אומעטיג, וויא נודנע. בלויז דאָס? ניט מעהר? און „ער“, ער לעבט, איהם איז פריילעך, ער רעדט, ער האָפט זיך, ער לעבט... ווארום? מיט וואס איז זיא ערגער?

אומעטיג, שטיל, עס קלינגט אין דיא אויערען, און עס שלאפט זיך ניט, און פינ־סטערע, ביטערע מחשבות פילען אָן דעם קאָפּ, און עס קומט ארויף א געדאנק צו מאכען פון זיך א סוף.

אומעטיג, שטיל... און עס שלאָפט זיך ניט, און דיא הארץ געהט אויס, געהט אויס, און ווערט צוריסען . . . .

. . . .

זעהר, זעהר אפט טרעפט דאס ווען א מעמבער מאכט א „פּאַינט אָף ארדער“ בעגיסט זיך זיין פרוי צו דער זעלבער צייט מיט ביטערע טרעהרען אין דער היים... לעבען דיא טעפלעך, לעבען סינק...

א מעשה מיט א'ן אָווערקאָוט.

דיעזער אָווערקאָוט האָט בעלאַנגט צו אייבי דעם שוסטער. און מיט איהם האָט פּאַסירט אַ גאַנצע געשיכטע, פּונקט, להבדיל, וויא מיט אַ לעבעדיגען וועזען. דער אָווערקאָוט איז שוין אַלט געווען תרח'ס יאָהרען. אייבי האָט איהם בעקומען אַלס ירושה פון זיין טאַטען, אונז צו לאַנגע יאָהר. דאָ אין אמעריקא איז ער שוין אויך גע־וועזן א יאָהר נײַן.

אַ בליק געבענדיג אויף דיזען אַלטינקען בגד, וואָלט יעדער איינציגער געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט, דער בעל דבר זאָל זיך געהן צו זיין רוה. יעדער לאַטע זיינע, יע־דער גוואַלד ריס, זיין אויסגעמאַטערטער אויסזעהן, — דאָס אַלעס האָט דייטליך גע־צייגט, אַז ער האָט שוין דורכגעמאַכט אַ לאַנגען, לאַנגען לעבענס־קאַמפּף. אייבי, נאַ־טירליך, ווייס דאָס אויך גאַנץ גוט. יעדעס מאָהל ווען ער טהוט נור אָן אויף זיך זיין אַלטען אָווערקאָוט, פיהלט ער זעהר גוט, אַז ער האָט דאָ צו טאָהן גיכער מיט אַן אויסגענוצטער שמאַטע איידער מיט אַ בגד. ער פיהלט עס טאַקע, אָבער צו דערזעלבער צייט פיהלט אייבי, אַז ער איז אַ פיינער אביון, אַז ער האָט ניט פאַר וואָס צו קוי־פען קיין נייעם אָווערקאָוט און ער מאַכט זיך פון דער מעשה כלא ידע.

אייבי'ס ווייב, יאַכנע זאָל לעבען, אנערקענט אויך דעם פאַקט, אַז זיא און איהר מאַן זיינען עקאָנאָמיש טויט, נור וואָס צו גאָט — איז צו גאָט, און וואָס צו לייטען — איז צו לייטען; אָט איז שוין דריי יאָהר זייט זיא איז ארויס אין אַ קאַמפּף מיט איהר מאַן און זיא האָט זיך אָפען ערקלעהרט געגען זיין אַלטען אויסגעעלטערטען אָווערקאָוט.

— געוואַלד, אייבי, — האָט יאַכנע כסדר געטענה'ט — מאַך אַ סוף פון דער טראַנטע. עס פעראומערט מיר דאָס לעבען. טהוסט דאָס אָן, — איז עס אַ סם המות; מען מיינט, אַז דו ביזט ערשט פון אַ הקדש ארויס.

איהרע רייד האָבען איהר ווענינ געהאָלפען. אייבי פלעגט בלויז אַ מאַך געבען מיטן האַנד, עפּעס אַזוי וויא איינער וואָלט געזאָגט, רייד מיט אַ אידענע, וואָס ווייס זיא? און ער פלעגט זיך טאָהן זיינס: ארויפגעשלעפּט אויף זיך דיא טראַנטע און ווייטער געטראָגען.

יאַכנע האָט אָבער ניט פערלאָרען איהר מוטה און זיא האָט פעסט בעשלאָסען אויסצופיהרען איהר קאַמפּף און געברויכען זאָגאַר געוואַלד מיטלען, ווען עס וועט זיין נויטהווענדיג.

דאָס איז געווען אַ זונטאַג, אין דעם אָנפאַנג פון זומער. אייבי מיט זיין אידענע זיינען געווען זעהר ביזי: זיי האָבען געהאַלטען אין ארויסנעהמען דעם ווינטער פון הויז.

יאַכנע האָט געהאַט צוזאַמענגעקליעבען אַ גרויסע קופּע מיסט אין קיטשען און האָט געהייסען אייבי'ן אַז ער זאָל דערמיט מאַכען עפּעס אַ טאָלק. אייבי האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפענט דאָס מויל, געשטאַנען און געקוקט אויף דיא מיסט און האָט ניט

געוואוסט וואָס מיט דעם צו טאָהן. יאכנע האָט זיך צו דער זעלבער צייט מתעסק געווען מיט עפּעס אין בעדרום.

וואָס דיינקסטו צו טאָהן מיט דיין ווינטערדיגען אָווערקאָוט? — האָט זיך דער־הערט יאכנעס קול פון בעדרום.

— מיט מיין פּאַלטאָ ? האָט אייבי איבערגעפרעגט.

— יעס, יעס.

— וואָס זאָל מען טאָהן? — האָט אייבי געענטפערט — זאָל ער היינגען; עס וועט ווען עס איז קומען נאָך א ווינטער.

יאכנע האָט ניט געענטפערט, נור וויא אייבי איז אזוי געשטאַנען לעבען דיא מיסט, האָט עפּעס א „מעלקע" געגעבען אין זיינע אויגען און א שווארצע זאַך האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין דיא מיסט.

ווען אייבי האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזעהען לעבען זיך זיין יאכנען און אין דיא מיסט — זיין אָווערקאָוט.

— פּערריקטע ! — האָט ער אויסגעשריען, — וואָס הוליעט זיך דיר אזוי ? וואָס ווארפסט דו זיך ?... ווייסט נאָך ניט אויב דו וועסט האָבען אויף א בעסערן... ווארפט זיך !

יאכנע האָט זיך אַליין דערשראָקען פאר איהר טהאַט, און זיא איז איניגע סע־קונדען געבליעבען שטעהן שטיל; באַלד איז זיא אָבער געקומען צו זיך.

— אויף מיין אחריות — האָט יאכנע געענטפערט —ער איז מעהר ניט ווערטה.

— מאַך זיך ניט נאַרעש — האָט אייבי בייז גערעדט — וואָס ביזטו אזוי געהויבען ? דערווייל זיינען נאָך דיא קינדער באָרוועס, און דו האָסט ניט אויף א קלייד.

— מיך ארט ניט, איך דארף ניט... איך קען ניט צוזעהן, וויא דו טהוסט אָן אויף זיך דיא טראַנטע; עס איז צו שרייען: „שמע ישראל !"

— וואָס ארט עס אָבער דיך ?

— וויא הייסט, וואָס ארט עס מיך ? — האָט יאכנע געענטפערט — ערשטענס זאָג מיר אקאָרשט, ווער בלענדט זיך אוים דיא אויגען צו „לאַטעווען" דיא שמאַטע, אויב ניט איך, און צווייטענס ביסטו דאָך מיין צרה. — מיינסטו אז מיין הארץ איז ניט פערגאָסען געוואָרען מיט בלוט, ווען פאָריגע וואָך מאכט צו מיר חנה דיא ביגלעריכע: „יאכנע לעבען, וואָס איז דער מעהר מיט אייער מאַן? קען ער זיך שוין גאר ניט ארויפארבייטען אויף א נייעם אויבערראָק ? עס איז דאך א חלשות א קוק צו טאָהן וויא ער גייט אום".

חנה דיא ביגלעריכע האָט אייגענטליך גאָר ניט גערעדט צו יאכנען וועגען איהר מאַן'ס אָווערקאָוט; יאכנע האָט עס געזאָגט א ליעגען. דאָס האָט זיא געטריעבען פּאָ־ליטיק מיט איהר מאַן. און דאָס האָט טאַקע געהאַט א ווירקונג.

— מען האָט זיא אין דער ערד — האָט אייבי געזאָגט מיט פערדרוס.

— יא, יא, אבי דיר פערדריסט.

— און דיא שמאַטע האָט מען אויך אין דער ערד — האָט וויטער אייבי געזאָגט מיט הארץ.

יאכנע האָט געזיפצט.

— עס וועט גאַנץ זיין — האָט זיא גענומען ריידען מיט בעגייסטערונג — מען וועט זיך אָנטאָהן א כוח; ווען דיא טראַנטע וועט ניט זיין, וועסטו זיך וויא עס איז ארויפשלאָגען אויף א נייעם בגד.

— ווער וויים ? — האָט אייבי גענומען צווייפלען.

— הער, וואס איך וועל דיר זאגען, מיין מאַן, איך ווייס ב"ה אז ביי אונזער אַ ברודער וואו מען רייסט ניט ארויס מיט געוואלד, האָט מען טאַקע ניט. ווען ניט דורך געוואלד מיינסטו, אז מיר וואָלטען פאר צוויי יאָהרען ארויסגעריסען אונזער בערעלען א „סוט'ל".

— ניין, ניין, — האָט אייבי איינגעשטימט.

— און ווען ניט דורך געוואלד, מיינסטו אז אונזער באשעלע וואָלט געהאַט איהר מאַנטעל ?

— איך ווייס, איך ווייס. — האָט אייבי געזיפצט.

— נו, און מיט געוואלד וועט מען דיר אי"ה צו ווינטער א פּאַלטאָ נעהמען.

— אָבער... אָבער מען קען איהם דאָך איבערלאָזען צום צו־דעקען זיך, האָט זיך אייבי אָנגעכאַפּט, אזוי וויא איינער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן פאר א שטרויעלע.

— אָה, הער שוין אויף — האָט אָבער יאכנע געענטפערט — עס איז דא, גאָט צו דאַנקען, א פולער אַלמער מיט טראַנטעס. לייגער איז ביי מיר געזעסען דעם הויקערס ווייבעל, ווען דער קליידער אלמער האָט זיך געעפענט, האָב איך געמיינט איך וועל זיך לעבעדיגערהייט בעגראָבען.

— וועל, זאָל זיין אזוי וויא דו ווילסט.

אין א האַלבע שטונדע ארום איז אייבי דעם שוסטערס אָווערקאָוט איינשטימיג ארויסגעוואָרפען געוואָרען אין א בארעל מיט מיסט.

ליעבע לעזער, בעדויערט אָבער ניט דעם שיקזאל פון דיזען אלטען, אויסגעניצטען בגד. אן איטאַליענער האָט איהם טאַקע באלד ארויסגענומען פון בארעל... דער אָווערקאָט איז ווידער ערשיענען אויף דער וייסער וועלט, און וויא איהר וועט שפּעטער זעהן וועט ער האָבען ניט קיין שלעכטע ענדע.

דער זומער האָט פון קיינע געשעפטען געוואָלט וויסען און ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג. בינו־לבינו איז געקומען דער מאָנאַט סעפּטעמבער. ביי טאָג פלעגט נאָך זיין ווארעם. אָבער די פריהמאָרגענס און די נעכט זיינען שוין געווען קאַלט. און דאָ האָט אייבי געגומען בייגקען נאָך זיין אלטען אָווערקאָוט און איהם האָט אלץ מעהר און מעהר געגומען פערדריסען, ווארום ער האָט איהם יעצט ניט. איינמאָהל, געהענדיג פון דער ארבייט, איז אייבי'ן געוואָרען טאַקע גוט קאַלט; ער האָט געכאַפּט א פיינעם ציטער. איהם איז נאָך מעהר געוואָרען פערדראָסיג אויף זיין ארויסגעוואָרפענעם אָווערקאָוט, ווארים וויא אַזוי צו דערקאַזען א נייעם האָט ער פאָרלויפיג קיין שום מיטעל ניט געזעהען.

— וואָס, בין איך געווען משוגע ? — האָט ער פאר זיך אין וועג גערעדט — האָב איך זיא בעדארפט פאָלגען ? וואָס ? ווען ?

אייבי איז אין כעס געוואָרען אויף זיין ווייבעל, און ער האָט יעצט געטראַכט, ער זאָל קומענדיג אהיים אוועק געבען איהר א גאָב.

יאכנע וואָלט געווים טאַקע געלייזט פון איהר מאַן, ווען זיא וואָלט זיך אָבער פריהער ניט בעוואָרענט. און בעוואָרענט האָט זיא זיך.

א גאַנצענעם זומער, אין דער צייט ווען אייבי, איהר מאַן, האָט זיך אין גאַנצען פערגעסען, אז ער האָט קיין אָווערקאָוט ניט, און אז ווען עס איז וועט קומען א ווינטער, אין דער זעלבער צייט האָט יאכנע וועגען דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. זיא האָט געטראַכט, אָבער זיא איז ניט געבליעבען ביי איהר טראַכטען; זיא האָט אויך שטאַרק געארבייט אין דער זאַך.

וואו און ווען יאכנע האָט נור געהאַט די קלענסטע מעגליכקייט, האָט זיא אָפּ־

געריסען א פּעני פון דער הוצאה. זיא האָט אָפּגעשפּאָרט פון עסען, אָפּגעשפּאָרט פון טרינקען, געשפּאָרט און געשפּאָרט, געשפּאָרט פון זיך, געשפּאָרט פון איהר מאַן, געשפּאָרט פון איהרע אָרעמע קינדער און זיא האָט געקליעבען א פּעני צו א פּעני; אזוי האָט זיא וויא עס איז פאר דעם זומער פינף דאָלער צוזאַמענגעקליעבען.

— עס איז שוין אזוי קאַלט אויף דרויסען — מיט דיא ווערטער איז אייבי אריין צו זיך אין הויז.

— עס מוז טאַקע זיין — האָט יאכנע קאַלטבלוטיג געענטפערט.

אייבין האָט פערדראָסען ווארום זיין ווייב זאָגט עס אזוי קאַלטבלוטיג און ער האָט שוין געוואָלט אויסשיסען מיט זיין „גאַב“.

— עס איז מיר געוועזן אזוי קאַלט צו געהן — האָט אייבי ווייטער גערעדט — איך בין גאָר דערפראָרען.

— דו דארפסט זיך שוין קויפען אַן אָווערקאָוט — האָט יאכנע נאָך קאַלטבלוטיגער געענטפערט.

— איאָ, איך דארף — האָט אַ זאָג געגעבען אייבי, און ער האָט אזוי שטעכיג א בליק געגעבען אויף זיין אידענע.

— נו, געוויס דארפסטו.

— נו, און וואָס הערט זיך עפּעס וועגען דיא קלינגער? — האָט אייבי אויסגעשאָסען א קויל אין זיין אידענע.

יאכנען האָט עס אָבער גאָר ניט געטראָפען. אדרבה, איהר פּנים איז נאָך געוואָרען עפּעס פרעהליכער, לעבעדיגער.

— ניט קיין גרויסע סכנה — האָט זיא געענטפערט מיט א שמייכעל.

אייבי האָט א בליק געגעבען אויף זיין אידענע מיט שרעק און מיט וואונדער.

— זאָג מיר, מיין ווייבעל — האָט ער גענומען לאַנגזאַם ציהען דיא ווערטער, — זאָג מיר, מאַכסטו זיך משוגע אָדער דו ביזט טאַקע ניט ביי דיין פולען פערשטאַנד... וואָס לאַכט זיך דיר אזוי?

יאכנע האָט גאָר נישט געענטפערט, זיא האָט ווייטער א שמייכעל געגעבען און איז אוועק אין בעד - רום.

ביי אייבי׳ן איז דיא הארץ פערשטאַרבען געוואָרען... ער האָט זיך טאַקע באמת דערשראָקען פאר זיין אידענע.

באַלד איז יאכנע ארויס פון בעד - רום... און אָה, וואונדער, וואָס אייבי האָט דערזעהען! יאכנע האָט ארויסגעלייגט אויפן טיש א קאָם מיט אַסיגנאַציעס...

— צייל צו — האָט זיא געזאָגט צו איהר מאַן — און איהר פּנים און איהרע אויגען האָבען געברענט מיט גליק.

אייבי האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך. ער האָט פערנאַנדער געעפענט דאָס מויל, אויסגעגלאָצט דיא אויגען און איז געבליעבען שטעהן וויא א למך.

— צייל צו — האָט יאכנע איבער געזאָגט — דאָס איז געלד... צייל צו, וואָס שטעהסטו וואָס?

איהרע ווערטער האָבען געציטערט פון גרויס גליק.

אייבי האָט צוגעציילט דאָס געלד.

— פינף דאָלער, וויא קומט עס צו אונז?

— האָב איך דיר ניט געזאָגט — האָט יאכנע זיעגרייך גערעדט — האָב איך דיר ניט געזאָגט, אז עס וועט זיין פאר דיר אויף אַ פּאַלטאָ?

— אָבער וויא ?
— וואָס אַרט עס דיך ?
—א דאגה מיר, אָבער דאָך וויא? האָט זיך אייבי געוואונדערט.
— אָבגעשפּאַרט.
— עה, פון וואנען ? — האָט אייבי ניט געוואָלט גלויבען.
—פון וואנען? פון דאנען; א גאנצען זומער האָב איך געקליבען א פּעני צו א פּעני. אייבי האָט צופריעדען געדריקט מיט דיא פּלייצעס.
— טאָ הער זשע, אייבעלע, צוויי דאָלער וועט מען מוזען אָפּרייסען פון דיין פּיידע — האָט יאכנע נאָכגעזאָגט, — און גיה און קויף זיך א פּאַלטאָ.
— נו, איך וועל שוין קויפען — האָט אייבי געענטפערט.
נעקסטען זונטאג האָט אייבי געהאַלטען זיעבען דאָלער אין דיא הענד און האָט גע־האַלטען ביים ארויסגעהען פון הויז, אום צו קויפען זיך אן אָווערקאָוט.
— הער זשע מיין מאַן — האָט איהם יאכנע אָפּגעשטעלט — איך בעט דיר, זיי נור א מענש.
— נו וואָס איז דאַרטען ?
—אָט אזוי, זאָלסט זיך דינגען... זעה, אז מען זאָל דיך, גאָט בעהיט, ניט אָפּנאַרען.
— וואָס וועט מען עפּעס נאַרען ?
— זאָלסט זיך ניט היילען אויף ביליג.
— נו פאר דיא זיעבען דאָלער... דאָס האָב איך און פאר דעם וועל איך קויפען.
— איך וויים, מען זאָל דיך חס ושלום ניט נארען, מען זאָל חלילה ניט אריינ־שפּארען דיר א צוגעניצטע סחורה.
—איך האָב דאָך אויגען — האָט זיך שוין אייבי בעליידיגט, און ער האָט גענו־מען עפענען דיא טיהר.
— זעה זשע — האָט איהם יאכנע ווייטער אָפּגעשטעלט — האָב אין זיננען אז דיא געלד איז בלוטיגע, און חלילה לאָז זיך ניט נארען.
— געגוג דיר שוין, חיה דו איינע — האָט אייבי מיט ליעבע געענטפערט צו זיין אידענע און ער איז ארוים פון צימער.
דאכט זיך גאר א גליקליכער, א צופריעדענער, מיט דעם גדאנק צו קויפען זיך א גוטען, נייעם אָווערקאָוט איז אייבי ארוים פון זיין היים, אויך מיט דיעזען גדאנק האָט ער גענומען מארשירען איבער קאנעל סטריט און אריינקוקען אין דיא „שאָו־ווינדעס” פון פערשיעדענע קלאָטהינג געשעפטען. נור אָט אזוי פערטראַכטערהייט שפּרייזענדיג איבער קאנעל סטריט איז אייבי׳ן געוואָרען עפּעס אלס טרויעריגער און טרויעריגער אויפן הארצען.
— דו געהסט קויפען א נייעם אָווערקאָוט? — האָט צו איהם גערעדט א שטימע אין דער טיעפענעם פון זיין הארצען — א נייעם? און פאר זיעבען דאָלער? פאר אזא אייגענס מיט געלד? און א סעקאָנד הענדיגען ביזטו חולה צו טראָגען?
— גערעכט ! — האָט אייבי א מורמעל געגעבען.
— דו געהסט דאָך ארום אין צוריסענע שיך — האָט דיזעלבע שטימע גערעדט— און דיין ווייב? זיא איז דאָך אויך נעביך א היילע, א נאַקעטע... און דו? און דו ער־לויבסט זיך?
— א צולאָזענקייט — האָט אייבי דורכגעזייט דורך דיא ליפּען.
— דיין בערקע, א קראנקע קינד נעביך, געהט אום אויף א נאַקעטער — האָט דיא שטימע גערעדט.

— א מערדעריי — האָט אייבי געענטפערט.

— און דיין באַסעלע? און דיין טוביהלע? בעסער פאר זיי עפּעס אויך א קליי־דעלע, א פּאָר הייזקעלעך... און דו? דו? א נייען אָווערקאָוט? אייבי האָט א שווערען זיפץ געגעבען און זיין האַרץ האָט איהם גענומען וועה טאָן.

— עט — האָט ער א מאַך געטאָהן מיטן האנד — איך וועל צוטראָגען א צוגע־ניצטען... נאָך בעסער... עט, א פּאָר דאָלער וועלען בלייבען, זיי וועלען צוניץ קומען.

אייבי האָט גענומען און האָט גלייך פּערקעהרט אין העסטער סטריט. דאָ איז איהם עפּעס געוואָרען וויא היימליכער און זיין געוויסען האָט איהם אויפגעהערט צו בייסען.

גראַדע געגען אייבי׳ן איז געגאַנגען א איד מיט א „פּאַלטאָ" אריבער דיא פּליי־צעס. אייבי האָט זיך אָפּגעשטעלט און א קוק געגעבען אויף דעם טרעגער.

דער טרעגער פון דעם אָווערקאָוט איז שוין געווען גענוג ערפאַהרען און ער האָט גלייך פערשטאַנען אז ער האָט דאָ צו טאָהן מיט א גוטען קאַסטימער.

—מיסטער—איז ער צו איהם צוגעלאָפען וויא א פער׳סם׳טער,—דאַרפט איהר עפּעס סחורה, א ר׳עכטען אָווערקאָוט׳ל, א פּאָר הייזען... א ראָק... אַלץ וואָס איהר דאַרפט.

— אן אָווערקאָוט — האָט אייבי געענטפערט.

— אָה, גאָט זאָל אייך בענשען, וויפיעל איהר ווילט.

— איך וויל א צוגעניצטען — האָט אייבי ווייטער געזאָגט.

— קומט, קומט אין סטאָר — האָט שוין דער מאַן געשלעפּט אייבין פאר דיא אר־ביל — קומט, זאָלט איהר געזונד זיין — סחורה וויא גאָלד.

דער מאַן האָט אייבין אריינגעשלעפּט עפּעס אין א בייסמענט, אין וועלכען עס האָט עפּעס געהערשט א מצרים׳דיגע פינסטערניס.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך אייבי דערשראָקען, נור ווען דער מאַן האָט אָנגעצונדען א ברענער פון געז, און ער האָט דערזעהען אז ער איז ווירקליך אין א סטאָר פון קליידער האָט ער זיך עטוואס בערוהיגט.

— נו, מיסטער, אן אָווערקאָוטיל — האָט דער פערקויפער געזאָגט — אין וועל־כע געלד ווילט איהר?

— אין א דאָלער פינף — האָט אייבי געענטפערט.

— דאָס הייסט איהר ווילט ביליג און גוט.

— נו, געוויס — האָט אייבי געענטפערט.

— עס איז דאָ א טהייערע סחורה׳לע פאר אייך — האָט דער פערקויפער גערעדט —אָט, א צוגעניצטע, אָבער א כפּרה פאר טויזענד נייע אָווערקאָוטס; שטאַרק, שעהן, און ניי.

— אין וויפיעל געלד? האָט אייבי געפרעגט.

— מעסט אָן בעפאָר — האָט דער פערקויפער געזאָגט,—נאָכהער, ווען אייך וועט געפעלען וועט געפעלען וועלען מיר ריידען וועגען פּרייז.

— ניין—האָט אייבי געזאָגט,—איך וויל בעפאָר וויסען אין וואָס פאר א געלד דאָס געהט, איך זאָג אייך בעפאָר אז איך וועל מעהר וויא פינף דאָלער ניט ספּענדען, איך וויל זיך אומזיסט ניט באַדערן.

— נעהמט זייט מוחל טהוט אָן, — האָט דער פערקויפער צוגעטראָגען צו אייבין עפּעס אן אָווערקאָוט.

— איז דאָס אין מיין פּרייז?

— זייט ניט קיין גרינער, מעסט אָן.

אייבי האָט אָנגעמאָסטען דיא סחורה.

— נו, וואָס זאָגט איהר צו דעם? האָט דער פערקויפער געזאָגט מיט התפעלות — אָט אַזוי וויא אויף אייך גענייט. איך זאָג אייך אז דער בגד'ל איז פראכטפאָל.

ווען אייבי האָט דערפיהלט אויף זיך א גאַנצען און „נייען" אָווערקאָוט האָט ער זיך פון גרויס גליק אין גאַנצען פערלאָרען, ער האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו ריידען.

— נו וויא פיהלט איהר זיך אין איהם? — האָט דער פערקויפער געפרעגט ביי אייבי'ן.

— וויא... גוט... אָבער... אָבער... דאכט זיך.

— וואָס דאכט זיך ?

— עפּעס אין דיא ארבעל ציהט.

— לאָזט אראָפּ דיא הענד גוט, נידעריגער... עה, וויא א מאן האלט עס דיא הענד, איהר האָט הפּנים קיין מאָהל קיין רעכטען בגד ניט געטראָגען, מיסטער לעבען.

אייבי האָט אראָפּגעלאָזען דיא הענד.

— נו ? — האָט דער פערקויפער געפרעגט.

— יעצט איז בעסער — האָט אייבי געענטפערט.

— געוויס בעסער, — האָט דער פערקויפער בעשטעטיגט, — מיך וועט איהר שוין ניט נארען, איך זעה אז דאָס איז וויא פאר אייך געאָרדערט געוואָרען.

— וויפיעל קאָסט עס? — האָט אייבי געפרעגט.

— דיא שטיקעל סחורה'לע וועט אייך קאָסטען זיעבען דאָללער.

אייבי האָט געוואָלט א באָט טאָהן פינף דאָלער, אָבער ער האָט אין זיך ניט געהאַט דיא מוטה צו טאָהן אזא זאך.

— גיט אַ ביליגערן — האָט ער א זיפץ געגעבען.

— דיא סחורה איז אן אויסגעצייכענטע — האָט דער פערקויפער גענומען לויבען דעם אָווערקאָוט.

— איך זעה, אָבער איך קען מעהר ניט ספענדען.

— קענט איהר ספענדען זעקס דאָלער ?

— זעקס?... איך ווייס... האָט געשטאַמעלט אייבי.

— זאָל איך פערפּאַקען ?

— וועט עס ניט געהן פאר פינף? — האָט שטיל און דערשראָקען אייבי געפרעגט.

— זאָל איך אזוי האָבען פינף מזל'דיגע יאָהרען — האָט אָבגעשוואָרען דער פערקויפער — וויא עס קאָסט זיך מעהר...

קורץ גערעדט, אייבי האָט משלם געוועזן פאר דעם אָווערקאָוט זעקס דאָלער און ער איז א צוהיצטער, א צופריעדענער ארויס פון בייסמענט מיט דעם פערפּאַקטען אָווערקאָוט אונטער'ן אָרעם.

— א דאָלער געראַטעוועט, אויך גוט — האָט ער גערעדט פאר זיך, און ער האָט זיך געהיילט אַהיים.

— געקויפט ? — האָט יאכנע בעגעגענט איהר מאן מיט שמחה.

— געקויפט ! — האָט אייבי געענטפערט.

— א נייען ?

אייבי האָט צוגעשוויגען.

— א נייען ? — האָט יאכנע איבערגעפרעגט.

— א ביסעל אַ צוגעניצטען... אָבער א טהייערע סחורה.

— ווייז אקאָרשט אַ בליק געבען — האָט יאכנע געזאָגט דערשראָקען.

יאכנע האָט גענומען דעם אָווערקאָוט אײַ איהרע הענד... זיא האָט עס בעטראכט.. פלוצלים האָט זיא זיך אַ כאַפּ געגעבען; איהר פּנים איז געוואָרען טויט בלאַס.

— וועה איז מיר ! — האָט זיא אויסגעשריען אַ פערציטערטע...

אייבי האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט איהר טוהט זיך.

— וואָס איז דאָרטען ? האָט ער דערשראָקען געפרעגט.

— דאָס איז דאָך דיין אָווערקאָוט — האָט יאכנע ווייטער אַ געשריי געגעבען. זיא האָט פערבראָכען דיא הענד און האָט גענומען ארום לויפען איבערן צימער.

— וויא הייסט מיינער ? — האָט געשטאַמעלט אייבי.

— דיינער... דיין שמאַטע וועלכע דו האָסט פאר אַ יאָהרען ארויסגעוואָרפען אין בארעל.

— ביזט משוגע — האָט אייבי אויך געגעבען אַ געשריי אָבער דיא נשמה איז ביי איהם אוועק אין דיא שפּיצען פון דיא פוס פינגער.

— דיינער... דיינער — וועה ! וועה ! וועה !...

— ביזטו געשלאָפען ?

— נאַ קוק — האָט יאכנע גענומען צייגען איהר מאַן דעם געקויפטען אָווערקאָוט — אָט זיינען אַלע סמנים, אָט איז נאָך דער לעצטער גוואלדרים, וועלכען איך האָב גע־פיקסט... אָט איז נאָך אַ סימן אויפן אונטערשלאַק וואו אונזער חיים'קע, אונז צו לאַנ־גע יאָהר האָט געבראָכען... אַי וועה, וועה...

יאכנע איז געוועזען אין דער העכסטער שטופע פון פערצווייפלונג, און אייבי איז געבליעבען שטעהן וויא פון אַ דונער אַ דערשלאָגענער...

— וויפיעל האָסטו בעצאָהלט.

— זעקס דאָללער.

— ווער האָט דיר געהייסען... שלים... שלים... שלים־מזל ! וועה ! וועה איז מיר. זעקס דאָלער. יעדער פּעני קאָסט מיך בלוט.

יאכנע האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען וויינען און שלאָגען זיך קאָפּ אָן דער וואנד.

— שאַ, זיי ניט פעררוקט, — האָט אייבי פערציטערטערהייט געשטאַמעלט—איך געה איבערבייטען... ער איז גלייך ארויס פון הויז; און ער איז אוועק צו דעם זעלבען בייסמענט, וואו ער האָט געהאַנדעלט זיין מציאה...

וואָס ביי אייבין איז דאָרטען פּאָרגעקומען מיט'ן סטאָרקיפּער איז שווער צו זאָ־גען, אָבער דער פאקט איז געוועזען אז אין אַ שטונדע ארום האָט זיך אייבי אַ האלבער אַ טויטער צוריקגעשלעפּט און אונטער זיין אָרעם האָט ער געטראָגען דעם זעלבען אָווערקאָוט, וועלכען ער האָט בעפאָר געהאַנדעלט.

א שטילער יובילעאום.

(געווידמעט צו יואל ענטין).

מען האָט דאָ ניט פעראנשטאַלטעט קיינע באַנקעטען...

עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע קאָנצערטען, קיינע בעלער, קיינע פריילעכע באַלעטען, מען האָט ניט געהאַלטען קיינע דרשות, ניט געזונגען קיינע שבחים, ניט געפּויקט, ניט געשאַלט, ניט געטרומפּייטערט און דיא וועלט פון טומעל, רעש, גע־וואלדען, גלאָקען־קלינגען און אדווערטייזמענטס איז וועגען דעם פערבליבען רוהיג און שטיל.

עס איז געוועזן א שטילער יובילעאום!

מען האָט ניט געבראַכט קיינע בלומען, ניט קיין פרישע, ניט קיין געטריקענטע; מען האָט ניט געזעהען קיינע לאָרבערקראַנצען, קיינע גרינע „פאָדקאווען", מען האָט ניט געמאַכט קיינע סיורפּרייזען, קיינע סיו־ווענירן, קיינע מתנות, קיינע געשאַנקען; דיא פּראָגראם איז דאָ געוועזן זעהר אן איינפאַכע.

עס איז געוועזן א שטילער יובילעאום!

* * *

א זומער אבענד...

טשערי סטריט, „דיא קאַזארמעס", טאָפּ פלאָר, ניט צו דיא פראָנט און ניט צו דיא בעק, נור אין רעכטען מיטען רום נומער 68, דאָ וויינט הירש דער קאַפּען־מאַכער.

גיטיל, הירש'ס ווייב איז שוין כמעט פערטיג מיט איהרע מלאכות.

דער סאַפּער איז שוין לאַנג פערטיג, נור כדי ער זאָל ניט פערקיהלט ווערן שטעהט ער אויף א קעראָסין אויוועלע און בראָט זיך אויף א קליינעם פייעריל, קענטיג, אז דער סאַפּער איז שטארק ניט צופריעדען מיט זיין לאַגע, ווארים ער „פּאָרשקעט", בלאָזט פון זיך און טורכעט צאָרענדיג אין דער דעקיל פון טעפּיל.

א שטילער אָבער גערעכטער פּראָטעסט!

דיא גלאָז אין לאָמפּ איז שפּיגעל־גלענציג אויסגערייניגט און אינעווייניג ברענט דער פייער אזוי מיוחס'דיג; דער טיש איז געגרייט: עס איז אראָפּגענומען געוואָרען דער טישטוך, אום ער זאָל פערבלייבען ריין נאָך סאַפּער; און עס גלאַנצט דער ווייסער אויל־קלאָטה, עס שטעהען דיא טעלער, עס ליגען אָנגעשניטענע סלייסעס ברויט, פון וועלכע דיא הארטע זייטלעך זיינען ארומגעשניטען.ביידע אי הירש אי גיטיל האָבען ניט קיין ציינער. אין א אונטערטעציל ליגט א צושניטענע טומייטע; עס שטעהט א לעערער פּיטשער — דיא וואסער איז אין א באָטעל, אין וואש־טוב, אויפן אייז — מיט איין וואָרט, עס איז געגרייט א טיש וויא פאר א מלך. ביי דער בייבי איז דער פּנים'ל אויס־געוואשען און דיא הערעלעך אויפן קעפּעל שטעהן „דיבאָם", קענטיג א קעמיל האָט דאָ ערשט געארבייט אָהן רחמנות.

גיטיל האָט זיך שוין אויך איינגעוואָשען, פערקאַמט זיך און אָנגעטאָהן א ריינעם ראַפּער; אַלעס איז פערטיג און דיא ווירטהין פון הויז ערוואַרטעט דעם קומען פון איהר מאַן.

און אָט איז הירש געקומען פון דער ארבייט.

אריינגעקומען איז הירש א פריילֿיכער, א מונטערער, עפּעס גאָר ניט וויא פון דער ארבייט און נאָך זיינע אויגען נאָך האָט מען גלייך געקענט דערקענען, אז ער טראַכט וועגען עפּעס פרעהליכעס. גלייך איז דער קומענדער צוגעגאַנגען צו זיין קינד, האָט עס אָנגעקושט אזוי געשמאַק פון פולען הארצען און האָט מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל גענומען קוקען אויף זיין ווייב.

—עפּעס קוקסטו מיר אוים היינט יומטוב׳דיג — האָט גיטיל געזאָגט און האָט אויך צופריעדען געקוקט אויף איהר מאַן.

— מיר דאַרפען טאַקע היינט מאַכען עפּעס א שטיקעל יום׳טוב — ענטפערט הירש און שמייכעלט אַלץ.

—דער באַס האָט געהעכערט דיא פּרייזעס? — פאַלט גיטלען איין א געדאַנק.

— דרויסען איז גאַנץ היים — ענטפערט הירש — אָבער דער באַס איז נאָך דער־ווייל ניט משוגע.

— נו, וואָס דען איז מיט דיר דער יומטוב ? — וועט גיטיל נייגעריג.

— ווייל איך האָב היינט עפּעס בערעכענט — ענטפערט הירש.

— וויא זאָגסטו ? — פערשטעהט ניט גיטיל איהר מאַן.

— ווייל איך האָב היינט עפּעס בערעכנט.

— וואָס בערעכענט ? ווען בערעכענט ? — קוקט גיטיל תמ׳עוואַטע אויף איהר מאַן.

— וועסט שוין הערען — ענטפערט הירש געהיימניספאָל אָבער גלאַסען — דערווייל זאָג מיר, מיין אידענע, אויב מיר האָבען עפּעס היינט א רעכטען סאַפּער.

— דער סאַפּער איז שוין גאָר א גוטער — טהיילט מיט גיטיל, און גיט דאָבוי א שטאָלצען בליק אויפן טעפּעל, אין וועלכען עס בראָט זיך דער סאַפּער.

— וואָס צום ביישפּיעל ? — פרעגט הירש און יעצט איז שוין נייגעריג ניט דיא פרוי נור דער מאַן.

— א בראַטען מיט „איינגעזשאַליעטע“ פּיטייטעס — לאָזט וויסען גיטיל און דיא עטליכע דאָזיגע ווערטער רעדט זיא אוים מיט אזא טעם, אז עס דאַכט זיך, דאָס דער בראַטען מיט דיא „איינגעזשאַליעטע“ פּיטייטעס ליגט ביי איהר אין גאַנצען אין מויל.

— גוט ! — ענטפערט ענטציקט הירש.

— ביזט צופריעדען ? — פרעגט גיטיל.

— זעהר, ווארום איך האָב מורא געהאַט אז עס איז זופּ.

—נו, אז סופּ איז וואָס ? — וואונדערט זיך גיטיל — האָסט דאָך האָלט סופּ.

—אָבער היינט רעכען איך נעהמען א פּיינטעלע ביער צו סאַפּער, צו סופּ וואָלט עס ניט געטויגט, און צו א בראַטען איז דאָס אויסגעצייכענט.

— צו וואָס ? עס איז דאָך דאָ קאַלטע אייז־וואַסער — איז גיטיל ניט איינשטי־מיג מיט איהר מאַן׳ס פּלאַן.

— עס מאַכט ניט — ענטפערט הירש, געהט צום טיש און נעהמט דעם לעערען פּיטשער.

— ווער וועט עס אויסטרינקען א פּיינט ביער ? — פרעגט גיטיל.

— איך און דוא — ענטפערט געלאסען הירש.
— אבער וואס איז פארט מיט דיר דיא שמחה ?
— ווייל איך האב היינט עפעס בערעכענט.
— וואס בערעכענט ? ווען בערעכענט ?
— וועסט שוין הערען — ענטפערט הירש און געהט נאך ביער אוועק.
א ווײלע בלייבט גיטיל שטעהן און ווייס ניט וואס צו טאהן נור באלד ווערט זיא ווייטער ביזי.
האט זיא דעם סאפער דערלאנגט צום טיש, האט עס אריינגעלייגט אין א טעלער און צוגעדעקט מיט נאך א טעלער אז עס זאל ניט אפקיהלען ביז מען וועט נעהמען עסען, נאכדעם האט זיא אוועקגעשטעלט צוויי גלעזער אויפן טיש און פערפערטיגט נאך אייניגע קלייניגקייטען.
מען האט גענומען צו גלעזליך ביער, הירש האט געגעבען פערזוכען אביסעל ביער דער בייבי, דאס קינד האט עס פערזוכט, פערקרימט זיך און דיא עלטערן האבען זיך צולאכט.
— וויפיעל איז פאראנען נאך אונזער חתונה ? — האט הירש פלוצלונג א פרעג געגעבען זיין פרוי און ער האט אויסגעטרונקען נאך א גלאז ביער.
—איך רעכען שוין א יאהר זעקס — האט גיטיל געענטפערט.
— גוט, זעקס יאהר — האט הירש צוגעגעבען.
—אט, אדרבה, לאמיר בערעכענען — מאכט גיטיל א פארשלאג, פערטראכט זיך, רעכענט און לייגט אפ דיא פינגער.
— נו, ריכטיג ? — פרעגט הירש אונגעדולדיג.
— אט הער — חשבון'ט גיטיל — וויפיעל האבען מיר געוואוינט אין לודלאו סטריט ?
— קיילעבדיגע זעקס חדשים — ענטפערט הירש.
— און אין גאווערניער סטריט ?
— אויך זעקס חדשים.
— און אין סאפאלק סטריט ?
— פונקט א יאהר.
— האבען מיר שוין צוויי יאהר.
— צוויי יאהר — גיט צו הירש.
—און אין דילענסי סטריט ?
— געדיינק איך ניט — זאגט הירש.
—איך געדיינק אויך ניט—זאגט גיטיל און גיט אויף דעם רעכנונג אויף די דירות
— איך ווייס אז עס איז זעקס יאהר—האט זיך הירש אפגערופען קורץ און שארף.
— געווים זעקס יאהר — זאגט גיטיל — געדיינקסטו ווען דוא האסט זיך גענומען א וואנע ?
— פאר צוויי יאהרען זומער, ווען מיר האט, ניט היינט געדאכט, גענומען ברע־כען דיא ביינער.
— געדיינקסטו, אז ווען דו ביסט אוועק אין וואנע האסטו געזאגט אז היינט איז פונקט פיער יאהר זייט מיר האבען חתונה געהאט ?
— געווים געדיינק איך.
— אט האסטו זעקס יאהר.
— זאג איך דאך.

— און פאַר־א־יאָהרען ווען אונזער זוהנעלע איז געבאָרען געוואָרען — רעדט גיטיל ווייטער — האָבען מיר אויך גערעכענט און בערעכענט אז עס איז פינף יאָהר נאָך דער חתונה.

— זעקס יאָהר איז היינט.

— יעס, זעקס יאָהר — שטימט צו גיטיל.

— איז ריכטיג — זאָגט הירש — זעקס און פיער האָבען מיר צעהן.

— וואָס פאַר א פיער? — פרעגט גיטיל פערוואונדערט.

— פיער יאָהר האָב איך געאַרבייט ביי דער מאַשין ביז דער חתונה — ערקלערט הירש — היינט איז פונקט צעהן יאָהר. איך געדיינק, ערב שבועות בין איך געקומען נאָך אַמעריקא און פונקט וויא היינט, צוויי טאָג נאָך יום־טוב, האָב איך זיך אוועקגעזעצט ביי דער מאַשין און היינט איז שוין, גאָט צו דאַנקען, צעהן יאָהר, אז איך טרייב דיא „דאַנקע“.

א ווײלע בלייבט הירש פערטראַכט און קוקט אריין אין דער גלאָז מיט ביער, אין וועלכער עס שפּיעגעלט זיך אָב דער פייער פון לאָמפּ, און ער רעדט ווייטער, אָבער זיין שטימע האָט עפּעס אַן אנדער טאָן געקראָגען.

— צעהן לאַנגע, לאַנגע יאָהרען — זאָגט הירש עפּעס מיט אזוי פיעל הארץ און טרייסעלט דאביי מיטן קאָפּ.

— הייסט עס איז דאָס דיין יום־טוב היינט — זאָגט גיטיל און זיא צולאַכט זיך פּלוצלונג.

אין דיזען פּלוצליכען געלעכטער האָט אַ שטיקעל חלק דיא גלעזעל ביער, וועלכע גיטיל האָט אויסגעטרונקען.

— לאַך ניט, מיין ווייבעל — האָט הירש געזאָגט — עס איז טאַקע א יום־טוב. גיטיל שמייכעלט און דריקט מיט דיא פּלייצעס.

— עס איז א יום טוב—רעדט הירש ווייטער —אז איך הויב זיך אָן צו בערעכענען אז צעהן יאָהר שוין זייט איך זיץ ביי דער מאַשינע און גאָט צו דאנקען איך בין נאָך אָלל־רייט.

אויף גיטיל׳ס בלאַסע באַקען האָט גענומען שפּיעלען א „ראָזע“, זיא שמייכעלט, הערט זיך צו וואָס דער מאַן רעדט נור זיא שווייגט, און הירש זאָגט ווייטער:

— א סך, וועלכע האָבען זיך געזעצט מיט מיר צוזאַמען ביי דער מאַשינע, אין איין צייט זיינען שוין לאַנג איך ווייס וואָהין אהינגעקומען. וואו איז בוכהאָלץ יעצט? מיט מיר אויף איין שיף געקומען, גלייך געזעצט זיך צו דער ארבייט... שוין באַלד צוויי יאָהר, אז ער איז מיט גראָז בעוואַקסען, אונז צו לאַנגע יאָהר.

דער שמייכעל טהוט זיך אָפּ פון גיטיל׳ס פּנים, און הירש רעדט ווייטער, העכער און בעגייסטערטער:

— וואו איז דראָב? אויך אין מיינע צייטען גענומען זיך פאר דער דאַנקע... אָט איז שוין באַלד דער דריטער יאָהר, אז ער ליעגט אין האָספּיטאל און זעגענט זיך מיט דעם לעבען. —

— ניט פאר דיר געדאַכט — שלאָגט גיטיל איבער האַסטיג אידר מאַן און דער שמייכעל פערשווינדט גענצליך פון איהרע ליפּען. איהר פּנים ווערט אזוי ערנסט און הירש רעדט ווייטער:

— חיים זאַוויעסע האָט אָנגעוואָרען דיא פיס, פּלטיאל קאַלב האָט געקראָגען דעם קורצען אָטהעם און מאַטערט זיך עפּעס אין אַ קענדי סטאָרקע, ביי זלמן שלימעל האָט זיך אויפן זעקסטען יאָהר שוין געצייגט בלוט פון האַלז און צונד לויפט ער ארום

איבער דיא סטריטען און פערקויפט צייטונגען... און איך, גאט צו דאנקען, איך בין נאך אלל־רייט.

— גאט צו דאנקען, גאט צו דאנקען, מורמעלט גיטעל שטיל, און זעהר ערנסט.

— עס דיענען נאך דיא פיסעלעך — רעדט הירש ווייטער — עס בייגען זיך דיא הענטעלעך, און אז איך גיעב זיך א יאג קען איך נאך ביי היינטיגען טאג ארויסגעבען א פיינע ביסעל ארבייט פאר א וואך.

— דארפסט זיך ניט יאגען — בייזערט זיך גיטיל גוטמוטהיג.

— און צעהן יאהר איז היינט, נו, זאג, גיטיל, איז ניט א יום־טוב?

— דער אויבערשטער זאל שיינקען דעם געזונד — ענטפערט גיטיל אויף דעם און הירש זייט אוים פון פיטשער דיא לעצטע גלאז ביער, און א ווילע בלייבענדיג פערטראכט, רעדט ער ווייטער:

— האב איך היינט אויף קאטאוועס בערעכענט וויפיעל קאפען איך האב עס אפגעמאכט אט פאר דיא צעהן יאהר.

— איך רעכען א היבשע ביסעל — מישט זיך אריין גיטיל.

— א נו, טרעף וויפיעל?

גיטיל שמייכעלט ווייטער און דריקט מיט דיא פלייצעס.

— איך האב ניט געקארגט, ניט געקעהרט פאר א קאפ און אפילו ניט פאר א דוצען, נור וויא איך האב זיך ניט געווארפען אין דעם חשבון, קומט דאך אוים ביי דריי הונדערט טויזענד קאפען.

— אהא, הא, — וואונדערט זיך גיטיל.

— בהמה, דאס איז א גוזמא, א שלל, א וועלט — ערקלעהרט הירש — דוא קענסט גאר ניט פערשטעהן וויפיעל דאס איז.

— איך פערשטעה אז א סך — ענטפערט אבער גיטיל.

— א ים מיט נפשות, א וועלט מיט מענשען טראגען מיינע קאפען און אז אסור זאל מיר זיין, אויב איינער פון דיא יאלדעס הויבט גאר אן צו וויסען אז איך, הירש, האב עס געארבייט.

— פון וואנען זאל מען וויסען? — גיט גיטיל צו.

— מיך ארט עס ניט, מיין באבעס דאגות — זאגט הירש און נעהמט דיא גלאז ביער אין האנד.

— לחיים, גיטיל!

— לחיים, לחיים, משוגענער הירשקע.

— צעהן יאהר אז איך טרייב דיא דאנקע און איך בין נאך אלל־רייט, גאט זאל געבען אז דיא נעקסטע צעהן זאל איך ניט ערגער האלטען.

און הירש נעהמט קוקען מיט א שמייכעל אויף דער בייבי, וועלכע שמאקטשעט א ביינדעל פון דעם בראטען און געפינט זיך אויפן זיעבעטען הימעל פאר גליק.

— לחיים, זוהן! צעהן יאהר שוין אז דיין טאטע טרייבט דיא דאנקע, עס איז א יום־טוב ביי איהם היינט... גאט זאל געבען, מיין קינד, דוא זאלסט ניט וויסען ניט פון קיין שעפער, ניט פון קיין באסעס, ניט פון קיין דאנקע, ניט פון דער גאנצער פערפלוכטער ארבייט...

הירש טרינקט אוים דיא לעצטע גלאז ביער....

גיטעלען נעהמט זיך שלעפערין, זיא נעהמט צו זיך דאס קינד, געהט ארויס פון טיש, נעהמט עס פערשלעפערן אין ראקינג טשער, און מורמעלט שלעפעריג א טרויעריגען ניגון.

— צעהן יאהר אז איך הארעווע וויא אן אייזעל, וויא אן אקס — פערקעהרט זיך פלוצלונג מיסטער הירש צוריק מיט דיא „האליאבלעס" — און וואס האב איך דערפאר? א בלוט, בלוטיגער אביון....

ווייטער קען ער אבער ניט גיין, דער קערפער איז מיעד און צובראכען פון דער ארבייט, דער קאפ איז פערדרייט פון דיא שלעכטע ביליגע ביער און עס שלעפערט זיך.

— ניטא מעהר קיין כוחות... איך פאל אין יאך... אוי, ברודער בוכהאלץ, מיר וועלען זיך זעהען אין גיכען — מורמעלט דער בעל־שמחה — קוים, קוים וואס איך לעב... באלד... באלד... דער קבר... לאנג וועל איך ניט ציהען..

און הירש איז איינגעשלאפען זיצענדיג, און פון דיא פערמאכטע אויגען האבען ארונטערגערונען צוויי טרעהרען

גיטיל איז איינגעשלאפען וויגענדיג דאס קינד, און דער שטילער יובילעאום האט זיך געענדיגט.

אַ וואַנד.

נׅיט דיא שרעקליכע באסטיליע איז געפאלען, ניט א מחנה רעוואָלוציאָנערן האָ־בען בעגעגענט דעם פאל מיט הילכענדע פריידענס געשרייען — עס איז אמעריקאַ, נויאָרק, א פרייע שטאָדט און א פרייע מדינה; ניטאָ דאָ קיין באסטיליע, ניטאָ קיין רעוואָלוציאָנערן... נור עס איז איינגעבראָכען געוואָרען א גרויסע, פינסטערע, פינף גאָרענדיגע טענעמענט חורבה. איינגעבראָכען האָבען דיא געביידע בעצאָהלטע ארביי־טער, געדונגען פון דעם אייגענטהימער פון דעם הויז, און אראָבגעוואָרפען האָט מען דיא חורבה דאַפיר, ווייל זיא האָט זיך שוין איינגעמידט צו שטעהן און וואָלט געוויס ניט געלאָזט לאַנג בעטען זיך און אליין איינגעפאלען, ווען מען וואָלט איהר ניט אויס־געהאָלפען בעצייטענס, און אויך דאפיר ווייל דער לענדלאָרד האָט שוין אזוי פיעל רענט אָנגע'גזל'ט, אז ער איז געוועזן בכח אויפצושטעלען א נייע חורבה, א גרעסערע, א טיעפערע, א העכערע מיט פיעל, פיעל מעהר טענעמענט גריבער איידער דיא אלטע האָט פערמאָגט און נאכדעם שאַרען מעהר רענט, מעהר.. מעהר און מעהר דאָלערס... רענט! רענט!

דערווייל איז איינגעבראָכען געוואָרען א טענעמענט חורבה און דיא בעק־וואַנד, וועלכע איז געהאַנגען אויפן רעכטען נאָז פון דעם אַנטקעגענדיגען טענעמענט הויז און האָט אוועקגערויבט דיא לופט און דיא ליכט פון פיעלע, פיעלע שוואַכע און בלאַסע אביונים, — דיעזע שרעקליכע וואַנד איז ארונטערגעוואָרפען געוואָרען... גאָטעס ליכט האָט פלוצלונג אריינגעקוקט אין פיעלע פינסטערע חדרים. אַ ביסעלע לופט האָט אריינ־געאטהעמט אין דיא לופטלאָזע דעמפּיגע קברים דורך דיא אָפענע פענסטער... און פער־פינסטערטע מענער, בלאסע פערצאָגטע פרויען, אויסגעגאַנגענע קינדערלעך האָבען ארויסגעקוקט פון דיא פענסטער, האָבען מיט בעוואונדערונג אָבער מיט פרייד א־ן מיט גליק געקוקט אויף דעם אָפענעם שטיקעל פלאַץ, האָבען געזשמורעט דיא אויגען, ניט זייענדיג געוואוינט צו ליכט און האָבען ארי־נגעאטהעמט לופט. א נחת!... אוי א מחיה!... לופט אין פענסטער!

דאָס איז געוועזן אין מיטען זומער. דיא צייט איז געוועזן א ברענענדע, א זודיגע און דאָ איז א ווינטעלע אין פענסטער — א פערגניגען! אביונים זופען נחת און זייע־רע קינדערליך זיינען מלא שמחה...

— אוי, זעה מאַמעלע, ליכטיג! — פרעהט זיך א קינד.

— אוי, דיא גאַס!... זעה, אָט זעהט זיך אַ סטריט...

— ליכטיג!... ליכטיג!... אָן זיינען אנקילס, אָן זיינען ענטיס, — פלאַפּעלט ענטציקט א בייבעלע צו איהר מוטער...

— אַ ווינטעלע... אַ ווינטעלע... — רעדט אַ צווייטע קינד.

און הערשמאַן דער ביגלער זאָגט, אז ער וועט שוין היינט ניט שלאָפען אויפן רוף, אַז אין הויז איז שוין אויך גוט. און אברהם דער פעדלער רעכענט, ער וועט שוין היינט ביי נאַכט ניט געהען אויף דעם דאך א כאַפּ געבען דעם אטהעם. ער וועט דאָ זיצען לע־

בען דעם אפענעם פענסטער... און וועט זיך אַטהעמען און הוסטען רוהיג און געמיטליך... מאָרים דעם סוספענדער מאַכערס אידענע איז ביזי; זיא מופט דיא בעט אין פראָנט רום לעבען דיא פענסטער, און עס קעהרט א וועלט... אביונים זיינען גליקליך... קינדערלעך טאַנצען פאר פרייד.. א וואנד פון א טענעמענט הויז איז איינגעבראָכען געוואָרען. עס איז געווארען ליכטיג... עס איז דאָ אַ טראָפּענדיל לופט... גוט! אך ווי גוט!

צווישען דיא קבצנים, אויף וועלכע עס איז אויסגעפאַלען דער פלעצליכער גליק, האָט זיך אויך געפונען דער מיסטער חיים גאַרבער.

דייט גאַרבער וואָהנט שוין אין דעם זעלבען הויז באַלד דריי יאָהר, און אוי, וויא דיא וואנד האָט איהם דערעסען דיא יאָהרען און דיא טעג!

חיים גאַרבער איז א פייפער־באקס מייקער. ווען עס איז דאָ ארבייט מאַכט דער מאַן זיינע זיעבען דאָלער דיא וואָך ארבייטענדיג רעגעלע סוועט־שאָפּ שטונדען, פון פיער דעם זייגער פריה מאָרגענס ביז צעהן אין דער נאַכט אַריין, און ווען עס איז סלעק פערדינט ער נאַטירליך דאָס אויך ניט.—באָסעס צאָלען אומזיסט קיין געלד ניט.

חיים האָט א ווייב — א הויכע, דארע, בייזע, שווינדזיכטיגע אידענע און צו דעם האָט ער ביי היינטיגען טאָג פינף קינדערלעך. דאָס אינגסטע איז אלט דריי מאָנאַט.

מחמת דער וואַנד, וועלכע מאַכט נאַכט פינסטער אין זיינע רומס, קאָסט איהם רענט ביליגער. דריי רומס פערוואוינט ער און צאָהלט אין גאַנצען זעקס און א האַלב דאָלער א חודש. חיים גאַרבער ווייס, אז אזעלכע ביליגע רומס קען מען גאָר ניט קריגען, און ער האַלט טהייער דיא דירה און ער גיט אָב דעם לענדלאָרד גרויס כבוד. ווען עס קומט דער ערשטער און מען דארף איינצאָהלען דיא זעקס און א. האַלב דאָלער רענט עקט זיך דער לעבען. ביי איהם אַליין נעהמט שווינדלען אין קאָפּ. ער ווערט עפּעס אזוי וויא צומישט, און אפילו ווען ער שלאָפט זעהט ער שרעקליכע חלומות און כאַפּט זיך אויף ביי נאַכט מיט געוואלדען, און זיין אידענע — זיין גאָלדע — איז צו יעדען רענט צאָהלען גאָר א חורבה. עס עפענט זיך איהר דער טרוקענער הוסט, אין דיא אויערן נעהמט קלינגען וויא אין א קלויסטער און זיא ווערט פון צרות א ביסעל מטושטש. מיט איין וואָרט, מען זעגענט זיך מיט דעם לעבען. נו, ווייס שוין חיים צו גוט אז מעה'ר וויא זעקס און אַ האַלב דאָלער רענט קען ער ניט צאָהלען, און דערפאַר האָט ער זיך איינפאַך געטרייסעלט איבער זיין דירה.

נור דיא וואנד, דיא וואנד וואָס הייגגט אויף דעם פענסטער. איי דיא וואנד, דיא וואנד דערעסט דעם לעבען... פינסטער! תמיד, תמיד פינסטער. עס וואַרפט אָן אן אומעט, א מין מרה שחורה, און אן אנדע'רס מאָהל ווילט זיך פשוט, זיך ארויסוואַרפען פון פענסטער קוקענדיג אויף דער פינסטערער וואנד... דיא קינדערליך האָבען אַלע שוואַכע אויגלעך, מחמת דיא שטענדיגע חשכות... זיין גאָלדע איז אפשר דערפאַר אַזוי בייז און אזוי קראַנק. אָבער וואָס קען מען זיך העלפען? חיים זעהט בעשייגפערליך, אַז דיא וואַנר שפּאָרט איהם אַיין א פּאָר דאָלער יעדען חודש און ער קוקט אויף דער וואנד ויא אויף אַ נויטווענדיגקייט אין זיין לעבען, און ער זינדיגט ניט; און אָן אַנדערס מאָהל איז ער זאָגאר שטאַרק דאַנקבאַר דער וואנד... נאַטירליך ווען עס זאָל קאָסטען דיא זעלבע רענט וואָלט חיים'ן ניט אַרען אז דיא וואַנד זאָל איינגעזונקען ווערן צעהן קלאפטער אין דער ערד אריין — אָבער ער פערשטעהט, אז דאָס קען ניט זיין. ליכטיגע רומס קאָסטען אין אמעריקאַ טהייער — פאר דער זוהן צאָהלט מען גוטע, גוטע רענט. און גאָרנישט. חיים, אזוי גוט וויא זיין גאָלדע, זיינען שוין געוועז אזוי

פיעל איינגעוואָהנט מיט דער וואנד אז אפילו ווען זיי פלעגען זיין דרויסען פלעגט זיי זיך דאכטען אז אַ וואנד שוועבט זיי פאר די אויגען.

און פּלוצלונג, גאָר אונגעריכטערהייט, קומט מען און מען ווארפט ארונטער די וואנד און עס ווערט ליכטיג, און ווען מען עפענט די פענסטער פיהלט זיך א ווינטעל און וואָס פאר א פערגעניגען!

די גארבערס זיינען צו דעם גאָר ניט געוואָהנט געוואָרען און זיי גלויבען פשוט זייערע אויגען ניט, אָבער די וואנד איז דאָך ניטאָ און גארבער און זיין קראנקע גאָלדע און די קינדערליך, אפילו די בייבי, זיינען אלע עפּעס וויא ניי געבאָרען.

גארבערן אליין שווינדעלט ניט אין קאָפּ, חאָטש דער שרעקליכער ערשטער פליהט שוין אויף זיינע שרעקליך־שווארצע פליגלען. גאָלדע איז געוואָרען פיעל מילדער און זיא שילט זיך ניט אזוי וויא אמאָהל און ריימט ניט און קנייפּט ניט די קינדער... זיא אָטהעמט גאָר לייכטער און די קינדערלעך זיינען אויך גאָר אנדערע געוואָרען... פרעהליכער, לעבעדיגער.

וויא עס איז נאָר געוואָרען ליכטיג האָט די בלאָטע, וועלכע האָט זיך איינגעגעסען אין הויז, גענומען רייסען די אויגען און גאָלדע און חיים האָבען געארבייט מיט די זייטען און ריין געמאַכט די הויז.

גאָלדע האָט צוואַשען די פלאָרס און חיים האָט ארויסגעשלעפּט אין סטריט אפשר הונדערט פוּר טראנטעס און שמאַטעס און איינפּאַכע בלאָטע אויף א היבשע ביסעל.

—עס איז גראַמער געוואָרען אין שטוב — מאַכט גאָלדע, ווען זיא האָט געענדיגט מיטן רייניגען.

— א קליינינקייט — ענטפערט חיים —אזוי פיעל שמאַטעס, אזוי פיעל בלאָטע ארויסגעטראָגען.

— פון וואנען האָט זיך דאָס צוזאמענגעקליבען? מען האָט דאָס דאכט זיך גאָר ניט אָנגעזעהען — וואונדערט זיך גאָלדע.

— עס איז געווען פינסטער, האָט מען עס ניט געזעהען — פערענטפערט חיים.

— גאָר אַנדערע רומס — בעטראַכט גאָלדע צופריעדען די הויז.

— ליכטיג, אַ קליינינקייט, ליכטיג! — ענטפערט חיים.

* * *

עס איז געווען שבת פריה מאָרגען, דער דריטער ליכטיגער טאָג. חיים האָט שבת ניט געארבייט, האָט ער זיך אין שאָפּ ניט געאיילט און איז געזעסען לעבען אָפענעם פענסטער און מיט גרויס פערגניגען געקוקט אויף גאַטס וועלט פערטראַכטערהייט.

די קינדערלעך זיינען אלע געשלאָפען אויפן פלאָר לעבען פענסטער און גאָלדע האָט פערקאָכט טהעע.

— חיים, קום טרינקען טהעע — האָט גאָלדע אָבגערופען איהר טיעף פערטראַכטען מאַן.

חייט האָט ניט געהערט זיין ווייב און ער האָט גאָר ניט געענטפערט.

אין די „פינסטערע" צייטען וואָלט ער זיך אין אזא געלעגענהייט שוין ניט אויסגעדרעהט פון גאָלדעס א פּאָר קללות. יעצט איז זיא צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם גוטמוטהיג אָבגערופען.

— חיים, קום טהעע טרינקען.

— האַ? — האָט זיך חיים אָבגערופען.

— וואָס ביזטו אזוי פערטראַכט? — האָט גאָלדע מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— איך טראכט — זאָגט חיים — ויא גוט עס איז צו זיין א נגיד.

— אנטקעגען וואס זאָגסטו דאס ? — האָט גאָלדע געפרעגט, געקוקט אויף איהר מאַן און געשמייכעלט.

— זעה נאָר, וואס פאר א פערגניגען עס איז — האָט חיים גערעדט, אימּמער קוקענדיג אין פענסטער אריין—וואס פאר א מין נחת עס איז צו וואָהנען אָהן א וואַנד, אויף דיא רעכטע פענסטער.

— ווער פערשטעהט עס ניט ? — האָט גאָלדע צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ און חיים רעדט ווייטער.

—זעה נור, קוק נור... מען זעהט א וועלט. מען זעהט אז מען לעבט... מענשען... פערד... מען געהט... מען פאָהרט.... מען רעדט... א לעבעדיגע וועלט.

— געה, משוגענער, טרינק א גלעזעל טהעע — מאַכט גאָלדע גוטמוטהיג און נהמט אויך קוקען אין פענסטער.

— א פערגעניגען — הערט ניט אויף צו קוויקען חיים.

— אָבער ווער וויים אויף וויא לאַנג ? — זאָגט גאָלדע מיט א זיפץ — מסתמא וועט מען באלד ארויפשטעלען אן אנדער בילדינג.

— עט, עס קען אזוי דער זומער אריבער — טרייסט חיים זיין פרוי — און ווייטער וויפיעל דאס זאָל ניט געוועהרען איז א דאַנק גאָט, מיר לייגען צו דעם גאָרניט צו.

— ווען עפּעס עסען צום טהעע ? — פרעגט גאָלדע.

— יעס — ענטפערט חיים — גיב א שטיקעל ברויט ; עס ווילט זיך עסען.

— זייט עס איז ליכטיג אין הויז עסט זיך גאָר מעהר — זאָגט גאָלדע און דערלאַנגט איהר מאַן א גלעזעל טהעע מיט א שטיקעל ברויט צום פענסטער.

זיא נעהמט אויך א גלאָז טהעע און זעצט זיך אויך אוועק לעבען דעם פענסטער.

דיא אביונים טרינקען טהעע, עסען ברויט, קוקען אין פענסטער און האָבען שטארק הנאה.

דיא קינדערליך האָבען גענומען אויפשטעהן און גלייך צו דיא פענסטער... און קלייבען התפעלות.

— בעטען גאָר ניט עסען — זאָגט גאָלדע און קוקט מיט ליעבע אויף דיא נאַקעטע בלאַסע קבצנים'לעך.

— דיא ליכטיגקייט — זאָגט חיים עפּעס אזוי וויא פילאָזאָפיש — דאס איז הפנים זיי טהייערער וויא דאס עסען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיהר און אין הויז איז אריינגעקומען דיא מיסעס הערשמאַן — א שכנה פון דעם פערטען פלאָר.

— א גוטער מאָרגען — מאַכט דיא מיסעס הערשמאַן.

— א גוטער מאָרגען, א גוטער מאָרגען — ענטפערן חיים און גאָלדע ביידע גלייך — קומט זיצען.

— איהר האָט הנאה פון דער סטריט ? — פרעגט דיא מיסעס הערשמאַן אין טהוט עפּעס א מאָדנעם שמייכעל דאביי.

— נו, זאָגט אדרבא — רופט זיך אָב גאָלדע — זאָגט, מיסעס הערשמאַן, איז ניט א ליכט אין דיא אויגען ?

— יעס, געוויס, — ענטפערט דיא מיסיס הערשמאַן — אָבער ניט לאַנג וועט אונז זיין ליכטיג אין דיא אויגען.

— מען וועט בויען באלד ? — פרעגט חיים, און ביידע, אי חיים, אי גאָלדע, קוקען עפּעס אזוי וויא דערשראָקען אויף דער מיסעס הערשמאַן.

— בויען וועט מען דאָ ניט אזוי גיך — עס קען אזוי איבערגעהן פיינע עטליבע חדשים, נור. . .

— נור וואָס דען? — שלאָגען איבער חיים און גאָלדע, ביידע אין איינמאָהל, דיא מיסעס הערשמאַן און קוקען אויף איהר מיט ברייטע אָפענע אויגען.

— נור מען וועט רייזען רענט צו א דאָלער א האלב א חודש צו אלע בעק־טענער פאר דיא ליכטיגקייט.

חיים און גאָלדע האָבען גאָרנישט געענטפערט, נור א שווערער שאָטען האָט בע־דעקט זייערע ביידענס געזיכטער, און ביידע זיינען זיי א ווייל געבליעבען זיצען אזוי וויא פערגליווערטע...

— מיר וועלען שוין מוזען שטארבען מיט א וואנד אויף דיא אויגען — האָט חיים דער ערשטער איבערגעריסען דיא שווערע שטילקייט.

— עס קלינגט שוין מיר אין דיא אויערן — האָט מיטגעטהיילט גאָלדע — קלינ־גען זאָל מען נאָך דעם לענדלאָרדס מיתה.

— געהט פרעסען, ממזרים! — האָט דיא דארע, הויכע אידענע א קאָמאנדעווע געטאָהן צו איהרע קינדער.

— לאָז זיי קוקען — האָט חיים געענטפערט מיט א ביטערן שמייכעל — מיר וועלען שוין אין גיכען האָבען אנאנדער וואנד, מען וועט מוזען מופען... אכט דאָלער א חודש קענען מיר ניט צאָהלען....

זונטאג האָבען דיא גארבערס בעקומען דיא טרויעריגע נייעס וועגען העכערע רענט אָפיציעל דורך׳ן הויזקיפּער, און אויף מאָרגען איז חיים מיט זיין ווייב אוועק זוכען אן אנדער דירה.

נאָך א האלבען טאָג זוכענעס האָבען דיא גארבערס געפונען רומס פאר דיא זעלבע רענט, וואָס זיי האָבען געצאָהלט אין דער אלטער דירה.

אויך דריי פינסטערע חדרים מיט א וואנד היינגענדיג אויף דיא רעכטע פענסטער נאָך נעהענטער איידער דיא ערשטע וואנד.

— צו וואָס האָב איך דאָס נאָך בעדאַרפט רייסען דיא געדערים און רייניגען דיא רומס? — פערדריסט גאָלדען געהענדיג אהיים.

— און איך האָב אזוי פיעל בלאָטע ארויסגעשלעפּט, — פערדריסט אויך חיים׳ן.

סלעק טיים — שלאָפען זיי.

ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס דיא ווינטער נעכט זיינען לאַנג וויא דער פינסטע־רער אידישער גלות, צולייגט מען זיך שלאָפען ביי דיא חריופּקינס וויא עס ווערט נור דרויסען דונקעל.

עס שאַדעט ניט, דאָס איהר זאָלט אָבער האָבען אין זינען, אז ווען דרויסען הויבט ערשט אָן ווערן אבענד איז ביי דיא חריופּקינס אין הויז שוין א שטיק אין דער נאַכט אַריין און דאָס איז דארום ווייל דיא חריופּקינס וואָהנען אין א בייסמענט אָפּגעצאָמט פון דער איבריגער וועלט דורך א הויכען שמאָלען „ווייר־שעפּט“ און אבענד צייט, ווען דיא זונן פאנגט אָן צוזאמענרופען איהרע קינדערלעך — דיא שטראהלען אהיים, רופט זיא ארויס יענע ארעמע שטראהלען, וועלכע האָבען זיך געשטיקט אין דעם טיפען שמאָלען „ווייר־שעפּט“ לעבען דיא חריופּקינס׳ פענסטער מיט א גוטער שעה פריהער, ווייל עס דארף נעהמען גענוג צייט פון דאָרטען ארויסקראַבקען זיך.

מחמת דער זעלבער אורזאכע הויבט זיך אָן דער פריה מאָרגענס ביי דיא חריופּ־קינס אין בייסמענט, ווען דרויסען איז שוין גרויסער טאָג און אזוי וויא דיא לייטע געהען ארוים פון בעט נור דאן ווען עס ווערט גוט ליכטיג, קומט עס אוים, אז דיא חריופּקינס שלאָפען אָפּ א גוטען חלק פון דעם טאָג אלס צוגאָב צו דער לאַנגער, לאַנ־גער נאַכט.

וועט איהר דאָך ביי מיר פרעגען: וויא אזוי בלייבען זיי דאָס ניט אָהן זייטען ליגענדיג? וועל איך אייך ענטפערן, אז זיי שטעהען טאַקע אויף מיט קראַנקע זייטען. וועט איהר דאָך פרעגען: וויא אזוי זיינען דאָס מענשען אזעלכע „פּעפּער“? וועל איך אייך ענטפערן: אז זיי ליגען אין בעט ניט פון תענוג וועגען.

שונאי ציון זאָלען אזוי לעבען וויא זיי שלאָפען. ווער קען עס אָפּשלאָפען אזוי פיעל? און איך מיט אייך זאָלען ביידע האָבען אזוי פיעל גוטע יאָהרען וויפיעל קללות מאַן און ווייב גיבען איינער דעם צווייטען טאַקע אין דער זעלבער צייט, וואָס מען ליגט אין בעט.

אָבער צו וואָס ליגט מען דאָס, ווען מען שלאָפט ניט ?

אָט דאָ ליגט טאַקע דער גאַנצער בייזער שפּיעל. דאָס איז א פּראָדוקט פון דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען.

דיא חריופּקינס זיינען גרויסע אביונים און מוזען אָנפיהרען א שטאַרקע מלחמה צו בעקעמפּפען דעם דלות, נון זיינען זיי געקומען צו דער איבערצייגונג אז דער ביי־ליגסטער מיטעל צו קעמפּפען מיטן דלות, דער הויפּט ווינטער, איז ליגען אין בעט פערבאָרגען אונטער א גרויסען באַרג מיט שמאַטעס, טראַנטעס און שווייגען.

חריופּקין איז א פּיינטער און פון קריסמעס ביז פּורים, להבדיל, האָט ער וויסטע סלעק. און ער פערדיענט זיך אז אסור א צובראָכענע פּענע. טאָ וואָס טהוט מען ?

מוז מען לעבען אויף „קעש“, דאָס הייסט פאר דיא עטליכע דאָלער וועלכע מען שפּאָרט אָב פאַרן סיזען. דארף מען זעהען אז עס זאָל זיין דיא הוצאה וואָס קלענער,

װען ניט װעט דער אָפּגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל ניט כאַפּען און מען װעט דארפען לייגען דיא ציינער אויפען ביידעם.

עסט מען ניט, לעבט מען ניט, טרינקט מען ניט, אָבער דאָס איז װייניג, עס איז װינטער, און װען מען זאָל ניט עסען און טרינקען, און ניט לעבען, געהט אויך אַװעק געלד: עס איז קאַלט און מען מוז הייצען, דיא נעכט זיינען לאַנג און מען מוז ברענען א לאָמפּ.

און דיא חריופקינס האָבען איינגעזעהען אז זייער אָפּגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל װעט ניט ציהען ביז פּורים און זיי װעלען מוזען מאַכען א צו לאַנגען „אסתר תענית“. קוילען זיינען אין הימעל און קעראָסין איז טהייערער פון װיין, אָבער װיא קען מען דאָביי שפּאָרען? הייצען מוז מען, עס איז קאַלט, ברענען א לאָמפּ מוז מען, עס איז פינ־סטער, און דיא חריופקינס פאַלען אויף א סברה.

צו װאָס זאָל מען דאָס זיצען ביי נאַכט און קוקען װיא דער אויװען און דער לאָמפּ ברענען? מען קען זיך דאָך אריינלייגען אין בעט, פערטרינקען זיך אין שמאַטעס און ליעגען און זאָל דער דלות צופּלאַצט װערן.

טאָהן איז סיי־װיא־סיי ניטאָ װאָס, װאָס טהוט מען א לאַנגען װינטערדיגען אָבענד? גאָרנישט, אויפען הארצען איז ביטער, גיסט מען אויס דעם כעס, מען רייסט זיך און מען שילט זיך, קען מען דאָך דיא זעלבע מלאכות טאָהן ליגענדיג אין בעט, און עס װעט זיין פערשפּאָרט קוילען און קעראָסין.

און װיא עס װערט נאָר אין דרויסען דונקעל בעט אויס דיא בעט דער מיסטער חריופקין און זיין װייב פערשלעפּערט זייער איינציג דריי יאָהריגעס קינד. בערעלע פערשטעהט נאָך ניט פאַר װאָס מען לייגט זיך אזוי פריה שלאָפען, נור ער פרעגט קיין קשיות ניט. אין הויז הויבט אָן צו װערן קאַלט, און דאָס ארעמע פויגעלע איז גערן צו „פערטוליען“ זיך אין בעט אין דיא שמאַטעס.

מען פערלעשט דעם פייער אין לאָמפּ, דער אויװען געהט שוין אליין באַלד אויס און ביי דיא חריופקינס שלאָפט מען.

מען שלאָפט, מען קעמפּפט מיט דעם דלות ליגענדיג אין צרות.

א ביליגער מיטעל.

װען מען שלאָפט זיך דורך דעם ערשטען שלאָף,װענדעט זיך חריופקין צו זיין פרוי:

— װיפיעל דיינקסטו איז דאָס יעצט דער זייגער, יהודית?

יהודית הערט זיך גוט צו און ענטפערט.

— עס מוז שוין זיין א זייגער אכט.

— פון װאַנען נעהמסט דו דיך ? —פרעגט חריופקין.

— הערסט דען ניט װיא מען קלאַפּט מיט לעפעל און מיט טעלער — מען עסט ערשט סאַפּער ביי לייטען.

— אין „ציזין“ פלעגען מיר אויך עסען סאַפּער ביי דיזער צייט — זאָגט חריופ־קין און גיט דערביי א טיעפען בייַנקענדען זיפץ.

— מיר װעלען שוין באַלד פערגעסען דיא גוטע צייט — ענטפערט אויף דעם יהודית און מאַן און װייב לאָזען זיך װייטער אװעק אין דער װעלט פון חלומות.

עס געהט אריבער נאָך עטליכע שטונדען און עס דערהערט זיך װיא חריופקין קו עבצעט.

— װאָס איז דיר ? — פרעגט יהודית.

— עס ברעכען מיר דיא זייטען ליגענדיג.

— מיר אויך — ענטפערט יהודית אוןביידע נעהמען גענעצען.

— וויפיעל קען דאָס יעצט זיין דער זייגער ? — פרעגט ווייטער חריופקין, און יהודית הערט זיך ווייטער צו.

— עס מוז שוין זיין א זייגער צעהן — טהיילט מיט יהודית.

— נישט מעהר ? — וואונדערט זיך חריופקין — עס קען ניט זיין, עס מוז זיין א סך מעהר.

—אַט אדרבה הער זיך צו — גיט ניט נאָך יהודית — וועסטו הערען וויא אפּ־סטעז שילט זיך דיא הויזקיפּערין — דאָס לעשט זיא אוים ערשט דיא געז אין האָל.

— אוי וועה איז מיר, וויא דיא נאכט ציהט זיך — רעדט פאר זיך חריופקין און קעהרט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט.

און יהודית הערט זיך אימער צו, און רעדט מעהר פאר זיך:

— דאָרט אפּסטעז לעבט מען נאָך און מיר ב"ה שלאָפען.

— וועה איז מיר, וועה איז מיר — זיפצט חריופקין צום טאַקט און עס ווערט ווייטער שטיל.

דיא נאכט ציהט זיך ווייטער.

— דו שלאָפסט ? — פרעגט חריופקין זיין אידענע.

משוגע בין איך וואָס ? — ענטפערט יהודית — ווער קען עס אַפּשלאָפען אזא לאַנגע נאַכט; איך ליעג און ברעך זיך דעם מוח.

— אויף וואָס ? — פרעגט חריופקין.

—אַט, איך וואָלט א בעלן געוועזן וויסען—דערציילט יהודית אויף וואָס זי ברעכט זיך דעם מוח—וואָס איך זאָל מאָרגען מאַכען צום עסען, אז עס זאָל גאָרנישט קאָסטען און מען זאָל קענען זאַט זיין.

— אוי, וועה איז מיר, וועה איז מיר ! — זיפצט חריופקין און וויים ניט וואָס ער זאָל אויף דעם ענטפערן.

—איך וואָלט א בעלן געוועזן וויסען וויעפיעל איז דער זייגער ציינד — פרעגט יהודית שוין יעצטיגען מאָהל.

—עס מוז שוין זיין באלד טאָג — ענטפערט חריופקין.

— געה שוין, געה שוין, משוגענער —איז יהודית ניט איינשטימיג.

— עס מוז שוין זיין באלד טאָג — וויל חריופקין ניט אָפּגעבען זיין מיינונג.

— דיר ווילט זיך דערלעבען טאָג — זאָגט יהודית גוטמוטהיג — דאכט זיך דיר אלץ אז באלד איז טאָג און איך זאָג אז עס איז נאָך פאר האלבע נאכט.

— וואָס רעדסט דוא, וואָס ? — גלויבט זיך ניט חריופקינען — איך וועל דאָך ווערן משוגע.

— דו ווייסט דאָך — זאָגט יהודית — אז ארום האלבע נאַכט צושרייט זיך בע־רעלע און יעצט שלאָפט ער נאָך.

— נאָ, מאַמע — לאָזט זיך הערען בערעלע.

— אוי, מיין גליק — ער שלאָפט דאָך גאָר ניט — טהוט זיך א כאַפּ יהודית פיר איהר קינד.

— עס איז איהם געביך קאַלט — זאָגט חריופקין.

— איז דיר קאַלט זונינוי ? — פרעגט דיא מוטער איהר קינד.

— קאַלט, מאַמע — ענטפערט בערעלע.

און יהודית פערוועררגט בערעלען מעהרער און מעהרער מיט דיא בעט־שמאַטעס און טוליעט דאָס קינד צו זיך.

דיא נאכט ציהט זיך ווייטער און ווייטער.

— אוי מיר נעהמען אפּ דיא זייטען — קרעכצעט חריופקין.

— מיר אויך — קלאָגט זיך אויך יהודית און מען פערפיהרט ווייטער א רייד.

אן אנדערש מאָהל בערעדט מען שכנים; אן אנדערש מאָהל פּרובירען דיא חריופקינס בערעכענען וויא לאנג איז עס שוין נאָך זייער חתונה, אָדער וויפיעל מען איז א בעל הוצאה דורכשינטליך א וואָך, אָדער וויפיעל עס האָט זיי אָפּגעקאָסט דער קינדבעט מיט בערעלען....

זעלטען ווען זיי בערעכענען אויף ריכטיג אזא חשבון, נור דערווייל רעדט מען אָפּ, ביז וואנען אין בייסמענט הויבט אָן ווערן ליכטיג און דאן שפּרינגען ארוים דיא חריופקינס פון בעט עפּעס אזוי וויא פון א געפעהרליכער בעהעלטעניש און ביידע נעהמען אין גרוים היילעניש מאַכען דעם אויווען.

איבער אַ נאָדעל.

(אַ שאפּ סצענע).

היינט איז שטיל אין שאפּ...

עס איז ניט סלעק; עס הוזשען און רוישען דיא רעדער פון דיא נעה־מאַשינען, עס קלאַפּען דיא שערען, עס פייפט און עס שווישטשעט דער סטים. אָבער דיעזער טומעל איז אַ שטומער רעש... דאָס איז דער שטענדיגער ריידען פון קאַלטען אייזען, וועלכער וויים גאָרנישט, פיהלט ניט, פערשטעהט ניט און פערבלייבט צו יעדער פּאַסירונג גלייכגילטיג.

שטיל איז אָבער צווישען דיא ארבייטער.

דיא אפּרייטאָרס, דיא בייסטערס, דיא פינישערס, זיצען היינט ביי דער אַרבייט וויא דיא שטומע, טרויעריג שטיל...

אברהם דער לץ זאָגט ניט קיין וויצען און קיינער לאַכט ניט. סעם און היימאַן, וועלכע זיינען שטענדיג וויא אויף מעסערס, רייסען זיך היינט ניט ארום און קיינער האָט ניט הנאה. חנה דיא פינישערין זינגט ניט, דייוויד העלפט איהר ניט אונטער און קיינער הערט זיך ניט צו...

צווישען דיא מענער ארבייטער דערצעהלט מען ניט דיא נייעס פון דער גרויסער וועלט... צווישען דיא פרויען טרייבט מען ניט קיין רכילות... שטיל, אַלע זיצען וויא דיא בענומענע... אַלע שיינען צו זיין טיעף פערטרויערט... אויף אַלעמעס פּנים'ער קען מען לייענען אַ פערבאָרגענעם שמערץ... און עס מאַכט דעם איינדרוק אזוי וויא אַלע וואָלטען דאָ בעקלאָגט עפּעס אַ פערשטאָרבענעם נאָהענטען פריינד, און נעהען נעהט מען דאָס פאר איהם תכריכים.

דיא אורזאַכע פון דיזער שווערער שטילקייט איז אַ ריס אין דיא פּרייזעס פאר דער ארבייט. אַ פרישע בלוטענדע וואונד אין דיא ארבייטערס הערצער, וועלכע איז געסטערן אבענד ערשט געמאַכט געוואָרען דורך דעם פאָרמאַן — דעם באָס'ס טומפּען, פערראָסטעטען מעסער...

און עס רעדט זיך ניט, און עס לאַכט זיך ניט, און עס שפּאַסט זיך ניט, און עס זינגט זיך ניט; יעדערער איז פערנומען מיט זיין פרישער וואונד... מען איז פערביטערט, צורייצט, אָבער יעדערער פאר זיך...

עס איז שטיל אין שאפּ.

דאָלבין, איינער פון דיא פערוואונדעטע אפּרייטאָרס, זיצט פערטיעפט אין דער ארבייט און מיט זיין מחשבה רעכענט ער אַלץ דיא גרויס פון זיין וואונד, און האַלט אין איין מעסטען דיא בלוט, וועלכע וועט אויסגעצאַפּט ווערען פאר דער גאַנצער וואָך ביי דיא נעכסטע ווייזשעס... עס קומט אוים אַ היבשע ביסעל... און עס טהוט אזוי וועה, און עס פערדריסט אזוי....

אוי, ברידערלאך, וואס פאר א שארפען וועהטאג מען פיהלט עס ווען מען רייס: די פרייזעם...

צו דעם האט דאלבין היינט נאך א צרה: ער האט ארייגגעקראגען זעהר א שלעכטע לאט ארבייט. א פעקעל יסורים, און ער קען בשום אופן פון דעם פעקעל ניט ארויסראטעווען זיך... די סחורה איז א קאמענע, הארט וויא שטיין און ווען די נאדעל קריכט אריין דארף מען ארבייטען מיט דער גאל אום ארויסצוקריגען זיא צוריק. דער שניט איז א צרה׳דיגער, און עס קומט אוים יעדער ווילע צוריק רייסען, דאס וואס מען האט מיט שוויים און בלוט אויפגענייט....

דאלבין רייסט זיך די האר פון דעם קאפ, ער בייסט די ליפען ביז בלוט... און די הארץ שטארבט אב פון צורייצטקייט און פון וויהטאג...

אנדערע ארבייטער, וועלכע האבען אין דערזעלבער צייט מיט איהם גענומען צו לאט אדבייט, זיינען שוין לאנג, לאנג, פערטיג און ענדיגען שוין די צווייטע לאט... און ער — דער אונגליקליכער דאלבין מאטערט זיך נאך אימער מיט דער ערשטער לאט... און ער פיהלט אז עס שטארבט איהם אפ א גליעד נאך א גליעד...

ער יוצט בלאס וויא א טויטער... און עס ציטערן איהם אלע אברים פון אויפרעגונג און שמערצען...

ענדליך איז די ארבייט פערטיג... ער ווישט אב דעם דיקען שוויים פון דעם פנים און מיט א קללה טראגט ער די ארבייט ארונטער אין אפיס אריין...

ביי אברהם דעם לץ האט זיך אבגעבראכען דער פאינט פון זיין מאשין נאדעל. קיין אנדערע נאדעל האט ער ניט; לויפען קויפען איז א שאדע צייט; אברהם וויים, אז ביי דאלבינען אין מאשין־קעסטעל ליגען עטליכע נאדלען... ער וויים אבער אויך, אז דאלבין איז היינט צורייצט וויא א טייפעל און ער וועט אין קיין פאל ניט אויסבארגען און אפילו ניט פערקויפען קיין נאדעל... און ער געהט אליין צו דאלבין׳ס מאשין־קעסטעל און וויל ארויסנעהמען א נאדעל...

דער קעסטיל איז פערשלאסען, און אברהם פאלט אויף א סברה: ער נעהמט ארויס די נאדעל פון דאלבין׳ס מאשין, נעהמט ארויס פון זיין אייגען מאשין די פערטומפטע נאדעל און מאכט א בייט.

די הענד פון שאפ שמייכלען צו און אברהם ארבייט ווייטער.

דאלבין געהט... מיט זיך טראגט ער צוריק די אלטע לאט ארבייט... זיין בלאסער פנים האט געקראגען ערטער־ווייז רויטע פלעקען. די אויגען בלישצען מיט א שרעקליכען גלאנץ...

אלע ארבייטער פערשטעהען וואס דא האט געטראפען... קיינער וואגט ניט צו פרעגען... און אברהם׳ען איז פלוצלונג אריבער א סקרוך איבער׳ן לייב...

דאלבין האט אווארף געגעבען די ארבייט לעבען מאשין, א זעץ געגעבען זיך אויף זיין שטוהל, ארייגגעווארפען מיטביידע הענד אין די האאר פון דעם קאפ און איז געבליבען זיצען צוטומעלט, דערשלאגען וויא פון א שרעקליכען קלאפ...

— איבערפיקסען? — האט עפעס איינער א פרעג געגעבען.

דאלבין האט געשוויגען.

— די גאנצע בלעדע לאט? — האט א צווייטער א פרעג געטהאן.

דאלבין האט גארנישט געענטפערט, נור זיינע אויגען זיינען פלוצלונג פערלאפען מיט טרעהרען.

דאלבין נעהמט א שטיקעל ארבייט... און זיינע הענד טרייסלען זיך... ער קוקט

ארום דיא ארבייט און טהוט א זיפץ... אָבער אזא מאָדנעם זיפץ... עס דאכט זיך, אַז אינעוויינינג דאָרטען, פון וואַנען דער זיפץ קומט האָט זיך אָבגעריסען אַ שטיק הארץ... און אימער שוויינענדיג לייגט ער דיא ארבייט אונטער דער נאָדעל...

דער ראָד האָט זיך א דרעה געגעבען.... עס האָט א סקריפ געטאָהן דיא פער־טומפטע נאָדעל.

— וואָס איז דאָס? ווער האָט עס געטהאָן? און דאָלבין האָט אַ בליק געגעבען ארום זיך מיט אַ ווילדען, שרעקליכען בליק...

אברהם דער אפרייטאָר איז בלאַס געוואָרען...

— דוא... אברהם?...

— דוא האָסט דאָך אַנדערע... איך וועל בעצאָהלען...

גלייך פליהט אַ גרויסע אייזערנע שער מיט אַ שרעקליכער מאַכט צו אברהם'ען...

עס הילכט אָב אַ געשריי פון אימה פון אַלע הענד...

דיא שער טרעפט אברהם'ען אין אקסיל, פאָהרט אריין טיעף אין דיא פלייש און בלייבט שטעקען... עס צייגט זיך בלוט... אברהם פערוואַרפט דעם קאָפ, עס ווערט אַ געשריי... אַ טומעל...

און דאָלבין שטעהט אַ שרעקליכער...

— זעהר רעכט... ניט קריך — זאָגט ער... און ער טרייסעלט זיך וויא פון קעלט און שמייכעלט מיט אַ קאַלטען טייפעלשען שמייכעל...

דער באָס איז ארויף...

וואהרשיינליך האָט איהם שוין אימיצער געזאגט, וועגען דעם וואס דאָ איז פאָרגעקומען, וואָרעם וויא ער איז אריין האָט ער גלייך אויסגעשריען:

— איבער אַ נאָדעל! מערדער, באַנדיטען, מען דאַרף אייך דאָך אַלעמען פערשיקען נאָך סינג־סינג...

* * *

דיא סצענע איז געענדיגט...

מאיר דעם ביגלערס באַנדעל.

נאָך פסח, ווען דיא זונן טהוט א ברען און עס קומט אָן דער ליעבער זוממער, קלייבט אוים גאָסיע א טאָג ווען איהר מאַן, מאיר דער ביגלער, ארבייט ניט אוןביידע נעהמען אויסראַמען דעם ווינטער פון הויז.

גאָסיע קלייבט צוזאַמען דיא ווינטערדיגע קליידער, איהר מאַנס ווארעמען „זשאַמ־פער", דעם ווינטערדיגען אָווערקאָוט, דיא ווינטערדיגע היטעל, איהר אייגענעם ווינ־טערדיגען בגד,ביידענס צוריסענע וואָלענע זאָקען, ווארעמע שמאַטעס, וואַטאָווע טי־כער, א. ז. וו. זיא לייגט עס אַלעס אין א קופּע אויפן פּלאָר, שטעלט זיך אַוועק לעבען דעם אין א דראַמאַטישע פּאָזע און רופט אוים מיט א פערטראַכטער אָבער הויך־קלינ־גענדער שטיממע:

— מאיר, קום אַקאָרשט אהער!

מאיר ערשיינט זאָפאָרט.

— וואָס דאַרפסטו מיך? — פרעגט ער זיין אידענע.

— וואָס טהוט מען מיט דעם?—צייגט איהם אָן גאָסיע אויף דער קופּע מיט דיא ווינטערדיגע טראַנטעס.

מאיר שטעלט זיך אַוועק לעבען דער קופּע טראַנטעס, בלייבט א ווײַלע שטעהן בעטראַכטענדיג מיט דורכדרינגענדע בליקען דיא חפצים... זיין פּנים ווערט ערנסטער און ערנסטער, אמאָהל אין א ווײַלע טהוט ער א דריק מיט דיא פּלייצעס עפּעס אזוי וויא אויסדריקענדיג מיט דעם א שטאַרקען צווייפעל, נור פּלוצלונג טהוט ער זיך א כאַפּ און זאָגט פעסט און ענטשלאָסען:

— ארויסוואַרפען אויף א ריינעם אָרט!

— א שאָדען — ענטפערט געלאַסען גאָסיע.

— טראַנטעס — מאַכט מאיר.

— פון דעסטוועגען — ענטפערט גאָסיע.

מאיר פאַלט אויף דיא קניע פאַר דער קופּע שמאַטעס און קוקט עס איבער נאָך אמאָהל.

— אויף א ריינעם אָרט — זאָגט ער ווייטער ענטשלאָסען.

— און איך זאָג אז עס איז א שאָדע — האַלט זיך גאָסיע ביי איהר מיינונג.

— טראַנטעס — מען קען דאָס שוין מעהר ניט טראָגען.

— האָסטו אַנדערע?—פרעגט גאָסיע, און אין איהר טאָן הערט זיך א פּאָרוואורף.

— ביז איבער א יאָהר האָבען מיר א גוטען גאָט — האָפט מאיר.

— האָפען מעג מען — גיט צו גאָסיע — פון דעסטוועגען ווייס איך דיינע ביי־טערע פּרנסות.. אויפן שטיקעל טרוקענעם ברויט איז דאָ און ווייטער איז אפילו אויף א העמד ניטאָ.

— נו, אָבער אז מען קען דאָס מעהר ניט „יוזען" — רעדט שוין אביסעל בעליי־דיגט מאיר — אז מען וועט מוזען אנדערע האָבען וועט ניט זיין קיין תירוץ, וועט מען דערקאָזען.

— זאָל מען דאָס נעהמען טאַקע גאַר אַזוי און אַרויסוואַרפען? — גלויבט זיך דאָס גאָר ניט גאַסיען.

— ניין, וואָס עפּעס אַזוי גאָר, מאַך פריהער אַ הספד — שמייכעלט מאיר גוט־מוטהיג.

—אַם וויייניגסטען קען מען דאָך דערפאַר עפּעס נעהמען ביי אַ רעגסמאַן — זאָגט גאַסיע מעשה ווירטהין.

— נו, טאָ געה רוף אַריין אַ רעגסמאַן — האָט מאיר גאַרנישט וואָס אויסצוזעצען דאַגעגען.

גאַסיע וויל שוין געהען צום טיהר, נור זיא טהוט אַ וואַרף אַ בליק אויף דיא שמאַטעס, קעהרט זיך אום און בלייבט שטעהן.

— ניין מאיר — זאָגט גאַסיע ענטשיידען — איך וואַרף דאָס ניט אַרויס.

— דאַרף מען ניט — ענטפערט מאיר.

— איך וועל מאַכען אַ באַנדעל און אַראָבטראָגען אין קעלער.

— זאָל זיין אַזוי — אַרט עס ניט מאיר׳ן.

גאַסיע מאַכט אַ באַנדעל און מאיר שלעפּט עס אַוועק אין קעלער.

* * *

דער שעהנער זומער לויפט זיך מיט זיין וועג... עס איז הייס, עס איז דושנע, מאיר שוויצט און פּאַכט מיט דער נשמה אין שאָפּ, גאַסיע מאַטערט זיך אין דער היים... מען געהט אַרום האַלב נאַקעט, מען וואָלט געגרן פון זיך דיא הויט אַרונטעררייסען... און ניט דעם ביגלער, און ניט זיין ווייב ליעגט אפילו אין דער מחשבה ניט דער אַרע־מער באַנדעלע, דאָרטען אין קעלער.

דער באַנדעל פאַלט אָבער ביי זיך ניט אַראָפּ, ער ווייס שוין פון יאָהרען וואָס מיט איהם פּאַסירט און וועט פּאַסירען.

אין פּרנסה געהט מאיר דעם ביגלער אַזוי וויא געוועהנליך.

מאיר ביגעלט און דער באָס שניידט. מאיר סטרייקט און דער באָס שווייגט, מאיר האָט סלעק און דער באָס וואַרט, מאיר גיט נאָך און דער באָס לאַכט... און אַזוי לויפט פערביי דער ליעבער וואַרעמער זומער...

ביי טאָג ווען דיא זונן ברענט, איז נאָך וואַרעם, נור פריהמאָרגען און נאַכט איז שוין גוט קאַלט.

ווען מאיר לויפט פאַר טאָג צו דער אַרבייט, כאַפּט ער אַ פיינעם ציטער, און אַהיים פון דער אַרבייט קומט ער אויך בלוי וויא אַ קעסיל.

גאַסיע פריהרט אויך צו ביסלעך.

זיא קלויבט אויס אַ טאָג ווען איהר מאַן איז צו הויז, און זיא נעהמט שמועסן וועגען „אַריינצונעהמען" דעם ווינטער אין שטוב.

— מאיר — פרעגט גאַסיע — וואָס וועט עס זיין?

— וואָס זאָל זיין? — פרעגט מאיר פון זיין זייט.

— עס איז שוין ווינטער — זאָגט גאַסיע.

— איך זעה — ענטפערט מאיר.

— עס איז שוין גוט קאַלט — זאָגט גאַסיע.

— איך פיהל — ענטפערט מאיר.

— וואָס טהוט מען? — פרעגט גאַסיע.

— וואָס זאָל מען טהאָן? — פרעגט מאיר פון זיין זייט.

— עס איז ניטאָ אַ ווארעמע טיכעל אין הויז — טהיילט מיט גאָסיע א ביטערע בשורה.

— איך וויים — ענטפערט שטיל מאיר — און לאָזט אראָפּ טרויעריג דעם קאָפּ.ביידע טראכטען דאביי וועגען דעם באָנדעל אין קעלער, נור פאר עפּעס ווילט זיך ביידען ניט דערמאָנען וועגען איהם.

— געה אקאָרשט אין קעלער — ברעכט גאָסיע איהר הארץ.

— הא ? — פרעגט מאיר תם׳עוואטע.

— אין קעלער, דעם באָנדעל — ווידערהאָלט גאָסיע און ביידע גיבען דאביי א שווערען האָפנונגסלאָזען זיפץ...

מאיר לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, איז זיך מטריח אין קעלער, און באלד איז דאָ א גאסט אין הויז: דער באָנדעל מיט דיא שמאטעס, וועלכען מען האָט געוואָלט ארויס־ווארפען אנפאנגס זוממער.

מאיר און גאָסיע פאלען אין גרויס עהרען פורכט אויף דיא קניע פאר דעם באָנדעל מיט דיא טראַנטעס, מען בינדט עס אויף און ביידע הויבען אָן בעטראכטען דיא חפצים.

— נאָך גאָר אַ גוטער אָווערקאָוט — מאַכט מאיר צופריעדען.

— מען קען עס נאָך טראָגען א ווינטער — גיט צו גאָסיע.

— אַ ווינטער ניט אַ ווינטער, ביז גאָט וועט העלפען אויף אַ נייעם קען מען איהם נאָך נוצען — מאַכט מאיר א פשרה.

— און מיין בגד איז נאָך אויך גאָר א גוטער — זאָגט גאָסיע און צייגט מאיר׳ן איהר בגד.

— מען וועט דארפען עטוואס צופיקסען — מאַכט מאיר א פשרה.

— און דיא זאָקען זיינען נאָך אויך גוט געגוג — זאָגט גאָסיע.

— גוט וועט זיין — ענטפערט מאיר.

— יעדער ברעקעלע וועט צוניץ קומען — זאָגט גאָסיע.

— ווינטער איז אַלץ גוט — גיט צו מאיר.

מען צונעהמט דעם באָנדעל און דיא חפצים פערנעהמען זייערע אלטע עמטער...

און אזוי שפּאַצירט דער באָנדעל פון הויז אין קעלער און פון קעלער אין הויז און ווייטער פון הויז אין קעלער, און צוריק פון קעלער אין הויז... שוין פון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען . . .

פערלאָרען דעם באָם.

לאַנגזאַם, אָבשטעלענדיג זיך יעדער ווײלע, האָט דער פערד געפיהרט דעם וואָגען מיט עפּיל. נאָכ'ן וואָגען זײנען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג, אויך אַ יונגער באָי פון אַ יאָהר צוועלף.

דער מאַן איז דאָס געווען דער אײגענטהימער, דער באָס פון דעם וואָגען מיט דיא עפּיל, און דער יונגער באָי איז דאָס געווען אַ גערונגענער העלפּער, אַ'ן אויס־שרײער, און צו דער זעלבער צײט אַ'ן ארויפטרעגער פון דיא עפּיל צו דיא קונים.

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון ווינטער און דיא ענדע פון דעם טאָג. דער וועטער איז אויסגעפאַלען אַ שלעכטער, אַ צרה'דיגער; עס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער, שנײדענדער ווינד און עס האָט ניט אויפגעהערט צו שפּריצען אַ קאַלטער רעגענדיל, וועלכער האָט דורכגענומען דורך־און־דורך מיט פײכטקײט און מיט קעלט.

אַ לײכטער זומערדיגער דזשעקעטיל און אַ פּאָר לײכטע קניע־פּענטס, האָבען שלעכט בעשיצט דעם אָרעמען באָי פון דעם גרויזאַמען וועטער. פון דיא „ניע־פּענס" האָט זיך אין מאַנכע ערטער ארויסגעזעהען דיא הוילע לײב, און פון זײנע צוריסענע שיך האָבען ארויסגעשטעקט דיא פינגער. דער באָי האָט זיך געיאָזשעט און געטרײ־סעלט פון קעלט... און אפשר אויך פון הונגער. זײן קלײנער אויסגעדאַרטער פּנים איז געווען בלאָס און בלאָו, אָנגעשוואָלען פון פײכטקײט, און איבערגעפראָרען פון קעלט.

— פײוו סענט איי האָל לאַט! — האָט עפּעס מיט אַ בענומענעם קול אויס־געשריען דער באָס.

— איי, אַפּילס! — האָט נאָכגעשריען דער באָי מיט אַ הײזעריגער, קינדער־שער, הערצרײסענדער שטימע.

קײנער האָט אָבער קײן אַפּעלס ניט געבעטען, און דער פערד האָט געגעבען אַ טראָט ווײטער.

— ווע‎לען מיר באַלד פאָהרען אַהײם? — האָט דער באָי געפרעגט זײן באָס, און עס האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

דער באָס האָט אין דיזען שלעכטען טאָג אויך שלעכטע געשעפטען געמאַכט, און ער האָט ניט גערעכענט פאַר נײטיג צו ענטפערען אויף זײן באָיס פראַגע.

— פײוו סענט איי האָל לאַט!

— איי, אַפּעלס!

עס זײנען פאַריבער נאָך אײניגע מינוטען.

— ווע‎לען מיר באַלד פאָהרען אַהײם? — האָט דער באָי ווײטער געפרעגט, און זײן קינדערשע האַרץ האָט פערקלעמט פון וועהטאָג.

דער באָס האָט אַ לאַנגזאַמען, שאַרפען, בײזען בליק געגעבען אויף דאָס קינד און אויף זײן פּנים האָט זיך אויסגעצײגט אַ ווילדע הנאה, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאַן וויל זײן ווילדע אונצופרידענהײט פון זײנע הײנטיגע שלעכטע גע־

שעפטען, דערלייגען מיט דעם פערגעניגען פון צוקוקען דיא שמערצליכע מאטערניש פון זיין געדונגענעם באַי.

— ווען איך וואָלט וויסען — האָט דער באָס געענטפערט — אז דוא ביזט אזא פוילער באַי, וואָלט איך דיך אפילו אומזיסט ניט גענומען.

— איך פויל זיך ניט — האָט דער באַי געענטפערט — מיר איז קאַלט.

— און זיין קול האָט געציטערט פון טרעהרען.

— קאַלט? — האָט איהם איבערגעקרימט דער באָס — וואָס ארט עס מיך? א „קוואָדער" ווערסטו דאָך וועלען נעהמען.

— פיווו סענט איי האָל לאָט! פיווו סענט איי האָל לאָט!....

— איי, אפּעלס! — האָט אויסגעשריען א שטימע פול מיט טרעהרען.

און דער פערד איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען און געגאַנגען. דער באַי האָט דערפיהלט אז ער פאַלט פון דיא פיס און ער האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן וואָגען.

סעמי (אזוי האָט מען גערופען דעם באַי) איז דאָס היינט צום ערשטען מאָהל געוועזן אן „עפּעל-שרייער". ביז היינטיגען טאָג האָט ער גאָר געפּעדעלט מיט אבענד-צייטונגען. סעמי'ס פאָטער איז א פעדלער פון סוספענדערס; ער איז א זעלטענער קבצן. זיין מוטער האָט סעמי ניט געקענט, זיא איז געשטאָרבען מיט פינף יאָהר פריהער — א שטיעף מאַמען האָט ער יע. סעמי האָט א זיעבען יאָהריגע, בלאַסע, קרענקליכע שוועסטערל פון דער פערשטאָרבענער מאַמען און דריי קליינע ברידערלעך פון דער שטיף מוטער, דערוויילע פערמאָגט זיין טאַטע, דער סוספּענדער פעדלער, א ווייב מיט פינף קינדער, און אלע צוזאַמען ווערען געשוואָלען פון הונגער. מעהר פון אלעמען דערגעהט אָבער סעמי'ן. ערשטענס איז ער דער עלטעסטער פון דיא קינדער, און צווייטענס, איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך פאַר איהם אָננעהמען, זיין מאַמע איז טויט.

ווען נאָר סעמי'ס טאַטען איז ביטער אויפ'ן הארצען, לאָזט ער אוים זיין כעס צו זיין עלטערן יתום. ווען ער קומט נאָר אהיים פון זיין פעדלען, און זיין הארץ איז איהם פערביטערט און צורייצט, דאַן נעהמט ער זיך בינדען צו סעמי'ן. ער געפינט זיך שוין עפּעס, און נעהמט דאָס קינד שלאָגען אָהן רחמנות; ער שלאָגט, ער שלאָגט ביז וואַנען דאָס קינד נעהמט איהם קושען זיינע הענד, זיינע קליידער, ביז וואַנען דער באַי בלייבט אונטער זיינע הענד... דיא שטיף מוטער קוקט זיך צו צו דיעזער אינקוויזיציאָן, זיא שווייגט, אָבער איהר הארץ קוועלט פון פערגעניגען...

„עמי", סעמי'ס קלענערע שוועסטעריל, האָט ליעב איהר ברודער'ל, זעהר ליעב. כאָטש זיא איז נאָך יונג, דאָך פיהלט זיא, אז זיא און איהר ברודער האָבען ניט קיין מאַמען, אז זיי זיינען ביידע אָפּגעזונדערט אין דער פאַמיליע און דערפאַר האָבען זיי איינער דעם צווייטען שמערצליך האַלט, עפּעס אזוי וויא זיי וואָלטען געהאַט איין נשמה, אָבער וואָס קען עמי העלפען איהר ברודער?

ווען זיא זעהט, אז מען שלאָגט סעמלען, שטעלט זיא זיך אוועק אין א ווינקעלע פערברעכט דיא הענד, איהר הערצעלע ווערט פערשטאָרבען פון שרעק און פון ווייטאָג, איהרע אויגען פערלויפען מיט טרעהרען אָבער זיא האָט אפילו מורא צו וויינען.

סעמי פעדעלט מיט אבענד צייטונגען, שפּעט אין דער נאַכט ברייננגט ער זיינע פערדיענסטען א היים... און וועה, וועה איז צו איהם ווען ער ברייננגט מאַנכעס מאָהל צו ווייניג.

— גנב, דו האָסט פערספּענט! — שרייט אויף איהם דאַן זיין טאַטע — מען שלאָגט איהם און מען גיט איהם קיין סאַפּער ניט.

ווען עס איז געקומען דער הערבסט און עס האָבען זיך אָנגעפאנגען שלעכטע וועטערן איז סעמ׳ס לאַגע געוואָרען פיעל שלימער, ערשטענס ווען זיין טאַטע פלעגט קומען פון זיין פעדלען א דערפראָרענער און א צואווייקטער פלעגט זיין האַרץ זיין מעהר צורייצט און פערביטערט, און סעמי פלעגט קריגען א געשמאַקערן חלק, און צווייטענס פלעגט סעמי אין א רעגענדיגען וועטער פערקויפען פיעל וויניגער צייטונגען און ער פלעגט האָבען אויך דערפאַר אָפּצוגעבען דין און חשבון.

געסטערן אבענד האָט סעמי אזוי וויא אימער געפּעדעלט מיט צייטונגען. דעם גאַנצען אבענד ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין האָט ניט געסטאָפּט צו גיסען א גוס רעגען. סעמי האָט געמאַכט זעהר שלעכטע ביזנעס, ער איז קוים, קוים מיט׳ן קרן ארויס. ווען סעמי איז געקומען אהיים האָט ער שטילערהייט אוועקגעלייגט דיא איבערגעבליעבענע צייטונגען מיט דיא עטליכע פּעניס אויפ׳ן טיש, און ער האָט זיך שטילערהייט פערבאָרגען אין א ווינקעל. סעמי איז געווען צו־ווייקט און דערפראָרען; ער איז געווען בלאַס וויא א טויטער.

דער טאַטע האָט איהם ניט געשלאָגען, נור ער האָט אויף דאָס קינד א וואָרף געגעבען א בייזען, שלעכטען בליק. ווען סעמי האָט זיך אביסעל דערוואַרעמט האָט דער טאַטע צו איהם געזאָגט.

— סעמי אהערצו געה !

סעמי איז צוגעגאַנגען צום טאַטען מיט אַן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ.

— סעמי וואָס איז דאָס ? — האָט דער טאַטע געצייגט אויף דיא צייטונגען.

— עס האָט געגאָסען א גוס רעגען — האָט געשטאַמעלט סעמי.

— שטיל ! — האָט א געשריי געגעבען דער טאַטע — דו רעדסט נאָך ? !

ביידע זיינען געבליעבען שטיל.

— ווען דו וועסט מאַכען מאָרגען אזעלכע געשעפטען — האָט דער טאַטע ווייטער גערעדט — קריגסטו ארויסגעשמיסען פון שטוב. איך קען דיר ניט מעהר פרעסען געבען, געה, פערדיען, דו ביזט געזינטער פון מיר.

סעמי איז א פערציטערטער געוואָרען.

א גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפען. דיא בייזע ווערטער פון זיין בייזען טאַטען האָבען ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין זיינע אויערן. סעמי האָט געטראַכט וועגען מאָרגען — אך, וויא ער האָט געוואָלט אז מאָרגען זאָל זיין טרוקען. זאָל קיין רעגען ניט גיסען. דער ווינד האָט אָבער געהויבען דיא גאַנצע הויז אין דער הויך. און דער רעגען האָט געשמיסען אין דיא פענסטער און אויפ׳ן רוף. ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען, ער האָט גענומען טראַכטען וועגען א בעסערן געשעפט, וועגען א נייער פרנסה. ער האָט זיך מישב געווען אין גאַנצען אוועקוואַרפען דיא צייטונגען און ווערן א שרייער ביי א וואָגען מיט עפּיל. פון קינדער האָט ער געהערט, אז דאָס איז א פיינע זאַך. דיא פרנסה איז א זיכערע און צו דעם עסט מען זיך אָן מיט עפּעל. סעמי האָט אזוי געטראַכט און ער האָט זיך גענומען וואונדערן ווארום ער האָט עס לאַנג ניט געטאָהן.

וויא עס האָט גענומען בעגינען איז סעמי אויפגעשטאַנען און ער איז אראָפּ אויפ׳ן גאַס. ער האָט לאַנג ניט געדארפט ווארטען. אין עטליכע מינוטען ארום האָט זיך פּין עוועניו אין גאַס פערקערט א וואָגען מיט עפּיל. א מאַן האָט געפיהרט דעם פעדד און קיין באָי האָט מען דאָרט ניט געזעהען. ביי סעמי׳ן איז דיא האַרץ פערשטאַרבען געוואָרען און ער איז צוגעגאַנגען צום באָס פון דעם וואָגען. באלד איז סעמי א גליקליכער, א צופריעדענער ארויף געלאָפען אפּסטעז און האָט אָנגעזאָגט דעם טאַטען, אז ער האָט דעם דזשאָב בעקומען.

— זיי נור א מענש — האָט דער טאַטע געזאגט.

— זעה, ברייננ מיט זיך עטליכע גוטע עפּיל—האָט דיא שטיפמוטער מוסיף געווען.

סעמי האָט פערכאַפּט מיט זיך אַ שטיקעל ברויט און ער איז שנעל וויא אַ בליץ אַוועקגעלאָפען צו זיין נייעם באָס...

דער פערד איז זיך לאַנגזאַם טראָט ביי טראָט געגאַנגען און געגאַנגען.

— וואָס ביזטו פערשטומט געוואָרען? — האָט אויסגעשריען דער באָס,—סעמי, ווארום שרייסטו ניט ?

— איי — אפּעלס ! — האָט סעמי אויסגעשריען.

— נעהם געה אריין אהער — האָט דער באָס אָנגעצייגט סעמי׳ן אויף אַ געוויסער הויז—אָבער קלאַפּ אָן טיר און טיר, ווען דו וועסט פערקויפען, קום גלייך אראָפּ נאָך נאָך אַ פּייל מיט עפּיל, ווען ניט, געה איבערן רוף אין דער צווייטער הויז... געשווינד !

און סעמי איז אַוועק אין דער אָנגעצייגטער הויז. דאָס איז געווען א פלעט הויז, אין האָל איז געווען בעדעקט מיט קאַרפּעט, און מיט סטים בעוואַרעמט. סעמי האָט גענומען קלאַפּען פון טיהר צו טיהר. קיינער האָט אָבער קיין עפּיל ניט געברויכט... ביי דיא טענערס אין דיא רומס האָט שוין פייער געברענט, פון אייניגע אַפּארטמענטס האָט זיך געהערט פרייליכע קינדערשע פּלאַפּלעריי און געלעכטער און פון איינע האָבען זיך געטראָגען טענער פון פּיאַנאָס.

אָט קלאַפּט סעמי אָן אין א טיהר; מען עפענט, עלטערן צוזאַמען מיט דיא קינדער זיצען ביים טיש און מען טרינקט טהעע.

— אפּילס ? — פרעגט סעמי.

— נאָו, — ענטפערט מען און מען פערהאַקט ביין דיא טיהר.

אין א צווייטען פּלאַטץ זעהט סעמי, וויא קינדער זיצען זיך און עסען. דער הונ־געריגער סעמי דערפיהלט דעם גערוך פון דיא עסען־ווארג, און זיין פערקלעמטע האַרץ פאַנגט אָן נאָך שטאַרקער וועה צו טאָהן. נאָך אין אַ פּלאַטץ עפענט זיך האַסטיג דיא טיהר און א פרעהליכע שעהן געקליידעטע מיידעלע צייגט זיך.

— עני, אהערצו קום, — דערהערט זיך אהינטער איהם א קול פון א פרויענצי־מער, לויף ניט ארום איבערן האָלל, וועסט זיך נאָך פערקיהלען. באַלד צייגט זיך דיא פרוי און נעהמט צו צוריק דיא מיידעלע.

סעמי בעמערקט דאָס אַלעס און ער איז אזוי מקנא, און עס דריקען איהם שמערצ־ליך דיא געפיהלען. אזוי דערגעהט סעמי ביז׳ן טאָפּ פלאָר און קיין עפּיל האָט ער ניט פערקויפט. סעמי נעהמט געהן אויף דיא טרעפּלעך וועלכע פיהרען צום רוף, נור ער האָט דערפיהלט וויא דער רעגען שמייסט אָן דיא בלעך פון דאַך, און ער בלייבט אַ ווײַלע שטעהן. אין האָל איז וואַרעם און טרוקען. סעמי׳ן, דעם מיעדען, איבערגעפראָ־רענעם באָי, פערוועלט זיך אפּרוהען.

— פון וואַנען וועט דער באָס וויסען? — טראַכט דאָס קינד — ער וועט מיינען אז איך האָב זיך עטוואס לייננער פערזאמט. סעמי זעצט זיך אַוועק וויא אַן אונטער־געהאַקטער און שפּארט אָן דיא קאָפּ אָן דעם פּייל מיט דיא עפּיל...

סעמי האָט זיך פערטראַכט וועגען דיא קינדער, וועלכע האָבען געגעסען; וועגען דיא קינדער, וועלכע האָבען געטרונקען ; וועגען דיא קינדער, וועלכע האָבען גע־שפּיעלט... ער נעהמט זיך פאָרשטעלען, אז ער איז אויך איינער פון זיי... און אז ער עסט, אז ער טרינקט, אז ער שפּיעלט... אין האָל איז טרוקען און וואַרעם... א דרעמיל האָט גענומען שמיעדען סעמי׳ס צו־ווייקטע, צופראָרענע גליעדער... ער האָט זיך

עפּעס אזוי וויא דערשראָקען א כאַפּ געגעבען זיך ,אָבער באלד איז ער ווייטער אנשלאָ־פען געוואָרען.

דער באָס האָט לאַנג אויף זיין באָי ניט געווארט; ער האָט זיך געהאט זיין טרו־קענעם רעכענונג, דער טאָג האָט זיך שוין געענדיגט, דעם באָי דארף ער שוין זאָ וויא זאָ שיקען אהיים, א קוואָדער, איז ער איהם דאָך שולדיג, און דער פּייל צוזאמען מיט דיא עפּיל איז דאָס ניט ווערטה.

דער באָס פון דיא עפּיל האָט ארויסגעלאָזט פון זיין מויל א שטארקען וואָרט, און האָט גענומען זיך ווייטער פאָהרען — ער איז דאָס שוין געפאָהרען אהיים.

ווער ווייס אויף וויא לאַנג סעמי וואָלט געשלאָפען, ווען א טענערקע פון דער הויז וואָלט ניט געגאנגען א קוק געבען אויב דער ווינט האָט ניט צושמיסען דיא וועש, וואָס איז געהאנגען אויפען רוף.

סעמי האָט דערפיהלט, וויא אימיצער האָט איהם געגעבען א גוטען טופּ מיט'ן פוס... ער האָט זיך א כאַפּ געגעבען ניט טויט, ניט לעבעדיג; מיט שרעק האָט ער א קוק געגעבען ארום זיך. לעבען איהם איז געשטאַנען א גרויסע, דיקע, געזונטע פרוי.

— אוועק פון דאנען! — האָט דיא פרוי זיך צושריען — דו לויפער, דאָ איז קיין פּלאַץ ניט צום שלאָפען.

—אפילס! — האָט סעמי א שטאַמעל געגעבען, האסטיג אויפגעהויבען זיך און ער האָט געכאַפּט לויפען אראָפּ דיא טרעפּ. ווען סעמי איז ארויס פון האָל איז שוין גע־ווען פינסטער.

— איי, אפילס! — האָט ער אויסגעשריען און ער האָט גענומען מיט דיא אויג־גען זוכען דעם וואָגען מיט דיא עפּיל — דער וואָגען איז אָבער מעהר ניט געווען.

א פערלאָרענער, א דערשראָקענער האָט דער באָי גענוממען ארומלויפען. ער איז אוועקגעלאָפען אין עוועניו, פון דאָרטען אין גאס, פון דער גאס ווייטער אין עווע־ניו.... דער וואָגען מיט דיא עפּיל איז פערפאלען געגאַנגען. אין איין מינוט האָט סעמי פאָרגעשטעלט זיך זיין היים, זיין טאטען און ער האָט אין גאנצען בעגריפען דיא שווי־דערליכקייט פון זיין לאַגע. ער איז געבליבען שטעהן וויא א צוטומעלטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָהין צו לויפען. אהיים האָט ער יעדענפאלס געשראָקען זיך צו קומען... און דער רעגען האָט גענומען שמייסען שטאַרקער און שטאַרקער...

דער בעל חשבון.

מיין הארץ טהוט מיר וועה אויף דיר, דו בלאסעס קינד, דו ארעמעס קינד פון דער אידישער גהעטא...

פערטראכטערהייט האב איך געשפאנט איבער לודלאוו סטריט.

— גוטען אבענד, מיסטער — האט מיך איינער אנגערופען.

איך האב זיך אומגעקוקט. לעבען מיר איז אויך געגאנגען א אידישער פעדלער מיט א גרויסען באסקעט אנגעהאנגען דורך א רימענעם סטראפ אויפן האלז. דער פערוואגעלטער פנים פון דעם באסקעט - טרעגער האט זיך מיר אבגעדאכט בעקאנט, איך האב זיך אבער ניט געקענט ערמאנערן, וואו און ווען איך האב איהם געזעהען.

— איהר קענט מיר ניט ? — האט ער ביי מיר געפרעגט, און ער האט א שמייכעל געגעבען.

— ניין, — האב איך געענטפערט, עס שיינט מיר אז ניט.

— און איך קען אייך.

— וויא אזוי ?

— איהר האט מיר אמאהל געראטעוועט פון געפאהר, — האט דער פעדלער מיר מיטגעטהיילט. איך בין געווארען נייגעריג, ווארום איך האב אין מיין „רעקארד" ניט געדרייגקט אזא העלדען-טהאט, וואו איך זאל וועמען עס איז „ראטעווען פון א געפאהר".

— איהר האט דאכט זיך א מיסטייק, פעטריל, — האב איך געענטפערט גאנץ ערנסט.

— נעווער מיינד — האט אבער דער מאן געענטפערט — איך בין, זאלט איהר וויסען זיין, א פעדלער, און ווען איך זעה נור איין מאהל א מענשען, וועל איך איהם שוין שטענדיג דערקענען.

— אבער ווען ? וואו ? וויא אזוי ? בין איך שוין געווארען פעראינטערעסירט.

— דאס איז געווען אין אנפאנג ווינטער, — האט אנגעפאנגען דער פעדלער גאנץ געלאסען — אזוי, אין אבענד צייט, און איך בין געגאנגען מיט מיין בעסקעטיל אין דער לייגג פון קעטדרין סטריט. אין דער פריה איז אויסגעפאלען א פרישער, נאסער שנעע און פאר דיא לויפער איז געווען א פיינע ביזנעס... איך געה, מיט אמאהל טראך! מען האט מיר אריינגעפאהרען אין קאפ א געזונטען שנעה - באלל. דיא הארץ איז מיר פערגאנגען פון וועהטאג. איך האב זיך ארומגעקוקט... א גאנצער גענג מיט לויפער האבען אין מיר געצומען ווארפען... זיי וואלטען מיר געמאכט דעם טויט, נור דא זייט איהר אונטערגעגאנגען, און חברה האט זיך גענומען פאר אייך; און איך האב זיך אבגעטראגען.

וועלל, יעצט האב איך שוין געזעהען, אז עס איז זעהר מעגליך, דאס דער פעדלער האט קיין מיסטייק ניט, און וויטער לייקענען דעם פאקט וואס איך האב איהם אמאהל געראטעט פון געפאהר וואלט פון מיין זייט געווען א צו גרויסע עניות, זא האב איך געענטפערט :

— זעהט איהר, דאס איז גראדע מעגליך, מיין פריינד.

— איך האָב אייך דערקענט! — האָט דער פּעדלער געענטפּערט מיט נצחון.
איך בין געבליעבען שווייגען; איך בין ווייטער געגאַנגען, און דער מאַן, וועמען איך האָב גערעטעט דאָס לעבען, איז געגאַנגען ביי מיין זייט.
דער פּעדלער האָט גענומען זיפצען.
— וואָס זיפצט אַ איד? — האָב איך געפרעגט.
— אַ איד האָט צרות. אַ איד דאַרף פערשילטען דעם טאָג ווען ער איז געבאָרען געוואָרען — האָט דער פּעדלער געזאָגט, און ער האָט ווייטער אַ שווערען, שווערען זיפץ געטהאָן.
— וואָס איז דער מעהר? וואָס איז דער מעהר? וואָס זייט איהר אַזוי ברוגז מיט דעם אידען?
— אָט אַזוי — האָט דער פּעדלער געענטפּערט — גאָרנישט, איד ניט איד, איך בין אַן אביון, ניט פאַר קיינעם גערדאַכט, און איך קיי די ערד.
— איהר מאַכט קיין לעבען ניט?
— נאַ, אַ לעבען מאַכט מען גראַדע וויא עס איז, מעהר נישט דיא לויפער, דיא מזיקים דערעסען דעם לעבען, אָבער דאָס וואָלט שוין ניט אויסגעמאַכט, איך בין ניט איין פּעדלער אויף דער וועלט און מען וויים אַז מען ווען מען וויל לעבען אויף דער וועלט מוז מען זיך מאַטערען, דאַרף מען שלינגען גאַל און שפּייען מיט בלוט, מען וויים שוין, אָבער איך האָב גאָר אַנדערע צרות, מיך שטראָפט גאָט גאָר אויף אַ בעזונדערען אופן.
— נו, וואָס איז? — האָב איך געפרעגט — עפּעס טראָבעל מיט דיא „לייסענס", מיט דער פּאָליציי?
— נאַ, האָט דער מאַן געענטפּערט — צו דיא בינען איז מען שוין געוויינט געוואָרען; איך האָב צרות פון קינדער.
— פון קינדער? — האָב איך איבערגעפרעגט אווטאָמאַטיש.
— יעס, פון קינדער, אָדער בעסער גערעדט, פון איין קינד, פון מיין עלטערען זוהן...
דער פּעדלער איז אַ ווײלע שטיל געבליעבען, איך האָב אויף איהם אַ קוק געגעבען, זיין פּנים איז געוועזן טרויעריג פערטראַכט.
— הערט נור — האָט ער פלוצלונג אַ זאָג געגעבען — ווער זייט איהר? איך האָב זיך פאַרגעשטעלט.
— איהר זאָלט קיין פאַראיבעל ניט האָבען — האָט דער פּעדלער גלייך בעמערקט —איהר קוקט אויס צו זיין אויך ניט קיין רייכער מאַן.
— אַן אביון — האָב איך געלאָזט וויסען.
— אייגענע ברידער — האָט דער פּעדלער געזאָגט צופריעדען — און איך וועל פאַר אייך אויסרעדען דאָס האַרץ. איהר זעהט דעם שווערען באַסקעט, ער איז אַ גאָרנישט,, ער איז גרינג וויא אַ פעדער געגען דיא שווערע צרות פון מיין האַרצען... אַז איהר וואָלט וויסען... אוי, וואָס פאַר אַ וואונדען איך האָב!
דער פּעדלער האָט אַ שווערען זיפץ געטאָהן.
— הערט נור! — האָט ער ווייטער האַסטיג אַ פרעג געגעבען — וועט איהר מיך אויסהערען?
— געוויס, וואָרום ניט?
— וויא איך האָב שוין אייך געזאָגט — האָט דער פּעדלער גענומען דערציילען — האָב איך גרויסע צרות פון מיין זוהן. מיט אַן אָרעם מאַן טאָר דער מזל

קיין חכמות ניט שפּיעלען... אַז מען האָט קינדער דאַרפען זיי זיין קינדער אָהן חכמות, קינדער וועלכע זאָלען נעהמען פערדיענען ווען זיי ווערען אַביסעל עלטער, אַ געראָטענע קינד איז אַן אַנדערס מאָהל ביי אַן אָרעם מאַן אַ גרויסער אונגליק. אָט האָט איהר מיין אברעמעלען. ער האָט שוין יעצט געדאַרפט מיר זיין אַ הילף, ער איז שוין גאָט צו דאַנקען אַלט צוועלף יאָהר, נו, האָט ער אַ גוטע קעפּיל... ער איז אַ בעל חשבון און גאָרנישט... און איך קיי פון איהם דיא ערד... עס איז אַ רחמנות אויף איהם, עס איז אַ רחמנות אויף מיר...

— אַ בעל חשבון? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— יעס, אַ בעל חשבון, אַזוי וויא איך זאָג אייך. מיין אברעמעל איז געבליעבען פון דער ערשטער ווייב — איך האָב יעצט דיא צווייטע. ווען ער איז אַלט געוואָרען פינף יאָהר האָט ער פערלאָרען דיא מאַמען און פון דאַן אָן איז ער ביי מיר אַ יתום, ווען איך בין אריבער אַהער נאָך דער גאָלדענער אמעריקא איז ער שוין אַלט געווען 8 יאָהר. אין דער היים איז ער געגאַנגען גוט אין לימוד, נור דאָ האָב איך גלייך דערזעהען, אַז אין חדר געבען הייסט עס „מאָנקי-ביזנעס". איך האָב איהם געוואָלט גלייך איינשפּאַנען אין יאָך און לערנען פערדינען אַ פּעני. אָבער ערשטענס, איז ער פון דער נאַטור געווען אַזאַ שוואַך קינד, אַז ער האָט אויסגעקוקט נאָך גאָר ווי אַ בייבי, צווייטענס איז ער געווען, וויא מען זאָגט, גרין, און דריטענס, האָט מען מיר גלייך געזאָגט, דאָס איך קען כאַפּען דיא טהייערע צרות, ווען איך זאָל איהם ניט געבען אין סקוהל. איהר ווייסט דאָך שוין אַז דאָ איז אַזאַ פינסטערער דין, אַז מען מוז געבען קינדער אין סקוהל!

— איך וויים, איך ווייס — האָב איך בעשטעטיגט דעם פּעדלער'ס לעצטע ווערטער, און דער דערציילער איז זיך ווייטער אָנגעגאַנגען.

— קאָלומבוס איז קיין נאַר ניט. וואָס הארט איהם אַז דיא קינדער וועלען קענען דיא שוואַרצע פּינטלעך? זאָל דיא טאַטעס קריינקען דיא קעפּ. הכלל, איך האָב איהם אוועקגעגעבען אין אַ סקוהל און געלאָזט איהם געהן דריי יאָהר. דיינו פאַר אַן אָרימאַן, וויא איך בין! אין דעם היגען לימוד, אין קאָלאָמבוסעס לימוד, איז ער געגאַנגען ניט אַם בעסטען, ניט חס ושלום ווייל ער האָט אַ שלעכטען קעפּעל, אָדער ווייל ער איז אַ פוילער, חלילה! נור דער חשבון, דער אונגליקיכער חשבון, האָט איהם אַראָפּגעפיהרט פון וועג. אָט אַזאַ ביטערער אונגליק איז דאָס! וויא ער האָט נור גענומען לערנען זיך חשבון, האָט עס איהם ארומגעכאַפּט מיט אַ כישוף און ער האָט דיא אַלע איבעריגע זאַכען געהאַט אין דער ערד אַזוי, אַז אין סקוהל איז מען פון איהם אויך געווען ניט איבעריגענס צופריעדען.

— רעכענען, חשבון'ען, אָט דאָס איז זיין לעבען! אָט דערביי פיהלט ער זיך וויא אַ פיש אין וואַסער. רעכענט, רעכענט שטענדיג, רעכענט ביי טאָג, רעכענט ביי נאַכט, צוטראָגען, צופיהרט, צוטומעלט, עפּעס אַזוי וויא אַן אַלטער מאַן, עפּעס אַזוי וויא ער וואָלט געהאַט בערג מיט געשעפטען. דיא „סלייט", וועלכע ער האָט געהאַט און וועלכע ער האָט נאָך יעצט, איז איהם וויינינ. וואו ער האָט נאָר געקראָגען אַ שטיקעל פּאַפּיער, פלעגט ער פערשרייבען מיט ציפערען און אַזוי יעצט אויך. אין אַלע דירות וואו מיר האָבען געוואָהנט, זיינען דיא ווענט פערשריבען מיט גאַנצע חשבונות. און ניט דיא ווענט אַליין, דיא שטוהלען, דער טיש, דער וואַשטוב, אַלץ איז פערשריבען מיט חשבונות, וויא איך זאָג אייך, איך און איהר זאָלען האָבען אַזוי פיעל מזל'דיגע און געזונדע יאָהר, איהר הערט, וויא פיעל קלעפּ ער לייזט אָט פאַר דער טבע זיינע, נאָר עס העלפט ניט, אַ וואָהרער כישוף! חוץ

חשבון, טויג ער צו דער ווייסער וועלט ניט. וואָס איך האָב מיט איהם שוין ניט צוטהאָן, זייט איך האָב איהם ארויסגענומען פון סקוהל?! געפּרובירט אוועקגעבען ארבּייטען אין אַ גראָסערי סטאָר פאר אַ דאָלער אַ וואָך און עסען. נו, וואָס זאָל איך דען טהון, אז איך בין אַ גרויסער אָרעם מאַן, און האָב ב"ה נאָך דריי קינדערלעך, קליינע פּיסקאַטקעלעך, וואָס בעטען עסען, נור מען האָט איהם אָפּגעשיקט צוריק, טויג ניט. אָרענטליך איז ער גראָדע וויא גאָלד, אַ כשרה האָ"רז אָבער ערשטענס איז ער נעביך זעהר אַ שוואַכער, און צווייטענס איז ער צוטראָגען, צופיהרט געדיינקט ניט פון דאַנען ביז אַהער... און אין וואָס איז ער צוטראָגען? אין חשבונות! נו, איז דאָס עפּעס ניט אַ פינסטערער אונגליק!

איך האָב איהם שוין געפּרובירט שיקען פּעדלען, אַ נעכטיגער טאָג, קען אַ פּעני ניט מאַכען, בּלויז קראַנק געוואָרען. איך האָב איהם געפּרובירט אַוועקגעבען אין שאָפּ צו דער מאַשינע. צו דיא העמדלעך, צו מיין ווייב'ס ברודער אונטער'ן האַנד. גאָר נישט, אפילו צו דיא העמדלעך טויג ער אויך ניט! זיצט ביי דער מאַשין פערטראַכט, קריעגט אַ פּענסיל און אויף דאָרטען ביי דיא העמדלעך ביי דער מאַשין, שרייבט ער ציפערען און רעכענט. איך האָב געבעטען דעם שוואָגער, ער זאָל זיך מרחם זיין, ער זאָל זיין וויא אַן אייגענער טאַטע און זאָל טאַקע שלאָגען. וועלל, דער מאַן האָט קיין קלעפּ ניט געקאַרגט, איך האָב מיין חלק אויך געגעבען, און וואָס? גאָרנישט! גאָרנישט איז פון דעם ארויסגעקומען... דער קינד איז גאָר געוואָרען וויא אַ טויטער און איך האָב ניט געהערט מיין ווייב און געלאָזט איהם ארויסנעהמען פון שאָפּ... איך בין דאָך פאָרט אַ טאַטע אַ פינסטערער, ביטערער, אָרימער פּעדלער... אָבער דאָך אַ טאַטע און אויך... אַ מאַמע. ער איז דאָך נאָך אַלעמען אַ יתום ביי מיר...

דעם פּעדלער'ס קול האָט אַ ציטער געגעבען און מיר האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז ער וויינט.

— אָט דאָס איז מיין צרה — האָט דער פּעדלער ווייטער גענומען ריידען, עפּעס אזוי וויא פערטראַכט — אָט דאָס איז מיין צרה, אַלט איז ער צוועלף, אָבער דיא גרויס איז ער וויא פון אַכט, דיא פינסטערע חשבונות, מיינע קלעפּ, דיא מומע'ס שרייען, עסען איהם הפנים אויף לעבּעדיגערהייט. בּלאַס, מאַגער, אויסגעדאַרט, הויט און ביינער; מיין האַרץ פערגעהט פון וועהטאָג ווען איך רייד וועגען איהם; בּלויז אַ פּאָר אויגען האָט ער גרויסע, שוואַרצע, שעהנע, עפּעס אזוי וויא בּרענענדיגע, עפּעס אַז ער טהוט אַ קוק אויף מיר מיט זיינע פערטראַכטע אויגען, דערשרעק איך זיך. וויא איהר זעהט מיר לעבען, און אַ שטערען האָט ער אַ הויכען, אַ קלאָרען, געראָטען אין דער פערשטאָרבענער מאַמען, אונז צו לאַנגע יאָהר.

דער פּעדלער האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען און איז אַ ווײַלע געבּליעבען שטיל שוויגען.

— געקענט זיין אַ טהייערע קינד — האָט ער ווייטער גענומען ריידען — ווען ניט דער כישוף מיט דיא חשבונות, קערט פּאר גאָר נישט, קערט ניט פאר'ן עסען, קערט ניט פאר קליידער, שטיל, רוהיג, וויא אַ שטילער וואַסער, קערט ניט פאר חברים, טהוט ניט אַ שטיף, וואָלט אפשר געווען אַ טהייערער קינד, ווען דאָס וואָלט זיך ניט ארייגעלאָזען אין חשבונות... איך ווייס? איך פערשטעה, ער מוז אויף זיך טראָגען אַ גאון'שע קעפּיל, אָבער וואָס טויג דאָס צו מיין פינסטערען דלות? אין רייכע הענד וואָלט מען אפשר פון אזא קינד אַ לייט געמאַכט, אָבער ביי

מיר איז דאָס אַ קללה אין הויז, און גלויבט מיר, איך ווינש זיך אָפּט, אַז ער זאָל ביי מיר שטאַרבען...

חשבון’ט ! גאָר נישט, פרעג וואָס, פרעג ווען ? רעכענט ? דערקאזעט אזוינע ביכלעך און זיצט איבער זיי לאַנג טאָג און נאַכט און געהט אוים וויא א ליכט.. און חשבונט און זיצט איבער זיי לאַנג טאָג און נאַכט און געהט אוים וויא אַ ליכט... אַן אַנדערש מאָהל איז ער אויף אזוי פיעל פערטראַכט, פערטראָגען אין זיינע חשבונות, אַז איהר מעגט איהם ברענען מיט הייסע אייזענס וועט ער ניט הערען, עס איז אַ שפּאַסס צו דערציילען — אַמאָהל ווען איך זעה מיין אברעמקע איז צו־דרעהט, געהט עפּעס ארום אָהן א קאָפּ, פּנחס טראַכט וועגען א שווערען חשבון... נעהם איך דאָך אויף איהם שרייען, טרומייטערען, באַראַבאַנעווען. שטעלט ער אויס זיינע שעהנע אויגען און עפּעס מיט אַזאַ געבעט און זאָגט צו מיר: „טאַטע, נאַ שלאָג שוין אָן, אָבער שנעל, און לאָז צורוה.“ נו, וויא געפעהלט עס אייך?

רעכענט, חשבון’ט, איך שריי, מוסר, שלאָג, רייס שטיקער, דיא מומע שרייט, שילט און גיט אויך אָפּט אַ קלאַפּ און גאָרנישט, מען קען איהם ניט איינברעכען... און עס איז גרויסע צרות... אַן אַנדערש מאָהל ווערט ער מיט אַמאָהל אזוי גליקליך, אזוי געהויבען, דיא אויגען נעהמען ברענען, דער פּנים שיינען פרעהליך... לעבעדיג... וואָס איז? ער האָט עפּעס בערעכענט אַ חשבון. ווער איך דאָך אין כעס, און וויל צורייסען זיינע ביכלעך, ווערט ער בלייך וויא א טויטער און הייבט זיך אָן בעטען:

— „טאַטע שלאָג, הרג’ע, אָבער ניט טהו דאָס... וועסט פערברענען דיא ביכער, וועל איך זיך אויך אונטערצינדען...“ איך האָב זיך פאר איהם דערשראָקען.

דער פעדלער האָט זיך ארומגעקוקט.

—נו, וואָס טהו איך, וואָס טהו איך ? — האָט ער מיר אריינגעקוקט גלייך אין דיא אויגען אריין און זיין געזיכט איז געוועזען עפּעס אזוי פערצווייפעלט — וואָס טהו איך? וואָס הייב איך אָן צו טהאָן? וויא ברעך איך איהם איבער? און איבערברעכען מוז מען...

דער פעדלער האָט דאָרט עפּעס נאָך געזאָגט, נאָר איך האָב ניט גוט איינ־געהערט: אברעמקעס פיגור... דער יונגער בעל חשבון מיט דיא ברענענדע אויגען, מיט דעם בלאַסען מאַרטירערשען פּנים’ל, האָט זיך לעבעדיג אַוועקגעשטעלט פאר מיינע אויגען און איך האָב זיך פערטראַכט.

— וויא זאָגט איהר? — האָב איך זיך אַ חאַפּ געגעבען.

— מען מוז איינברעכען! — האָט דער פעדלער אַ מורמעל געגעבען, עפּעס אזוי וויא פאר זיך.

— איינברעכען? — האָב איך אַ פרעג געגעבען און געוואָלט עפּעס נעהמען ריידען ווייטער.

— אַ גוטע נאַכט — האָט דער פעדלער פּלוצלונג אַ זאָג געגעבען און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דעם אריינגאַנג פון א גרויסען טענעמענט הויז, מיט א סך, א סך פייער עסקייפּס...

„מען מוז איינברעכען, מען מוז איינברעכען!“ האָב איך דערהערט אַ געהיימע שטימע ווידערהאָלענדיג דיא לעצטע ווערטער פון דעם פעדלער, און מיין האַרץ האָט צוזאַמענגעדריקט אַ וועהטאָג....

וואוהין ?

וועןֿ מאַריס דער בייסטער איז אריין אין הויז האָט ער אויסגעקוקט טויט מיעד; ער איז צוגעגאַנגען צום אַלמער און גענומען עפּעס זוכען.

— וואָס זוכסטו ? — האָט איהם ביילע זיין ווייב געפרעגט.

— א ריינעם גלאָז, איך שטאַרב... איך וויל א טרונק.

— ניטאָ — האָט ביילע געענטפערט — אלע גלעזער שטעהען אויפן וואשטוב איינגעריכטע. דיא קינדער פערמאַטערן מיך... דיא בייבי מאַכט מיר דעם טויט, קריכט ניט אראָפּ פון דיא הענד. כ'קען גאַרנישט טאָהן.

— דארף מען ניט — האָט מאַריס א מורמעל געגעבען ני טצופריעדען, צוגע־גאַנגען צום סינק, אונטערגעשטעלט דעם מויל צום קראַן.

— ניטאָ קיין וואסער — האָט ביילע אָבגעשטעלט איהר מאַן.

— וויא הייסט ?

— אָט אזוי, ניטאָ. מען דארף עפּעס פיקסען, נו, איז ביז וואנען מען וועט זיך דערבעטען ביים לענדלאָרד וועט עס געוועהרען א יאָהר.

— דארף מען ניט — האָט מאַריס א מורמעל געגעבען אונצופריעדען, איז צוגע־א זעטץ געגעבען אויף אַ שטוהל וויא אַ שטיין.

— איזשעלע זוניוניו — האָט זיך ביילע געווענדעט צו א אינגעלע פון א יאָהר פינף, מיט אַ אָפענע מיילכעל און קראַנקע אויגלעך — געה מיין קינד, נעהם דעם טהי־פּאָט, געה אריבער איבערן סטריט צו אברהם דעם הויקער און ברייננ וואסער; נור היט זיך פאר א פערד, מיין נחת.

—יעס מאַמע — האָט איזשע געענטפערט, גענומען דעם טהיפּאָט און איז אַוועק נאָך וואסער.

—א טהייער קינד — האָט ביילע מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל נאָכגעקוקט דעם אַוועקגעגאַנגענעם איזשען — א זיס קינד, שטיל וויא א קעצעלע... נור דיא אויגע־לעך... אָי, וואָס טהוט מען ? וואָס טהוט מען ? וועה איז מיר פאר איהם, — און ביי חיענקעלע, נעביך „גנאָיען" זיך אויך דיא אויגעלעך, וועה איז מיר.

מאַריס האָט אַ שווערען זיפץ געטאָהן און א קראַץ געגעבען דעם קאָפּ גאַנץ גע־שמאַק.

— נו ? — האָט ביילע געפרעגט — וואָס הערט זיך ?

— אָנגעזעהען — האָט מאַריס געענטפערט.

— עפּעס א פיינע דירה ?

— גאַנץ פיינע רומס.

— וויפיעל רענט ?

— אזוי פיעל וויפיעל דאָ ; זיעבען מיט א האַלבען דאָללער.

— אויף וואָסער פלאָר ?

— זעהסטו, אַט דאָס דארפען מיר זיך מישב זיין — האָט מאָריס געענטפערט נאָך אַמאָהל, צוגעגאַנגען צ'ם קראַן און גענומען אָבדרייען. פון דעם לעטרען קראַן האָט גענומען בלאָזען און פייפען אָבער קיין וואסער איז ניט געגאַנגען.

— זאָל דער לענדלאָרד אזוי פייפען מיט דער נשמה — האָט מאָריס געזאָגט מיט הארץ און האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט.

— שטארבסט אַ טרונק? האַ? האָטביילע מיט מיטלייד א קוק געגעבען אויף איהר פערמאַטערטען מאַן.

— איך מיין עפּעס — האָט מאָריס געענטפערט — א טאָג, אז איך שלעפּ זיך ארום און אויפן סטריט ברענט אזוי וויא א פייער... אין אונזערע געלד איז זעהר שווער צו קריגען א רעכטע דירה, נור דיא רומס זיינען גאַנץ פיינע.

— נו, טאָ וואָס איז דאָ פאַראַנען וואָס צו מישב זיין זיך.

—וועגען דיא פלאָרס — האָט מאָריס געענטפערט.

— וויא הייסט וועגען דיא פלאָאָרס?

— עס זיינען דאָ רומס אויפן טאָפּ פלאָר און אויפן סטופּ.

— מעהר ניט? — האָט ביילע געפרעגט.

—יעס, עס זיינען דאָ לעטרע רומס אויפן צווייטען פלאָר אויך, אָבער מען הייסט דערפאַר געבען ניין דאָלער.

— נו, לאָמיר מופען אויפן סטופּ.

— איז זעהר פינסטער — האָט מאָריס געענטפערט טרויעריג.

— זעהר פינסטער? — האָט ביילע איבערגעפרעגט.

— איך האָב מורא, א לאָמפּ וועט מוזען ברענען דורכן טאָג...

— נו, טאָ זאָל מען מופען טאָפּ פלאָר — האָט ביילע געזאָגט.

—איך רעכען אויך אזוי... פאָרט ליכטיג... א פערגניגען... דיא זונן קומט צו... פאָרט דיא זונן...

— אמת... עס איז עפּעס אַן אנדער לעבען אז דיא זונן קומט צו — האָט ביילע ענטציקט מיטגעהאַלטען מיט איהר מאַן — עס איז גאָר פרעהליכער... עס דערמאָנט ניט אזוי אַן דעם קבר... ב"ה איבער דיא פינסטערע דירות האָב איך מורא אז אונזערע קינדערלעך וועלען בלייבען בלינדע.

זיא האָט א שווערען זיפץ געטאָהן.

— נו, טאָ זאָל מען מופען טאָפּ פלאָר — האָט מאָריס געזאָגט עפּעס מיט א מין אכזריות...

— ווייס איך דאָך מיין צרה — האָט ביילע טרויעריג געענטפערט — איך ווייס דאָך דיינע פיס, דיין שווערען אָטהעם, דיינע שטעכענעס אין זייט. איך ווייס דאָך, אז דו געהסט ארויף פיער פלאָר ביזטו א חרוב'ער.

— פינף פלאָר איז דאָרטען — האָט מאָריס צוגעפיקסט.

— נאָך בעסער.. איז דאָך געוויס ניטאָ וואָס צו ריידען; מוז מען דאָך טאַקי מופען אויפן גראַנד פלאָר. פינף.... פלאָר... א קלייניגקייט.

— דער הויזקיפּער זאָגט אז עס איז בלויז פיער פלאָר — האָט מאָריס געמורמעלט עפּעס אזוי וויא פאַר זיך.

מופענעם.

אין הויז איז א הקדש צו שרייען „שמע ישראל". באריל'ס מיסט... בלאָטע, שטריק... א בארג מיט שטריק... איך הייב ניט אָן צו וויסען פון וואנען עס קומט צו מיר אזוי פיעל שטריק... אלטע פייפּער, טיכער, טראנטעס, שמאטעס, שטויב, פיעל... דיא ווייב — אַ פערטרונקענע אין טראנטעס און אין בלאָטע — געהט ארום שרייט, קאָמאַנדעוועט און איז בייז וויא א טייפעל; דיא בייבי האָט א „גוד טיים", עס איז ניטאָ קיין צייט אויף איהר אכטונג צו געבען און זיא זיצט זיך לעבען שפּיי־באָקס, טונקט דיא הענטעלעך און וואשט מיט גרויס נחת דעם פנים'על... עס איז ליהודים... באלד קומט שוין דער עקספּרעס און מען נעהמט אריבערשלעפּען מיינע פּאַטרעבעס... איך מוז שוין ווייטער.

רבונו של עולם, גאָטעניו טהייערער, אפשר איז א סברה, אז דו זאָלסט מיר לאָזען וויסען וויפיעל מאָהל וועל איך נאָך ארוממופען פון איין דירה אין דער צווייטער ביז מען וועט מיך אוועקמופען אהין, אין יענער בעסטער, רוהיגסטער דירה, וואו מען דארף אפילו אין נויאָרק קיין רענט ניט צאָהלען ?...

צעהן יאָהר אז איך בין שוין אין דער גליקליכער אמעריקא, וויפיעל מאָהל האָב איך שוין געמופט? האָ? וויפיעל מאָהל, לאָמיך אקאָרשט בערעכנען.

געקומען בין איך אין ניו־יאָרק אין אָנהויב זומער, באלד נאָך פסח. פערפאָהרען בין איך צו מיינער א פריינדין וועלכע איז געווען זעהר צופריעדען מיט מיין קומען... דאָס איז געווען אין דער איין־און־זעכציגסטער סטריט צווישען קאָלומבוס און אמסטערדאם עווענין. אין דריי טאָג ארום האָב איך אויפגעזוכט ארבייט און איך האָב געמופט דאון טאָון אין רוטגערס סטריט... א חודש האָב איך דאָרטען אָפּגעוואָהנט, געקויפט זיך אין העססטער סטריט אָן אָווערקאָוט מיט א צובראָכענע פּאָלע פאר פינף דאָלער און איך האָב ווייטער געמופט נאָך דער איין און זעכציגסטער סטריט צו מיין פריינדין מיט דעם צוועק צו העלפען איהר טענדען איהר צייטונגס־סטענד... אין עטליכע וואָכען האָבען מיר געמופט נאָך קאָלומבוס עווענין, אין א חודש ארום אין אמסטערדאם עווענין, פון דאָרטען נאָך דער זעכציגסטער סטריט און פון דער זעכציגסטער סטריט אין אמסטערדאם עווענין... דאָרטען האָב איך זיך ארויפגעארבייט אויף טראָבעל מיט מיין פריינדין און איך בין האָלבע נאַכט אנטלאָפען דאון־טאָון.

איך האָב זיך גענומען א וואנע און אריינגעמופט צו א בעקאַנטען לאַנדסמאַן, א פעדלער מיט אַלטע קליידער.

דאָ האָב איך אָפּגעוואָהנט אזוי גוט וויא פיער—פינף חדשים. פאר דער לאַנגער צייט האָב איך אליין ניט געמופט; בלויז מיין געלעגער האָט מחמת פערשיעדענע אורזאכען געמופט פון פראָנט רום אין קיטשען, פון קיטשען אויפן פייער־עסקייפ, פון פייער־עסקייפ אין האָלל לעבען טיהר, און פון האָלל לעבען טיהר אין דער הויף אויפן רוף „דאטס אָלל !"

אין דער זעלבער לאָדזשי האָב איך זיך געקויפט א נייעס, סעקאָנד הענדיגען סוט

און איך האָב זיך אַרויפגעאַרבייט אויף אַ געליעבטער — אַ גרינגע לאַנדסמיידעל, וועל־כע איז טאַקע יעצט מיין ווייב, ניט פאַר קיינעם געדאַכט.

ערקלעהרט אין ליעבע האָב איך זיך צו דער גרינער מיידעל ביי מיר אויפ׳ן לאָזשי, אויפ׳ן רוף, אַהינטערן קוימען, לעבען אַ ליין מיט פייכטע וועש. דעם גליקלי־כען ענטפער האָב איך בעקומען ביי איהר אויפן לאָזשי, האַלבע נאַכט ביי דעם מע־לאַנכאָלישען שיין פון אַ פעררויכערטען לאָמפּ... קאַקערוטשעס, פליעגען און וואַנצען, במחילה, זיינען געווען דיא הייליגע עדות... דיא וואַנצען זיינען אַרומגעלאָפען זעהר עקסייטעד, אפשר געריהרט פון דער ראָמאַנטישער סצענע און אפשר דערפאַר ווייל איך האָב זיי ניט געגעבען אַזוי שפּעט זייער געזעצליכען קרבן — מיין געליעבטע...

אין דער נעקסטער לאָזשי האָב איך שוין געמופט צוזאַמען מיט מיין ווייב. איך האָב דאַן פערמאָגט אַ הילצערנעם קעסטיל, מיט אַ שוואַרצען קאַרניז, זיא, — אַ שטרויענעם קאַסטען מיט איין הענטיל און מיר האָבען גענומען צוזאַמען אַ לאַנגע, שמאָלע רום מיט גרינע ווענט, פאַר וועלכער מיר האָבען געצאָהלט זעקס דאָלער אַ חודש. דאָס איז געווען אין מאָנראָע סטריט, איך געדיינק ניט דעם נומער, אַלעס וואָס איך געדיינק איז, אַז דיא הויז האָט זיך געפונען צווישען צוויי סטייבעלס און עס איז עפּעס אויסגעקומען אַזוי, אַז כמעט וויא שטענדיג פלעגט דאָבּיי לעבען סיידוואָק ליגען אַ גע׳פגר׳טער פערד.

אין צוויי חדשים אַרום האָט זיך מיין ווייב צוקריעגט מיט דער לאָזשי־מיסעס און מיר האָבען געמופט אין טשעררי סטריט אין דיא קאַזאַרמעס צו אַ לאַנדסמאַן— אַ העמדיל נייער — אין אַ סעפּערעט רום מיט געלע ווענט און אַ בעזונדערע טיהר.

אין דער דירה האָט אונז גענומען שפּיעלען דער מזל — איך האָב גענומען פער־דיענען, דיא ווייב האָט פערדיענט און מיר האָבען גענומען שפּאָרען געלד אום צו קו־מען צו אַ תכלית.

און מיר זיינען געקומען. און ביי דעם תכלית האַלטען מיר זיך עד היום.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָבען מיר געקויפט אַ צייטונגס־סטענדיל אין דער הונ־דערט און ניינטער סטריט — דאָס איז געווען דער תכלית, צו וועלכען מיר האָבען געשטרעבט... און עררייכט.

מיר האָבען געקויפט דריי פראָנטרום טשערס, צוויי קיטשען טשערס, אַ טישעל פאַרן קיטשען, אַ טישעל מיט אַ פליגעל פאַרן פראָנט רום, אַ ביוראָ, אַ ראָקינג טשער, עטליכע טעפּלעך, גלעזער, מעסער, טעלער, אַ וואַש־ברעטיל, אַ גרויסען פייל אויף מיסט האַלטען און אַ ברום... אויף שמאַטעס האָבען מיר זיך שוין דערלעבט אין דיא סעפּערעט רומס — און מיר האָבען געמופט אין דער הונדערט און ניינטער סטריט, לע־בען אונזער ביזנעס, וועהרענדיג פאַר זיך בעלי בתים.

צווישען דער לעצטער מזל׳דיגער דירה און דיא רומס אין דער הונדערט און נייטער סטריט איז געווען נאָך אַ דירה׳לע, בלויז צוויי וואָכען האָבען מיר דאָרטען געוואָהנט... דיא מעשה איז אַזוי געווען: אונזער לאָזשי מיססעס, דעם העמדיל נייער׳ס ווייב דערוויסענדיג זיך אַז מיר געהען ווערן אייגענע בעלי בתים האָט בעצייטענס גענומען זוכען אַ באָרדער אָנשטאָט אונז. עס האָט זיך געפונען אַ באָרדער, וועלכער האָט אָבער געוואָלט אַריינמופען באַלד, דעם זעלבען טאָג. מיר האָבען נאָך אָבער דאַן ניט געקויפט דיא ביזנעס, זאָ דאָס מיר האָבען ניט געוואוסט ווען און וואָהין מיר ווע־לען האָבען צו מופען און מיר האָבען גענומען אַ צימער אויף אַ ווייליע. אין דעם לעצ־טען צימער האָבען מיר געוואָהנט בלויז צוויי וואָכען און אַליץ וואָס איך געדיינק וועגען דער קורץ־צייטיגער דירה איז, אַז עס איז דאָרט געווען זעהר קאַלט, אַז דיא לאָזשי־

מיסעס האט זיך אונטערגעפוילט צו הייצען און איינמאהל אבענד איז געגאנגען א נאַ־סער שניי, איך האב דורכגעווייקט מיינע שיך טרייענדיג זוכען ביזנעס. אויף מארגען איז געוואָרען א פראָסט; איך האב געמוזט געהן און דיא שיך זיינען נאך געווען גאָר נאַס... אין הויז איז געווען ניט געהייצט און איך האב געטריקענט מיינע שיך אויף א קעראָסין סטאָוו, וועלכע איך האב פערמאַגט אן אייגענע... דער לעדער האט דורכגע־ברענט און אויף מארגען זיינען דיא שיך צופאלען אויף שטיקלעך — דאָס איז אלעס וואָס איך געדיינק וועגען דיעזער צוויי וואָכיגער דירה.

אין דער הונדערט און נײַנטער סטריט האבען מיר געהאט דריי רומס, א פינ־סטערע קיטשען מיט גרינע ווענט און א דונקעלע פראָנט רום צו דיא בעק מיט ווייס־בלויע ווענט... פון דער הונדערט און נײַנטער סטריט האבען מיר געמופט אין דער הונדערט און צעהנטער אין א נייע בילדינג מיט גאַז און וואַש־טאָבס — דאָ האב איך אריינגענומען דיא ערשטע באָרדערין, און אין מיין לעבען האט זיך אנגעפאנגען דער באָרדער שווינדעל.

פון דער הונדערט און צעהנטער סטריט האבען מיר געמופט אין דער הונדערט און אכטער סטריט צו דער פראָנט. דאָ האב איך בעקומען דעם ערשטען מוף־צעטעל.

שאַ, דער עקספרעסמאן איז צוגעפאָהרען — איך קען מעהר ניט רעכענען... ניטאָ קיין צייט. מען דארף שוין מופען.

עטליכע ווערטער וועל איך אייך נור צוגעבען:

דאָס איז ערשט געווען דריי יאָהר זייט איך בין געווען אין אמעריקא, עס א״ז נאך זיעבען לאנגע יאָהר געבליעבען און עס איז נאך אויסצורעכענען א לאנגע, לאנגע סדרה פון מופענים, פון מוף־צעטלעך, פון באָרדער, צרות, יסורים, קינדער האבען... קינדער האָדעווען.. קינדער בעגראָבען... און מופען און מופען... געמופט און געמופט... און ווייטער געמופט.

גוד באי! דער עקספרעסמאן איז אריין; מען שלעפט שוין מיינע שמאטעס, איך מוף... יעצט מוף איך פון דיא בראָנקס, וואו איך האב געהאט פיער רומס, א וואַ־נע און מאלעריע, איך מוף נאך דער פופציגסטער סטריט וואו איך נעהם דריי רומס צו דיא בעק... מען פערשפּרעכט דאָ צו געבען הייסע וואסער, אבער מען וועט געבען קדחת, שונאי ישראל, איך ווייס שוין דעם שווינדעל מיט דיא הייסע וואסער...

גוד באי, איך מוף! אין דער נייער דירה וועל איך אי״ה קויפען אויל־קלאָטה.

אין א רוהיגער צייט, וועל איך דעררעכענען דעם חשבון. אדיע, מען שלעפט שוין דעם מאטראַץ; דער ממזר לאָזט זיך ניט און צופאלט אויף שטיקער...

גוד באי! הוררײ! איך מוף!

מיסטער בוכהאלץ.

דיא פירמע דייוויס ענד קאמפאניע בעטרייבט א ניע פענטס מאנופעקטשורי אין גרין סטריט. דיא פירמע בעשטעהט פון דריי באסעס: ראזענצווייג—א סיילסמען, גרינשטיין—א קאטער און דייוויס,—גלאט א באס.

אין דער ביזי־צייט, וועלכע פלעגט זיך ציהען דורכשניטליך פיער מאנאטען דורך'ן יאהר, פלעגט דייוויס בעשעפטיגען פון אכט ביז צעהן הענד און אין דיא איבעריגע אכט מאנאט סלעק פלעגט דארטען פערבלייבען בלויז איין האנט. דיא דריי באסעס האבען דארט א „רעגולייש'אן" צו ציהען וועכענטליך צו פינף און צוואנציג דאלאר; דאס איז פאר יעדען פון זיי אלס ווייג'עס. שאפ־עקספענסעס ווערן געצויגען בעזונדער, און דער איבעריגער פראפיט געהט צו פערגרעסערען דעם אלגעמיינעם קאפיטאל. וויא עס שיינט צו זיין, ווערט דיעזער קאפיטאל פערגרעסערט ווארום פון יאהר צו יאהר פיקסען איין דייוויס ענד קאמפאניע זייער געשעפט אלס ברייטער און גרויסארטיגער.

נו, און דיא ארבייטער פון דער פירמע? וועגען זיי איז ניטא וואס צו דערצעהלען. זייער רעכנונג, דיינק איך, איז יעדען איינציגען בעקאנט. ווען זיי ארבייטען אין ביזי צייט, מאכען זיי א לעבען, און אין סלעק, — מוזען זיי אויך ציהען... דיא ציינער פון מויל, אבער דאס איז א טרויעריגער פאקט, ניט דאס בין איך דא אויסען.

דיא האנד, וועלכע פלעגט זיצען אין דייוויס' שאפ דורכ'ן יאהר, אין ביזי און אין סלעק צייט, איז געווען אן ארבייטער פון א יאהר פינף און צוואנציג, וועלכער האט זיך דארט דערדיענט צו א סטעדען דזשאב דער נאמען פון דיעזען גליקליכען ארבייטער איז געווען מר. בוכהאלץ. זיין פנים, וועלכער האט געהאט דעם קאליר פון אש, איז געווען גערדיכט בעוואקסען מיט א שווארצער בארד. אויך ווען ער פלעגט ארבייטען, פלעגט זיך שטענדיג ארויסזעהן זיין אויסגעדארטע ברוסט, גערדיכט בעוואקסען מיט קייט און מיר האאר.

מיסטער בוכהאלץ האט א שווערען אטהעם, ער הוסט צו גאנץ פיין און פאכט מיט דער נשמה — ער איז א ברויט־געבער פון א ווייב מיט פיער קינדערלאך, זאלען לעבען און געזונד זיין.

בוכהאלץ פלעגט זיך רעכענען אין דעם אויבען דערמאנטען שאפ אלס אן אייגענער מענש, ווען עס פלעגט אנלויפען דיא ביזי און אפרייטערלאך פלעגען ארויפשלעפען דיא מאשינען, פלעגט בוכהאלץ אימער פערבלייבען בעזונדער; גארנישט, ער האט זיך געהאט זיין ווינקעל, און ער האט מיט קיינעם פון דיא אנגעלאפענע ניט געהאט וואס צו טהאן. ווען דיא אנגעלאפענע ביזי חברה פלעגען זיך מאנכעם מאהל צובונטעווען און פלעגען נעהמען בעטען בעסערע פרייזעס, פלעגט מיסטער בוכהאלץ שטעהן אן א זייט, אזוי וויא מיט אידם האט דיא זאך ניט צו טאהן. ווען איינער פלעגט ביי איהם פרעגען:

— נו, מיסטער בוכהאָלץ, זייט איהר איינשטימיג, אז מען זאָל בעטען געהער־ בערט דיא פּרייזעס?

— עט—פלעגט בוכהאָלץ אַ מאַך געבען מיט דיא הענד—טהוט וואָס איהר ווילט, דאָס בעלאַנגט ניט צו מיר.

— וויא הייסט? — פלעגט מען פרעגען.

— איך ארבייט פון וואָך — פלעגט בוכהאָלץ ענטפערן—און לאָזט מיך צורוה.

בוכהאָלץ פלעגט דאָס אָפּבלאָפּען דיא אַפּרייטאָרס; ער האָט טאַקע געאַרבייט פון שטיק, נור ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט וואָס צו טאָהן מיט דיא אַנגעלאָפּענע בייזע אַפּרייטאָרס—און ער פלעגט ליעבער פערבלייבען ביי זיינע אַלטע קלאָגעדיגע פּרייזעס.... דערפאר אָבער, אַז עס פלעגט קומען סלעק, פלעגט מען דיא בייזי אַפּרייטאָרס אוועקשיקען און מיסטער בוכהאָלץ פלעגט פערבלייבען ביי זיין ווינקעל. און בוכהאָלץ איז זיך פערבליעבען תקיף. אַ גאַנצען קיילעכדיגען יאהר פלעגט ער גע־ שוואָלען ווערען פאר הונגער, ניט פאר אייך גערעכט. אזוי איז זיך דיא מעשה גע־ גאַנגען און איך וואָלט אפשר אייך ניט געהאַט וואָס צו דערציילען וועגען אונזער מיסטער בוכהאָלץ, ווען אין דייוויסעס שאַפּ וואָלט פּלוצלונג ניט פּאַסירט עטוואָס וואָס האָט אָנגעריהרט דעם „רוהיגען" לעבען פון אונזער פריינד.

שטעלט זיך נאָר פאָר, דאָס איז געווען דער לעצטער סיזאָן. דיא בייזי איז אריבער, נור דיא הענד האָבען גענומען ביסלעכוויז אנטרונען ווערען פון שאַפּ. בוכ־ האָלץ האָט זיך שוין אָנגעגרייט צו פערפּאַסטען זיך אויף דער לאַנגער סלעק און אליין צו פערבלייבען קעניג אין שאַפּ; נור עטוואָס האָט איהם פערוואונדערט: אַ מאַשינקע, חוץ זיינע נאַטירליך, איז פערבליבען אין שאַפּ און נאָך אַן אַפּרייטאָר איז געבליעבען געזעצין גלייך מיט איהם, און אַלע סימנים האָבען אויסגעצייגט, אַז דער צווייטער דיינקט הפּנים פערבלייבען דאָ ווינטערען און דורכוואַרטען דיא גאַנצע צייט פון דער טויטער סלעק, ביז דעם נעקסטען סיזען.

בוכהאָלץ'ס האַרץ איז פערשטאָרבען געוואָרען. עטליכע טעג האָט ער געשוויגען. ער איז זיך פערבליבען גאַנץ בעזונדער אין זיין ווינקעל און האָט זיך געמאַכט, אַז ער וויל גאָר ניט וויסען פון דעם נייעם אַפּרייטאָר. דער נאָמען פון דעם נייעם אַפּרייטאָר איז געווען בלום, — אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, אויך אַ פערמאָגער פון אַ ווייב מיט צוויי קינדער. בלום האָט אפילו עטליכע מאָהל געפּרוּ־ בירט ריידען מיט זיין מיטארבייטער, מיסטער בוכהאָלץ, אָבער דער לעצטער פלעגט זיך אַלץ אַזוי וויא ברוגז'דיג אומקערען צו בלומען מיט'ן הינטען במחילה.

נור אָט איז אָבער אָנגעקומען אַן „אָרדער'ל" אין שאַפּ. דייוויס האָט אראָפּ־ גערופען אין אָפּיס אי בוכהאָלץ'ן, אי בלומען און דער באַנדעל ארבייט איז געווען צוטהיילט צווישען זייביידען...

בוכהאָלצען איז פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען; ביי איהם האָבען גענומען ציטערען הענד און פיס. ער האָט אַ וואָרף געגעבען אַ שלעכטען בליק אויף זיין קאָנקורענט. דיזער בליק איז געווען זעהר ענהליך צו דיא בליקען, מיט וועלכע פעראורטהיילטע צום טויט קוקען אויף דער דזשורי, וועלכע האָט זיי פער־ אורטהיילט. בלום איז אוועק אפּסטעז מיט זיין באַנדעל ארבייט, בוכהאָלץ איז אויף איינינע מינוטען פערבליבען אין אָפּיס. ער האָט געוואָלט אַ פרעג געבען ביי דעם באָס, אויב בלום וועט דאָ אויך פערבלייבען איבער דיא סלעק, ביי איהם האָט אָבער

ניט געכאפּט מוטה צו ריידען און דיא ווערטער זיינען ביי איהם פערבליבען וויא פערפראָרען אויפ'ן צונג.

— וועל? — האָט דער באָס אַ פרעג געגעבען.

— גאָרנישט — האָט געענטפערט בוכהאָלץ. און ער איז אויך אוועק אַפּסטעז.

בלום האָט שוין גענומען ארבייטען זיין טהייל ארבייט. בוכהאָלץ האָט דורכ־גענומען דעם ארבייטענדען מיט אַ בייזען בליק און ער האָט זיך אויך אוועקגע־זעצט ביי זיין מאשין. ער האָט מעהר ניט געקוקט אויף בלומען, אָבער דאָך איז ער לעצטער געשטאַנען פאר זיינע אויגען, אזוי וויא אַ בייזער מלאך המות. בוכהאָלץ האָט געקוקט אויף זיין באַנדעל ארבייט און אַ וויטאָג האָט געברענט און געבערענט זיין קראַנקע, פון דלות־צוּאוויטאָגטע און פערדאָרבענע הארץ.

— ווען ער וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען — האָט בוכהאָלץ געטראַכט — וואָלט ער יעצט געהאַט פאַר אַ דאָללאַר אַ האַלב ארבייט. מיט אַ דאָללאַר אַ האַלב איז זיין פערהונגערטע, פון נויטה צודריקטע פאמיליע שוין בעזאָרגט דיא וואָך מיט ברויט און נאָך עטוואָס צום ברויט... און אזוי, אזוי האָט ער בלויז פינף און זיבעציג פענעס...

— וועה איז מיר! — האָט בוכהאָלץ אַ שעפטשע געגעבען און דיא אויגען זיינען ביי איהם פערלאָפען מיט טרעהרען...

דיא ראָד פון בלום'ס מאשין האָט זיך דערווייל געדרייט און געדרייט און פון דיא שטיקלאָך וואַרע זיינען געוואָרען געוויסע פאָרמען פון קליינע הייזקעס.

— דאָס איז דאָך מיין ארבייט — האָט דער אונגליקליכער בוכהאָלץ ווייטער שטיל אויסגערעדט און איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אז מיט יעדען שטאָך, וועלכען בלום טהוט אריין אין דער ארבייט, נעהמט דער לעצטער אוועק אַ ביסען נאָך אַ ביסען פון איהם און פון זיינע אָרעמע קינדער.

בוכהאָלץ האָט געוואָלט נעהמען ארבייטען, אָבער דיא הענד האָבען זיך איהם ניט געבויגען. ער האָט לייגגער ניט געקענט שווייגען און ער האָט אָנגעפאַנגען, ווענדענדיג זיך צו בלומען:

— וואָס יאָגסטו זיך אזוי?

— ווער יאָגט זיך? — האָט בלום שטיל געענטפערט — וואָס וועל איך זיצען? איך מאַך מיין ארבייט.

— דוא מיינסט געוויס, אז מען וועט באַלד דערלאַנגען אַ צווייטע לאָט — האָט בוכהאָלץ געזאָגט מיט אַ גיפטיגען שמייכעל.

— איך וויים... וואָס זאָל איך מיינען? וועט זיין וועט מען געבען.

— געבען... וואָס מען גיט פּסח צום סדר — האָט בוכהאָלץ איבערגעקרימט זיין מיטארבייטער.

— נו, וואָס קען מען זיך העלפען? — האָט בלום גאַנץ ערנסט געענטפערט — עס איז איבעראַל יעצט טויט סלעק.

— וויפיעל האָסטו אויפ'ן ביכעל? — האָט בוכהאָלץ נאָך אַלץ ברוגז'דיג געפרעגט — וויא פיעל? זאָג.

— איהר ווייסט דאָך.

— פינף־און־ זיבעציג פּ־ע־נ־ע־ס.

— נו, וואָס דען? דערווייל מעהר ניט.

— דערווייל... וועסט מיט דיא עטליכע פענעס דיא וואָך ענדיגען.

ביידע זיינען געבליבען שטיל שווייגען.

— נו, און דוא דיינקסט דאָ פערבלייבען ארבייטען? — האָט בוכהאָלץ ווייטער אנגעפאַנגען — דיינקסט דאָ צו זיצען דיא גאַנצע סלעק צייט?

— איך וועל זעהען, נו, און וואָס וועט איהר טהאָן? — האָט בלום געפרעגט — וועט איהר פערבלייבען?

בוכהאָלץ'ען האָט נאָך מעהר זיין הארץ פערקלעמט; יעצט האָט מען דאָ שוין אנגעריהרט זיין עהרע. שטייץ! ער ארבייט אָפּ אַ צייט מיט יאָהרען כסדר אין אַ שאַפּ, ער רעכענט זיך דאָ כמעט וויא אַ האַלבער באָס, און פּלוצים נאַ דיר! קומט אַ יונגער מחוצף און פרעגט גאָר אויב ער וועט דאָ פערבלייבען.

— וועסט געשוואָלען ווערען פאר הונגער — האָט בוכהאָלץ בייז געזאָגט.

— און איהר?

— וואָס קריינקט דיר דיין קאָפּ פאר מיר?

— וואָס זייט איהר ברוגז? — האָט בלום פערדראָסיג געפרעגט.

— ביזט אַ חזיר.

בלום האָט אויך געוואָלט ענטפערען זיין מיט־ארבייטער מיט אַ „שטאַרקען וואָרט", אָבער ווען ער האָט אַ בליק געגעבען אויף בוכהאָלץ'ס האַלב־טויטע פיגור, איז ער געבליבען שטיל שווייגען.

אויף מאָרגען איז בלום ניט געקומען צו דער ארבייט; אַ גאַנצענעם טאָג איז ער ארומגעלאָפען פון שאַפּ צו שאַפּ זוכען ארבייט.

ביי בוכהאָלצען איז שוין געווען גאָר אָפּגעגאַנגען דאס הארץ, אָבער אויף איבערמאָרגען איז בלום ווייטער געקומען צו דייוויס'ן אין שאַפּ. ווען ער איז אריין אין שאַפּ, איז דער באָס געווען אָפּסטעז.

— וואָס איז דער מעהר בלום? — האָט דער באָס געפרעגט.

— אַ קינד איז געווען זעהר קראַנק — האָט בלום געענטפערט.

— געזוכט מסתמא ארבייט אין אַן אנדער שאַפּ — האָט געזאָגט בוכהאָלץ און ער האָט געמאַכט אַזאַ „מינע" אזוי וויא ער וואָלט עס געמאַכט שפּאַס.

בלום איז פערבליבען ארבייטען; דיא ביסעל ארבייט, וואָס פלעגט אריינקומען אין שאַפּ, פלעגט דער באָס צוטהיילען פאר ביידע ארבייטער. און בוכהאָלץ איז געוואָרען זיין מיטארבייטער אַ בלוטיגער שונא.

ער האָט שטילערהייט ביי זיך אין הארצען געזוכט פערשיעדענע מיטלען אום פּטור צו ווערען פון זיין קאָנקורענט אום אַז ער זאָל ווייטער אליין פערבלייבען אין שאַפּ. און אין גיכען האָט ער געפונען אַ גוטען מיטעל; עס האָט עטוואָס פּאַסירט, וואָס האָט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט צו בעפרייען זיך פון זיין בלוטיגען פיינד.

שוין פון אַ לאַנגער צייט אָן האָט זיך אין שאַפּ פערלעגען אַ פּאָר קליינע הייז־קעס. עס איז געווען קענטיג, אַז דער באָס האָט אָן זיי פערגעסען און אַז קיינער נעהמט ווענען זיי קיין נאָטיס ניט. בוכהאָלץ האָט אַלץ געטראַכט דיא פערוואַל־גערטע הייזקעס צו נעהמען פאר זיין יעהריגען בערעלען וועלכער איז ארומגע־גאַנגען אין צוריסענע תחתונים'לעך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד. נור אליין ניט וויסענדיג ווארום האָט ער דאָס אַלץ אָפּגעלייגט. איין מאָל האָט זיך בוכ־האָלצען אָבגעדוכט, אַז בלום האָט אויך געוואָרפען אַ'ן אויג אויף דיא פערוואַלגערטע הייזקעס.

— אַ גרויסע מכה דיר — האָט בוכהאָלץ אַ מורמעל געטהאָן — און ער האָט געוואָלט כאַפּען דיא הייזקעס אראָפּלויפען מיט זיי דאַנסטעז אוועקגעבען דעם

באם און צייגען זיין טרייהייט צו איהם; פלוצלונג איז איהם ארויף א געדאנק אויפ'ן זיננען, אין זיינע האלב אויסגעלאשענע אויגען האט א ברען געגעבען א שלעכטער פייערל.

— זאל ער זיי צומעהמען — האט דער אפרייטאר געטראכט וועגען זיין מיט־ארבייטער — איך וועל זיך מאכען אז איך בעמערק עס גאר ניט, נאכהער וועל איך איהם שוין מקבר זיין.

בוכהאלץ'ס רעכענונג איז געווען א ריכטיגער: בלום האט ווירקליך געווארפען א'ן אויג אויף דיא פערוואלגערטע הויזקעס.

וויא איך האב אייך שוין מיטגעטהיילט, האט דער מיסטער בלום אויך פער־מאגט צוויי קינדערלעך — ביידע באים. ער איז אויך געווען אן ערשטער קלאסנער אביון, איממער געשטיקט און געווארגען פון דחקות. זיינע באים זיינען אויך נעבעך ארומגעגאנגען האלב נאקעט. און ווען בלום האט דערזעהען דיא פערוואלגערטע הייזקעס איז דא איהם ארויף א מחשבה, אז בעסער איידער ארומוואלגערען זיך אין שאפ וואלט עס צוניצגעקומען פאר סעמעלען בלום האט גענומען אכטונג געבען אויף דיא הייזקעס. און זעהענדיג אז דיא באסעס האבען זיך פון דעם הפנים מיאש געווען, האט ער אלץ מעהר און מעהר גענומען טראכטען, צו־צו־נעהמען זיי א היים.

אין א געוויסען אבענד ווען בלום איז געקומען אהיים האט זיך דיא וויב זיינע גענומען פאר איהם קלאגען.

— געוואלד — האט זיא געזאגט — וואס וועט עס פארט זיין, אזוי וויא מען דארף לעבען אויף דער וועלט אזוי מוז מען אונזער סעמעלען קויפען א פאר הייזקעס.

בלום האט זיך דערמאנט וועגען דיא פערוואלגערטע הייזקעס אין שאפ.

— דער באס האט פערשפראכען מיר מאכען א פרעזענט א פאר הייזקעס קליינע — האט בלום געענטפערט.

— יעס? — האט זיך מיט שמחה א חאפ געטהאן בלום'ס וויב.

— ער וועט געבען דיא טעג — האט בלום געענטפערט און אין הארצען האט ער געטראכט מארגען אדער איבערמארגען צו נעהמען דיא פערוואלגערטע קניע פענטס.

ווען בלום איז אויף מארגען געקומען אין שאפ איז נאך בוכהאלץ ניט געווען, בלום האט ארומגעקוקט ארום זיך, איבערצייגענדיג זיך אז ער איז אליין אין שאפ, האט ער שנעל פיבעריש א חאפ געגעבען דיא הייזקעס... פלוצלונג האבען זיך דער־הערט טריט אויף דיא טרעפ. ביי בלומען האבען א ציטער געגעבען דיא הענט; דאס הארץ איז ביי איהם פערשטארבען געווארען און ער האט ארויסגעלאזען דיא הייזקעס פון דיא הענט.

קיינער איז ניט אריינגעקומען אין שאפ.

— דאס האט געמוזט איינער געהן אויפ'ן טאפ פלאר — האט בלום בערוהיגט זיך. און האט א פרייען אטהעם געגעבען.

אויפ'ן טאפ פלאר איז געווען א העמדעל מאנופעקטשורער און איינער איז ווירקליך אהין געגאנגען. בלום האט ווייטער געוואלט נעהמען דיא הייזקעס און בעהאלטען זיי אין „שעטצעל“, אין וועלכען ער פלעגט ברייגגען דינער פאר זיך. ביי איהם האט אבער שוין יעצט נאך דיזען אומזיסטיגען שרעק קיין מוטה גע־כאפט צו טהאן דאס און ער האט בלויז מיט דיא פיס פעררוקט דיא הייזקעס אין א ווינקעל; נאכהער האט ער זיך אוועקגעזעצט ביי דער מאשין ארויספינישען

אַ ביסעל ארבייט — ביי אַ דוצענד קליינע הויזקעס. קוים ער האָט זיך אוועקגע־זעצט איז בוכהאָלץ אריינגעקומען.

בוכהאָלץ האָט זעהר גוט געדיינקט דעם פּלאַץ וואו דיא פערגעסענע הייזקעס זיינען אימער געלעגען. אריינקומענדיג האָט ער אַ שאַרפען בליק געוואָרפען אויף דיזען פּלאַץ און ניט בעמערקענדיג דאָרטען דיא הייזקעס איז איהם פּלוצלונג געוואָרען עפּעס אזוי גוט און אנגענעהם אויפ׳ן הארצען.

— ער האָט זיי געמוזט צו־צופּען — האָט בוכהאָלץ אַ טראַכט געגעבען, און ער האָט זיך אַ גליקליכער אוועקגעזעצט ביי דער ארבייט. פּיעלייכט האָט זיי אָבער דער באָס אוועקגענומען, איז בוכהאָלצען ארויף אַ געדאַנק און איהם האָט אָבגעגאָסען וויא מיט קאַלטע וואַסער.

ער איז אויפגעשפּרונגען אזוי וויא עטוואָס וואָלט איהם אַ שטאָך געגעבען מאַכענדיג זיך אַז ער געהט אין קלאָזעט, האָט ער דערווייל מיט דיא אויגען גענומען זוכען; עפּעס אזוי וויא דאָס הארץ וואָלט איהם געזאָגט, אַז פּיעלייכט איז עס נאָך דאָ. און באַלד האָט ער ווירקליך בעמערקט דיא הייזקעס ליגענדיג אין יענעם ווינקעל, וואוהין בלום האָט זיי פערשטופּט.

בוכהאָלץ האָט פערשטאַנען וועמעס ארבייט דאָס איז געווען און איהם איז ווייטער געוואָרען פרייליך און פריי אויפ׳ן הארצען.

בוכהאָלץ האָט זיך אוועקגעזעצט ביי דער מאַשין און ער האָט גענומען ארבייטען.

ווען איינער וואָלט וועלען אין דיזער מינוט אנאַליזירען דיא געפיהלען פון בוכהאָלצען צו זיין מיטארבייטער, וואָלט ער געווים אויסגעפינען, אַז בוכהאָלץ פיהלט יעצט צו בלום׳ען דאָס זעלבע וואָס ער פיהלט צו דער וואַנד. דיא בלוטיגע ביטערע שנאה, וועלכע בוכהאָלץ האָט געפיהלט צו בלומען, איז פּלוצים גענצליך פערשוואונדען געוואָרען, קיין אנדערע געפיהלען האָבען דיזע אונגליקליכע פיינד־שאַפט ניט פערביטען און בלום איז פאַר איהם געווען יעצט אזוי וויא ערשט געבאָ־רען, אזוי וויא ער וואָלט איהם גאָר קיין מאָהל ניט בעגעגענט. בוכהאָלץ האָט אפילו זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד וויא אזוי דער באָס וועט עס געבען אַ שענדליכען סעק זיין מיטארבייטער און פאָרשטעלענדיג זיך דיזעס, איז ער געווען אזוי, אזוי צופריעדען, גור פון דעסטוועגען קען מען זיכער זאָגען אַז ער איז צופריעדען געווען בלויז פון דעם, דאָס ער וועט פערבלייבען אליין אין שאַפּ.

— מען דאַרף איהם געבען אַ „שאו“, אוועקנעהמען דיא הייזקעס, — האָט בוכהאָלץ געטראַכט און ער האָט עפּעס גענומען זיפצען, אָכטשען און קרעכטשען.

אין אַן אַנדער צייט וואָלט בלום פּיעלייכט ניט גענומען אין אַכט, וואָס בוכ־האָלץ האָט זיך אזוי צוזיפצעט און ער וואָלט גאָרנישט גערעדט. אָבער יעצט מחמת דעם, וואָס ער האָט געטראַכט צו נעהמען דיא הייזקעס, איז ער עפּעס געווען אזוי אויפגעלייגט, אַז איהם האָט זיך געוואָלט זיין אַלץ וואָס בעסער מיט דעם בייזען בוכהאָלץ.

— וואָס איז עפּעס דער מעהר, וואָס זיפצט איהר עפּעס? — האָט בלום געפרעגט.

— וואָס זאָל איך זיפצען? — האָט בוכהאָלץ געענטפערט, מאַכענדיג אזא טאָן אזוי וויא ער וואָלט נאָך אימער פערבלייבען פיינדליך צו זיין מיטארבייטער — וואָס זאָל איך זיפצען? עס איז צרות — זיפצט מען.

— וואָס איז דאָרטען אזוינס?

— וואָס? איך זיץ דאָ ביי דער מאַשין, אָבער מיין האַרץ איז אין דער היים.

— וואָס איז דער מעהר?

— א, גאָט זאָל זיך מרחם זיין — האָט בוכהאָלץ א מאַך געגעבען מיט'ן האַנד.
— וואָס? וואָס?
— א קינד נעבעך איז ביי מיר זעהר, זעהר קראַנק, איך וואָלט שוין אַזוי וועלען דערהאַרען מיטאג שטונדע און לויפען אַהיים.
— צרות מיט דיא קינדער! — האָט בלום א זיפץ געגעבען. דיזער זיפץ איז אָבער ארויס פון בלום'ס הארצען ניט ווייל ער האָט שטאַרק געקיממערט זיך איבער דעם שיקזאַל פון בוכהאָלץ'ס קינד, נור ווייל הערענדיג אַז בוכהאָלץ וועט ניט פערבלייבען דאַ אין שאפּ איבער מיטאג־שטונדע, האָט ער אַ טראַכט געגעבען, אַז איהם וועט זיין לייכטער צו צונעהמען דיא הייזקעס.... קורץ גערעדט, מיטטאָג שטונדע איז מיט מזל געקומען, בלום האָט טאַקע בעהאַלטען דיא הייזקעס צו זיך אין „שעטצעל" און ווען בוכהאָלץ איז געקומען אין שאפּ, האָט ער צו זיין גרעסטען גליק און פערגעניגען פערשטאַנען אַז דער „דזשאָב" איז כמעט וויא געענדיגט, אַז בלום איז שוין פאַר איהם מעהר ניט געפעהרליך.
ווען עס האָט אָבגעוויסעלט זעקס דער זייגער, זיינען אי בוכהאָלץ, אי בלום אוועק פון שאפּ. בלום איז טאַקע אוועק אַהיים. אָבער בוכהאָלץ האָט זיך פון מיטען וועג צוריקגעקעהרט און ער איז אריין אין אָפיס פון שאפּ. דער באָס איז נאָך געווען דאָרט.
— וועל? — האָט דייוויס געפרעגט.
בוכהאָלץ איז פערבליבען אייניגע סעקונדען שוויינען, ער האָט עפּעס ניט געוואוסט וויא אָנצופאַנגען צו ריידען.
— וועל? — האָט דער באָס א צווייטען מאָהל געפרעגט — וועל?
— איך וויים ניט... — האָט בוכהאָלץ געשטאַמעלט.
— וואָס?
— אויב... אויב... איך קען דאָ ארבייטען.
— מיט בלומען... איך... איך...
— וואָס איז?
— אזוי...
— וואָס האָסטו צו טהאָן מיט בלומען? — האָט דער באָס א געשריי געגעבען מיט כעס.
— גאָר נישט, פערשטעהט איהר מיך. מען פערבלייבט אליין אין שאפּ...
— נו, איז וואָס, ער פּייט זיך?
— ניין, וואָס וועט ער עפּעס מיר פּייטען? — האָט בוכהאָלץ געענטפערט — נור אזוי.
— וואָס אזוי? רייד ווערטער.
— עס איז דאָ וואארע גענוג אפּסטעז....
— וואָס?
— ער האָט לאַנגע פינגער.
— ווער?
— אייער נייער ארבייטער — האָט בוכהאָלץ מיט א שטאַך א בליק געגעבען אויפ'ן באָס.
— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט דער באָס אויפגערעגט געפרעגט.
— וואָס זאָל זיין? איך האָב אליין געזעהען וויא ער האָט א פּאָר הייזקעלעך אוועקגעלייגט אין זיין סעטשעל.

— דוא האָסט געזעהען ?

— זאָל איך אזוי זעהען דיא וועלט.

— אָלל רייט — האָט דער באָס גענומען קלאַפּען בוכהאָלצ'ן איבערן פּלייצע — ביז'ט אַן אָרענטליכער מאַן, פערבלייבסט ביי מיר א גוד באָי. מאָרגען וועל איך דיא זאַך פיקסען.

בוכהאָלץ איז אוועק א צוטומעלטער פון גליק.

אויף מאָרגען איז בוכהאָלץ געקומען צו דער ארבייט א זייגער צעהען. דער מאַן האָט ניט געקענט אריינגעהן אין שאָפּ, איהם האָט זיין הארץ ניט דערלאָזען צו בעגעגענען זיך מיט בלומען. ווען ער איז געקומען אין שאָפּ איז אָבער שוין אַלץ געווען פאַריבער: ניט בלומען, ניט זיין מאַשין זיינען אין שאָפּ געווען. בוכהאָלץ האָט אַן אָטהעם געגעבען פריי, און ער איז אראָפּ אין אָפּיס פרעגען, אויב עס איז עפּעס דאָ ארבייט.

— ניטאָ שוין בלום — האָט דער באָס געזאָגט צופריעדען.

— אוועק ? — האָט בוכהאָלץ געפרעגט עפּעס גאָר תמ'עוואַטע.

— איך האָב איהם געוואָלט ארעסטען.

— נו ?

— וועל, דער מאַן האָט גענומען ציטערן וויא א בלאַט... ער האָט גענומען וויינען, האָב איך איהם אָפּגערעכענט א דאָלאר און א האַלבּס פאַר דער גנבה און איך האָב איהם מיט זיין מאַשין אראָפּגעשליידערט פון אַלע טרעפּ.

בוכהאָלץ האָט געקראָגען עטוואָס ארבייט און ער איז ארויף אַפּסטעז.

יעצט איז ער שוין געווען אליין!

ווען בוכהאָלץ איז דינערטיים אראָפּ אויפ'ן גאַס, איז ער פּלוצלונג איבערראַשט געוואָרען; דאָ אין שאָפּ איז געהאנגען א „סיין” וועלכע האָט געלויטעט: „מען ברויכט אַן אָפּרייטאָר צו הייזקעס.” בוכהאָלץ איז געבליעבען שטעהן וויא דורך א דונער א דערשלאָגענער. ער האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען און ער האָט זיך געכאַפּט פארן קאָפּ... איהם האָט גענומען דאָס הארץ וועה טהאָן, אָבער יעדעס מאָהל האָט איהם דאָס הארץ געריסען ניט אויף דעם וואָס עס וועט ארויסקומען נאָך א'ן אָפּרייטאָר, נאָר אויף דעם וואָס ער האָט אזוי נידעריג פערטריבען דעם ערשטען. דיעזער „סיין” האָט עפּעס איהם וויא אין גאַנצען צוטרייסעלט; איהם איז פּלוצלונג געוואָרען שמערצליך פערדראָסיג אויף בלום, און איהם האָט זיך שטאַרק פערוואָלט נעהמען יעצט און לויפען צו איהם, פאַלען איהם אויפ'ן האלז און בעטען מחילה...

בוכהאָלץ האָט עס אָבער ניט געטאָהן און שפּעטער מיט א פּאָר שטונדען האָט ער אַפּסטעז געאַרבייט, אָבער ער איז וויייטער שוין געווען ניט אליין: מיט איהם איז געווען נאָך איינער. א נייער אָפּרייטאָר.

אַראָב פון וועג.

ווען מען טהוט אַ הויב דעם פונדאמענט איז דיא גאנצע געביידע אויף צרות,— דאָס וויים יעדער איינציגער, אָבער מעהר פון אלעמען וויים עס בערע דער פעדלער.

בערעס געביידע איז — ער זעלבסט, זיין ווייב און זיינע קינדער און דער פונדאמעט פון דיזער געביידע איז ביז יעצט געווען דער סאפער וועלכען בערע מיט זיין פאמיליע פלעגען עסען יעדען אבענד. אויף דעם סאפער, קען מען זאָגען מיט דער גרעסטער זיכערהייט, האָט זיך געהאלטען דאָס לעבען פון דעם פעדלער מיט זיין פאמיליע.

אַ גאנצען טאָג פלעגט מען ביי בערען אָפּקומען מיט גאָרנישט, עפּעס אזוי מיט שיהע פיהע, א גלעזעל טהעע מיט ברויט, א ברעקעלע הערינג, א ביסעל זאלץ, מאנכעס מאָהל אַ שטיקעל פּוטער, אָדער ביליגע קעז, אָבער דערפאר איז געווען אַ סאפער! דאָס פלעגט שוין בערע׳ס וויבעל, חנה פריידע זאָל לעבען פערנאנדער לאָזען זיך אויף דער ברייטער האַנד: אַ שטיקעל צוהאַקטע לעבער, א צוגעריכטען הערינג אָדער א רעטעך מיט שמאלץ פאר אַן ערשטער געריכט, אַ שטיקעל פלייש מיט סופּ, און נאָך עפּעס צו פערבייסען. מיט איין וואָרט דער סאפער איז געווען אָלל־רייט. מען פלעגט זיך גאַנץ פיין אונטערפּייקלען און דער עולם פלעגט זיך זאטערהייט צולייגען שלאָפען, אָבער א גאַנצענעם טאָג פלעגט מען אונטערהונגערן.

אַזוי איז עס געגאנגען ביז וואנען בערען, דעם קאָפּ פון דער פאמיליע איז אריינגעפאלען א געדאנק א ריהר צו געבען דעם „פונדאמענט“.

— הער נור — האָט דער פעדלער אין איין שעהנעם פריהמאָרגען געזאָגט צו זיין עקרת הבית — ווייסטו, אז מיר לעבען אָהן שכל ?

— וואָס איז ? — האָט חנה פריידע געפרעגט.

— עס קאָסט געלד און מען האָט ניט קיין הנאה — האָט בערע ווייטער גערעדט

— וויא הייסט ? — האָט חנה פריידע געפרעגט.

— איך זאָג וועגען אונזערע סאפּערס.

— וואס איז, שלעכטע סאפערס עסט מען ? — האָט בערעס ווייביל זיך א כאַפּ געגעבען ניט טויט ניט לעבעדיג.

— דיא סאפּערס זיינען שוין גראדע גוטע — האָט בערע געענטפערט — און א סמאָהע איז איהם אריבער איבער דיא ליפּען.

— היינט וואָס דען ווילסטו ? — האָט חנה פריידע פערוואונדערט געקוקט אויף איהר מאַן.

—אָט, אזוי — האָט בערע א מאַך געגעבען מיט דיא הענד — א גאַנצענעם טאָג, געהט מען ארום הונגעריג, דיא נשמה געהט אויס און עס איז ניט ניחה דער לעבען, און ביי נאכט ווען מען דארף זיך לייגען שלאָפען, עסט מען זיך אָן און גארנישט און דער שד האָט הנאה.

— טאָ, וואָס ווילסטו מיין מאַן ? — האָט חנה פריידע אויפגעעפענט א מענה לשון — זאָל מען דינער אויף קאָכען, צוויי מאָהל א טאָג קאָכען ? נו, און וואָס הערט

זיך עפּעס וועגען דיין פּאַקעט, האַ? דאַכט זיך אז מיר זיינען דערוויילע נאָך זעהר ווייט פון מאַנטיפּיאָרען. עס קומט דאַכט זיך אָן מיט גרינגע ווערים צו דעקאַזען אויף דעם איין מאָהל צו קאָכען; מיינסט אז דיין נאַרעשע ווייבעל וויים ניט וואָס גוט איז, האַ? וואָלט איך נור געווען א נגידה, וויא איך וואָלט שוין געוואוסט וויא צו לעבען; איך וויים, און נאָך אַי וויא איך וויים אז צוויי מאָהל עסען איז בעסער איידער איין מאָהל...

— וואס האָסטו זיך צושריען, בהמה? — האָט בערע איבערגעשלאָגען זיין אידע־נע מיט אַ מילדער שטימע — ווער זאָגט דיר עפּעס?

— וויא הייסט, דו רעדסט דאָך?

— איך מיין אז פּיעלייכט האָט מען געקענט אַנדערש מאַכען?

— וואָס אַנדערש? — האָט חנה פריידע געדריקט מיט דיא פּלייצעס.

— פּיעלייכט וואָלט זיין א סברה — אז מען זאָל אַנשטאַט סאַפּער מאַכען דינער, עס וואָלט קאָסטען דיא זעלבע געלד און מען וואָללט דאַכט זיך, מעהר הנאה געהאַט.

חנה פריידען איז געפעלען געוואָרען דער פּלאַן און זיא האָט אַ קוק געגעבען אויף איהר קלוגען מאַן מיט גרוים ליעבע.

זיא האָט אונטערגעלייגט דיא האַנד אונטער׳ן מאָרדע, פערטראַכט זיך א ווײלע און האָט געזאָגט:

— יעס, פּיעלייכט ביזטו גערעכט, מיין מאַן.

— געוויס בין איך גערעכט — האָט בערע זיעגרייך געענטפערט.

— יעס, דאָס איז איין איינפאַל — האָט חנה פריידע איינגעשטימט.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען אַ סוד? — האָט בערע בעגייסטערט געזאָגט — אז איך בין שוין הונגעריג.

— און מיינסטו איך וויל ניט עסען? — האָט חנה פריידע בעמערקט פון איהר זיים.

— און דיא קינדערלעך ווילען געוויס אויך עסען.

— איך מיין עפּעס.

קורץ גערעדט: אין דעם זעלבען פריה מאָרגען, ביי אַ זייגער עלף, איז בערע מיט זיין פאַמיליע געזעסען ביים טיש, און חברה האָט זיך ניט געלאָזט בעטען.

פון דעם סאַפּער איז געוואָרען דינער.

נאָך דעם דינער איז בערע אוועק פּעדלען: אַ זייגער צוויי איז ער געלאָפען אַ היים און האָט זיך מיט גרוים הכנעה געווענדעט צו זיין ווייב.

— נו, חנה פריידע? — איז ניט בעסער? איך פיהל זיך גאר אַן אַנדער מענש.

— טאַקע גלייכער — האָט חנה פריידע געענטפערט — ביי מיר נאַיען אויך ניט דיא גדערים אזוי וויא אימער.

— איך זאָג דיר אז אַ חיות.

— און דיא קינדערלעך רייסען אויך ניט דיא הויט עסען און עסען.

— זעהסט, אז מען פאַלגט אַ מאַן — האָט בערע צופריעדען בעמערקט.

חנה פריידע האָט געמאַכט אַ חן׳דעל, און דער פּעדלער איז ווייטער אוועק צו זיין ארבייט...

דער גליקליכער טאָג איז אריבער און עס איז געקומען אַבענד.

ווען עס איז געקומען דיא שטונדע פון סאַפּער האָט בערע דערפיהלט עפּעס אַן אומעט אויפן הארצען, אזוי וויא ער וואָלט עפּעס פערלאָרען, אזוי וויא ער וואָלט זיך נאָך עפּעס פערבייינקט, און עסען האָט זיך טאַקי אויך פערוואָלט, ער האָט זיך אָבער

וועגען דעם געשעמט צו ריידען און ער איז ארומגעגאנגען איבערן חדר און ער האָט עפּעס ניט געהאַט קיין אָרט פאר זיך. חנה פריידע האָט זיך אויך געפיהלט אונרוהיג, דער סאַפער איז געשטאַנען פאר איהרע אויגען, להבדיל, וויא א לעבעדיגער און זיא האָט אויך אונטערגעזיפצט. וואָס אָנבעטרעפט בערעס קינדער, האָבען זיי גאָר איינפאך אויפגעהויבען א מהומה און מען האָט געפאָדערט סאַפער!

בקיצור, עס איז געוואָרען ניט אזוי גוראַטען.

מען האָט זיך צולייגט שלאָפען. דיא קינדערלעך, וועלכע האָבען זיך פאַרט אָנגעשטאַפּט מיט עפּעס, זיינען וויא עס איז איינגעשלאָפען, אָבער ניט בערען און ניט חנה פריידען האָט זיך געשלאָפען. זיי זיינען נעבעך ביידע געלעגען מיט פערחלש'טע הערצער און עס איז געוועזען ניט אזוי פרעהליך. מען האָט קוים וואָס דערלעבט דעם ליע־בען פריהמאָרגען און חנה פריידע האָט שוין געמאַכט פערטיג דעם דינער א זייגער צעהן... עס איז אָבער אָנגעקומען ווייטער א נאַכט, און עס האָט זיך ווידערהאָלט דיא זעלבע חתונה.

— ווייסטו וואָס מיין ווייבעל — האָט בערע געזאָגט אויפן דריטען טאָג צו זיין אידענע — מיך פערדריסט אויף דער גאַנצער מעשה, עס קומט דיא נאַכט איז צו עקען זיך מיטן לעבען.

—פערדרייען מעגסטו זיך דיין קאָפּ — האָט חנה פריידע מיט כעס געענטפערט.

— ביי נאַכט הונגערן איז נאָך ערגער איידער ביי טאָג — האָט בערע ווייטער גערעדט — ביי טאָג קען מען כאָטש איבערבייסען, און ביי נאַכט איז גאָר צרות, עס איז ניט שלאָפען און ניט עסען.

— אז דוא טהוסט עפּעס אויף — איז חנה פריידע אַלץ פערבליבען אין כעס.

— אָבער וואָס טהוט מען? — האָט בערע פערצווייפעלט געפרעגט.

— איך ווייס אויך ניט — האָט בערע'ס ווייבעל געענטפערט — איך טראַכט אויך און איך ווייס ניט, וויא מען זאָל טאָהן. מען איז אראָפּ פון וועג און עס איז יעצט שווער ארויפצוקומען צוריק.

—מען זאָל פיעלייכט מאָרגען ווייטער קאָכען סאַפער?—האָט בערע, ניט סמעלע געפרעגט.

— אזוי, אפילו — האָט חנה פריידע מיט פערדרוס א קוק געגעבען אויף איהר מאַן — מען שטייט אויף הונגעריג זאָל מען נאָך וואַרטען ביז נאַכט?

— נו, וואָס דען טהוט מען?

— איך ווייס אויך ניט...

ניט בערע, ניט זיין ווייבעל הויבען יעצט ניט אָן צו וויסען, וויא אזוי ארויפצו־קלייבען זיך אויפן אלטען וועג און ווייטער עסען סאַפערס....

מנחם׳ס ביזנעס טאָג.

עס איז געווען א ווינטער נאָכמיטאַג; א גאַנצען פריהמאָרגען האָט שטאַרק געשנייט און יעצט האָט עס אָנגעפאַנגען ביסלעך־ווייז צו סטאָפּען; דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט ווייסע וואָלקענס. דער וועטער איז געווען ווארעם און פייכט און דער שנעה איז צוגאַנגען אונטער די פיס.

אויף דיא גאַסען פון נויאָרק איז געווען פרעהליך, לעבעדיג און טומעלדיג, ניט אכטענדיג אויף דער שטילער נאָכמיטאַג שטונדע, עס האָט זיך געדאַכט אז דער פרישער שנעה האָט ארויסגערופען א פרישען שטראָם פון לעבען.

דיא סטאָרקיפּערס, דיא הויזקיפּערס, זיינען ארויס אָבריינינגען דעם שנעה פון דיא טראָטוארען אין דעם פראָנט פון דיא סטאָרס אָדער הייזער, מען האָט געקלאַפּט מיט דיא שאָוועלס, מיט דיא ברומס, און דאָס האָט עפּעס אויך געמאַכט דיא גאַסען פרעהליכער און טומעלדיגער.

אָט האָבען אָנגעפאַנגען צו געהן דיא קינדער פון דיא סקוהלס. אהא, דאָ האָט גענומען קערען א וועלט; א פרישער שנעה, און דער שנעה איז פייכט און ווייך אזוי גוט צו מאַכען שנעה־באָלס, א גלענצענדע געלעגענהייט, פאַר דיא נויאָרקער לויפערס איז ליהודים... עס קאָכט, עס לעבט, א טומעל, א רעש, און שניי־באָלס פליהען אין אַלע זייטען, אין אַלע ריכטונגען, מען קען דורך דיא סטריטען ניט דורכגעהן.

מנחם, דער קאָסטימער פּעדלער, האָט טרויעריג און פערטראכט געשפּאַנט אהיים צו זיך אין לודלאָוו סטריט.

אויף דעם הארצען איז דעם ארעמען אידישען פּעדלער, נעביך, זעהר, זעהר ניט פרעהליך, ער גייט פערטראַכט און זיפצט זיך שטילערהייט; אָי, וואָס צרות !

אברהם׳קע זיינער איז גאָר קראַנק, הייזעריג וויא דיא וואַנט, מען מוז געהן צו א דאָקטאָר, באַסיעלע געהט ארום גאָר א נאַקעטע, א באָרוועסע, א גאַז ־ ביל ליעגט ניט אַן איינגעצאָהלטע, שטיינמאַן מאָנט דיא דריי דאָלער, וועלכע ער, מנחם, האָט געבאָרגט אויף א פּאָר טעג, און האָלט שוין א האַלב יאָהר און קען בשום אופן ניט אָבגעבען. היינט וועט ער געווים ביי איהם זיין, וויא וועט ער איהם קוקען גלייך אין דיא אויגען ?

אָי, וואָס צרות !

און ער געהט און דאָס הארץ טהוט וועה, און ער זיפצט שטילערהייט.

א טאָג האָט ער היינט געהאַט א שלעכטען. קיין סחורה האָט ער ניט אויסגעבראכט און קאָלעקטען האָט ער אפילו איין צובראָכענע פּעני ניט קאָלעקטעט : דער איז ניטאָ אין דער היים, דער איז יע דאָ אין דער היים, אָבער ער וויל ניט עפענען דיא טיהר און לאָזט ניט אריין, מאַך עפּעס! דער האָט אָבגעלייגט אויף נעקסטע וואָך, און מנחם געהט דערוויילע אהיים אָהן איין פּעני. און דאָס הארץ טהוט איהם וועה און ער זיפצט שטילערהייט.

איין קאָסטימער האָט איהם היינט ענטזאגט, א צווייטער האָט פאר עפּעס אויף איהם אויסגעגאָסען א פינסטערע תוכחה און א דריטער האָט ארויסגעמופּט און פערפיהרט צוויי דאָלער....

צוויי דאָלער ! צוויי דאָלער ! וואָס פאר א בלוטיגע געלד דאָס איז.... מען דארף האָבען א שטיינערנע הארץ אזעלכע געלד ניט אוועקצוגעבען און דאך גיעבען אויף יעדער שריט און טריט בלוטזויגערס, ספּעציעלע געלדפּרעסערס וואָס כאפּען אָן אָט ביי אזעלכע פינסטערע פעדלער, באָרגען אָן, צאפּען ארויס דיא לעצטע ביסעל בלוט פון א פינסטערען אָרעמאַן און אנטלויפען און מופען אוועק ווער ווייס וואוהין. און באָרגען מוז מען... וואָס קען מען זיך העלפען ? ווען ניט קען מען קיין קאָסטימער ניט האָבען.

צוויי דאָלער ! וויא שווער, וויא ביטער ער דארף אויף דעם ארבייטען ! וויא פיעל אפּסטעזען דארף ער דורכקלעטערן ? אין וויפיעל טיהרען דארף ער אָנקלאפּען ? צוויי דאָלער, צוויי דאָלער! וועה, וועה... אין דעם פעדלערס הארץ דריקט צוזאמען א וועהטאָג און ער געהט פערטראכט שטילערהייט און זיפצט פאר זיך... און ער בעמערקט ניט, וויא א באַנדע לויפערס גרייטען שנעע-באָלס, לאָיערן און בעטראכטען זייער אָפּפער.

מנחם איז שוין צעהן יאָהר אין לאַנד, רעדען ענגליש קען ער ניט, און פון וואנען זאָל ער קענען ?

דיא גאַנצע צייט וואָס ער איז דאָ אין נויאָרק וואָהנט ער אין לודלאָוו סטריט, ער וואָהנט צווישען אידען, און האָט א פערקעהר בלויז מיט אידען, וועלכע רעדען מיט איהם בלויז אידיש, און ווייטער איז ער שטענדיג פערדרייט און פערזאָרגט וועגען מאַכען א לעבען. און עס ליעגט איהם גאָר וויניג אין קאָפּ צו לערנען זיך דיא שפּראך פון דער לאַנד ! דער טראָבעל איז אָבער, וואָס דעם פעדלער קומט אויס, ווילענדיג ניט ווילענדיג אויך האָבען א פערקעהר מיט לויפער און דאָס האָט איהם געצוואונגען אביסעל אמעריקאַניזירען זיך ; ער טרימט אביסעל ארום זיין בערדיל, טראָגט א הויכען שווארץ-גרינלעכען איירישען הוט, סמוקט מאַנכעס מאָהל א פּייפ, און זאָ ווייטער, א. ז. וו.

מעגליך אז דאָס ברייננגט איהם ווען עס איז אריין א פּראקטישען נוטץ, אָבער יעצטיגען מאָהל האָבען דיא לויפער אין איהם דערקענט א גרינעם אידישען פעדלער...

טראך ! א שנעה-באָל האָט מנחם׳ן אראָבגעשאָסען זיין הויכען הוט, נאָך א באָל אין רוקען... נאָך א באָל אין האלז... און דיא באָלס זיינען אויסגעארבייט קינצליך, זיי זיינען הארט וויא שטיינער, און טהוען טאַקע גוט וועה...

שרעק און ווייטאָג האָבען צוזאמענגעדריקט דעם פעדלערס הארץ. ער האָט אויפגעהויבען זיין הוט און ארומגעקוקט זיך: א גאַנצע באַנדע לויפער זיינען געשטאַנען פערטיג איהם ווייטער צו אַטאַקירען.

ער איז אויף א ווײַלע געבליעבען שטעהן, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָהן... בוך ! א באָל פון הינטען אין רוקען... מנחם האָט גענומען לויפען און דיא לויפער לויפען נאָך, און גוטע חברים טרעטען צו, און דיא באַנדע וואקסט און וואקסט, און שנעה-באָלס פליהען און אָט פליהט דעם פעדלער׳ס הוט א צווייטען מאָהל אראָפּ... נאָך א באָל, און נאָך א באָל...

דיא לויפער שרייען... לאכען און פערבייגעהער קוקען צו און שמייכלען... נאָך א אידישער פעדלער איז דורכגעגאַנגען, ער האָט דערקענט דעם אָרעמען מנחם׳ן, נור ער האָט זיך געמאַכט וויא ער בעמערקט איהם ניט און האָט שנעל פערקעהרט זיך אין

א זייטיגע סטריט. נאָך א באָל און נאָך א באָל... מנחם׳ס אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען, אויפגערעגט, דערשראָקען, צוטומעלט, האָט ער גענומען לויפען נאָך דיא לויפער... און פון הינטען פליהען באָלס אין האַלז, אין קאָפּ, אין רוקען... דער פעדלער האָט זיך ווייטער אָבגעשטעלט, ארומגעקוקט זיך וויא א דערשראָקענע חיה, צוגעלאָפען צו א סטאָר, און אוועקגעשטעלט זיך לעבען סטאָר־פענסטער, דיא לויפער האָבען אויף א ווייַלע געסטאָפּט צו ווארפען מיט שנעה באָלס אין דעם פעדלער, מורא האָבענדיג צו צובּרעכען דיא פענסטער, זיי זיינען אָבער געשטאַנען מיט שנעע־באָלס אין דיא הענד, און זיינען גרייט געווען יעדע מינוט, אויף איהם ארויפוואַרפען זיך. דער סטאָר־קיפּער, וועלכער איז געשטאַנען אין טיהר האָט זיך דערשראָקען פאר טראָבּעל און גענומען אוועקטרייבען דעם פעדלער...

מנחם האָט אַ בליק געגעבען אויף דעם סטאָר־קיפּער מיט ברייט אָפענע אויגען פול מיט שרעק און פּיין. ער איז אָבגעטראָטען און ער האָט ווייטער גענומען לויפען...

ווען מנחם איז אריינגעלאָפען צו זיך אין הויז, האָט זיין פרוי געהאַלטען אברהם־קען אויף דיא הענד.

וואָס מאַכט דאָס קינד? — האָט דער פעדלער געפרעגט אין איין אטהעם, און ער׳ האָט דערשראָקען געקוקט אויף זיין פרוי.

— בעסער, בעסער, גאָט צו דאנקען — האָט מנחם׳ס פרוי געענטפערט.

דער פעדלער האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף דיא הענד, גענומען עס עפּעס אזוי פיבעריש, אזוי האַסטיג בעשיטען מיט קושען, און זיינע אויגען זיינען געוואָרען פייכט פון טרעהרען....

דיא ירושה.

א קאלטער ווינטער - פריהמארגען.

שנעה, שנעה און שנעה, וואוהין דער בליק זאל ניט פאלען איז שנעה. א גאנצע נאכט האט געשאטען דער שנעה, באגינען איז געווארען א פרעסטעל און עס איז א קאלטער אמת ווינטערדיגער פריה־מארגען.

אין מיסטער דארדיק'ס סוועט שאפ זיצען דיא הענד ביי דער ארבייט, דיא אפערייטארס בעוועגען דיא רעדער פון דיא נעה־מאשינען, דיא פינישערס, דיא ביי־סטערס ציהען דיא נאדלען, דער קאטער קלאפט מיט'ן שער, דער ביגלער מיט'ן ביגעל־אייזען, דער פעקער מיט דיא באקסעס — מען ארבייט געשמאק, עס איז ביזי.

עס איז נאך גאנץ פריה. און דיא גאסען פון ניו־יארק זיינען געדיכט פון שטרא־מען מענשען, וועלכע עס ציהען זיך ערשט צו דער ארבייט. פיעלע סטארס זיינען נאך צוגעמאכט. און דער פריהמארגען רייבט זיך נאך דיא אויגען פון דעם נאכט־שלאף. נור אין דארדיקס סוועט שאפ ארבייט מען שוין זייט לאנגע, לאנגע שטונדען.

ערגעץ וואו האט געשלאגען א זייגער.

— וויפיעל האט עס געשלאגען? — פרעגט אן אפרייטאר אין דארדיקס סוועט שאפ.

— זיעבען — ענטפערט א צווייטער אפרייטאר.

— וואס? — גלאצט אויס דיא אויגען דער אנפרעגער — איז דען ערשט זיעבען דער זייגער?

— וויפיעל דען האסטו געמיינט יאלד? — פרעגט דער צייט־מיטטהיילער.

— איך האב געמיינט, עס איז שוין באלד דיננער־טיים.

און עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס דער ארעמער נפש האט אזא מיסטייק געהאט. עס איז יעצט דער רעכטער שניידער סיזאן און אין מיסטער דארדיק'ס סוועט שאפ פאנגט זיך אן דער ארבייטס טאג ווען דיא שטערן שפיעלען נאך אויף דיא הימ־לען און דיא לבנה דארף נאך דורכמאכען א גוטע העלפט פון איהר רייזע.

מען ארבייט, עס איז ביזי!

דער שאפ איז ניט קיין גרויסער, אבער נפשות געפינען זיך דא ניט צום איבער־ציילען. דיא הענד זיצען געפאקט וויא דיא הערינג, א קאפ אויף א קאפ. מיסטער דארדיק'ס סוועט שאפ איז איבערגעפיקסט פון דריי איינפאכע טענעמענט צימערן, און אין איין חדר איז דא א טיעפער אלמער. ווען מענשען האבען בעוואהנט דיא צימ־מערן, האט מען אין דעם דאזיגען אלמער קליידער געהאנגען. ווען מיסטער דארדיק האט דא ערעפענט זיין שאפ איז דער אלמער געבליעבען אהן א פראקטישען געברויך, אבער אין ברענענדער ביזי איז דער אלטער אויף צוניץ געקומען. איננווייניג האט מען אריינגעזעצט אן אפרייטאר און העבער אביסעל אויף אן עקסטרא צוגעפיקסטער פא־ליצע זיצט אן ארבייטער ביי דער ארבייט. אט אזוי איז דאס טהייער אין דארדיק'ס סוועט שאפ א ברעקעלע פלאץ, אבער ניט דאס בין איך אויסען.

אין א ווינקעל שטעהט א נעה־מאשין. דיא מאשין איז לעער, קיינער ארבייט אויף איהר ניט.

אויף דער מאשין ליעגען אפרייטארשע „טולס": א ספול שווארצע קאטען, א קאטען סטענד, אן אייל־קענדעלע מיט אייל, א שעהר און א סאראטענע קישעלע. דער קעפעל פון דער מאשין איז ארומגעבונדען מיט א פארטוך.

און אין גהנים איז דא א לעערער ווינקעלע און קיינער וואגט איהם ניט צו פערכאפען. עס ליגען דריי אזעלכע נוצבארע חפצים פאר אפרייטארס, אבער קיינער וואגט ניט צו דעם צוריהרען זיך און דאס איז דערפאר ווייל דער קאלטער טויט האט אוועקגענומען דיא „האנד" וועלכע עס איז געזעסען ביי דיעזער מאשין.

מיט אייניגע טעג צוריק האט עס פאסירט.

לעבען דער מאשין איז געזעסען מיסטער באנהעט הליאק, אן ארבייטער פון א יאהר פינף און דרייסיג, וועלכער האט געהאט דעם קורצען אטהעם און איז געווען א גרויסער הוסטער.

מיט עטליכע וואכען צוריק איז באנהעט הליאק געקומען צו דער ארבייט מיט גרויס פאראד, נעמליך זיינע צוויי עלטערע קינדער: דיא זעקס יאהריגע שרה'לע און דער זיעבען יאהריגער אברהם'קע האבען איהם געבראכט צופיהרען פאר דיא הענד און ווען דיא איבעריגע ארבייטער פון דארדיקס שאפ האבען געפרעגט ווארום ער פערשאפט זיך אזוי פיעל כבוד האט הליאק געענטפערט אז עפעס דיא פיס זיינען איהם געווארען „פולל" און איהם איז שווער צו געהן אליין.

פון דאן אן פלעגען איהם דיא קינדער בריינגען יעדען טאג אין שאפ.

לאנג איז דאס אבער ניט אנגעגאנגען. אין איין שעהנעם טאג איז באנהעט גע־בליעבען זיצען ביי דער מאשין וויא א ליימענער.

א שוויים איז איהם פלוצלונג ארויס איבערן פנים, דיא אויגען זיינען געבליעבען שטעהן פארגלאצט וויא דיא גלעזערנע און דער ראד איז געבליעבען בעוועגלאז.

— הליאק!

— באנהעט!!

— היי! או! הא! — מען האט איהם אפגערופען און צוויי אפרייטארס האבען מקריב געווען א ביזי שעה ארבייט און מען האט דעם אפרייטאר אוועקגעפיהרט א היים צו דער וויייב און צו דיא קינדער.

אויף מארגען איז אין שאפ אנגעקומען דיא בשורה אז באנהעט איז אוים אפריי־טאר, אז עס איז שוין עליו השלום.

הערענדיג דיעזע בשורה זיינען א ווײלע דיא ארבייטער געבליעבען זיצען טרוי־עריג פערטראכט, נאכהער האט מען גענומען דעם פערשטארבענעם ארבייטער צו גוטען און צו וואוילען דערמאנען. אונטערדעסען האבען זיך צוויי אפרייטארס אויפ־געהויבען, צוגעגאנגען צו באנהעטס מאשין, צוזאמענגעבונדען מיט דעם פארטוך פון דעם פערשטארבענעם ארבייטער דיא קעפעל פון דער מאשין.

— חברה — האט זיך איינער פון דיא ארבייטער אפגערופען — אט אזוי זאלען דיא זאכען ליעגען און קורצע יאהר וועט יענער האבען, ווער עס וועט זיך צו דעם צוריהרען.

— מען דארף עס אוועקטראגען דער אלמנה — האט א צווייטער אפרייטאר גע־מאכט א פראקטישען פארשלאג.

— מען דארף זיא יעצט ניט באדערן — האט נאך איינער געזאגט — עס איז איהר נעבאך יעצט גענוג ביטער אויף'ן הארצען. זאל געוועהרען אביסעל.

— זאל עס אזוי פערבלייבען ביז מען וועט קומען אפּנעהמען דעם סטענד (דער סטענד פון דער נעהמאשין איז ביי דעם פערשטארבענעם אָפּרייטאר געווען א גע־רענטמער.) — האט אן עצה געגעבען דער בייסטער, וועלכער איז געזעסען אין אלמער און נאכדעם וועט מען דיא זאכען אוועקטראגען צו דער אלמנה.

און דיא מאשין איז געבליעבען שטיין וואו זיא איז איממער געשטאנען, גור שטיל, בעוועגלאז, מיט דיא שניידערשע חפצים פון אויבען און ארומגעבונדען מיט א שווארצען פארטוך.

* * *

צוויי פערפראהרענע קינדערלעך זיינען אריין אין דארדיק'ס שאפּ: א מיידעלע און א איינגעלע פון זעקס ביז זיעבען יאהר, ביידע קינדער זיינען געווען גיקליידעט אין שמאטעס און אין צוריסענע שיכלעך.

— באנהעט'ס קינדערלעך! — האט איינער אויסגעשריען... און פּלוצלונג איז עטוואס וואונדערבארעס געשעהען.

דער גהינם איז שטיל געווארען. דער סמבטיון איז א ווײלע שטיל און רוהיג גע־בליעבען.

געסטאפּט האבען דיא רעדער פון דיא מאשינען.... פערקיהלט זיינען געבליעבען שטעהן דיא שווערע ביגעל־אייזענס. דיא נאדלען האבען אויפגעהערט צו ציהען דיא קאטען.... דיא שער האט מעהר ניט געשניטען, פון אלמער איז ארויס דער אָפּרייטאר, דער בייסטער איז ארונטער פון זיין „עקסטרא פּאליצע“. אללע האבען ארומגערינ־געלט דיא אריינקומענדע צוויי קליינע יתומים'לעך.

ביי איינינע ארבייטער זיינען דיא אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען און א ווײלע האט געהערשט א ריהרענדע שטילקייט.

— וואס טהוט דיא מאמע, קינדערלעך? — האט איינער אנגעפאנגען צו ריידען צו דיא קינדער.

— זיצט שבעה — האט געענטפערט דער באי.

— האט איהר היינט געגעסען? — פרעגט נאך אן אפּרייטאר.

— יעס — ענטפערן דיא קינדער.

— וואס?

— סופּ מיט ברויט.

— ארעמע פייגעלעך — האט א מורמעל געגעבען דער בייסטער, וועלכער איז ארונטער פון פּאליצע און אין זיין שטיממע האבען זיך דערפיהלט טרעהרען.

— האט מען ביי אייך געהייצט? — פרעגט נאך איינער.

— ניין — ענטפערט דיא מיידעלע.

— ניטא קיין קוילען — האט ערקלעהרט דער באי — עס איז אין שטוב אזוי קאלט.

דיא אפּרייטארס האבען זיך דורכגעקוקט.

איינער האט ארויסגענומען אניקעל און באלד איז יעדערער אריינגעקראכען אין קעשענע; עס האבען גענומען קלינגען מטבעות.

מען האט געמאכט א פרייען קאללעקשאן פאר דיא יתומים.

— האסט א גאנצען פּאקעט? — האט זיך אן אפּרייטאר געווענדעט צו דעם באי, האלטענדיג אין האנד דיא צואמענגעקליעבענע געלד.

— יעס, אט דער פּאקעט איז א גאנצער.

— נא, וועסט עס געבען דער מאמען, דאס זיינען מיר געווען שולדיג דעם טא־

מען דיינעם, און דער אפּרייטאָר שיט אריין דיא געלד צו דעם קינד אין קעשענע אריין.

— גאר אָהן שיך — קוקט איינער טרויעריג אויף דיא קינדער.

— נעבעך גאר נאַקעט.....

— איהר זייט נאָך עפּעס געקומען? — פרעגט איינער דיא קינדער.

— דיא מאַמע האָט אונז געשיקט אָפּנעהמען דעם טאַטען'ס זאַכען — טהיילט מיט דיא מיידעלע דעם צוועק פון איהר און פון איהר ברודערס קומען.

— דיא מאַשין און דיא איבעריגע זאַכען — זאגט דער באָי פון זיין זייט.

— זיי זיינען געקומען נאָך דער ירושה — בעמערקט מאָררים דער לץ און שאַפּירא אָקס געהט צו איהם צו גלייך און שטעקט אויס א קולאַק דעם לץ אונטערן נאָז.

— הונד — זאגט שאַפּירא מיט כעס — איז דאס א שפּאַס? איך צוהאַק דיר באלד דיין נאַרעשען פּיסק.

— דער זעלבער סוף וועט מיט אונז אַללעמען זיין — בעמערקט א צווייטער אָפּרייטאָר און מאָררים'ן פערדריסט וואס ער האָט דא א שפּאַסס געמאַכט און ער טראגט זיך אָפּ אָן א זייט.

מען האָט דערלאַנגט דיא זאַכען דיא קינדער: דעם באָי האָט מען נעגעבען דיא קעפּעל פון דער נעה־מאַשין און דער מיידעל דיא איבעריגע חפצים פערבונדען אין א באַנדעל. מען האָט אָבער גלייך בעמערקט, אז דיא מאַשין איז צו שווער צו טראגען פאר דאס קינד.

— ווער וועסט עס קענען איינטראגען? — האָט זיך אַן ארבייטער געווענדעט צו דעם באָי, און געקוקט אויף איהם אזוי רחמנות'דיג.

— יעם — האָט אברהם'קע געענטפערט, האָט זיך אויסגעצויגען עפּעס אזוי וויא וועלענדיג זיך מאַכען גרעסער, און האָט דערביי אויף זיך געמאַכט א פּנים פון א גבור.

— ווען ער וועט ניט קענען, וועל איך איהם העלפען — האָט דיא קליינע שרה'לע אויך געענטפערט און דיא קינדער זיינען ארויס פון שאַפּ.

דיא ארבייטער האָבען גענומען פערנעהמען זייערע פּלעצער. דער אָפּרייטאָר פון אַלמער איז אוועק אין אַלמער, דער ביישטער וועלכער איז געזעסען אויף דער פּאַליצע, איז אוועק אויף זיין אָרט, נור איין אָפּרייטאָר וועלכער איז געבליעבען קוקען אין פענסטער, און האָט נאָכגעקוקט דיא אוועקגעהענדע קינדער, האָט פּלוצלונג אויסגעשריען:

— אוי, וועה איז מיר!

— וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז געשעהען? — איז געוואָרען א טומעל.

— דאָס קינד איז געפאַלען מיט דער מאַשין אין שנעע.

אַלע האָבען זיך א לאָז געטהאָן צו דיא פענסטער, נור מאָרים דער לץ איז ארויסגעלאָפען פון שאָפּ העלפען דיא קינדער.

באלד האָבען דיא יעניגע, וועלכע האָבען אריינגעקוקט אין דיא פענסטער געזעהען וויא מאָררים דער לץ האָט אויפגעהויבען דעם קליינעם אברהם'קען. האָט אויפגעהויבען דיא מאַשין, גענומען עס צו זיך און איז אוועק צוזאַמען מיט דער מאַשין.

— א לץ און דאָך א וואוילער יונג — האָט אויף דעם בעמערקט שאַפּירא אָקס און אין שאַפּ האָט זיך ווייטער אָנגעפאַנגען דיא איבערגעריסענע ברענענדע ביזי.

אַן אויסגעצאהלטער הויקער.

I.

װעגען שלמה דעם ביגלער אַליין האָב איך ניט װאָס צו ריידען — מיט איהם איז אַ קורצע געשיכטע: ער איז אַן איבערגעהאַרעװעטער, שוין אַ האַלבער אַ טויטער ארבייטער. ביי פופצעהן שטונדען אַ טאָג מאַטערט ער זיך מיט דער נשמה אין אַ שמוציגען, פינסטערן, ענגען אידישען סוועטינג שאָפּ און מאַכט זיך וויא עס איז זיינע פינף דאָלער אַ וואָך. דער שאָפּ האָט אין זיך גראָד אַ מעלה, וואָס עס איז כמעט דורך׳ן יאָהר דאָ וואָס צו טאָהן. אָבער עס איז אויך דאָ אַ חסרון, און דאָס איז, אַז דיא ארבייטער, וועלכע האָרעווען אין דיעזען געבענשטען שאָפּ, מוזען וואוינען אין דיא הייזער, אָדער בעסער געזאָגט אין דיא גריבער, וועלכע בעלאַנגען צו דעם באָס, און גריבער האָט דער באָס פּונקט אזוי פיעל, וויא פיעל „הענד" ער בעשעפטיגט אין זיין שאָפּ. — פאַר יעדער האַנד אַ גרוב! דיא גריבער זיינען שרעקליך! ענג, שמוציג, אַלט, קאַלט, אָהן לופט און אָהן ליכט. שלמה׳ען אַרט עס אָבער ניט זעהר.

— אַ דאַנגה האָב איך — זאָגט ער — ווער זעהט עס אָן אין דיא אויגען ? — ווען איך קום שוין אהיים אויף דיא עטליכע שעה בין איך אזוי מיעד, אַז מיר איז סיי־וויא־סיי ניט ניחא גאָט׳ס וועלט.

זיין ווייבעל, זיין אָרעמער קריינען, ווילט זיך נעבעך, — און נאָך אָה, וויא עס ווילט זיך ! — אנטלויפען פון דיזען לעבעדיגען קבר. אָבער זיא איז אַ ווייבעל ניט קיין נאַר: זיא פערשטעהט, אַז זיא האָט זיך ניט וואָס „צו בעטען אויף חתונה", וויא מען זאָגט און דערמאָנט וועגען דעם אַ וואָרט ניט.

שלמה מיט זיין ווייב קריינען האָבען צוויי קינדערלעך: בערעלע איז געוועזען דריי יאָהר און משה׳לע איז אין דער צייט, ווען דיא געשיכטע האָט פּאַסירט, געוועזען אַלט פּונקט אכט מאָנאַט. ער איז געבאָרען געוואָרען, גראַדע אין דער צייט, ווען זיין טאַטע האָט שוין געהאַט זיין „סטעדין דזשאָב" און האָט געוואוינט דאָ אין קבר.

וועגען בערעלע וועל איך מיט אייך פיעל ניט פערברייינגען. בערקע איז שוין איבערגעקומען אַלערליי צייטען, ער האָט שוין געזעהען אין זיין לעבען פריילינע טעג (דאָס איז געוועזען מיט דריי יאָהר צוריק, ווען זיין טאַטע האָט געהאַט מעהר אביסעל כוח און האָט פערדיענט ניין — צעהן דאָלער דיא וואָך), בערעלע האָט שוין אויך גע־פּרופט הונגערן (ווען זיין טאַטע האָט, ניט היינט געדאַכט, סלעק געהאַט), אָבער עס מאַכט ניט, דיא ערגסטע צייט אין זיין לעבען איז ער שוין באַלד איבערגעקומען.

— באַלד, באַלד — זאָגט זיין טאַטע — וועל איך מיין בערקען ארויסשיקען מיט פּייפּערס פּעדלען און ער וועט שוין זיין מיר אַ הילף.

ר׳ בער וועט שוין בעשטעהן זיין וועלטעל ! וועגען איהם האָבען מיר ניט וואָס צו ריידען. זעהט איהר, אויף משה׳ן טהוט מיר וועה מיין האַרץ! גאָט ווייס וואָס פון דעם משה׳לע וועט זיין! משה׳לע איז, כמעט זייט ער איז געבאָרען געוואָרן, אַ בלאַסינקער, אַ קריינקליכער, ער איז שוואַך אויפן מאָגענדיל, בלינדלעך אויף דיא אויגעלעך, אַ הוסטער מיט אַ גרויסען בייכעל און פיס מיט הענטלעך וויא שוועבעלאַך. משה׳לע איז אימער צורייצט, שטענדיג וויינט ער, שטענדיג „רוכעט" ער זיך,

און קרעכצעט אזוי הויך, אזוי הערצרייסענד — עפּעס אזוי וויא אַן אַלטער קראַנ־קער מאַן.

דיא שוואכע פעראָרימטע פערביטערטע קריינע ניאַנצעט זיך מיט איהם ארום טאָג אזוי וויא נאַכט, זיא האָט פון איהם קיין רוהיגע מינוט ניט. ער נעהמט איהר ארויס דאָס לעצטע ביסעלע קרעפטען. זיא פאלט שוין פון דיא פיס. דאָך גלעט זיא דאָס קינד, האַלובעט און קושט און בערעקט משה'לעם בלאַסע בעקעלעך מיט וואַ־רעמע מאַמעשע טרעהרען.

ווען עס טרעפט זיך אַ גוטע, אַ גליקליכע מינוט, און משה'לע ווערט אַ ווייל'ע אנשוויגען, הערט אויף צו וויינען, צו קרעכצען, ווערט דיא אָרעמע קריינעס פּנים ליכטיג פון שמחה, פון גליק, היינט וויא איז נאָך, אז דאָס קינד טהוט ווען עס איז אַ שמייכעל, דיא מאַמע פערגעסט דאַן איהר דלות, איהרע צרות; זיא פערגעסט גאָר אין גאַנצען, אז זיא איז קריינע, שלמה דעם ביגלערס ווייב.

קריינע האָט געטאָהן פאר איהר קינד, וואָס זיא איז נור געווען אימשטאַנדע צו טאָהן. וואָס נור א סגולה מען האָט איהר געראטהען, האָט זיא אלעם געשאפט. א שכנה הייסט שמירען דיא הערצעלע מיט חלב, קריינע שמיערט. א צווייטע הייסט אויסרייבען מיט עסיק, קריינע רייבט. חאַסע מערע, דיא ביגלערקע, האָט געבראַכט א מאַשטש, וועלכע זיא האָט אַליין געמאַכט און האָט געהייסען גוט איינרייבען דאָס בייכעלע, און קריינע האָט עס צוגעכאַפּט מיט ביידע הענד. דאָס קינד איז שוין געווען אזוי פיעל געריבען און געשמיערט, אז מען האָט ניט געקענט דערקענען אויף איהם אַ קאָליער פון א לייב. און משה'לע איז אלץ נעביך קראַנק, וויינט און קרעכצט, אז דיא הארץ ווערט צוריסען. אָט קומט א נייע וויבעל און זאָגט צו קריינען גאָר א נייעס.

— איהר הערט, מיסעס סאלאמאַן?

— יעס — טהוט זיך א כאַפּ קריינע.

— אונז אַלעמען צו לאַנגע יאָהר, מיין אַברעמעלע'ן האָב איך אַמאָהל אויס־געהיילט מיט וואנעס.

— מיט פראָסטע וואנעס? — פרעגט דיא פערוואונדערטע קריינע.

— נו, געוויס, ווארעמע וואסער ציהט ארויס זעהר גוט א וועיטאָג.

קריינע האָט אַפילו געצווייפעלט אַביסעל, דאָך האָט זיא משה'לען געמאַכט א פיינע וואנע; דאָס קינד איז עפּעס יע וויא פרעהליכער געוואָרען, אָבער בלויז אויף א קורצער צייט.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט דיא בעל עצה'טע פון דיא וואנעס ביי קריינען געפרעגט אין א פּאָר טעג ארום.

— גאָט זאָל רחמנות האָבען — האָט קריינע שיער זיך ניט צו־וויינט, — עס העלפט ניט. און אַזאַ גוטע וואנע! איך זאָג אייך, דיא ערשטע וואסער איז אראָפּ שוואַרץ און פעט וויא א קליי.

קריינע האָט זיך ניט פערלאָזען אויף ווייבערשע סגולות. זיא איז אויך אָפט ארומגעגאַנגען אין פרייע דיספּענסערים, און זייט משה'לע איז קראַנק געווען, האָט ער אין זיך שוין איינגענומען א גאַנצען אַפּטייק. און דאָך איז קיין בעסערקייט ניט געוועזן.

און קריינעס הארץ האָט זיך געריסען פון צרות.

אַמאָהל, ווען משה'לען איז געוואָרען זעהר שלעכט, האָט זיא וויא עס איז אויסגעוויינט אַ דאָקטאָר צו זיך א היים. און אלץ זיא אליין, — זיא, דיא אָרעמע

קריינע... מיט איהר מאַן האָט זיא פיינט געהאַט איבריגס צו ריידען וועגען דעם קראַנקען קינד, וואָרים זיא האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ שוואכע, אַ פערביטערטע האַרץ, אַז ער קומט פון שאַפּ איז ער אימער פערמאַטערט און צורייצט. זיא האָט געוואוסט, אַז שלמה האָט שוין לאַנג אָוועקגעמאַכט מיט׳ן האַנד וועגען זייער משה׳לען.

מאַנכעס מאָהל פלעגט ער אפילו נעהמען דאָס קינד אויף דיא הענד, פלעגט עס קושען, האַלזען, פרופען פערשפּיעלען, איינגעהמען, איינשלעפערן; אָבער פלעגט דאָס קינד ניט ווערן אַזוי שנעל שטיל, פלעגט ער עס מיט כעס אוועקלייגען און פלעגט זיך גלייך ווענדען צום טאַטען אין הימעל.

— געוואַלד, רבונו של עולם — פלעגט ער אויסשרייען ניט מיט זיין קול — אָדער אַהין אָדער אהער, אָדער נעהם צו דיא שטיק צרה, אָדער הייל איהם אויס!

ביי דער אָרעמער קריינען פלעגט איינפאַלען אין האַרצען פון דיזען אויסרוף. זיא פלעגט דערפאַר ציטערן וויא פאַר פייער, און זיא פלעגט שוין בעסער דאָס קינד ניט געבען איהם צו האַלטען.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט בעטראַכט דאָס קינד, האָט ער קיין רעצעפּטען ניט פערשריעבען. ער האָט בלויז געהייסען, אַז מען זאָל דאָס קינד וואָס מעהר האַלטען אויף דרויסען, און, ווען עס וועט ווערן זומער, זאָל זיא איהם אוועקפיהרען עפּעס אין אַ נאָהענטען פּאַרקיל און אויב עס איז מעגליך, האַלטען איהם דאָרטען גאַנצענע טעג. אין דעם דאָקטאָרס ווערטער האָט זיך געהערט אַזאַ ערנסטער טאָן, אַז קריינע האָט ניט ווילענדיג איהם געגלויבט; און אין צוויי טעג אַרום, ווען עס איז אויסגעפאַלען אַ שיינער, ליכטיגער טאָג, האָט קריינע ארויסגעטראָגען איהר משה׳לען אויף דרויסען.

זיא איז מיט אידם ארומגעגאַנגען אַ שטונדע צוויי. דאָס קינד האָט געכאַפּט אַ דרעמיל, אָבער ווען דיא שוואכע מאַמע איז געקומען אהיים, האָט זיא געפיהלט, אַז זיא איז טויט מיעד. דיא הענד זיינען איהר געוועזן וויא אָפּגענומענע. זיא האָט קוים וואָס דעם אטהעם געקענט כאַפּען און דאַן איז ביי איהר ערשיענען אַ געדאַנק וועגען אַ „בייבי קערידזשל״ (קינדערוועגעלע).

II.

עס איז געוועזן אַ ליכטיגער שיינער פריהלינג טאָג. דער טאָג איז געוועזן אויף אַזוי פיעל שעהן און גוט, אַז אפילו אין רעכטען מיטען פון דעם אידישען קוואַרטאַל האָט זיך געפיהלט עפּעס וויא אַ פרישקייט און אַ לעבעדיגקייט.

דיא זונן האָט געשיינט, אָבער ניט געברענט. און איהרע גאָלדענע שטראַהלען האָבען זיך אריינגעריסען און אריינגעקוקט אין יעדער שפּעלטיל, אין יעדער גריבעלע און האָבען געשמייכעלט.

איין שטראַהל האָט מיט מאַטערנעם דורכגע׳גנב׳עט זיך צו דער וואָהנונג פון שלמה דעם ביגלער און האָט שעמעדיג אריינגעקוקט דורך אַ פענסטער אין צימער אריין...... אַ טרויעריגער צימער איז דאָס געוועזן, ליעבע ברידער... דאָ האָט געוואוינט אַן אָרעמער אידישער ביגלער.

אַן אומעט... עפּעס אַ האָפנונגסלאָזער אומעט האָט זיך געטראָגען פון דיא הוילע פערפינסטערטע ווענט; אַן אומעט האָט זיך געטראָגען פון שוואַרצען באַלקען; אַן אומעט האָט געוועיעט פון יעדער ברעקעלע, וואָס עס האָט זיך נור געפונען אין צימער. עטליכע הילצערנע שטוהלען, אַ טיש, עטוואָס עהנליכעס צו אַ סאָפע, אַ ביוראָ, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף איין צובראָכענעם זייט, אַ גליעד פון

אַ שפּיעגעל — דאָס איז געוועזן דיא מעבעל פון צימער. און דאָס איז געוועזן דיא ציערונג, דיא פּראַנט רום. אין בעד רום האָט דער שטראַהל הפּנים געשראָקען זיך אריין צוקוקען. . . . .

אויף אַ שטוהל איז געזעסען א פרוי מיט אַ בלאַסען געלען פּנים. אויף דיא הענד האָט זיא געהאַלטען אַ קינד און געוויגט... דאָס האָט קריינע דיא ביגלערקע איינגעשלעפערט איהר קראַנקען משה'לען...

זיא האָט איהם געזונגען אַ ליעדעל. פון אונטער איהר ברוסט האָבען זיך געטראָגען פערשיעדענע טענער, וועלכע האָבען זיך געביטען אין אירגענד וועלכע אָרדנונג. דאָס איז איהר שטימע געוועזן אזוי טרויעריג, אזוי וויינענדיג, אזוי הערצרייסענד — און פּלוצלונג פלעגט זיא ארויסלאָזען א טאָן א לייכטערן, א פרייליכערן, עפּעס אזוי וויא דער שטראַהל, וועלכער האָט געבאַקט לעקעך אויפן וואנד, וואָלט זיך געהאַט ארייגעקליבען אין דער פעראָרעמטער ביגלעריכעס האַרץ און דאָרטען ליכטיג געמאַכט.

דיא ווערטער פון איהר ליעד האָט קריינע אליין פערפאסט.

וואָס פאר א ווערטער זיינען דאָרטען ניט געוועזן ! דאָ האָט זיא פערשפּראָכען איהר קינד שיכלעך, א העטקעלע, גוטע זאכען און א קערידזשל; דאָ האָט זיא איהם דערצעהלט א מעשה, אז א ווייסע ציגעלע שטעהט אונטער זיין וויגעלע, דיא ציגעלע איז געפאָהרען האנדלען און וועט ברייגנען משה'לען אַ קערידזשל מיט מאַנדלען. און דאָ האָט זיא איהם פערשפּראָכען, אז דער טאַטע, דער ביגלער, וועט ווערן רייך און משה'לען וועט זיין גוט און ער וועט ווערן פריש און געזונד...

דאָס קינד איז אנדרעמילט געוואָרען, און זיין בלאסער פּנים'ל האָט זיך בעדעקט מיט א שלעפעריגען אויסדרוק.

קריינע האָט גענומען א קישעלע, אוועקגעלייגט אויפן לאָנדזש, צוגעשטעלט א שטוהל און אַוועקגעלייגט דאָס קינד. אַליין האָט זיא זיך אוועקגעזעצט אויפן שטוהל, אָנגעשפּארט איהר קאָפּ אָן זייטעל און האָט זיך טיעף פערטראַכט.

א קערידזשל — אָט ארום וואָס איהר וויבערשע מחשבה האָט זיך ארומגעדרייט. א זיסע פאַנטאַזיע האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט: אַ שיינער ווארמער אבענד, דער הימעל איז בלאָה און בעזייט מיט זילבערנע שטערן, א פרוי פיהרט א פייניקען קערידזשל, אין קערידזשל איז א בייבי.

— וואָהין איז דאָס עפּעס ? — פרעגט אַ פערבייגעהענדע שכנה, — וואָהין שפּאַצירט איהר דאָס, מיסעס סאָלאָמאָן ?

— אין פּארק ! — ענטפערט קריינע.

און זיא איז טאַקע באלד אין פּארק. איהר משה'לע ליעגט אַ פרישער, א געזונטער, קוקט אויף דעם טאַטען און שמייכעלט.

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש ! — האָט עפּעס א געהיימע, בייזע, אונאַנגענעהמע שטימע איבערגעשלאָגען קריינע'ס פאַנטאַזיע — וואָס, משוגענע ? קערידזשלעך ? און וואו איז דעם מאַן'ס הויזען ? בערעלען שיך ? אין גראָסערי דעם חוב ? אָט דארף מען רענט... עס איז דאָך ביי דיר א פּעני ניטאָ!... דיין ביטערער מאַן ארבייט מיט דער נשמה... און דו... וואָס, קערידזשלעך ? אויף דיא הענד ביזטו קראַנק צו טראָגען ?...

קריינעס פּנים האָט זיך בעצויגען מיט א שאָטען און איהר האַרץ האָט איהר גענומען וועה טאָן, וועה טאָן...

— אה, וואָס מיר ? — האָט קריינע עפּעס וויא גענומען פערענטפערן זיך.

און וואס איז מיר מיין גאנצען לעבען? א קינד א קראנקען... טראגען אויף דיא הענד?... איך קען ניט... איך האב קיין כוח ניט.. איך בין קראנק...

— נו, אבער דו האסט דאך קיין געלד ניט! — האט דיא שטימע ווייטער גערעדט, אבער עפעס ווייכער און מילדער.

קריינע האט געטראכט וויא צו פערענטפערען דיזע פראגע.

לאנג, לאנג האט דיא ארעמע ביגלעריכע געטראכט. זיא איז הפנים צו קיין רעזולטאט ניט געקומען — דאס האט מען געקענט זעהען נאך דעם וויא איהר פנים ווערט אלץ דונקעלער און טרויעריגער... פלוצלונג האט זיא זיך א כאפ געטאהן, אויפגעשטאנען... איהר פנים איז געווארען פרייליכער און איהרע אויגען לעבעדי־גער: דיא מאמע האט אויסגעפינען א מיטעל, וויא אזוי צו קריעגען א קערידזשל פאר איהר קראנקען משה'לען...

דער מיטעל איז בעשטאנען גאר איינפאך אין דעם, דאס קריינע האט זיך מישב געווען ריידען מיט א פעדלער צו מען קען ביי איהם ניט קריעגען א קערידזשל אויף אויסצאהלען.

— ער וועט געוויס געבען — האט זיא זיך געטראכט — זיא וועט זיך ניט דינגען, זיא וועט איהם געבען צו פערדיענען מעהר עטליכע סענט און אויס־צאהלען וועט זיא עס קענען. זיא וועט שוין וויא עס איז אבשפארען יעדע וואך א קוואדער אדער וויא פיעל מען וועט דארטען דארפען.

פאר דעם מאן וועט זיא גאר נישט דערציילען — האט קריינע ווייטער געפלאנע־וועט. ער וועט געוויס זיין דאגעגען. ער זאל זיך דערוויסען, וועט ער געוויס ניט דער־לאזען. ער וועט געוויס זאגען, אז עס זיינען דא פיעל בילעבערע זאכען. אי, וואס, ער וועט דאך זעהען שטעהענדיג א קערעדזשיל... נו, וועט זיא שוין געפינען א תירוץ. זיא וועט זאגען, אז א שכנה האט געבארגט... ער וועט זעהר, נו, און אם ירצה השם, אז זיא וועט אויסצאהלען, וועט ער זיך מעגען דערוויסען.

אויספיהרען דעם פלאן איז קריינען געווען ניט שווער. ווארום דער פעדלער, וועלכען זיא האט געהאלטען אין זינען, פלעגט כמעט יעדען טאג קומען צו דער מיסעם דזשייקאבסאן, וועלכע האט געוואוינט מיט איהר אין דעם זעלבען האלל, א טיר לעבען א טיר. און טאקע אין דעם זעלבען טאג איז שוין דער פעדלער געקומען צו קריינען אין הויז אריין.

דיא ארעמע ביגלעריכע האט פארגעלייגט איהר פערלאנג פאר דעם פעדלער, וועלכער דאס יעצט געהאט צו בעשליעסען איהר שיקזאל. געוואלט, דאכט זיך, אזוי ערנסט וויא זיא האט פערשפראכען אויסצאהלען דיא געלד, דאכט זיך אין יעדעןווארט איהרען איז געלעגען איהר הארץ, איהר נשמה, — און דאך איז דער פעדלער עפעס געשטאנען קאלט, שטיל, תמ'עוואטע. דער דלות, וועלכער האט זיך גע־טראגען פון יעדען ווינקעלע, דער פאקט, אז קריינע וויל האבען דעם קערידזשעל בשתיקה פון דעם מאן — דאס האט געמאכט צווייפלען דעם פעדלער, און ער האט עפעס מורא געהאט איינצושטעלען אין קאן דיא מזומנים.

ער האט געשוויגען — און ביי קריינען האט דיא הארץ געציטערט און גע־קלאפט, און געקלאפט....

דיא ערנסטע שטימע פון קריינען, איהר צוזאגען, איהרע רייד, איהר בעטען זיך — דאס האט פערזיכערט דעם פעדלער, און ער האט דאך געגלויבט, אז זיא וועט כאטש דיא העמד פערזעצען און צאהלען. נור דאך...

— נו... איהר... האט מורא?

— גאָר... מיסעס סאלאמאָן. וואָס, איז וואָס ?
— טאָ וואָס שווייגט איהר ?
— איך וויים, מען שווייגט....
— ועט איהר... וועט איהר שיקען א קערידזשל?
— איך וויים, עה.... א קערידזשעל....

דער פעדלער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָהן. אי א קאָסטימער האָט זיך איהם ניט געוואָלט ארויסלאָזען פון האנד אי ריזיקירען האָט ער ניט געוואָלט. נור א גליקליכער געדאנק האָט איהם ארויסגעפיהרט פון זיין שווערע לאגע. ער האָט זיך דערמאָנט, אז מיט עטליכע טעג צוריק, האָט ער געזעהען אין א בעקאנטען סטאָר פון אלטע מעבעל ארומוואלגערן זיך א אלטען קערידזשעל.

— גוט — האָט ער געטראכט — איך וועל אקארשט נעהמען דעם קערידזשעל, דיא סחורה וועט מיר קאָסטען א גאָרנישט, איך וועל עס אביסעל צופוצען, צופארבען, צוליאקען און עס וועט זיין אָלל רייט, — פערשפיעלען וועט כמעט ניט זיין וואָס, און טאָמער געווינען — איז דאָך געוויס גוט.

— יעס, מיסעס סאלאמאָן.... איך האָב א קערידזשעל... אָבער אביסעל א צוגעניצטען.

— האָב איך א זאָרג — האָט אין איין אטהעם אויסגערעדט דיא גליקליכע מיסעס סאלאמאָן — אבי מיין משה'לע זאָל לעבען און געזונד זיין....

ביידע האָבען זיך געשיידט צופריעדענערהייט.

III.

אויף מאָרגען איז ביי קריינען אין הויז שוין געשטאנען א קערידזשיל און טאקע אָט יענער, וועגען וועלכען דער פעדלער האָט געסטערן געטראכט.

דער טאָג איז געווען א ווארעמער, א ליכטיגער און קריינע איז געווען אין זיבעטען הימעל.

זייט עס האָבען זיך אָנגעפאנגען דיא ווארעמע פריהלינגס־טעג איז בערקע זעלטען אין דער היים געזעסען. ער איז איממער ארומגעלאָפען אויף דרויסען. היינט אָבער איז ר' בער געבליבען זיצען אין דער היים און דאס איז געווען לכבוד דעם קערידזשיל.

בערקע האָט זיך ניט געקענט זאט אָנקוקען אויף דעם ניי־געבראכטען חפץ: ער האָט עס געטאַפּט מיט דיא הענטעלעך, בעטראכט פון אלע זייטען, ארומגעפיהרט איבערן צימער און געקוועלען פון שמחה.

קריינע האָט צוגעקליבען איהר שלים מזל אין דיא בעסטע שמאַטעס, וועלכע זיא האָט נור געהאַט. בערען האָט דיא מאַמע אויף געמאַכט אַן אפעראציאָן, פון וועלכער ער איז נעבעך שטארק ניט צופריעדען געווען — נעמליך, זיא האָט גענומען א ביסעל וואסער אין האנד, האָט איהם בענעצט דעם פנים און מיט א גראָבען האנדטוך האָט זיא איהם אַזוי פיין ארומגעריבען דאס נעזיל, אז ביי דעם ארעמען בערקען האָבען זיך דיא אייגעלעך געעפענט. ווען קריינע האָט אַפּגענומען דעם האנדטוך פון פנים איז דער שפּיץ פון בערקעס נעזעל געווען רויט וויא ציגדער, אָבער אונטער דיא נאָזלעכער איז דיא בלאַטע פערבליבען, וויא אויף להכעיס, ניט גערירט.

קריינע האָט פיין אויסגעבעט אין קערידזשיל, אראפּגעטראָגען עס פון דיא טרעפּ אויף דרויסען און אוועקגעשטעלט בערקען הינטען. באלד איז זיא ערשינען מיט משה'ן און האָט איהם אוועקגעלייגט אין קערידזש.

ווען עס איז געקומען צום פאהרען, האָט זיך בערקען אויף פערוואלט פאהרען.

אַנפאנגס האָט איהם דיא מאַמע ניט גענומען, אָבער אז בערקע האָט זיך גענומען אַ ביי־סעל צו־הולען זיך, איז זיא מרוצה געווארען און האָט איהם אויך אַװעקגעזעצט אין קערידזשיל.

מען פאָהרט!

װען קריינע איז שוין געװען געהאַט אַװעק געפאהרען גאנץ װייט פון דער היים, האָט זיא דערהערט, אַז דער קערידזשיל היובט עפּעס אָן צו קרעכצען.

— דאַכט זיך, אַז עס ברעכט עפּעס — האָט זיא זיך זעלבסט געזאָגט, און איהר פּנים איז געװאָרען בלאַס װיא קאַלך.

— געה ארויס, מיין חכם, פון װיגעלע — האָט דיא דערשראָקענע קריינע געזאָגט צו בערקען.

אַ נעכטיגער טאָג! בערקע האָט ניט געװאָלט הערען װעגען דעם פאָרשלאַג.

בוכך! — דער קערידזשיל האָט געגעבען זיין לעצטען קרעכץ, דורכגעבראָ־כען זיך, אַװעקגעפאַלען, און דיא צװיי פּאַסאַזשירען אויפ'ן שטיינערנעם טראָ־טואַר — בערעלע פון אויבען און דיא צרה פון אונטען.

אַ געװיין, אַ געשריי...

— מיינע קינדער! — האָט קריינע אויסגעשריען און איז אויף עטליכע סעקונדען געבליעבען שטעהן װיא אַ פערשטאָרבענע.

עס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען עטליכע מענשען און מען האָט אויסגעהאָלפען דער אָרעמער קריינען. דיא קינדער האָט מען איהר אַװעקגעגעבען אויף דיא הענד און עפּעס אַ גוטהערציגער באָי האָט גענומען דעם צובראָכענעם קערידזשיל אויף זיך.

דיא קינדער האָבען געװיינט פון װייטאָג און פון שרעק.

— אָי, װאָס פאַר אַ אונגליק, אָי, װאָס פאַר אַ בראָך! — האָט קריינע געזיפצט.

דער באָי האָט געטראָגען דעם קערידזשיל אויף דיא פּלייצעס און אזוי האָט דיזע טרויעריגע פּראָצעסיאָן אַװעקגעלאָזען זיך צוריק אין דעם רעכטען מיטען פון דעם אידישען קװאַרטאַל, אהיים צו שלמה דעם ביגלערס מנוחה.

װען קריינע איז געקומען אַ ביסעל נעהענטער צו דער היים, איז זיא אַ ביסעל געקומען צו זיך און זיא האָט זיך דערמאָנט, אַז זיא האָט נאָך אַ מאַן אויף זיך, פאַר װעלכען מען װעט דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון.

זיא האָט גלייך אַראָפּגעלאָזט בערקען פון דיא הענד און געבעטען דעם באָי, װעלכער האָט געטראָגען דעם קערידזשיל, ער זאָל עס איהר איבערלאָזען אליין.

דער באָי האָט אַװעקגעשטעלט דעם קערידזשיל. ער האָט אַ ביסעל פער־קלאַפּט, אזוי, אַז מען זאָל איהם כאָטש קענען פיהרען. קריינע האָט בעדאַנקט דעם גוטען באָי און פאָרזיכטיג פיהרענדיג דעם בראָך איז זיא אַװעק אהיים.

װען זיא איז געקומען צום רעכטען הויז, האָט זיא דעם צובראָכענעם קערידזשיל אריבערגעדעקט מיט משה'ס אַ סמאָקע און שטילערהייט ארויפגעטראָגען צו זיך אַ היים.

בערקען האָט זיא געגעבען אַ שטיקעל ברויט מיט צוקער, און ער איז שטיל געװאָרען.

װען דיא ביגלעריכע האָט בעטראַכט איהרע קינדער, האָט זיא אויסגעפונען, אַז בערקע איז אָלל רייט און האָט זיך גאָר װייניג צושלאָגען. נור משה האָט הפּנים געקראָגען אַ פיינעם קלאַפּ אין רוקענדיל, װאָרעם עס איז דאָרטען געװען רויט און װיא פארשװאָלען.

דיא דערשראָקענע מאַמע האָט צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס צו דער וואונד.

זיא האָט דעם הונגעריגען קראַנקען קינד געגעבען דיא ברוסט און וויא עס איז איינגעשלעפערט.

בערקע האָט זיך אַ ביסעל אונטערגעפייקעלט און איז אוועק אין גאַס שפּיעלען.

ווען עס איז אַ ביסעל שטיל געוואָרען, האָט קריינע גענומען בעטראַכטען דעם קערידזשיל.

— זאָל דאָס איהם אזוי צובראָכען ווערען זיין האַרץ, זיין לייב און לעבען — האָט זיא געשאָלטען דעם פּעדלער.

באַלד האָט זיא זיך אוועקגעזעצט, פערבראָכען דיא הענד, פערוואָרפען דעם קאָפּ אַן וואַנד, געגעבען עטליכע טיעפע זיפצען און האָט זיך געשמאַק צו־וויינט.

דעם קערידזשיל האָט קריינע בעגראָבען, אַז קיינער זאָל איהם ניט זעהען. מיט דעם מאַן האָט זיך קריינע אָפּגע׳פּטור׳ט שנעל. זיא האָט איהם דערציילט אַ מעשה, אַז ביידע קינדער זיינען אראָפּגעפאַלען פון טיש, און אַלעס איז שוין געווען פערענטפערט. בערקע האָט אפילו געפּרופט עפּעס דערציילען דעם טאַטען, נור קריינע האָט פערשלאָגען אַ קאָפּ און דער טאַטע האָט גערעכענט, אַז דאָס קינד „באַלבעט“.

זיא האָט געהיילט משה׳לען דיא וואונד און האָט געוואַרט ביז דער פּעדלער וועט קומען, זיא זאָל איהם צושפּאַלטען זיין קאָפּ.

דער פּעדלער איז געקומען, אָבער קריינע האָט איהם זיין קאָפּ ניט צושפּאָלטען. ער האָט נאָך אויף איהר געעפענט אַזאַ מויל, אַז זיא איז געבליעבען שטעהן אַ פער־צימערטע.

וועגען צוויי טענות האָט דער פּעדלער געשריען. ערשטענס, ווארום זיא האָט אוועקגעלייגט צוויי קינדער אין קערידזש, (קריינע האָט זיך דאָס פאַר איהם אויס־גערעדט,) און צווייטענס, אַז, ווען זיא וועט איהם ניט צאָהלען, וועט ער געהן אין קאָרט און וועט מאָהנען ביי איהר מאַן.

קורץ גערעדט, קריינע האָט זיך געמיטעלט מיט דעם פּעדלער אויף דעם תנאי, אַז זיא זאָל איהם אויסצאָהלען אַ העלפט געלד. דעם קערידזשיל זאָל דער פּעדלער צונעהמען, און ווען זיא וועט האָבען אויסגעצאָהט, זאָל ער איהר געבען אויף אויס־צאָהלען אַ נייעם, אַ גוטען קערידזשיל.

אַלץ וואָלט זיך אפשר פערגעסען. אָבער עס האָט זיך ביי משה׳לען פון דעם קלאַפּ גענומען אויסשלאָגען אַ הערביל.

איבער אַ גאָרנישט.

הער נור — האָט סמירנין'ען אָפּגערופען זיין ווייבעל — וואָס מאַכען עפּעס דיא בורנינס ? אזא לאַנגע צייט אז מיר האָבען זיך מיט זיי ניט געזעהען.

— גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט — האָט סמירנין זיך א כאַפּ געגעבען — איך מוז טאַקע האָבען א פּאָר סטעמפּס וועל איך א לאָף געבען צו זיי אין דראָג סטאָר.

— געריס זיי אויך פון מיינעטוועגען, סמירנין.

— אָלל רייט — האָט סמירנין געענטפערט, און ער איז ארויס פון צימער.

ווען סמירנין איז ארויס פון האָל אויף דרויסען האָט ער זיך אָבגעשטעלט, עס האָט ערשט אָנגעפאַנגען צו געהן א רעגען, צו בורנינס דראָג סטאָר איז געווען א מהלך פון זעקס בלאָק און סמירנין האָט געצווייפעלט אויב ער זאָל געהן אָדער ניט. זעהען זיך מיט בורנינען האָט זיך איהם גראדע געוואָלט, ווייל ער און בורנין זיינען געווען זעהר גוטע אינטימע פריינד, חברים נאָך פון דיא קינדערשע יאָהרען, און אָט זיינע! שוין אריבער פיינע עטליכע וואָכען און איהם האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט ארייננצוגעהן צו זיין פריינד. קויפען האָט ער דיא לעצטע צייט גראדע גאָרנישט ־געדאַרפט, אזוי געהן האָט ער זיך עפּעס אַלץ צוגעפוילט און אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג און יעצט נאַ דיר ! ווען ער איז שוין ארויס מיט דעם געדאַנק צו געהן צו זיין פריינד בורנין האָט גענומען גאָר גיסען א גוס רעגען. און ער איז אראָפּ אין א לייכטען רעקעל און אָהן אן אמברעלאַ.

סמירנין איז געבליעבען שטעהן איינינע מינוטען פערטראַכט אין דעם אריינ־גאַנג פון האָלל.

אָנפאַנגס האָט סמירנין א טראַכט געגעבען ארויפגעהען אַפּסטעז, איבערטאָהן זיך און דאָך געהען צו בורנינען, אָבער ער האָט זיך געפוילט קריכען פיער שטיגען הויך.

— עט — האָט סמירנין א מאַך געגעבען מיטן האַנד — דאָס איז דאָך מעהר ניט וויא סטעמפּס, איך פערגין דיא לייזונג אַ צווייטען. און ער איז אַוועק מיט שנעלע טריט אין דראָג סטאָר, וועלכע האָט זיך געפונען אין דעם זעלבען בלאָק אויפ'ן קאָרנער.

ווען סמירנין איז אריין אין דער אפּטייק נאָך דיא סטעמפּס, האָט ער א טראַכט געגעבען, ווען מיין פריינד בורנין וואָלט מיך דאָ דערזעהען ארייגגעהענדיג, וואָלט ער אפשר חושד געווען, אז ער, סמירנין, געהט אין א „פּרעמדען" אפּטייק געבען צו לייזען.

סמירנין האָט זיך דערמאָנט נאָך א מאָהל אז ער האָט שוין א לאַנגע צייט טאַקע אַבסאָליוט גאָרנישט געקויפט ביי זיין פריינד אין אפּטייק און ער האָט זיך ווירקליך דערשראָקען, אז בורנין זאָל איהם דאָ ניט דערזעהען.

סמירנין האָט געקראָגען סטעמפּס און ער איז ארויס פון אפּטייק.

וויא דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט — וויא ער האָט נור פערמאַכט הינטער זיך דיא טיהר פון אפּטייק, איז פערבייגעלאָפען דיא מאַדאַם בורנין. זיא האָט איהם בע־

מערקט, אַ לייכטען נייג געגעבען זיך צו איהם און איז פערביי, אין דער לייגג פון דער עווענין. ביי סמירנינען איז איינגעפאַלען דאָס האַרץ און ער איז געבליעבען שטעהן עפּעס וויא אָהן לשון, וויא אַ מטושטש. באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך.

— „מען מוז איהר ערקלעהרען, זאָל זיא ניט דיינקען“, — האָט ער אַ טראַכט געגעבען, — ער האָט געגעבען אַ טריט פאָרוועהרטס און גענומען שרייען :

— מאַדאַם בורנין ! מאַדאַם בורנין !

איך וויים ניט, אויב דיא מאַדאַם בורנין האָט ניט געהערט סמירנינס רופען אָדער זיא האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. ווער קען זיי דאָס וויסען דיא ווייבער ? נור יעדענפאַלס זיא איז גלייך אויסגעקומען לעבען אַ קאָרנער, פערקעהרט זיך אין סטריט אריין און איז פערשוואונדען געוואָרען פון איהר נאָכשרייערס אויגען.

סמירנין איז געבליעבען שטעהן וויא אַן אָבגעשמיסענער; ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט אָפּילו ניט געענטפערט אויף איהר לייכטען נייג און איהם איז געוואָרען נאָך מעהר פערדראָסיג.

— דאָס איז נאָך ערגער — האָט ער אַ מורמעל געגעבען — דאָס קומט עפּעס אויס מעשה גנב, עפּעס אַזוי וויא איך וואָלט זיך בעהאַלטען, דאָס איז נאָך מעהר פערדעכטיג.

סמירנין האָט מיט כעס אַ שליידער געטאָהן דיא פּאָר סטעמפּס, וועלכע ער האָט אָט ערשט געקויפט און ער איז אַ ברוגז'דיגער אוועק אַ היים.

— וואָס עפּעס אַזוי שנעל צוריק ? — האָט איהם בעגעגענט זיין ווייביל.

—איך בין ניט געוועזען ביי בורנינען — האָט סמירנין „חמורנע“ געענטפערט.

— וואו זשע דען ביזטו דאָס געוועזען ? — האָט ענני ווייטער געפרעגט. ענני האָט געהייסען סמירנינס ווייבעל.

— געוועזען... שרים ווייסען וואו — האָט ברוגז'דיג סמירנין געמורמעלט.

— דו האָסט דאָך געזאָגט אַז דו געהסט צו בורנינען.

— זעהסטו דען ניט אַז עס האָט אָנגעפאַנגען אַ גוס רעגען ? — האָט צורייצט און טרויעריג סמירנין געענטפערט.

— אָבער זאָג מיר, סמירנין, וואָס ביזטו אין כעס ? — האָט זיך ענני ווירקליך געוואונדערט.

סמירנין האָט אין קורצע ווערטער דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

ענני האָט זיך טרויעריג פערטראַכט.

— עס קוקט טאַקע אויס זעהר ניט שעהן — האָט זיא געזאָגט — מען איז אַזוי בעפריינדעט, מען איז אַזוי אויסגעבונדען, וואָס דאַרף איך אַז ביי זיי זאָל גאָר אַרויף אויפן זינען אַ חשד אויף אונז אַז מיר לויפען אַרום אין „פרעמדע“ אַפּטייקען געבען צו לייזען.

— איך האָב דאָך אָבער בלויז סטעמפּס געקויפט — האָט ערנסט און פערדראָסיג סמירנין אַ זאָג געגעבען.

— אָט דאָס איז דאָך נאָך מעהר פערדרוס — האָט ענני געזאָגט — און זיי קענען רעכענען, אַז גאָט וויים וואָס.

— ביידע — אי ענני, אי סמירנין זיינען איניגע מינוטען געבליעבען שטיל שווייגען.

— און נאָך אַזוי וויא אויף צו להכעיס — האָט סמירנין אויפגערעגט גענומען רעדען — בין איך אַזא לאַנגע צייט ניט אריין צו איהם אין סטאָר ניט עפּעס קויפען און ניט אַזוי גלאַט פערברייינגען. — בורנין וועט טאַקע דיינקען, אַז איך געה אין אַנדערע אַפּטייקען געבען צו לייזען.

— און זיינע געשעפטען געהען איהם נעביך אויך ניט אם בעסטען — האט ענני מוסיף געווען.

— ניין, ניין, דער פלאץ איז א פערוואָרפענער און ער מוז טאקע נעביך גאָר ניט לייזען.

ביידע זיינען ווייטער געבליעבען שטיל שוויינען.

— היינט זאָג אליין, זאָג אליין, ענני — איז סמירנין אויפגעשפרונגען — וויא וועט עס בורנינען דיא הארץ וועה טאָהן ווען ער וועט טראַכטען, אז איך, איך, זיין איינציגער בעסטער פריינד ווייך אויך פון זיין אפטייק.

סמירנין האָט מיט כעס א שליידער געגעבען פון זיך דיא הוט.

— א מגפה מעג קומען אויף דעם רעגען, אויף דיא סטעמפס, אויף אלצדינג, — האָט ער געזאָגט און ער האָט האסטיג גענומען ארומגעהען איבערן צימער.

— ווייסטו וואָס ? — האָט ענני אָבגערופען איהר צורייצטען מאַן.

— וועלל, ענני ?

— איך וואָלט זאָגען — האָט ענני געענטפערט — אז דו זאָלסט גלייך צו איהם אריבערגעהן. איך וויל גאָר ניט, אז ניט בורנין און ניט זיין ווייב, זאָלען וועגען א־נז טראַכטען שלעכטעס האָטש איין מינוט, געה, און דערצעהל זיי טאקע דיא גאַנצע וואָרהייט.

— יעס, יעס, — האָט סמירנין געגעבען רעכט זיין ווייבעל — איך וועל צו זיי גלייך געהן. איך וועל דערצעהלען.

—הער נור — האָט ענני ווייטער געזאָגט — ווען דו געהסט שוין, טאָ פערכאָפ מיט זיך מיינע אלטע מעדיצין באָטעלעך, און גיב איהם אָפּ.

סמירנין פלעגט אימער זיך אזוי נוהג זיין, ער האָט געוואוסט אז דיא באָטעלעך אין וועלכע ער פלעגט מאַנכעס מאָהל עפּעס קויפען ביי זיין פריינד, סיי מעדיציין, סיי עפּעס טואלעט זאַכען, קענען ווייטער פערברויכט ווערן אין אפטייק, און ער פלעגט אימער צוזאַמענקלייבען עטליכע באָטעלעך און פלעגט עס צוריקקעהרען צו זיין פריינד.

— וואו זיינען דיא באָטעלעך ? — האָט סמירנין געפרעגט.

—אויבען אין אלמער, — האָט ענני געענטפערט.

סמירנין האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף א שטוהל, האָט דערלאַנגט דיא באָטעלכ, און צולייגט ביי זיך אין דיא פּאקעטס. אזוי וויא סמירנין איז געווען זעהר צוטראָגען און ער האָט אויך גאָרנישט געטראַכט, האָט ער ניט בעמערקט, אז צווישען דיא פלעש־עלעך, וועלכע ער האָט צוזאַמענגענומען צוליעב זיין פריינד וועגען האָט זיך געפונען איין באָטעלע מיט איין אנשריפט פון אן אנדער דראָג סטאָר, ניט פון סמירנין'ס. דיזע פרעמדע באָטעלע איז געקומען צו סמירנינען אין הויז אויפן פאָלגענדען וועג: נאָך מיט א מאָנאַט דריי בעפאָר, ווען דיא מיסעס סמורנין איז זיך געגאַנגען אין גאַס, האָט זיא דערזעהען אויפן „סייד וואָק" ליגען א פיינע ריינע באָטעלע. דיא מאַדאַם סמירנין וואָלט זיך געווים קיין מאָהל ניט איינגעבויגען אויפצוהויבען א באָטעלע. אָבער זיא האָט זיך דערמאָנט אָן איהר פריינד בורנין, זיא האָט געוואוסט אז דיא באָטעלע קען איהם צוניץ קומען. זיא האָט עס דעריבער אויפגעהויבען און געבראַכט אהיים. דיזע קלייניגקייט איז אָבער אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען און יעצט האָט עס סמירנין דיזע פרעמדע באָטעלע אוועקגענומען צו זיין פריינד בורנין.

ווען סמירנין איז געקומען צו זיין פריינד בורנינען, איז שוין דיא מאַדאַם בורנין אויך געווען צו הויז. זיי זיינען ביידע געשטאַנען ביים קאַנטאָר פון סטאָר אריינגעקוקט אין געשעפטס לעדזשער און עפּעס גערעכענט.

ווען סמירנין איז אַריין אין סטאָר האָבען זיי ביידע איהם פריינדליך און דאכט זיך גאָר גוטהערציג בעגריסט. אָבער סמירנינען האָט זיך אָפּגעדאכט אז אין דיעזער בעגריסונג קלינגט עפּעס א איראָניע.

— מאַדאַם בורנין — האָט סמירנין גלייך אויסגעשאָסען — איך האָב דאָך אייך געדופען, ווארום האָט איהר זיך ניט אומגעקוקט כאָטש ?

— ווער ? וואו ? ווען ? וואָס ? — האָט מאַדאַם בורנין א בליק געגעבען אויף סמירנינען און אין איהרע אויגען איז געלעגען אליין דיא אונשולד — זיא איז געווען א פּראָפעצימער, רבותי —

— זיא ווייס אפשר פון גאָר נישט — האָט סמירנין א טראכט געגעבען, אפשר האָט זיך מיר דאָס גאָר אָפּגעדאכט, אז זיא האָט זיך צו מיר א נייג געגעבען.

סמירנין האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען און ער האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו ריידען. באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך.

— האָט איהר מיך גאָר ניט געזעהען ? — האָט ער ווייטער געווענדעט זיך צו דער מאַדאַם בורנין.

— געזעהען יע, אָבער ניט געהערט איז געווען דער ענטפער.

סמירנין האָט ווייטער ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און אלע דריי זיינען פערבליעבען טויט שטיל.

איך האָב שוין געלאכט צו מיין ווייבעל — האָט סמירנין אָנגעפאנגען ניט מיט א פעסטער שטימע — איך האָב צו איהר געזאָגט, אז איהר האָט געוויס געקענט דיינקען דאָס איך האָב עפּעס געקויפט אין אפּטייק.

— געקויפט איז געקויפט — האָט דיא מאַדאַם בורנין בעמערקט.

— אַמעריקאַ איז א פרייע מדינה — האָט בורנין געזאָגט — פאַר דיינע געלד קענסטו קויפען וואָס און וואו דו ווילסט.

עפּעס וויא א קאַלטער וועהטאָג האָט דורכגעריסען סמירנינס האַרץ.

— נו, טאָ זאָג איך דיר אז דו ביזט א גרויסער נאַר — האָט ער מיט פערדרוס געענטפערט צו בורנינען. סמירנין און בורנין זיינען געווען אויף „דו“.

— א דאַנק דיר פאַר א קאָמפּלימענט — האָט בורנין טרוקען געענטפערט.

—א פּאָר סטעמפּס האָב איך געקויפט, אָט וואָס איך האָב געקויפט — האָט סמירנין מיט האַרץ געזאָגט, עס איז איהם אָבער געווען ניט שווער צו בעמערקען אז זיינע ווערטער האָבען קיין שום עפעקט ניט געמאַכט, אז מען גלויבט איהם זעהר ווייניג.

— א דאַנק א גרויסע — האָט דיא מאַדאַם בורנין געזאָגט — ווערט צו מאַכען א רייד ? סטעמפּס... א מעדיצין... א געשעפט, נו.

— ווער טראַכט וועגען דעם ? — האָט בורנין געזאָגט.

סמירנין האָט געמיינט, אז ער ווערט צופּלאַצט, ער איז אָבער געבליעבען שוויי־גען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ריידען.

ווען עס האָט געדויערט א ווייל׳ע האָט סמירנין ארויסגענומען פון זיינע פּאַקעטס באַטעלעך, וועלכע ער האָט געבראַכט און ער האָט זיי צושטעלט אויפן קאָנטאָר.

בורנין האָט אָבער גאָר אונגערען א בליק געוואָרפען אויף דיא געבראַכטע באַטע־לעך און ער האָט גלייך בעמערקט צווישען זיי א באַטעל פון אַן אַנדער אַפּטייק. ער האָט עס א כאַפּ געגעבען, בעטראַכט, פיעל בעדייטענד פערביסען דיא ליפען, א טראַט גע־געבען דער ווייבעל זיינער איבערן פּוס און א וואונק געטאָהן צו איהר. דיא מאַדאַם בורנין האָט אויך בעמערקט דיא פרעמדע באַטעלע, אויך א טראַט געגעבען איהר מאַן

איבערן פוס, אויך פיעל בעדייטענד פעררייסען דיא ליפען און אויך א וואונק געגעבען צו איהר מאַן.

סמירנין האָט געזעהען דיא גאנצע סצענקע, ער האָט געקוקט וויא א האָהן אין בני אדם און האָט גארנישט פערשטאַנען.

בורנין האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען.

— אי ביסטו ניט פארזיכטיג — האָט ער זיך געווענדעט צו סמירנין.

— וואָס איז, וואָס ? — האָט סמירנין נאַאיוו און פערוואונדערט געפרעגט.

— זעה, קוק — האָט בורנין איהם געצייגט אויף דיא באטעלעך.

סמירנין האָט תמ'עוואטע געקוקט אויף דיא באטעלעך און געדריקט מיט דיא פלייצעס... פלוצלונג איז ער בלאַס געוואָרען און ער האָט זיך ארומגעקוקט מיט שרעק און וואונדער ; ער האָט אויך דערזעהען דיא „פרעמדע" באטעלע.

— האָב איך דאס געבראכט ? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, א מלאך — האָט מיט א גיפטיגען שמיכעל בורנין געענטפערט.

— נו, טאָ גלויבט מיר אז איך ווייס ניט פון וואנען דאס קומט צו מיר — האָט סמירנין געזאגט מיט א שמערצליכער ערנסטקייט.

ביידע, אי בורנין אי זיין ווייבעל, האָבען זיך הילכיג צולאכט.

ביי סמירנינען איז אַריבער א שוידער איבערן גאנצען קערפער.

— וואָס וואונדערסטו זיך אזוי ? — האָט בורנין שפּאָטיש געפרעגט.

— וויא הייסט וואָס? וויא הייסט... וויא הייסט, — האָט סמירנין גענומען ריידען שנעל און אויפגערעגט — אז איך ווייס ניט, אז איך הויב ניט אָן צו פערשטיין.

בורנין מיט זיין ווייבעל האָבען זיך ביידע צו דער זעלבער מינוט פערצויגען מיט א לאנגען ברייטען געלעכטער.

סמירנין האָט געמיינט ער ווערט פערריקט.

ער האָט זיך ערנסט גע̇וואונדערט, ער האָט גערעדט און געטראַכט אין דער הויך, ער האָט אַלץ פּרובירט טרעפען וויא אזוי דיא פערשאָלטענע באטעלע איז צו איהם אין הויז געקומען, אָבער ער האָט געזעהען, אז וואָס ער רעדט מעהר דעסטאָ אָן ערגער'ן איינדרוק מאכט ער אויף בורנינען און אויף זיין ווייבעל. ער האָט פערשטאַנען אז מען קוקט אויף איהם, וויא אויף איינעם וואס וויל פערמולירען און פערטומלען א טרוי־עריגען אמת.

ווען סמירנין האָט פערלאַזען בורנינס סטאַר האָט ער דערפיהלט, אז זיין פריינד־שאַפט מיט בורנינען איז צוריסען. ער האָט דערפיהלט, אז עטוואָס איז פערלאָרען געגאנגען. ער האָט ניט געקענט אַנטאַפּען דעם עטוואס, ער האָט אָבער אינסטינקטיוו געפיהלט, אז דיעזער „עטוואס" איז דיא נשמה פון זיין פריינדשאַפט מיט בורנינען.

— און פאר וואָס ? פאר ווען ? — האָט סמירנין גערעדט פאר זיך און ער איז געוועזען פערטיג פון פערדרוס און פון ווייהטאָג צוואויינען זיך.

קומענדיג אהיים האָט סמירנין אויסגערעדט זיין ביטערע האַרץ פאר ענני'ן.

ענני האָט אַפּאַטיש געטאָהן מיט דיא הענד און זיא האָט זיך צולאכט.

— איהר זייט אַלע פעררירקטע — האָט זיא געזאגט — איך האָב דאך דאס באַ־טעלע געפונען אליין מיט מיינע הענד.

אויף סמירנינען האָט זיך אָנגעטאָהן א נייע הויט.

— ווען? וואו ? — האָט ער גענומען מיט אימפּעט שרייען — דערצייל שנע־לער, וואו? ווען ? וואָס ?

ענני האָט דערצעהלט וויא אזוי זיא האָט געפונען דאס באַטעלע און וויא אזוי זיא האָט עס בעהאַלטען.

עס איז שוין געווען גאנץ שפּעט אין דער נאכט, אָבער ניט אכטענדיג אויף דער שפּעטיגער שטונדע איז סמירנין וויא אַ פער'סם'טער צוריקגעלאָפען צו בורנינען.

— אַי, וועל איך איהם יעצט אַוועקגעבען אַ גאָב, — האָט ער אויסגעשריען און ער איז האסטיג ארויסגעלאָפען פון צימער.

— יעצט וועל איך זיך שוין מיט אייך אָפּרעכענען — מיט דיא ווערטער איז סמירנין אריינגעלאָפען צו בורנינען אין אַפּטייק. זיין פּנים האָט געשיינט פון אויפרעגונג און גליק.

— נו, וואס איז? — האָט קאַלט און פערשלעפעריג בורנין געפרעגט. בורנין'ס ווייב איז שוין אוועק שלאָפען.

— איך ווייס שוין וויא אזוי דאס באטעלע קומט צו מיר.

— וויא אזוי? האָט נאָך קעלטער בורנין געפרעגט.

— מיין ענני האָט זיא געפונען.

— האָסט דאָך דאס פריהער געקענט זאגען... דאס איז קורץ און גלאט — האָט בורנין געענטפערט קאַלטבלוטיג.

— וואס דוא גלויבסט מיר ניט? — האָט סמירנין אַ שפּרונג געגעבען וויא פון אַ גיפטיגען בים.

יעצטיגען מאָהל איז סמירנין ברוגז געוואָרען. ער האָט אַ קלאַפּ געגעבען מיט'ן טיהר און איז ארויסגעלאָפען פון בורנין'ס אַפּטייק.

און אזוי איז איבער אַ גאָרנישט צוריסען געוואָרען אַ שטאַרקע ערנסטע פריינדשאַפט.

יאָהר־צייט נאָך דער מוטער.

דיא ערשטע קינד איז ביי דיא גינזבורגס געשטאָרבען פון לונגען־ענטצינדונג ווען עס איז אַלט געוועזען צוויי יאָהר און דריי מאָנאַט.

דיא יונגע פּאָר פּאָלק זיינען דאַן געוועזען אויף דער העכסטער שטופע פון אונ־גליק און פערצווייפלונג; און ביידע האָבען גאַנץ ערנסט געטראַכט וועגען זעלבסט־מאָרד.

ניט אַלעס וואָס עס טראַכט זיך — טהוט זיך; ניט גינזבורג און ניט זיין פרוי האָבען מוטה געהאַט פרייווילליג אריינצו־וואַרפען זיך אין דיא קאַלטע אָרעמס פון דעם העסליכען, שוואַרצען טויט. ביידע האָבען אזוי לאַנג געצווייפעלט, ביז אַ נייגעבאָרענעס קינד האָט זיי פעסט צוגעבונדען צום לעבען.

דאָס קינד איז געוועזען אַ מיידעלע, און מען האָט איהר אַ נאָמען געגעבען: דבורה אָדער דאָרעלע.

דער נאָמען איז געוועזען נאָך גינזבורגס פערשטאָרבענע מוטער.

דיא גינזבורגס זיינען ביידע פריידיינקער, אין פולען זינען פון דאָס וואָרט. און דאָס געבען אַ נאָמען פון דאָס נייגעבאָרענע קינד נאָך אַ טויטער האָט דאָ אין קיין פאַל ניט געהאַט וואָס צו טהאָן מיט אירגענד וועלכען אבערגלויבען.

געטהאָן האָט זיך דאָס זעהר איינפאַך.

— דאַבוניו? — האָט גינזבורג געפרעגט זיין פרוי — וויא זאָלען מיר רופען אונזער טאָכטער?

— איך וויים ניט — האָט דיא קינדבעטאָרין געענטפערט.

— איך וויים אויך ניט — האָט גינזבורג געזאָגט.

— לאָמיר זיא רופען דבורה'לע, אַ נאָמען נאָך דיין מוטער — האָט דאַבע געזאָגט אוטאָמאַטיש, קוקענדיג אויף דער שעהנער, ליעבער בייבעלע, און גאַנץ ווייניג טראַכטענדיג וועגען איהר פאָרשלאַג.

האָט דען גינזבורג געהאַט וואָס צו זאָגען דאַגעגען? גאָרנישט, און דער נאָמען פון דאָס קינד איז געבליעבען דבורה'לע.

ווען ביי דיא גינזבורגס האָט געלעבט דיא ערשטע קינד, און ווען עס איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר, האָבען דיא עלטערן געמאַכט אַ יום טוב און האָבען געסט איינ־געלאַדען צו פייערען מיט זיי צוזאַמען דעם ערשטען געבורטסטאָג פון זייער ערשטעס קינד.

ניט דאָס איז אָבער געוועזען מיט דאָס צווייטע קינד.

דיא גינזבורגס האָבען ליעב געהאַט זייער דבורה'לען, שמערצליך, אונענדליך ליעב געהאַט, נור ווען דיא מיידעלע איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר האָבען זיי ניט געמאַכט פון דעם קיין שום שמחה.

עס שיינט מיר, אַז איך וועל ניט איבערטרייבען, ווען איך וועל זיך אויס־דריקען, אַז דיא גינזבורגס האָבען עס ניט געוואַגט צו טהאָן.

דאָרעלע איז אַ זעלטענעס קינד; דיא מיידעלע איז געראָטען, זיס, שעהן, קלוג, עס איז אַ גליק אין הויז, עס מאַכט ליכטיג, פרעהליך, אין יעדען ווינקעלע, אָפט געניסען דיא עלטערען פון דער קליינער דאָרע'ן גאַנצע וועלטען מיט פערגעניגען, עס איז אָבער דאָך ניט יענער נחת, ניט יענער פערגעניגען, וועלכען זיי האָבען געהאַט פון זייער ערשטעס קינד... עפּעס דאַן איז דאָס געווען אזוי פריי, אזוי זאָרגלאָז, יעצט איז דאָס אַנדערש, אין מיטען דער שמחה דערמאָנען זיך שוידערליכע בילדער פון טויט, פון אַ קינדערשען טויט, און דער פרייען זיך ווערט דאָ פּשוט איבער־געריסען מיט אַ שווערען, טיעפען זיפץ... אָט זיינען דיא עלטערן דאַכט זיך אויף דער העכסטער שטופע פון ענטציקונג... מען קושט, מען האַלזט דאָס קינד, מען לאַכט... מען זינגט, מען שפּיעלט, מען פערגעסט דיא גאַנצע וועלט... עס דערמאָנט זיך אָבער ניט ווילענדיג, אַז מיט אַ גאַנץ קליינער צייט צוריק איז געווען אַן אַנדער קינד, אויך אַ מיידעלע, וועלכע פלעגט זיך פערגיסען אָט טאַקע מיט דעם זעלבען זילבערנעם, הילכיגען געלעכטעריל... וואו איז זיא? טויט! אָה, וואָס פאר אַ ריס עס גיט אין האַרצען, אין מיטען ענטציקונג ווערען דיא עלטערען בלאַס, ביי דער מוטער ווערען דיא אויגען בענאָסען מיט טרעהרען און דער פאָטער לאָזט אראָפּ טרויעריג דעם קאָפּ.

— ווער ווייס? — טהוט דאָבע אַ שווערען זיפץ קוקענדיג אויף דער פרעה־ליכער טהייערער דאָרעלען? — ווער ווייס? ווער ווייס?

גינזבורג פערשטעהט וואָס עס בעדייטעט דער „ווער ווייס?“ און ער בלייבט שטיל שווייגען, ווייל ער האָט מורא עפּעס צו ענטפערען אויף דער פראַגע פון זיין פרוי.

אַך, עס שיינט מיר, אַז דיא עלטערען, וועלכע האָבען בעגראָבען זייער ערשטלינג קענען ניעמאַלס גליקליך זיין!

דעם ערשטען געבורטסטאָג פון דאָרעלען האָבען דיא גינזבורגס דורכגעלאָזען עפּעס אזוי וויא אונבעמערקט. ווען דאָס קינד איז געוואָרען צוויי יאָהר, האָבען זיי עפּעס וועגען דעם אזוי וויא ניט געוואָלט ריידען, נור דאָבע האָט געזאָגט:

— גינזבורג, אַז אונזער טעכטעריל וועט אַלט ווערען דריי יאָהר, וועלען מיר מאַכען אַ גרויסע שמחה!...

מיט פערשטאָרבענע הערצער האָבען זיי געוואַרט אויף דעם טאָג, דער דריטער יאָהר פון זייער קינד האָט געשראָקען דיא עלטערען... אין דיזען עלטער האָט דער שוואַרצער טויט ביי זיי אוועקגערויבט זייער ערשטעס קינד און זיי האָט זיך געדאַכט אַז דיעזע צייט איז אויך דיא געפעהרליכסטע פאר זייער צווייטעס קינד...

דעם פאָטער און דיא מוטער האָט גענומען פּלאַגען אַ שרעקליכע מחשבה, זיי האָבען מורא געהאַט צו ריידען איינער צום צווייטען וועגען דיזער ביטערער מחשבה.

דיא מחשבה איז געווען אַזאַ מין פיקסע אידעע, אַז ווען דאָרעלע וועט קומען אין דעם עלטער פון זייער ערשטעס קינד, וועט דער שרעקליכער טויט נאָך אַמאָהל געוואָהר ווערען זייער הויז.

דאָרעלע איז אַלט געוואָרען צוויי יאָהר און 3 חדשים—אָה, א שרעקליכע צייט!

און... און דאָס קינד איז קראַנק געוואָרען אויך אויף לונגען ענצינדונג, פונקט אזוי וויא דאָס ערשטע קינד...

אוי, וואָס פאר אַ בילדער! אוי, וואָס שרעק! אוי, וואָס אונגליק! פריי־דענקער זיינען זיי געווען דיא גינזבורגס, ווען איהר וואָלט זיי אַ זאָג געגעבען, אַז זיי זיינען ניט אין גאַנצען פריי פון אבערגלויבען, אַז דער גלויבען אין עפּעס אַן

אונבעגרייפליכער אויבערמאכט, האט א וואָרצעל אויף אין זייערע הערצער, ווען איהר וואָלט אזוי גערעדט צו גינזבורגען אָדער צו זיין פרוי, וואָלטען זיי אייך ביידע גלייך אויסגעלאכט פון טיעפען פולען הארצען און זייער געלעכטער וואָלט געווען זעהר ערנסט.

אָבער וואָס יעצט האט פּאסירט, איז געווען א וואונדער!

זיצענדיג ביי דער בעטעל פון דער קראַנקער קינד, האט דאָרע געגומען ריידען אזוי פערטראַכט און אזוי ערנסט:

— ווער ווייס? ווער ווייס? אפשר? אפשר? — זיא האט ניט דערערדט...

— וואס אפשר? — האט גינזבערג אונגעדולדיג געזאגט.

— פאר וואס איז דאס אזוי? — האט דאָבע גערעדט — דיא זעלבע צייט, דיא זעלבע קראַנקהייט?

— אן איינפאכער בלינדער צוזאמענטרעפען פון אומשטענדען — האט גינזבורג געענטפערט.

— אָבער אזוי פּינקטליך... אזוי עהנליך צום צווייטען, עפּעס אזוי וויא איינער וואָלט אויף דעם אכטונג געגעבען...

גינזבורג האט פערשטאַנען זיין פרוי׳ס געדאַנקען און ער האט געענטפערט קורץ און שאַרף:

— דאבע, רייד ניט קיין נאַרישקייטען.

דאָרעלעס קראַנקהייט האט זיך דערווייל ענטוויקעלט אז עס איז געקומען דער טאָג, ווען דער דאָקטאָר האט געזאגט, אז היינט וועט זיין דער קריזיס.

וואס דיעזע בשורה האט בעדייטעט פאר דיא גינזבורגס איז שווער איבערצוגעבען, נור טיעף אין הארצען האָבען זיי ביידע געפּאסט דעם זעלבען בעשלוס: ניט איבערצולעבען זייער צווייטעס קינד....

און זיי זיצען ביים בעטעל, נעהמען ניט אראָפּ דיא בליקען פון דער שרעקליך קראַנקער קינד....

בלאס, צודולט פון אונגליק, צרות און ניט שלאָפען לאַנגע, לאַנגע נעכט, מיט האלב אָבגעשטאָרבענע הערצער... זיי וויינען ניט, זיי קענען ניט וויינען, ווייל זיי זיינען שוין מעהר טויט, איידער לעבעדיג....

און דאס קינד געהט אויס, געהט אויס וויא א ברענענדע ליכטעל...

ביי גינזבורגען אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך פערשיעדענע עראינערונגען... אָבער נור זכרונות וועגען טויט, וועגען קברים... דאס דערמאָנט זיך מיט אלע קליינינקייטען דער טויט פון דער ערשטער קינד... דאס דערמאָנט זיך... דער טויט פון דעם פאטער און אָט קומט ארויף אויפן געדאנק דער טויט פון דער מוטער... א זומער פריה־מאָרגען איז דאס געווען... דאס איז געווען... ער געדיינקט... וויא היינטיגען טאָג....

„וואס איז היינט? — טהוט גינזבורג א טראכט — וואס פאר א דאטום איז היינט?" און באלד דערמאָנט ער זיך אז אויך היינט איז דער ערשטער מאי.

— דער זעלבער טאָג — האט ער א מורמעל געגעבען עפּעס אזוי וויא פון שלאָף.

— וואס דער זעלבער טאָג? — האט דאָבע געפרעגט.

— גאָר נישט — האט גינזבורג געענטפערט — איך האב זיך וועגען עפּעס דערמאָנט.

ער האט זיך ווייטער פערטיעפט אין עראינערונגען און ער האט איינגעדרעמעלט זיצענדיגערהייט.

אָט זעהט גינזבורג וויא זיין מוטער איז אריין אין צימער, מיט שטילע טריט איז

זיא צוגעגאַנגגען צום קראַנקען קינד זיינעם, האָט גענומען אַ שטוהל און האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען בעטעל.

— מאַמע, ראַטעווע מיין קינד... — בעט ער זיך ביי איהר און זיין האַרץ ווערט דערשטיקט פון טרעהרען און ער נעהמט וויינען.

— ישראל׳קע — זאָגט צו איהם דיא מאַמע — איך האָב דאָס געבראַכט אַ רפואה פאַר דיין קינד; פאַר מיין נאָמען.

— מאַמע ! ! !

און ער וויל זיך צו איהר ווארפען אויפען האלז און וויל זיא נעהמען קושען, האָט זיא איהם לייכט אָפּגעשטופּט.

— ווארום ציינדסטו ניט אָן נאָך מיר קיין יאָהר־צייט ? — פרעגט זיא ביי איהם און קוקט אויף איהם מיט אַזאַ פאַרוואורף.

— מאַמע, האָב רחמנות, ראַטעווע מיין קינד.

— עס וועט בלייבען לעבען... אָבער דו מוזט נאָך מיר אָנצינדען יאָהרצייט.

— מאַמע, — נעהמט ער וויינען שטאַרקער, העכער — האָב רחמנות ! !

— ציינדט אָן יאָהרצייט... גיכער... גיכער...

— גינזבורג ! ! ! — האָט ער דערהערט זיין פרוי׳ס שרעקליכען אויסגעשריי און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— גינזבורג... אונזער קינד שטאַרבט ! פליה נאָך דעם דאָקטאָר.

גינזבורג ווארפט איין בליק אויפ׳ן קינד... עס געהט דורך אַ קעלט איבערן גאַנצען קערפּער... ער לויפט צום טיהר...

דער דאָקטאָר איז אַליין געקומען...

—אונזער קינד שטאַרבט.... העלפט, ראַטעוועט — יאָמערט דיא אונגליקליכע מוטער... און ער — גינזבורג שטעהט און ציטערט אַזוי וויא פון קעלט...

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געגעבען אויף דעם קינד.

— דער קריזיס קומט אָן — האָט ער געזאָגט שטיל און שרעקליך...

— וואָס טהוט מען ? — ברעכען דיא גינזבורגס דיא הענד.

— שטיל... גאָרנישט... הייסע וואסער... באַטלען הייסע וואסער... שאַמפּאַניער... וואו איז דיא מעדיצין ? שנעל... האָט געקאָמאַנדעוועט דער דאָקטאָר...

אַלעס איז געוועזען פערפערטיגט, און אַלעס איז גלייך געוואָרען.

דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען עסק׳ן ביים קינד... און דיא עלטערן שטעהן.... בלאַס... טויט...

— נו ? — פרעגט דאָבע — וואָס ?

— באַלד וועלען מיר וויסען — ענטפערט דער דאָקטאָר...

—גינזבורג האָט זיך ארומגעקוקט... עפּעס אַזוי וויא אַ שאָטען איז ער געגאַנגען צו אַ ווינקעל טישעל אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ לאָמפּ און האָט אָנגעצונדען פייער.

— וואָס טהוסטו דאָס ? — האָט זיך דאָבע פאַר דעם דערשראָקען.

— גאָרנישט... יאָהרצייט... נאָך מיין מוטער — האָט ער געענטפערט עפּעס מיט אַזאַ מאָדנע שטימע... און זיינע הענד האָבען ניט אויפגעהערט צו ציטערן...

— אייער קינד וועט בלייבען לעבען — האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געגעבען. און פאַטער און מוטער זיינען צוגעפאַלען מיט דיא פּנים׳ער צו זייער קינד אוןביידע האָבען זיך צוּוויינט....

און דער פייער אין לאָמפּ האָט גענומען ברענען העללער.

איז ער שולדיג?

ראזינסקי האלט א קענדי און סיגאר סטאָר, אין א פערוואָרפענער וויינינג-בער-זעצטער עוועניו, אין דיא בראנקס.

דאס איז געווען א שפעטיגע שטונדע פון א שעהנער, מילדער אָנפאנג-זוממער-נאכט.

מיסטער ראזינסקי האט א קוק געגעבען איבערן עוועניו, אויף דעם אנטקעגענ-דיגען סיגאר-סטאָר, און ווען ער האט געזעהען, אז דארטען איז שוין דיא גאז אויס-געלאשען, האט ער אויך דאס זעלבע געטאהן אין זיין אייגענעם סטאָר.

ער האט אבער ניט פערשלאסען דיא טיהר און איז ניט אוועק שלאפען הינטערן סטאָר, וואו ער וואוינט מיט זיין פאמיליע, נור ער האט ארויסגענומען א שטוהל „אוטסייד" געזעצט זיך לעבען סטאר און פערטיעפט זיך אין שווערע, שווערע רעיונות...

דרויסען האט געהערשט א טויטע שטילקייט...

ווען ניט ווען פלעגט דיא שטילקייט איבערגעריסען ווערן דורך דעם בילען פון א הונד; דורך דעם קרייען פון א האהן, וועלכער האט וואהרשיינליך פון צופיעל לעבען פערגעסען דעם אונטערשיעד פון טאג ביז נאכט און אויך מאנכעס מאהל פון דעם רעש פון דיא טריינען, וועלכע לויפען דארט דורך מיט איינינע בלאק וויטער.

„שלעכט, שלעכט אז עס איז ניטא קיין מזל" — האט ראזינסקי א מורמעל גע-טאהן און האט א שווערען, טיעפען זיפץ געגעבען.

ראזינסקי האטווירקליך גאר קיין מזל געהאט.

אין דער היים, אויף יענער זייט ים, אין דעם אלט-בעקאנטען מינסק, איז ער געווען א אינטעליגענטער יונגער מענש — דא אין אמעריקא, איז ער געווארען א נ"ע פענטס-מאכער; האט זיך פאר אכט יאהר צייט ארויפגעארבייט אויף פינף קינדער-לעך — א ווייב האט ער געבראכט מיט זיך פון דער היים — און אויף א לונגען פעהלער.

דאקטוירים האבען איהם געהייסען סטאפען פון דער ארבייט, און ווען זיי וואלן-טען ניט געהייסען, וואלט ער אליין אויך געסטאפט, און דאס איז געווען דארום, ווייל זיינע פיס האבען זיך ענטזאגט צו בעוועגען דעם ראד פון דער נעה-מאשין.

ראזינסקי האט זיך דאן אוועקגעלאזען איבער דעם ווייטען בית עולם פון לאנדס-לייט, פריינד און קרובים, וועקען זכות אבות און בעטען גמילות חסדים. צוזאממענ-קלייבענדיג ביי הונדערט און פופציג דאלער האט ער געקויפט א צייטונגס-סטענדיל, און האט דאביי א גאנצען יאהר צייט געמאכט עטוואס עהנליכעס צו א לעבען.

איז געקומען עפעס א אידענע, אין א גרויסער צורויסענער פאטשיילע, א בראנ-

דראווע הולטייקע, מיט א העסליכען פנים, און נאך א העסליכערן מויל, האט אוועקגע־שטעלט א טישעלע מיט ציימונגען איבערן וועג, מיט יללות און מיט חרמות גענומען שלעפען צו זיך יעדען פערבייגעהער, און ראזינסקי האט דערפיהלט וויא עס ווערט אוועקגעריסען פון זיינע שוואכע, בלאסע קינדער, דער לעצטער שטיקעל ברויט, א ביסען נאך אביסען....

עס האט אזוי געדויערט א קליינע צייט. ראזינסקי איז געווען געצוואונגען צו פערקויפען דיא שרייב־פען, זיין סטענדיל פאר עטליכע דאלער און ווייטער פערבלייבען אהן א מיטעל צום לעבען....

שוואך אין געזונד, מיט פינף קינדערלעך, איינס אונטער איינס אויפ'ן האלדז, און אהן פרנסה — אזא לאגע קען נור בעגרייפען א פאך־מאן, איינער, וואס האט עס אליין דורכגעמאכט...

ראזינסקי האט גענומען עסען פון דיא עטליכע בלוט־דאלערס, וועלכע ער האט אבגענומען פאר זיין פעראונגליקליכטען סטענד... און דער מאן איז אויסגעגאנגען וויא א ברענענדע ליכט....

ער האט געזוכט ביזנעס... און געזוכט האט ער אלץ אזא געגענד, וואו עס זאלען זיין ווייניגער מענשען, וואו עס זאל איהם חלילה ווייטער ניט בעגעגענען א אידענע אין א גרויסער פאטשיילקע....

דער מאן איז געקומען אהער, וואו מיר האבען איהם געטראפען, און ער האט געעפענט א קענדי סטארקע...

אנפאנגס איז דיא ביזנעס געגאנגען שלעכט. ניט וואס אויפ'ן שטיקעל טרוקע־נעם ברויט, נור אויף רענט פאר דעם סטאר האט ניט געכאפט...

ראזינסקי'ס קינדער זיינען געווארען בלאססער און בלאטסער... זיין פרוי איז געווארען שווארץ וויא דיא ערד... און ער אליין איז שיער ניט פעררוקט געווארען פון צרות, אבער ביסלעכווייז האט זיך דער סטאר גענומען בעסערן און עס האט גענומען טראגען אויף א לעבען...

דער אונגליקליכער ראזינסקי האט דעם אטהעם געכאפט...

איבערן עווענוי, א ביסעלע ווייטער, איז געשטאנען א צוויי־פלאריגע, קליינע היל־צערנע הייזקע, מיט א סטאר אויפ'ן גראונד פלאאר. דיא הייזקע האט בעוואהנט א שוה־מייקער, וועלכער האט אויף דעם ערשטען פלאר פערנומען דיא סטאר פאר זיין טרייד און אויף'ן צווייטען פלאאר האט ער געוואהנט מיט זיין פאמיליע.

עס האט זיך געמאכט אזוי, אז דער שוסטער האט ארויסגעמופט, און דיא הייזקע איז געבליעבען שטעהן לעער.

„וואס ווערט זיין, ווען איינער וועט דא עפענען א קענדי און סיגאר סטאר" — פלעגט ראזינסקי א טראכט געבען וועגען דעם אנטקעגענדיגען לעערין סטאר; און ווען ער פלעגט א טראכט געבען, פלעגט ער פיהלען, אז ביי איהם טהוט זיך א הויב דער קאפ... איהם פלעגט ווערען פינסטער אין דיא אויגען...

און דער שוואכער ראזינסקי און זיינע בלאססע קינדער און זיין ארעמע פרוי, פלעגען מיט פערשטארבענע הערצער קוקען אויף דעם לעערין סטאר, און פאר זיי איז ניט געווען און עס האט גאר ניט געקענט געבען קיין גרעסערע „סטראשידלע", וויא דיא הילצערנע הייזקע איבערן סטריט...

דאס וואס עס האט געשראקען דיא ארעמע פאמיליע, איז ענדליך געשעהען.

אן אלטער פאטער, מיט א יונגער בילד־שעהנער טאכטער, האבען אבגערענט דיא הייזקע און האבען געעפענט א קענדי און סיגאר־סטאר...

ווען ראזינסקי וואָלט בעגעגענט זיך מיט דעם שווארצען, קאַלטען טויט... וואָלט זיין שרעק געווים ניט געווען אַזוי גרויס, וויא דיא שוידערליכע אימה, וועלכע האָט איהם ארומגעכאַפּט, ווען ער האָט דערזעהען איבערן סטריט דיא נייע קענדי־סטאָר...

רבותי, קיין זאך אין דער וועלט קען אייך אַזוי ניט דערשרעקען; דער געפעהרליכסטער שונא, קען אייך ניט אָנװארפען אַזאַ אימה, אַזאַ פינסטערן פחד, וויא דער געדאנק, אַז אייער פרוי און אונשולדיגע קינדער וועלען מוזען אויסגעהן פון הונגער....

אין איין טאָג איז ראזינסקי געווארען אויס מענש און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק וויא ער וואָלט ערשט געהאַט אויפגעשטאַנען פון אַ קראנקען בעטעל...

ראזינסקי האָט געטרייסט זיין דערשראָקענע פאמיליע מיט דיא האָפנונגען, אַז פון דעם סטאָר וועט גארנישט זיין... אָבער אליין האָט ער אַנדערש געטראַכט... און ביי נאַכט ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפען האָט ער שטיללערהייט געוויינט...

„וואָס האָט מען צו מיר, פאַר וואָס יאָגט מען מיך אַזוי וויא אַ ווילדע חיה ? פאַר וואָס רייסט מען דאס מיט אַזאַ אכזריות דעם ביסען ברויט פון מיינע הונגעריגע שוואכע קינדערלעך ?“ האָט ראזינסקי ביי זיך אין הארצען געפרעגט... און ער האָט געפיהלט ער ווערט משוגע פון שמערצען...

דיא צייט האָט זיך אוועקגעצויגען... דיא נייע קענדי סטאָר, וועלכע איז געווארען צו ראזינסקין אַלס אָפּאזישאַן איז נאָך געשטאַנען און ראזינסקי האָט עס גענומען פיהלען שטארקער און שטארקער.

דארטען איבערן וועג איז געווען אַן אַלטער גרויער מאַן, וועלכער האָט צוגעצויגען צו זיך קאָסטימער דורך רחמנות און רעספּעקט, דארטען איז געווען אַ בילדשעהנע יונגע מיידעלע, וועלכע האָט צו זיך צוגעצויגען דורך ליעבע און ראזינסקים סטאָר האָט גענומען פעסט זינקען...

טאָג טעגליך פלעגען קאָסטימער אריבערגעהן פון ראזינסקין אהין איבערן וועג אין דעם נייעם סטאָר אריין.

ראָזינסקי האָט געפיהלט, אַז מען עסט אויף לעבעדיגערהייט איהם, זיין פרוי, זיינע קינדער און ער האָט געמוזט הילף־לאָז קוקען און פעררוקט ווערען פון יסורים.

ראזינסקים לאַנגע האָט זיך געשלימערט און געשלימערט ביז עס איז געקומען צו אַ שוידערליכער שטופע.

אָט קומט דער ערשטער.

אויף רעגנט איז אַ סימן ניטאָ.

מען איז שולדיג פאַר סחורה, מען וועט מוזען סעטלען ביללס... וואו זאל מען נעהמען ?

מען עסט ניט, מען טרינקט ניט, מען געהט אויס בוכשטעבליך פאַר הונגער... און דא איבערן סטריט שטעהען דיא רויבער... דיא בלוטיגע רויבער... אבער וואָס קען מען טאָהן ?...

דא איבערן סטריט געפינען זיך צוויי מענשען, אַן אַלטער פאטער, מיט אַ יונגער מאָכטער, וועלכע לאַיערן אויף דיא אונגליקליכע ראזינסקים, שניידען פון זיי פּאַסען־וויז... צאַפּען טראָפּען־ווייז זייער בלוט... און וואָס קען מען זיך העלפען ?

און ראזינסקי זיצט אין סטאָר און קוקט זיך צו וויא זיינע קאָסטימער געהען אהין איבערן סטריט...

דיא זעלבע קאָסטימער, וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבען לאַנגזאַם, מאַטערנדיג

זיך מיט'ן טויט... דיא קאָסטימער געהען יעצט אהין און ראזינסקי פיהלט אזא ווייטאָג, עפּעס וויא מען וואָלט איהם געריסען א גליעד נאָך א גליעד...

* * *

עס איז שוין שפּעט... שפּעט אין דער נאַכט און ראזינסקי זיצט פערטיעפט אין פינסטערע, אין ביטערע רעיונות...

וואָס טהוט מען? וויא אזוי ראטעוועט'מען זיך? דיא וואסער דערגרייכט איהם ביז'ן מויל... ער טרינקט זיך... ער ווערט דערשטיקט... לעבען איהם טרינקט זיך זיין פרוי... עס טרינקען זיך דיא קינדערלעך... שפּרייטען אויס דיא הענטעלעך צו זייער פאטער, בעטען זיך געראַטעוועט צו ווערן... וואס קען ער טאָהן?

און עס קומען איהם ארויף פערשיעדענע, פערצווייפעלטע געדאנקען. דיא געדאנקען שליידערן איהם ארום אזוי וויא אין א פיעבער, דאָס אין קעלט. דאָס אין היץ... כאַפּען איהם ארום און ווערן פערשוואונדען... נור איין געדאנק, א שרעקליכער געדאנק האָט איהם אָנגעהאַלטען פעסט און לאָזט איהם ניט אָב...

ער וועט זיך נעהמען דאס לעבען... ער איז אינשורט אין פינף הונדערט דאָלאר. זיין פאמיליע וועט קריגען דאס געלד און זיי וועלען געראַטעוועט ווערן... קיין אנדער ברירה האָט ער ניט... אנדערש קען ער זיך ניט ראטעווען... עס איז ניטאָ קיין שום האָפנונג...

ראזינסקי שטעלט זיך פאר א בילד וויא מען וועט איהם געפינען א טויטען... וויא דיא קינדער וועלען נעהמען שרייען און וויינען.... א ציטער געהט איהם אריבער איבערן גאַנצען לייב... און עס נעהמט זיך איהם וויינען.... און ער וויינט שטילערהייט..

אינסטינקטיוו טהוט ער א וואָרף א בליק אהין פון וואנען זיין אונגליק קומט, איבערן וועג אויף דעם שרעקליכען סטאָר.

וואס איז דאָס? א רויך? עפּעס א מאָדנער געפיהל כאַפּט איהם ארום, א שמחה דאכט זיך... אָבער אזא שרעקליכע, שוידערליכע שמחה... ער טהוט א ריב דיא אויגען... יעס.. רויך.. שפּאַרט פון סטאָר... אָט האָבען זיך געצייגט עטליכע פונקען... דער סטאָר ברענט!!!

ער איז געראַטעוועט... זיינע קינדערלעך שווימען צום ברעג... אָבער גלייך דערמאָנט ער זיך, אז דאָרטען אויף דעם אויבערשטען פלאָר געפינען זיך צוויי מענשען... אן אַלטער גרויער פאטער און א יונגע מיידעל. זיי וועלען פערברענט ווערען!

אין ראזינסקין ערוואַכט דער מענש... ער פערגעסט דיא גאנצע געלעגענהייט... מענשען-לעבענס זיינען אין געפאהר...

„לויף, ראַטעווע, ברעך אוים א שויב... וועק זיי אויף שנעל,“ — האָט עפּעס וויא אימיצער צו איהם א שרעקליכען געשריי געטאָהן און עס האָט איהם א הויב געגעבען פון זיין פּלאַץ...

„מען וועט פערלעשען דעם פייער, דער סטאָר וועט בלייבען“ — האָט א קאַלטע שטימע איהם א שעפּטשע געגעבען אין אויער און ראזינסקי איז געבליעבען שטעהן, פערגליווערט פון א שרעקליכען געפיהל.

„זיי וועלען פערברענט ווערן, לויף!... שנעלער... שנעלער!“

„דער סטאָר וועט בלייבען... וועסט זיך נעהמען דיין אייגענעם לעבען... ניטאָ קיין אַנדער אויסגאַנג“.

„זיי וועלען פערברענט ווערען... שנעל!! שנעל!! שנעל!! שנעל!! שנעל!! לויף... ראטעווע... מענשען ברענען... לויף שנעלער... שנעלער!!!“

ראזינסקי האָט געציטערט.

און דיא צוויי שטימען מאַכען שנעל צווישען זיך א פשרה: „ער וועט א ווײַלע אַבוואַרטען... ביז וואַנען דער סטאַר וועט זיין פערפאַלען... און דאָך וועט בלייבען צייט צו רעטען דיא לעבענס".

ראַזינסקי איז שנעל אריין אין זיין סטאַר און עפּעס אַזוי וויא מורא האָבענדיג פאַר זיין אייגענעם שרעקליכען „איך" איז ער אריינגעלאָפען אין בעדרום... א וואָרף געגעבען זיך אין בעט... פערדעקט דעם קאָפּ מיט א קישען... און ציטערנדיג וויא פון קעלט, אָבער אָהן אירגענד וועלכע מחשבות, עפּעס אַזוי וויא מיט א פערשטיינערטען מאַרך... ליגט ער... און וואַרט....

און ראַפּטום טהוט ער זיך א כאַפּ, א שליידער פון זיך דיא קישען און לויפט אין סטאָר....

א רויט בלוטיגע שיין וואַרפט זיך צו איהם אין א פענסטער... דרויסען הערט זיך שוין א טומעל.

„פערפאַלען!" האָט ראַזינסקי דערהערט א שוידערליכע שטימע... און ער האָט דערפיהלט א קאַלטען שווייס איבערן גאַנצען לייב...

— א שרפה... א שרפה... — האָט ער גענומען וועקען זיינע קינדער, זיין פרוי.

— וואו ווען? — פליהען פון בעט דיא דערשראָקענע קינדער און דיא צושראָקענע פרוי...

— אַנטקעגען... דער סטאָר... ראַזינסקי האָט עפּעס וויא מורא געקראָגען צו צייגען זיין פּנים פאַר זיין אייגענער פאַמיליע, און ער איז וויא א וואַהנזיניגער ארויסגעלאָפען פון סטאָר.....

עס ברענט!

דיא הויז ברענט שוין וויא ליכט... רויטע בלוטיגע צינגער רייסען זיך ארויס פון דיא פענסטער.

„דאָרטען זיינען מענשען... דאָרטען זיינען מענשען" — שרייט מען אין סטריט... עס דערהערט זיך דער פייפען פון דער אָנקומענדער פייער קאָמאַנדא....

ראַזינסקי ווערט א ווײַלע רוהיגער... נור פּלוצלונג... אַה, א שוידערליכע שרעקליכע בילד!

דער פאַטער און דיא טאָכטער האָבען זיך געצייגט לעבען א פענסטער... ביידע ארומגענומען אין פלאַמען... און באַלד זיינען זיי צוריקגעפאַלען... אינעווייניג אין דיא פלאַמען....

דיא סטריט איז פערהילכט געוואָרען פון דיא שרעקליכע, שוידערליכע געשרייען פון דיא דערביישטעהער....

ביי ראַזינסקי האָבען זיך דיא האָר פון קאָפּ אוועקגעשטעלט קאַפּויר.... א ווײַלע איז ער געבליעבען שטעהען אָהן לשון... און באַלד איז ער אריינגעלאָפען צו זיך אין סטאָר א בלאַסער וויא א טויטער....

— „פערפאַלען, פערפאַלען" — האָט ער אויסגעשריען ניט מיט זיינע קרעפטען און ער האָט גענומען חלש׳ן..... .

שפּעטער, ווען דער פייער איז איינגעלאָשען געוואָרען האָט מען געפונען דיא צוויי פערברענטע קערפּערס פון דעם פאַטער און זיין טאָכטער.

מען האָט זיי געפונען ארומגענומענערהייט.....

* * *

איז ראַזינסקי שולדיג?

דיא לעצטע טרעפ אריבער.

לאזאר אין בארים זיינען צוויי גוטע, הערצליכע פריינד, חברים נאך פון קינדערשע יאהרען. זייערע הערצער זיינען געווען עפּעס וויא צוזאמען געבונדען — זיי האבען איינער דעם צווייטען באמת ליעב געהאט.

זייערע עלטערן האבען געוואהנט א הויז געגען א הויז אין א קליין רוסיש־ליטוועשע שטעדטילע. און דיזע צוויי פאמיליעס זיינען אימער געווען בעפריינדעט. לאזאר און בארים האבען זיך אימער געשפּיעלט צוזאמען, געלערנט ביי דיא זעלבע מלמדים; אין איין צייט האבען זיי פערלאזען דיא גמרא, אין איין צייט גענומען זיך פאר דיא חכמות האומות, צוזאמען אוועקגעוואנדערט אין א גרויסער שטאדט, אום אנצוקומען אין גימנאזיום, צוזאמען געהונגערט, צוזאמען צרות געהאט און צוזאמען אנגעקומען אין שקאלע.

געשטאנען זיינען זיי אימער אויף איין קווארטיר. עס פלעגט זיך טרעפען, אז זיי פלעגען זיך צוספארען, צוקריעגען זיך, ברוגז ווערען און אויפהערען ריידען איינער צום צווייטען; אבער דער כעס פלעגט דויערן זעהר ווענינ, א טאג אדער העכסטענס צוויי. אין אזעלכע טעג פלעגען זיי ביידע ארומגעהן מיט אראבגעלאזענע נעז, עפּעס אזוי וויא האלבע מענשען.

ווען לאזאר און בארים זיינען געווען אין פינפטען קלאס גימנאזיום, איז דאן געווען א צייט, ווען מען האט זעהר אונטערדריקט אידישע שילער, און זיי זיינען נעביך ביידע ארויסגעשפּרונגען פון שקאלע.

בארים האט זיך גענומען צו שטונדען־געבען און לאזאר'ן האט זיך איינגעגעבען אויסצולערנען זיך שריפטזעצעריי; ער האט געקראגען א פיינע שטעלע, און האט אויך אריינגענומען אין דיזער מלאכה זיין חבר.

דיא צייט איז געלאפען. דיא יאהרען האבען גענומען בייטען איינער דעם צווייטען. אונזערע פריינד זיינען געווארען מענער פון פרויען און טאטעס פון קינדער.

עס האט זיך געמאכט אזוי, אז לאזאר האט פערלארען זיין שטעלע, און נאך א צייט לעער ארומגעהן, האט ער בעשלאסען צו פערלאזען זיין אלטע היימאט און אוועקגעפאהרען אין דער נייער וועלט גליק זוכען.

ווער עס האט נור געזעהען, וויא לאזאר און בארים האבען זיך בעגאסען מיט טרערען, ווען זיי האבען זיך בעדארפט שיידען — פאר יענעם דארף איך ניט דערציילען, אז זיי זיינען געווען איינער דעם צווייטען זעהר טהייער.

ווייט זיינען יעצט געווען דיא פריינד איינער פון דעם צווייטען. דיא ערשטע צייט האבען זיי זיך דורכגעשריעבען זעהר אפט, אבער נאכהער איז זייער איבערשרייבען זיך געווארן אליץ זעלטענער. ווארום לאזאר האט אין דער נייער לאנד געכאפט א נייעם פעקעלע יסורים; אויך בארים'ן איז אין דער אלטער היימאט ניט געגאנגען אם בעסטען: ער האט פערלארען זיין שטעלע, געקראגען עפּעס אן אנדערע, אבער ער איז געווען אויף צרות. ביידע פריינד אונזערע האבען זיך אריינגעווארפען אין דעם ניט זיסען קאמפף

פאר'ן שטיקעל ברויט, אָבער ווען איהר דיינקט, אז זיי האָבען איינער דעם צווייטען פערגעסען, האָט איהר דאָך א גרויסען טעות.

עס איז געווען א הייסער זומער טאָג. לאזאר איז געשטאַנען אין שאפּ און האָט געארבייט. דער שאפּ איז בעשטאַנען פון א שמאָלען נידריגען צימער, און עס איז דאָרט געווען הייס, דושנע, האָטש ווער צובערענט. דיא לופט איז געווען שיטער און איבער־געפּילט מיט דעם ריח פון בליי און בענזין.

דיא ארבייטער זיינען געשטאַנען כמעט האלב נאַקעט, דאָך האָבען זיי געפּאַכט מיט דיא נשמות און בעגאָסען זיך מיט שווייס. און זייערע פּנים'ער... אָך, זייערע פּנים'ער... זיי זיינען געווען בלאַס, צו דערזעלבער צייט פערשוואַרצט, פערפינסטערט, עפּעס אזוי וויא דיא בלייערנע בוכשטאַבען, ביי וועלכע זיי האָבען געארבייט.

ארבייטענדיג האָט לאזאר יעדער מינוט געקוקט אויפן זייגער; ער איז עפּעס גע־ווען אונגעדולדיג; עס איז געווען דיימליך, אז ער האָט ערוואַרטעט עטוואָס.

— זילבערמאַן! (דאָס איז געווען לאזאר'ס צווייטער נאָמען) זילבערמאַן! — האָט מען א געשריי געגעבען פון אָפיס, וועלכער איז געווען מיט א פּלאָר נידריגער.

—דיא טעלעגראַמע!—האָט לאזאר א געשריי געגעבען מיט שמחה, און איז מיט אימפּעט אראָפּגעשפּרונגען פון דיא טרעפּ אין אָפיס אריין.

— נאָ, פּאפּא, דיא מאַמע האָט געשיקט... א טעלעגראַמע איז אָנגעקומען, אַז אָנקעל קומט צו פאָהרען, — האָט איהם בענעגענט זיין קליין מיידעלע.

— באָריס! . . . באָריס! . . . באָריס! . . .

לאזאר'ס אויגען האָבען גענומען שיינען און דער בלייענער פּנים פון א שריפטזעצער אין אין איין מינוט געוואָרען פרעהליך, לעבעדיג.

— טאָקע געקומען? — האָט געפרעגט דער באָס.

— יע, — האָט שנעל געענטפערט לאזאר.

— אלזאָ געהסטו אוועק.

— יע, יע... בלויז אויף א פּאָר שטונדען......

לאזאר איז ארויף אפּסטעז.

— געקומען, שוין? געקומען שוין? — האָבען געפרעגט דיא ארבייטער פון שאפּ.

— יע, יע, יע, — האָט לאזאר געענטפערט קורץ און שארף.

ער האָט זיך געכאַפּט אָנטאָהן, נור דאָ איז איהם געפאַלען פון דיא הענד; דיא העמד האָט ער אָנגעטאָהן קרום, איין קאָלאָש פון דיא הויזען איז פערבליבען אביסעל פערקאשערט, און אזוי איז ער ארויסגעלאָפען פון שאפּ.

אָך, וואָס עס טהוט זיך אין קעסיל גאַרדען: א שיף האָט געבראַכט צו פיהרען פון דער אַלטער ווייטער וועלט א פיינע ביסעל פּאַסאַזשירען. מען וויינט, מען לאַכט, מען רעדט, מען קושט זיך....

אָן וויינט א מאַמע און קושט איהרע קינדער; אָן האָט אָן אָנקומענדער טאַטע ארומגענומען זיין זוהן, קושט, האַלזט איהם און וויינט וויא א קינד... הערצער בעגעג־נען הערצער... מען וויינט... מען וויינט... יעדער טרעהר, יעדער שטומער טרעהר, דאַכט זיך, פון פריידען, פון גליק, דערציילט שטילערהייט וועגען א געשמאַקען פּעקעלע צרות. א טומעל.... א גערויש...

און דאָ... אין טומעל שטעהן צוויי יונגע מענער, צוויי בלאַסע שריפטזעצער — זיי זיינען פעסט געארעמט און זיי וויינען אויפן קול... דאָס האָבען זיך בעגעגענט אונ־זערע אלט־בעקאַנטע פריינד: לאזאר און באָריס.

זיי זיינען פערבליעבען אמת'ע פריינד.

און דיא צייט, זיא פליהט זיך ווייטער. דיא קאלטע שטאלצע צייט, זיא קוקט אויף גאר נישט: ניט אויף דיא שענדליכסטע, ניט אויף דיא הערליכסטע טהאטען, ניט אויף דיא פריילעכסטע, ניט אויף דיא טרויעריגסטע בלדער... זיא מאכט אוועק אלעם מיטן האנד, לאכט זיך אויס, און פליהט און פליהט איבער איהר אייביגען געהיימניספאלען וועג.

באריס דאט שוין אהער אראפגעבראכט זיין ווייב און קינדער, און זיין ראזע האט שוין מיט מזל איהם מנדב געווען מיט אן אמעריקאנער סיטיזען. ער וואהנט שוין אין א טענעמענט רום, בעלאנגט צו דער שריפטזעצער יוניאן..... און .... און...... איז זיך א יוניאן מאן, קיין „סטעדי" ארבייט אבער האט ער נאך דערוויילע ניט, עפעס אזוי וועט ניט וועט דערגרייכט עפעס אויך צו זיין „רייהע", ער כאפט א פאר דאלער... א האלבען טאג... א ביסען ברויט... א מאנגלע פון לעבען, אבער סטעדי ארבייט האט ער נאך דערוווילע ניט.

דער אמעריקאנער דלות, וועלכער טראגט אזעלכע שרעקליכע נגעל, איז שוין ביי באריס'ן אין הויז א שטענדיגער בעזיצער; ער ווערגט שוין גאנץ פיין מיט דיא נגעל דעם אריסען באריסען, ער ווערגט זיין ווייב, ער ווערגט דיא חברה קליינע קינ־דערלעך, ער ווערגט, ער שטיקט פאר דיא ארימע גערגעלעך...

איז אייך בעקאנט דיא שרעקליכע שלאנג, וועלכע צווישען אונז קבצנים רופט מען מיט דעם נאמען „דחקות"?

ווייה איז צו יענעם.... ווייה, ווייה איז צו יענעם, אויף וועמען זיא ווארפט זיך ארויף! זיא פערגיפטעט דעם קערפער, זיא פערגיפטעט דעם גייסט.... לאנגזאם מיט מאטערניש, שטיקלעך־ווייז, א גליעד נאך א גליעד שטארבט אוועק איהר אפפער.... אה, דיא שלאנג; דיא שלאנג!... איך ציטער וויא א בלאט, ווען איך זעה איהר גע־שטאלט.

אט דיזע שלאנג האט ארומגעוויקעלט באריסען פון דיא פיס ביז דעם קאפ....

נור זיין מזל איז נאך ניט פערפאלען, און עס וואקסט ביי איהם דיא האפנונג אויף א פערבעסערונג פון זיין לאגע: ער איז שוין ניט דער לעצטער אין דער „רייהע", עס איז שוין נאהענט פון א סטעדען פלאץ. דיא לעצטע צייטען האט זיין מזל א שיין געגעבען: אן ארבייטער פון דיא פריהערדיגע אין דער „רייהע" האט זיך אויסגעבראכען א האנד — און באריס איז ארויף א טרעפ נעהענטער צו זיין וואונש — צו האבען ארבייט. א צווייטער האט איבערגעלאזען א ווייב מיט קינדער און איז אנטלאפען ער־געץ־וואו — נאך א טרעפ ארויף! א דריטער האט בעקומען דיא שווינדזוכט און ליגט אין האספיטאל — נאך א טרעפ! איין טרעפ איז איהם געבליעבען... נאך איין טרעפ, און זיין לאגע איז פערבעסערט... אבער אויף דיזער לעצטע טרעפ האט ער זיך פער־זאמט — ער קען זיא ניט אריבער.

* * *

דאס איז געווען אין אנפאנג פון מאנאט מערץ. דער טאג איז געווען עפעס א צרה'דיגער: אויף דרויסען איז געווען נאס, קאלט און פינסטער.

דונקעל, קאלט און טרויעריג איז אויך געווען אין דער וואהנונג פון באריס דעם שריפטזעצער. דיא קינדער זיינען געווען אין סקול, דיא בייבי האט געשלאפען. באריס איז געזעסען דעם קאפ אנגעשפארט אן ביידע הענד, און האט וועגען עפעס גע־טראכט; זיין ווייבעל איז געלעגען אין בעד־רום און האט פון דארטען א ביסעל צו־געזיפצט.

— דו הערסט, באָריס ? — האָט זיך דערהערט א שוואכע, וויינענדיגע שטימע פון א פרויענצימער.

— יעס, — האָט זיך א כאפּ געגעבען באָריס.

— דו הערסט ? — האָט דיא שטימע גערעדט — נו, וואס וועט דאס פאָרט זיין? מען מוז דאָך פאָרט קויפען א נייעם מאטראץ, ווען נים וועלען וואנצען צופרעסען אונ־זער בייבי, איך שלאָף ניט נעכט, און קלייב פון איהר. דעם מאטראץ קען מען שוין ניט רייניגען....

— אָט... אָט, טאָמער וועט זיך פאָרט מאכען מעהר ארבייט — האָט באָרים געענטפערט, איין זיין פּנים האָט זיך בעדעקט מיט א שאטען.

— נו, און וואס וועט דאס פאָרט זיין מיט מיינע שיך ? — האָט זיך ווייטער גע־הערט א זיפץ פון בעד רום — מען מוז דאָך פיקסען, זיי צופאלען דאָך אויף דיא פיס... איך קען א טראָט ניט געבען.

— נו, וואס זאָל איך טאָהן? וואס זאָל איך טאָהן? — האָט באָרים פערבראָכען מיט דיא הענד.

— נו, און דיינע הויזען ? זיי צופאלען דאָך שוין ; איך קען זיי שוין מעהר נים פיקסען.......

— נו, מאַך עפּעס, אז ס'ניטאָ, — האָט זיך באָרים עפּעס וויא געבעטען רחמים.

— ביי באשקעלען איז שוין א העמד ניטאָ אויפן לייב, און וואס איז ביי מיר?

באָרים איז מעהר ניט געזעסען. ער איז אויפגעשטאנען און האָט גענומען ארומ־מרעטען איבערן צימער — און אָט רוקט זיך אונטער רענט... אוי, אוי, רענט... דער־מאָן זיך רענט... ניין דאָלער... ניין דאָלער.

— גאָט מיינער... וואס טהו איך? — האָט אויסגעשריען דער פערצווייפעלטער באָרים.

מען האָט האסטיג אָנגעקלאפּט אין טיהר און עס איז אריינגעלאָפען בליומע — לאזאר'ס פרוי.

איין בליק אויף דער אריינקומענדער האָט דייטליך געצייגט אַז אַן אומגליק האָט פּאסירט, איהרע האָר זיינען געווען צוואוואָרפען, דער פּנים בלאס און פערוויינט און דיא אויגען פול מיט טרעהרען.

— בליומע ! ! האָט באָרים געגעבען א געשריי מיט שרעק — וואס האָט פּא־סירט ? !

באָרים'ס זיפּצענדע ווייבעל איז ארויס פון בעד רום.

— מיין לאזאר...—האָט קוים וואס אויסגערעדט בליומע, האָט זיך אוועקגעזעצט און צוואויינט זיך אויף א קול.

— וואס איז געשעהען ? — האָבען באָרים צוזאמען מיט זיין פרוי געפרעגט אין איין קול.

— ער איז געקומען פון שאפּ... אהיים... ער איז זעהר קראנק.... ער פיהלט זיך זעהר שלעכט... איך האָב געוואלט רופען א דאָקטאָר, האָט ער מיך פריהער אהער גע־שיקט.... באָרים... קומט, קומט שנעלער !

— עס וועט גאַנץ זיין, בלומע, — האָט גערעדט באָרים'ס ווייבעל — עס וועט גאַנץ זיין, שרעקט זיך ניט.... זייט נור א מענש.

באָרים האָט שנעל אויף זיך ארויפגעכאפּט זיין העט, ער האָט געכאפּט דעם רעקיל אָנטאָהן... סטאָפּ! דאָ האָט דיא היילעניש געמישט. וואָרום דער אונטערשלאָק איז גע־ווען צוריסען אין דיא ארבעל, און ער האָט געמוזט פריהער קאלטבלוטיג מיט אַן אָר־

דער איהם אויסלייגען... ניט ווילענדיג האט ער א בליק געגעבען אויף זיינע הויזען... אך, וויא זיי זיינען געווען צוריסען... אהא!... וואס ציטערט דאס אין מיר מיין שוואַכע הארץ?... דורך באַרים'ס צוטומעלטע געדאנקען האט זיך שנעל וויא א פייל פון בויגען דורך געשניטען א מחשבה, אז דיא „לעצטע טרעפ" איז פיעלייכט אריבער... ער האט זיך עפעס וויא אליין דערפאר דערשראָקען...

— קומט — האט ער געזאגט צו בלומען. און ער איז ארויסגעלאפען פון צימער... שפעט אין דער נאכט איז באַרים געגאנגען פון זיין קראנקען פריינד. ער איז געגאנגען פערטראכט. זיין קאפ איז געווען איבערפילט מיט רעיונות: דיא גאנצע צייט וואס ער האט פערבראכט ביי זיין פריינד, מיט אלע קלייניגקייטען, וואס זיינען דאָרטען פאָרגעקומען, איז געשטאנען פאר זיינע אויגען.... זיין הארץ איז אָבער פערבליבען עפעס רוהיג.

— וואס איז דאס ? — האט ער ביי זיך זעלבסט געפרעגט — זיין לאגע איז אזוי קריטיש, ווארום טהוט עס מיך עפעס ניט א ריהר ביים הארצען ?

באַרים האט זיך זעלבסט גענומען אנאליזירען. ער האט זיך עפעס אזוי וויא ציגעהערט, וואס עס טהוט זיך ביי איהם אין הארצען — לאזאר, זיין קראנקער פריינד איז דאָרטען ניט געווען....

דעם דאָקטאָרס ווערטער האבען זיך גענומען איבערריידען אין זיין זינען.

— זיין לונג איז שוין לאנג קראנג — האט געזאגט דער דאָקטאָר — אצונד האט ער זיך גוט צוגעקיהלט, ביי איהם איז א שטארקע אנצינדונג,ער איז געפעהרליך קראַנק.

„געפעהרליך קראַנק... געפעהרליך קראנק"... דיעזע ווערטער האבען גענומען אהן אן אויפהער קלינגען אין זיינע אויערן, און באַרים האט דערפיהלט, אז איהם פאלט אראפ וויא א שטיין פון הארצען.

— וואס איז מיט מיר? ניט שוין זשע ווינש איך לאזאר'ס שלעכטס? האט באַרים געפרעגט ביי זיך — איך.. איך... לאזארען? ער האט פערביסען דיא ליפען.

— וועסט שוין ארבייטען! —האט ער דערהערט וויא א שטימע רעדט צו איהם— אוים דחקות, שבת נאָך דער פיי וועסטו קויפען א מאטראץ... שיך... העמדעלעך... הויזען... דיין ראזי וועט ווערען פרעהליכער, געזינטער...

באַריסען איז געוואָרען אליץ בעסער און בעסער אויפן הארצען... נור פלוצלונג האט ער זיך א כאפ געטאהן... איהם האט עפעס א שוידער געגעבען.

„אויף וועמעס רעכענונג איז דאס ? ! — האט ער כמעט הויך געשריען — אויף לאזארס! אויף מיין לאזארס! וואס איז מיט מיר? וואס בין איך — משוגע?"

באַרים האט זיך גענומען דערמאנען וויא א מאהל ווען זיי, ער און לאזאר, זיינען געשטאנען צוזאמען קווארטיר, איז ער, באַרים, געווען קראַנק. ער האט זיך לעבעדיג גענומען עראינערן וויא לאזאר פלעגט אפגעבען נעכט ביי זיין געלעגער, וויא לאזאר האט פערזעצט זיינע ביכער, זיין לעצטע העמד פון זיך און האט איהם רפואות געשאפט... ביי באַריסען זיינען פערלאפען דיא אויגען מיט טרעהרען, און דאס הארץ האט איהם גענומען וויה טאהן, וויה טאהן....

— לאזאר, מיין גוטער לאזאר — האט ער גענומען שעפטשען — איך האב דיך האלט, אזוי וויא אמאהל... דאס איז גארנישט... דאס איז נארעש...

„ער וועט נאָך יעצט געזונד ווערען", האט באַרים ווייטער געטראכט.

„און דוא וועסט סטאפען פון דער ארבייט"—האט געלאזט זיך הערען א קאלטע, אונאנגענעהמע שטימע... ביי באַריסען איז ווייטער געוואָרען דאס הארץ קאלט, פער־

שטיינערט, און ער האט ווייטער דערהערט דעם דאקטארס ווערטער: „געפעהרליך קראנק"... איהם איז עפעס געווארען וויא פרייער, ווארעמער אונטערן ברוסט...

—אה, וויא איך בין פערדארבען! איך בין געפאלען! האט באריס צו זיך געזאגט..

„האט מען אויף דיר רחמנות?" — האט עפעס וויא אימיצער גענומען איהם פערענטפערן — „קוקט מען דען אויף דיר, ווען דו שטארבסט...."

„אבער לאזער? — האט ביי איהם זיין הארץ געפרעגט — לאזערן קימערט דאך דיין לאגע — ער העלפט דאך דיר...."

„וויפיעל" ? — האט עפעס מיט א בייזען געלעכטער א שטימע געפרעגט.

„ער האט דאך אליין א פרוי מיט קליינע קינדער" — באריסען האט ווייטער גע־נומען קלעמען דאס הארץ אויף זיין קראנקען פריינד.

„וואנצען עסען אונזער בייבי", האט ער פלוצלונג דערהערט זיין ווייב'ס שטימע.

—איך וועל אפנעהמען פיי, וועל איך אלעס קויפען — האט ער גלייך געענט־פערט מיט זיין מחשבה.

— און ווען לאזאר וועט בעסער ווערן ?. . .

„געפעהרליך קראנק", האבען אבגעקלינגען דעם דאקטארס ווערטער...

ווען באריס האט זיך א כאפ געגעבען, איז ער שוין געהאט געגאנגען איבערן האל פון דער הויז, וואו ער האט געוואהנט.

ער האט גענומען שנעל טרעטען איבער דיא טרעפ — איהם האט זיך עפעס פער־גלוסט אנצוזאגען זיין ראזי'ן דיא „שלעכטע בשורה", אז לאזאר איז „געפעהרליך קראנק".

האטש עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, דאך איז ראזי ניט געשלאפען. נאך איהרע אויגען איז געווען קענטיג, אז זיא איז געווען אויפגערעגט.

— נו, וואס איז מיט לאזאר'ן ? — האט זיא געפרעגט.

— ער איז „געפעהרליך קראנק" ; אזוי האט דער דאקטאר געזאגט.

— וואס איז דאס מיט אמאל ?

— א לונג ־ אנצינדעניש . . . . . .

— דאס איז ניט פרעהליך....

„דארפסטו שוין מארגען געהען ארבייטען" האט ראזי געוואלט זאגען, אבער דיא ווערטער זיינען ביי איהר געבליעבען אויף דער צונג.....

„מארגען געה איך ארבייטען", האט באריס געוואלט זאגען, ער איז אבער דער־ווייל'ע אויך געבליעבען שטיל. שפעטער, שפעטער, האבען זיי שוין וועגען דעם גערעדט.

* * *

דאס איז געווען א שיינער פריהלינג אבענד; דיא זונן האט שוין געהאלטען אין פארגעהן, און פאר איהר שיידען זיך האט זיא געקוקט אזוי מילד, אזוי שיין און האט אלעם בעגאסען מיט א בראנזען־ליעבליכע ליכט...

ווען איהר זייט נור געווען ביי באריסען אין וואהנונג מיט א צייט צוריק, ווען ער האט, ניט פאר אייך געדאכט, קיין ארבייט ניט געהאט און איהר וואלט יעצט אריין געקומען, וואלט איהר דיא זעלבע צימערן גאר ניט דערקענט. אמאליגער אומעט, וואס האט דא געהערשט, איז ערגעץ פערשוואונדען געווארן — דער צימער און זיין מעבעל זיינען, דאכט זיך, זעהר וויניג געביטען; אבער דאך איז דארטען עפעס געווען פריילעך, לעבעדיג. ראזי איז גאר ניט געווען פערוויינט; אנגעטאהן אין דעם זעלבען ראפער וואס אמאהל, האט זיא דאך אויסגעקוקט עפעס וויא צוגעפוצט — שיך זיינען אויף איהרע פיס גרארע געווען ניט אמאליגע, צוריסענע, נור טאקע נייע.

זיא איז געשטאַנען אַזוי צופריעדען און געקעכעלט. דיא קינדערלאַך האָבען גע־שפּיעלט, געשטיפט און געלאַכט. דיא בייבי איז געלעגען אויף א קיסעלע און האָט אויך עפּעס פריילעך „גערדריוקסט”, עפּעס אַזוי ווי זיא וואָלט פערשטאַנען, אַז דעם טאַטענס לאַגע האָט זיך פערבעסערט.

עס איז אריינגעקומען באָריס. זיין פּנים האָט אפילו ניט איבעריגס געשיינט. ער איז געוועזן פערשוואַרצט, פערפינסטערט פון דער ארבייט, אָבער דאָך איז אויף איהם געלעגען א קאָנטענטקייט.

— האַלאָ, מיינע טהייערע!—האָט ער בעגעגענט זיינע קינדער און האָט זיי יעדען געקושט, אויך האָט ער ניט פערגעסען זיין ראָזין.

— באָריסעלע — האָט ראָזי געזאָגט — וואש זיך איין, און לאָמיר טאַקי גלייך עסען סאַפּער; איך בין אַזוי הונגעריג, און מיר האָבען טאַקע היינט א פיינעם סאַפּער.

דיא פאַמיליע האָט זיך געזעצט עסען; מען האָט געגעסען און מען האָט געהאַט פערגניגען פון סאַפּער...

אין דער זעלבער צייט, אין דעם זעלבען אבענד, איז אין א טענעמענט קבר אויף א בעטעל געלעגען א סקעלעט פון א מאַן, בעצויגען מיט א געלער בלאַסער הויט. דער סקעלעט האָט אַליין געוואָלט כאַפּען דעם אטהעם און האָט ניט געקענט. ער האָט זיך שרעקליך געמאַטערט און געשיידעט זיך מיטן לעבען.

ארום איהם איז געזעסען א פרוי מיט צוויי קינדער און האָבען הערצרייסענד יאָ־מערליך געוויינט.

ראָם איז געוועזן לאַזאר דער שריפטזעצער מיט זיין פאַמיליע.....

גלייכע מיוחסים.

רחל — בריסקינד דעם עמדיל נייער'ס ווייב — האט גענומען דיא קאר און איז אוועק פון נויארק נאך ברוקלין, צו איהר פריינדין דיא מיסעס זעהנער.

א טרויעריגע רייזע איז דאס געווען.

דאס איז דיא מיסעס בריסקינד געפאהרען אויסוויינען איהר ביטער הארץ פאר דער מיסעס זעהנער, דיא איינציגע פריינדין, וועלכע זיא האט פערמאגט אויף דער גאנצער וועלט.

א גרויסער אונגליק האט געטראפען דער מיסעס בריסקינד: זיא איז אן ארימע פרוי פון אן ארימען אפרייטאר ביי ראפערס און האט ווייניג פערגניגענס פון לעבען; איין גליק האט זיא אבער פערמאגט און דאס איז געווען א קינד, א דריי יאהריגער זי־סער זוהנעלע. און עס האט זיך אונטערגעדראפעט א שלאנג... יענע שרעקליכע גיפ־טיגע שלאנג, וועלכע האט איהר נעסט אין דיא טענעמענט־גריבער, וועלכע לאיערט דארטען, וואו מען ווערט דערשטיקט פון נויטה און פון דלות — דיא שלאנג, וועלכע מען רופט „דיפטעריע“ און דיזע שלאנג האט דערשטיקט איהר קינד, האט אוועקגערויבט פון דער ארמער מוטער איהר איינציגע טרייסט אין לעבען און האט אנגעפיללט איהר הארץ מיט ברענענדע יסורים.

פיער וואכען זיינען אריבער זייט דער אונגליק האט פאסירט; רחל איז ארומגע־גאנגען אהן א קאפ, זיא איז געווען משוגע פון שמערצען און זיא האט געמאכט א רייזע צו איהר פריינדין אויסריידען זיך א ביסעל, אויסוויינען זיך, פערנאנדערשלאגען זיך...

ווען רחל וואלט ניט געווען אזוי עלענד, ווען זיא וואלט געהאט אן אנדער פלאץ, וואהין צו געהן מיט איהרע ביטערע צרות, וואלט זיא ניט געפאהרען נאך ברוקלין. דיא זעהנערס האבען אויך א קינד, א מיידעלע אין איין עלטער מיט איהר געשטארבענעם זוהן... דארטען לעבט דאס קינד...

אפט פלעגט זיא פאהרען אהין אין גאסט מיט איהר זוהנעלע... און ווען זיא פלעגט קומען אהין פלעגען דיא קינדערלעך שפיעלען צווישען זיך און ביידע מוטערס פלעגען זיין אזוי גליקליך... אזוי גליקליך...

יעצט וועט זיא אהין קומען... אליין... אהן איהר קינד... דארטען איז מען גליק־ליך... דארטען לעבט דאס קינד... עס שפיעלט זיך געוויס... עס פערגיסט זיך מיט א פרעהליכען געלעכטער...

אוי, וויא שווער, אוי, וויא ביטער עס איז איהר יעצט אהין צו קומען, זיא ווייס פאראויס, אז ווען זיא וועט אריינגעהן אהין אין הויז, וועט איהר הארץ פערגאסען ווערן מיט בלוט... אבער זיא פאהרט... זיא פאהרט אהין, ווייל זיא האט קיין אנדערן ניט... ווייל זיא ווערט פערריקט פון שמערצען... ווייל זיא קען ניט אויסהאלטען... ווייל זיא מוז פאר אימיצען וויינען... זיא מוז פאר אימיצען ריידען...

און זיא פאהרט... פאהרענדיג טראכט זיא וועגען איהר קינד, אויך וועגען דאס

קינד פון איהר פריינדין.... און איהר הארץ צוגעהט פון וועהטאָג... זיא ווישט דיא אויגען מיט א נאָזטיכעל... און דיא טיכעל איז שוין דורכגעווייקט מיט איהרע זודיגע טרעהרען...

א טרויעריגע רייזע!

זיא איז געקומען.

אָט איז דיא הויז, וואו דיא זעהנערס וואָהנען... מיט צוויי חדשים צוריק איז זיא דאָ געוועזן מיט איהר קינד... עס קומט איהר ארויף אויפ'ן קאָפּ א ים מיט מחשבות, מיט ערינערונגען... און יעדע ערינערונג שניידט, שניידט דאָס הארץ דורך און דורך מיט אזא שארפען וועהטאָג... און זיא געהט, אָבער זיא זעהט שלעכט וויא צו געהן; ווייל איהרע אויגען זיינען פערוואָלקענט מיט טרעהרען....

אָט געדט זיא שוין אריין אין האָל... דאָ איז פינסטער... און זיא פלעגט אימער איהר קינד דאָ נעהמען אויף דיא הענד.... יעצט געהט זיא אַליין... זיא געהט לאנגזאם... לאנגזאם... זיא האָט מורא אריינצוגעהן אהין, וואָהין זיא געהט עס יעצט...

אָט איז זיא אויף דעם דריטען פלאָר... זיא הערט זיך צו... איהר דאכט זיך אז זיא וועט דערהערען איהר פריינדין'ס מיידעלעס פרייליכע שטימע... און זיא הערט זיך צו און עס ווערט אין איהר דיא הארץ וויא אָפּגעשטאָרבען... און עס געהט איהר אריבער יעדער ווייל א שוידער איבערן גאנצען לייב...

אָט איז זייער טיהר... זיא בלייבט שטעהן... זיא האָט מורא צו עפענען... זיא קען ניט... עס פערטראָגט איהר דיא הארץ ניט.... איהר דאכט זיך דיא מיידעלע, איהר קינד'ס חבר'טע, וועט איהר לויפען אנטקעגען... וועט זיא ארומכאַפּען און וועט זיך אפשר נעהמען נאָכפרעגען אויף איהר טויטען זוהנעלע...

א שרעקליכע מחשבה... זיא פיהלט אז עס הויבט זיך ביי איהר דער גאנצער מארך פון דעם קאָפּ... זיא בליבט שטעהן שטיל וויא פערשטאָרבען און עס קומט איהר ארויף א גדראנק... לויפען צוריק... אָבער זיא וויים אַליין ניט ווארום און וויא אזוי... זיא טהוט אַן עפען דיא טיהר און געהט אריין אין צימער...

דיא מיסעס זעהנער לויפט איהר אַנטקעגען...

— רחל!

— גיטיל!

אוןביידע פרויען קעהרען זיך אָפּ און וויינען געשמאַק...

פון נעקסטען צימער הערט זיך עפּעס א שאָרך... דער ווינד האָט עס דורך דיא אָפענע פענסטער געשפּיעלט מיט דיא „קוירטענס" נור רחל'ן ציינגט זיך אוים אז דאָס שפּיעלט זיך דאָרטען גיטיל'ס מיידעלע... זיא טהוט א ציטער, איהר דאכט זיך אז אָט, אָט לויפט ארוים פון יענעם צימער דאָס קינד... און זיא פערמאַכט וויינענדיג דיא אויגען... זיא האָט מורא א קוק צו געבען ארום זיך...

גיטעל הערט אויף צו וויינען דיא ערשטע און רופט אָפּ איהר גאַסט.

— רחל, רחל...

רחל הערט ניט, רחל וויינט. . . .

— רחל, גענוג צו וויינען... מיט טרעהרען וועט מען גאָרנישט העלפען.

— אוי, גיטעלע, דו קענסט גאָר ניט פערשטעהן מיין אונגליק — מאכט רחל וויינענדיג.

— איך פערשטעה שוין — ענטפערט טרויעריג גיטיל — מיר זיינען ב"ה גלייכע מיוחסים.

— הא... וויא זאָגסטו? — קוקט אַן רחל פערוואונדערט איהר פריינדין... עס

דאכט זיך איהר זיא האט ניט גוט דערהערט, וואס דיא לעצטע האט געזאגט, נור עפעס טרעפט איהר הארץ... און אזא מאדנער ציטער לויפט דורך איהר גאנצע נשמה.

— מיר זיינען ב"ה גלייכע מיוחסים — ווידערהאלט גיטיל מיט דעם זעלבען שטילען טרויעריגען טאן...

רחל גלויבט נאך אלץ ניט איהר פריינדין... עס דאכט זיך איהר — פיעלייכט האט זיא עפעס אן אירטהום... אבער א געפיהל פון א שווידערליכע נחמה כאפט זיא פלוצלונג ארום....

— גיטיל, וואס מיינסטו מיט דיינע רייד ? — פרעגט רחל, און ווארט מיט א פערשטארבענעם הארץ אויף אן ענטפער.

— רחל... דו מוזט הפנים ניט וויסען — קוקט שוין יעצט גיטיל פערוואונדערט.

— וואס ? !

— מיין קינד איז דאך אויך געשטארבען....

— וועה ! — גיט רחל א געשריי פון שרעק... דער געשריי פון טיעפען הארצען... דאס איז אבער אן אינסטינקטיווער געשריי. צו דער זעלבער צייט פיהלט רחל, אז עפעס ווערט איהר וויא א פרייד אויפן הארצען.

— מיר זיינען גלייכע מיוחסים, רחל'ע — זאגט ווייטער גיטיל און איהרע ליפען קרימען זיך אוים דאביי אזוי מאדנע.

— וועל ! איך האב גאר ניט געוואוסט... ווען ?

— מיט דריי וואכען צוריק.

— אוי, אן אונגליק.... פון וואס...

— דיפטעריע....

— האבען מיר דעם זעלבען אונגליק...

און רחל פאלט אויפן האלז גיטלין... אוןביידע אונגליקליכע מוטערס וויינען ווייטער... אבער ניט אזוי וויא פריהער.

גיטעל וויינט עפעס ביטערער, פערצווייפעלטער און רחל מילדער, ווייכער, עפעס אזוי וויא איהר טיעפע ברענענדע וואונד איז פלוצלונג בעשמירט געווארען מיט א היילענדען זאלב....

וועט זיא האַלטען וואָרט?

א גרויסער ליכטיגער, רייך און עלעגאנט בעפוצטער צימער.

אין א ווייכען פלאַשענעם ראקען־טשער זיצט א יונגע פרוי און זויגט א קליינע בייבי. דיא בייבי איז אַנגעטאָהן אין זיידענס, עס האט א געזונטען שיינעם רויטען פנים׳על און גוטע לאכעדיגע אויגען, עס איז פעסט צוגעבויגען מיט דיא ראָזעווע לי־פעלעך צו דער ברוסט און מיט א צארט קלאָהרער הענטעל שפּיעלט עס מיט דער זעל־בער ברוסט.

דיא זויגערין קוקט אמאָהל אויף דאס קינד, אמאָהל אויפן צימער און אלעס וואס רינגעלט זיא ארום, אויף איהר געזיכט איז אָבער ניט קענטיג קיין מוטערשער גליק, איהרע בליקען זיינען אזוי טרויעריג, און עפּעס ביינקענד און אין זיי שפּיעגעלט זיך אָפּ א גאנצער ים מיט שמערצען.

זיא פערטראכט זיך און בלייבט זיצען אזוי וויא א פערגליווערטע. דיא אויגען קו־קען אויף איין פּינטעל אָהן א צוועק און אהן א דעת.

זיא איז הפנים פערטיעפט אין ניט פריילינע מחשבות, ווארום איהר פנים ווערט פון מינוט צו מינוט טרויעריגער און דונקעלער.

ראפּטום טהוט זיא זיך א צאפּעל.

— אָה, מיין זיסע ענגעלע — האט דיא פרוי א פערשטיקטען זיפץ געטאָהן און איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען.

דיזע פרוי האט געזויגען א פרעמדעס קינד; זיא איז געווען אן אם און עס איז געווען בלויז צוויי טעג זייט זיא איז געווען אויף דיזע שטעלע.

זיא האט פערקויפט איהר ברוסט, זיא האט פערדענט איהר בלוט, וועלכע דיא נאטור האט איבערגעארבייט אין מילך. — זיא איז געווען אן אם.

אן אם, דאס איז אן איינפאכער וואָרט און יעדער איינציגער וויים דיא בע־דייטונג פון דיזעס וואָרט, אָבער כמעט יעדע אם, יעדע זויגערין, יעדע פּרויענצימער, וועלכע דער שיקזאל צווינגט צו פערקויפען איהר ברוסט, פערמאָגט אין דער טיעפע־ניס פון איהר הארצען אזא מין וואונד, און ווייס ניט יעדער איינציגער קען בעגריי־פען, קען זיך פאָרשטעלען וואס פאר א גיפטיגע שמערצען דיזע וואונד פערשאפט.

עס איז אן אונגעהייערער גרויסער פערגניגען פאר א מוטער ווען זיא האלט איהר ברוסט צווישען דיא ווארעמע ליפּעלעך פון איהר אייגען קינד, און גרויזאם און ביטער זיינען יענע אומשטענדען, וועלכע רייבען אוועק ביי דער מוטער דיזען פערגעניגען איהרען!

דיא מיסעס בראון — אזוי האט געהייסען דיא אם — האט געהאט צוויי אייגענע קינדערלעך. איינע איז אלט געווען צוויי יאהר און דיא צווייטע איז שוין אלט געווען צוויי מאָנאט. דאס צווייטע קינד האט געהייסען ענני.

אין זעקס וואָכען ארום נאָך ענני׳ס געבורט איז דער פאָטער פון דעם קינד גע־שטאָרבען.

דער פערשטאָרבענער מיסטער בראון איז געווען אַן אָרימער ארבייטער, וועלכער האָט פערלעבט זיין טעגליכען פערדיענסט, און ער האָט איבערגעלאָזען זיין פרוי און קינדער אין א פערצווייפעלטע לאגע. דער אלמנה איז געקומען צו נעהמען איהרע צוויי קינדערלעך און אריינשפרינגען מיט זיי צוזאַמען אין טייך. צום גליק האָט זיך איהר געמאַכט אַ געלעגענהייט אָנצונעהמען א שטעלע אלס אַן אַם און זי האָט עס אָנגענומען.

מיסעס בראון האָט דאן איהרע צוויי קינדער אָפּגעגעבען צו איינער א פרוי אויך אַן אלמנה, וועלכע האָט פערמאָגט איהרע אייגענע דריי קינדערלעך און וועלכע האָט געמאַכט איהר לעבען פון דעם וואָס זיא פלעגט נעהמען קינדער צום האָדעווען און אויך פרעמדע וועש צום וואשען.

דיעזער „פּריוואט קינדער־אנשטאַלט“ צוזאַמען מיט דער לאָונדרי האָבען זיך געפונען אין צוויי צימערן, וועלכע זיינען געווען אָהן לופט און אָהן ליכט, און פאר וועלכען דיא בעל־הבית׳טע האָט געצאָהלט זיעבען דאָלער א חודש.

דער קליינער ענגלען האָט מען געגעבען זויגען פון באָטעל מילך און איהר מוטער האָט זיך געשטעלט פאר אַן אַם...

מיסעס בראָון איז געזעסען אין ראָקינג טשער, געזויגט דיא בייבי און געטראַכט וועגען איהר אייגען קינד.

זיא האָט בעטראַכט דעם רייכען גראַמען צימער אין וועלכען זיא איז יעצט געזעסען... און זיא האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם ענגען קבר, אין וועלכען איהרע קינדערלעך וואלגערן זיך.

זיא האָט געקוקט אויף דאָס קינד, וועלכען זיא האָט געזויגען, און זיא האָט געטראַכט וועגען איהר אונגליקליכער יתומה׳לע, וועגען איהר פּיטשינקער ענגלען; זיא האָט אַוועקגעריסען דיא ברוסט פון איהר אונשולדיגעם קינד און פערשטאָפּט איהר דאָס מויל מיט אַ באָטעל... זיא האָט זיך א צאַפּעל געגעבען, א שניידענדער וויטאָג האָט צוזאַמענגעדריקט איהר הארץ און איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרן.

פּלוצלונג האָט דיא זויגערין דערהערט טריט צום צימער, זיא האָט דערקענט דעם גאַנג פון איהר בעל הבית׳טע, פון דער מוטער פון דעם קינד. שנעל האָט זיא מיט א נאָזטיכעל אויסגעווישט דיא אויגען און געמאַכט א פאלשען פריילינען שמייכעל אויף דיא ליפּען.

דיא מוטער פון דעם קינד איז אריינגעקומען.

זיא איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט עס מעהר פערנאַנדערגעעפענט.

—עס איז אזוי שעהן דרויסען — האָט דיא פרוי געזאָגט — פאר וואָס זאָלען דיא פענסטער ניט זיין אין גאַנצען אויפגעעפענט?

דיא מוטער איז צוגעגאַנגען צו דעם קינד און זיא האָט גענומען קוקען אויף איהם מיט ליעבע און פערגעניגען.

— מיר שיינט אז מיין קינד איז עפּעס היינט בלאַס? — האָט דיא מוטער אונרוהיג געווענדעט זיך צו דער אַם.

— גאָר, נאָו... איך זעה ניט — האָט געענטפערט דיא מיסעס בראָון.

דיא מוטער פון דעם קינד האָט געוואָרפען א בליק אויף דער זויגערין, זיא האָט בעמערקט איהרע פערוויינטע אויגען און איהר טרויעריגען פּנים, ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס מיסעס בראָון האָט זיך געסטאַרעט אויסצוקוקען פריילעך.

דיא פרוי׳ס פּנים האָט זיך בעדעקט מיט אַ דונקעלען שאַטען.

— איהר ביינקט הפּנים פאָרט נאָך אייערע קינדער? — האָט זיא געפרעגט— און איהר שטימע האָט נערוועז געציטערט.

— נאו... וואס איז, וואס ? מיינע קינדער פעהלט גאר נישט — האט געענטפערט דיא זויגערין.

—איהר קוקט עפעס אויס אזוי אומעטיג.

— ווער איך ? נאו !... אייך דאכט זיך דאס — האט דיא אם געענטפערט, און זיא האט זיך צולאכט.

דער געלעכטער איז געווען א געמאכטער און ניט ווילענדיג האט זיך פון אונ־טער דער זויגערינס ברוסט ארויסגעריסען א לייכטער זיפץ.

— נא, מאדאם גרינבערג, — האט דיא אם ווייטער געזאגט — איך ביינק א האר אויך ניט, און איך האב ניט וואס צו ביינקען.

— דאס קינד מוז עפעס זיין קראנק — האט אבער מאדאם גרינבערג געענטפערט ניט גלויבענדיג איהר אם'ס ווערטער — עפעס ער אטהעמט דאכט זיך שווער.... נו, וואס דען קען זיין אז איהר זארגט שטענדיג און ביינקט און וויינט... און מיין קינד זויגט אייערע מילך.

— אייך דוכט זיך דאס, מאדאם גרינבערג — האט דיא זויגערין ווייטער געענט־פערט און א שארפער וויטאג האט פלוצלונג דורכגעלעכערט איהר הארץ — קוקט זיך גור צו, דאס קינד, קיין עין הרע זאל איהם ניט זיין, איז שיין, פריש און געזונד... אויף מיין ענ.......

דיא אם האט זיך פערכאפט און איהר שטימע האט צימערנדיג זיך איבערגעריסען.

— וואס איז דער מעהר, איהר וויינט מאקע ? — האט מאדאם גרינבערג נערוועז און אונרוהיג א פרעג געגעבען.

— גאט איז מיט אייך... אייך חלומ'ט זיך...

אבער אין דער מיסעס בראון'ס אויגען האבען זיך פארט געזעהען טרעהרען.

דיא מאדאם גרינבערג האט פערביסען דיא ליפען.

— מיסעס בראון... — האט דיא מאדאם גרינבערג גענומען ריידען טרוקען און ערנסט — איך מוז אייך זאגען א לעצטען מאהל. אז עס קען ווייטער אזוי ניט אנגעהן... ווען איהר נעהמט זיך דאס לעבען און ערגערט זיך אין טראכט וועגען אייערע קינדער... און ביינקט... און וויינט, איז אייער מילך שעדליך, איהר פטור'ט מיר אוועק מיין קינד, און איך וועל עס ניט דערלאזען. קענט איהר זיין פריש, מונטער און פרעהליך איז גוט... ווען ניט, — קען עס ווייטער ניט אנגיין.

— מאדאם גרינבערג — האט זיא אבגעענטפערט — עפער היינטיגער טאג איז אויף מיר אן אויסגוס... איך וויים אליין ניט וואס מיט מיר איז... אבער איהר וועט זעהען אז מעהר וועט עס ניט פאסירען... איך האב זיך דאס אויסגעוויינט א לעצטען מאהל.

— געדיינקט זשע.

— נו, געוויס, איך וועל זיך מעהר נאריש ניט מאכען... איך וויים, אז איך זאל ניט זיין קיין אם, דארף איך זיך טריינקען.

— אבי איהר פערשטעהט — האט דיא מאדאם גרינבערג געענטפערט שוין רו־היגער — קומט עסען דינער.

און דיא בעל הבית'טע מיט דער זויגערין זיינען באלד אוועק אין דיינינג־רום צום טיש.

וועט דיא אם האלטען ווארט ?

אן אויסצוג פון אַ טאַגע-בוך.

דיעזען טאַגע־בוך האָט געשריבען א יונגע פרוי פון אן אָרעמען ארבייטער, א מוטער פון איין איינציג קינד, און דיעזען טרויעריגען אויסצוג האָט זיא געשריבען צוויי וואָכען נאָך דעם וויא דיא אונגליקליכע מוטער האָט איהר קינד, איהר צוויי יאָה־ריגען זוהן פערלאָרען.

וואו האָב איך איהם דאָס געקענט פערקיהלען? וויא אזוי האָט זיך דאָס ביי איהם דיא לונג אָנגעצונדען? איך האָב דאָך איהם אזוי געהיט, מיין עלעלען... קינד מיינער! אך, וויא ער האָט זיך געמאַטערט! אויף איהם האָט א שטויבעלע ניט געטאָרט פאַלען, און ער האָט אזוי געליטען... אה, דיא קאָפּ הייבט זיך ביי מיר.

דאָס איז דעם דאָקטאָרס שולד! ער האָט פערנאַכלעסיגט זיין קראַנקהייט, ער האָט דערלאָזען, אז ביי איהם זאָלען דיא געהירען נעהמען ברענען... אה, דאָס בין איך שולדיג. איך, איך האָב געטויטעט מיין קינד! איך האָב בעדאַרפט רופען נאָך א דאָקטאָר, נאָך צעהן... איך האָב געדאַרפט מעהר ארבייטען.. איך האָב געשוויגען און מיין קינד איז אויסגעגאַנגען, און מיין קינד איז אוועקגעשטאָרבען... איך האַלט דאָס ניט אויס!

וויא דום זיי זיינען! זיי האָבען בעהאַלטען, בעגראָבען אלע זיינע זאַכען, זיי ווי־לען אפילו מיר זיין בילד ניט צייגען, זיי דיינקען אז איך קען איהם פערגעסען . . . אך, וויא נאַרעש!

ווען זיי ווילען אז איך זאָל איהם פערגעסען דאַרפען זיי אָנצינדען ביי מיר דעם מאַרך, פונקט אזוי וויא עס האָט געברענט ביי מיין קינד, זיי דאַרפען נעהמען און ארויסרייסען מיין הארץ ביז א געדעכנים. אָבער זאָ לאַנג עס פוילט אין מיר נאָך א ברעקעל הארץ קען איך מיין קינד ניט פערגעסען.

עליק׳ל, קינד מיינע, זיסער נפש׳ל, זונוניו, קינדעלע, עלעלע, אך, כאָטש נאָך א בליק געבען אויף זיין זיסען פּנים׳ל, אויף זיינע אויגעלעך... עליוטוניו, קינד... קינד..

אין אן איינפאַכען הילצערנעם זארג, אין א קלאָהרער העמדעלע ליגט מיין קינד. אָ, ווען מען וואָלט מיך געלאָזען צו זיין קבר, איך וואָלט אויפגעגראָבען דיא ערד, אָדער איך וואָלט אויסגעמאַכט א לאָך אין קבר, אוועקגעלייגט זיך און בלויז קוקען אויף איהם, קוקען, קוקען! דעם גאַנצען לעבען, מעהר ניט וויא קוקען ביז וואַנען מיין הארץ וועט אויסגעהן... מין זוהן, מיין עלעלע!

ניין, איך קען אָן מיין קינד ניט פערגעסען!

זיי האָבען אלעס בעהאַלטען, אָבער דיא וועגד עראינערן מיך אָן איהם, אויף דיזעלבע וועגד פלעגט מיין קינד קוקען; ווען איך זעץ זיך עסען בעגיסט זיך מיין הארץ מיט בלוט, מיין קינד פלעגט זיצען ביים טיש, ווען איך הער מיינע אייגענע זיפצען דערמאָן איך זיך אָן מיין קינד, מיין עלעלע פלעגט מיר איבערמישען, ווען איך פלעג

זיפצען, מיין קלוגער עלעלע! אַט שטייט ער לעבען טיהר און שרייט „פּאַפּא“. אַט גייט ער שלאָפען און זאָגט „גוט נייט“, אַט שפּיעלט ער אין זיין ברוינער קליידעלע, מיין חיית! מיין לעבען, מיין קינד!

אַט שפּיעלט ער אין באַל, פול און פיעל איז געווען פון איהם דיא הויז, מיין קינד. וויא לעער, וויא דום מיר איז יעצט דער לעבען, דיא גאַנצע וועלט.

איך זאָל איהם פערגעסען! איך קען ניט. ער איז געווען מיין לעבען, מיט איהם האָב איך געאַטהעמט! קיין אנדער פערגניגען אין מיין לעבען איז ניט געווען; אימער צרות, אימער דחקות, אימער דלות. דער מאַן? וועל, א מאַן איז א מאַן און אַ קינד איז א קינד, שטענדיג אין דער היים געזעסען אליין מיטן קינד, מיט עלעלען געגעסען, מיט עלעלען געשלאָפען, מיט עלעלען גערעדט, מיט עלעלען געשפּיעלט, מיט אַליאָשינקען פערבראַכט טעג און נעכט, איינע אַליין אין הויז, שטענדיג אַליין; דער מאַן איז דאָך אין שאַפּ, דאָס אויף אַ מיטינג, דאָס שלאָפט ער, דאָס לעזט ער און איך בין מיט מיין קינד... נו, זאָגט, וואָס פאר א טרייסט, וואָס פאר א פערגניגען, וואָס פאר אן אינטערעס קען האָבען אזא פרוי וויא איך אין לעבען ווען ניט א קינד?

ווען מיין אליאָשינקע פלעגט מיך ארומנעהמען, ווען מיין קינדעלע פלעגט עפּעס אויסריידען א וואָרט, פלעגען אלע דאגות פערגעסען ווערן, פלעגען אלע וואונדען פערהיילט ווערען, איך פלעג זיין שיכור פון גליק... אָבער יעצט? אה, מיין קינד! האָטש איין בליק, האָטש איין קוק... זוהן מיינער טהייערער!

איך זאָל פערגעסען! איך זאָל זיך פערטומלען? איך קען ניט! אַט דיעזע פעדער, דיעזער טינטער דערמאָנט מיר מיין אַליאָשען, ער פלעגט מיך ניט לאָזען שרייבען, ער פלעגט אויך וועלען שרייבען און פלעגט מיט טינט פערשמירען דאס פּאַפּיער. איך פלעג אין כעס ווערען... יעצט איז רוהיג, יעצט איז שטיל... אה, וויא שרעקליך... קינד! זוניונו! זיי זאָגען איך וועל קראַנק ווערען! יעס, איך בין קראַנק און איך ברויך מיין געזונד ניט... זיי זאָגען איך וועל משוגע ווערען, אה, איך וויל עס, דאן וועל איך זיך זעלבסט ניט פערשטעהן! זיי זאָגען איך זאָל עפּעס טאָהן! איך קען ניט, ניטאָ צוליעב וועמען! זיי ראַטהען מיר איך זאָל לעזען, איך האָב געטרייעט, וועלל, יעדעס וואָרט דערמאָנט מיר מיין קינד, און מיין הארץ ווערט צוגאנגען. זיי זאָגען — איך זאָל ניט זיצען צו הויז, איך זאָל ארויסגעהן שפּאַציערען! אה, ערגער, טויזענד מאָל ערגער, יעדעס קינד אויפן גאס דערמאָנט מיר מיין קינד, יעדעס ברעקעלע דערמאָנט מיר מיין זוהן, וועלכער ליגט אין קבר... זיינע הערעלעך וויא שיין זיי פלעגען ליעגען אויף זיין קעפּעלע, זיין זיסער גאַנג... זיין ריידען! זיין פּנים׳ל, זיינע אויגעלעך, קינד... קינד.. קינד... אה, האָט רחמנות, צייגט מיר האָטש זיין בילד! אָה, מיין הארץ געהט אייך, געהט אוים וויא א ליכט!

וואָס טהוט יעצט מיין קינד אין קבר? איך וויים אז ער איז טויט, איך וויים, איך וויים, איך וויים, פון דעסטוועגען וואָלט איך וועלען וויסען וויא אַזוי ער ליגט. ווען אליאָשינקע פלעגט אין שלאָף אויסציהען זיך פלעגט ער דאָך זיין אַזוי שיין, מיר דאכט זיך אַז ער שלאָפט אין קבר עלעלע, זוניונו, קינד מיינע, קינד מיינע! איך ווער פעררוקט.

נאָך דריי ציינער האָט ער בעדארפט קריעגען, דאָס אלעס. דורכגעקומען אזוי פיעל צרות... אָי, אָי, אָי, „פּאַפּא“, „מאַמע“, פלעגט ער שרייען ווען מען פלעגט איהם מאַטערן מיט דיא קאלטע וואנעס, „האַפּאַי“, פלעגט ער זאָגען ווען מען פלעגט איהם אויפהויבען פון קיסעלע... קינד מיינע, קינד מיינע, קינד מיינע... קינד! קינד!

אָה, וויא לעער, וויא פּוסט, וויא חושך דיא גאנצע וועלט איז! וויא קאַלט, וויא אומעטיג!....

דיא רויטע קליידעלע פלעגט דאָך צו איהם אזוי גוט פיטען, „קראַסאַוועטשיק“, מיינער, זוהנעלע... איך! איך האָב דיר געלאָזען שטאַרבען... איך, דיין מאַמע. דוא האָסט דאָך מיר אַזוי האָלט געהאַט. ווען דוא פלעגסט זיך פאַר עפּעס דערשרעקען, פלעגסטו דאָך ארומכאַפּען זיך ארום מיר. און איך האָב דיך געלאָזען שטאַרבען, מאַטערן זיך, און שטאַרבען... אָי, וואס פאַר אַ ווייטאָגען! אָי וואס פאַר מיני מאַטערנעם! ווערה, ווערה, ווערה! מיין קאָפּ, מיין קאָפּ! זיי האָבען מיך ניט געלאזען שפּרינגען פון פענסטער... דאן האָב איך געהאַט עפּעס מוטה; יעצט האָב איך ניט, יעצט קען איך ניט לעבען און ניט שטאַרבען. אה, וויא פינסטער, וויא שוואַרץ, וויא חשך, וויא לעער ארום מיר איז, און דאָך וויא איינג מיר איז! איך האָב קיין ארט ניט, איך ווייס ניט וואו צו בעהאַלטען זיך. ניטאָ מיין קינד! מין זוהן, מיין גרויסער שיינער זוהן... אָה, כאָטש איין בליק, כאָטש אַ קוש געבען זיין קאַלטען קערפּערל, כאָטש איין בליק... מיין קינד, אָי, אָי, אָי, איך וועל זיך צורייסען אויף שטיקער... איך קען ניט שרייבען....

דעם קליינעם אַלבערט'ס פסק.

אַלבערט איז ניין יאָהר אַלט. ער איז קליין־געוויקסיג, דאַר און בלאַס. אין סקול איז פאר איהם קיין אָרט ניט אויסגעקומען, און ער איז פערבליבען אין הויז. עס קען זעהר זיין, אַז דאַ שטעקט אַ השגחה פון אויבען, וואָרום אַלבערט'ס פער־בלייבען צו הויז ברייננט אַ גרויסען נוצען.

אַלבערט'ס טאַטע איז אַ באַטען־האָל־מעקער, אָבער ער וועט שוין באַלד זיין ארבייט אין גאַנצען פערגעסען, וואָרום ער סטאָפּט שוין זעהר, זעהר לאַנג.

טאָג אין טאָג געהט ער ארויס זוכען ארבייט, ער שלעפּט זיך ארום פון פריה מאָרגען ביז נאַכט, אָבער ניט פאר אייך געדאַכט — קיין ארבייט הערט זיך ניט.

ער איז שוין שוואַרץ וויא אַ קויל, איהם איז שוין דאָס לעבען ניט ניחה.

אַלבערט'ס מאַמע איז אַ פערדינערין. זיא וואַשט וועש, זיא קריגט עפּעס הויזקעס צו פינישען, אָבער — וואָס זאָל איך אייך אַ סך ריידען? עס כאַפּט ניט אויף'ן טרוקענעם ברויט. ווייבערשע פרנסות!

אַלבערט האָט נאָך אַ קליינע שוועסטער, עמעלע. זיא איז נאָך קיין יאָהר ניט אַלט, און ווען איהר ווילט זיך עסען אָדער ווען איהר איז קאַלט, מאַכט זיא געשרייען ביז אונטער'ן הימעל. אַלבערט האָט זעהר ליעב זיין קליינע שוועסטער'ל, און ווען ער האָט נאָר אַ פרייע מינוט, שפּיעלט ער זיך מיט איהר, קושט זיא און וואַרעמט איהר מיט'ן מויל איהרע קליינע הענטעלעך, וועלכע זיינען אימער בלוי און קאַלט.

פאַרנאַכט פּעדעלט אַלבערט מיט ציימונגען, און אין דער פריה שאַפּט ער פאר דער פאַמיליע קוילען און האָלץ.

יעדען פריהמאָרגען, זוים עס האָט זיך פאַרצווינגען דער קאַלטער ווינטער, געהט אַלבערט ארויס מיט אַ בעסקעטיל אין דיא הענד. ער געהט ארום איבער דיא גאַסען, האַלט דיא אויגען צו דער ערד, און ווען ער געפינט אַ קויל אָדער אַ שטיקעל האָלץ, קלייבט ער דאָס אויף... אַפּט, זעהר אָפט, פריהרט דיא קליינע עמעלע, וואַרטענ־דיג אויף אַלבערט'ס בעסקעטעל.

ווען אַלבערט טרעפט אַראָפּשיטענדיג אַ וואַגען קוילען — רעכענט ער דאָס פאר זיין טשאַנזש. ער וואַרט אימער איבער ביז וואַגען מען ענדיגט דעם אַראָפּשיטען, נאכהער געהט ער צו מיט זיין בעסקעטיל, און דאָס רוב קלייבט ער אויף עטליכע קוילען אין איין מאָל.

אַלבערט קומט אהיים אַ צובראָכענער אויף ברעקלאַך; אָבער דיא מאַמע קושט איהם אָן, מאַכט פייער. ער זעצט זיך אוועק לעבען אויוען מיט דער קליינער עמעלען און ער איז גליקליך.

דיא לעצטע נסיעה האָט אָבער אַלבערט'ן זעהר און זעהר ניט אָבגעגילט.

דאָס איז געווען אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער טאָג. דיא זונן האָט אפילו געשיינט, אָבער דער פראָסט האָט זיך פון איהר אויסגעלאַכט — ער האָט געקעניגט. ער האָט געביסען און געריסען אויף טויט.

דיא מאמע וואָלט אפשר אַלבערטען ניט ארויסגעלאָזען אין אזא פראָסט צו קלייבען קוילען, אָבער דיא קליינע עמעלע איז עפּעס געוועזן קראַנק. זיא האָט געשלוקערצט און געציטערט וויא א בלאַט. אין הויז איז געוועזן זעהר קאַלט. קוילען איז אפילו געווען אַביסעל, אָבער צו וויניג אום איינצוהייצען. קיין געלד פאַר וואָס צו קויפען איז אויך ניט געווען. נו, האָט דיא אָרימע מאמע אָנגעטהאָן איהר גוטען זוהנעלע אין א בארג מיט שמאַטעס און האָט איהם אוועקגעלאָזען מיט זיין בעסקעטעל.

אַלבערט איז ארויס אויף דרויסען...

דיא קעלט האָט זיך דורכגעקליבען דורך דיא שמאַטעס, און האָט איהם גענומען צערטליך ארומנעהמען, עס האָבען איהם גענומען ציטערן אלע גליעדער, אָבער איהם האָט דערפאַר גענומען גליקען: ער האָט עטליכע מאָל נאָך אַנאַנד בעגעגענט אראָבשטענדיג קוילען און צו יעדער מאָל האָט ער געמאַכט ניט שלעכט.

איהם האָט גענומען זעהר שטעכען אין דיא פינגער פון דיא הענד און פון דיא פיס, און ער איז שוין אהיים געלאָפען, טראָגענדיג מיט זיך א „שיינע ביסעל" קוילען.

אך, וויא קאַלט איז איהם געווען! ער האָט געפיהלט, אז ער ווערט פערפראָרען; אָבער אָט איז פאַר זיינע אויגען נאָך א וואָגען; דיא קוילען האָט מען שוין באלד געהאָט אראָבגעשאָטען און ער דאַרף לאַנג ניט וואַרטען.

אַלבערט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען קלאַפּען א פוס אָן א פוס.

דיא קוילען זיינען געווען אראָפּגעשאָטען; אַלבערט איז גלייך צוגעגאַנגען מיט זיין בעסקעטיל און גענומען אויפקלייבען דיא שטיקליך איבערגעלאָזענע קוילען... פּלוצלונג האָט איהם איינער געגעבען מיטן פוס א שטאַרקען שטויס....

דער דערשראָקענער באַי איז אויפגעשפּרונגען א פערציטערטער.

נעבען איהם איז געשטאַנען א גרויסער פערשווארצטער איטאַליענער קוילען-מאַן, און האָט עפּעס געשריען.

אַלבערט האָט געוואָלט נעהמען לויפען, אָבער דער קוילען-מאַן האָט איהם אָנגעכאַפּט, ארויסגעריסען דעם בעסקעטיל מיט קוילען פון זיין האַנד, אויסגעשאָטען פון איהם דיא קוילען און האָט איהם פערשליידערט פאַר א האַלבען בלאָק. ביי דעם קינד האָט דאָס האַרץ פערקלעמט פון וועהטאָג און דיא אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערן.

ער האָט אויפגעהויבען דעם בעסקעטיל, א קרים געטאָהן זיך פון דער ווייטען אויף דעם צורייצטען איטאַליענער און איז וויינענדיג אהיים געגאַנגען...

אי, וועם דאַרטען פריהרען דיא קליינע עמעלע...

צוריק אין דער דיספּענסערי.

נחום איז געווען א בעקער, דאָס הייסט ער איז געלעגען טיעף אין דער ערד, האָט געבאַקט ברויט און פרעמדע האָבען עס געגעסען. דורכשניטליך האָט נחום פערדיענט זיינע פינף דאָלער אַ וואָך. ער האָט ניט פאר אייך גערעכט פערמאָגט א ווייב מיט דריי קינדערלעך און איז געווען נישקשה'דיג אויף צרות.

נחום'ס ווייב האָט געהייסען גיטיל.

גיטיל איז געווען א הויכע פרוי, הויט און ביינער מיט שוואכע אויסגעוויינטע אויגען.

אָט די גיטיל, נחום דעם בעקערס אשת חיל, איז געווען א שטענדיגע פּאציענט־קע אין די אַרומיגע דיספּענסעריס, וואָרום דער וועלכער עס שפּייזט א ווערימעל אונטער אַ שטיין, האָט צוזאמען מיט דעם דלות איינגעטהיילט נחום'ן א פיינעם פּע־קעלע קריינק. זייט נחום געדענקט זיך און זיין געזינדעל, פּאַכען זיי אלע פון קליין ביז גרויס מיט די נשמות. ער אליין איז אַ „הארמאַטיזניק". עס ציהען איהם און ברעכען די פּיס. ער קען ניט אָפּבייגען דעם קרייץ און אין אלע גליעדער פיהלט ער א מין חלשות. זיין גיטיל האָט אַ קלאַפּענעס אין הארצען, א שוואכקייט אין די אברים; עס קלינגט איהר שטענדיג אין קאָפּ און די אויגען ווערן איהר אלץ דונקעלער און דונקעלער.

דער עלטערער זוהן נחום'ס, אלבערט, וואָלט געווען א גאַנץ פיינער באָי, ווען ער וואָלט געווען עטוואָס גרעסער און געזינטער.

ער איז שוין אַלט, קיין עין הרע ניט, צעהן יאָהר, און גרויס איז ער וויא פון זעקס, — קוים וואָס ער אטהעמט נעביך. און דערהויפּט, ניט פאר קיינעם געדאכט, איז ביי איהם די קעפּעלע ניט ריינלעך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד.

צירעלע, א פינף יאָהריגע מיידעלע, זאָל זיך האָדעווען אין גליק, — זאָגט די מאַמע — וואָלט געווען א „רעגעלע דאלע", ווען זיא וואָלט ניט געווען קיין „זאָלאָ־טושנע". דער שפּיץ פון נעזעל איז ביי איהר אימער רויטלעך און פון אונטער די אויערן רינט עפּעס אימער.

דער אינגסטער אינגעלע, בערקע, איז אַ גאַנץ פיינע קינד, נור שוואכלעך אויף דעם מאָגענדעל. ווען ער וואָלט ניט געהאַט קיין טראָבעל מיט זיין מאָגען, וואָלט ער געווען א מזל ברכה אין הויז.

א מאָל אין די גוטע יאָהרען פלעגט נחום מיט „הארמאַטיז" ארומגעהן אָפּט צו דאָקטוירים אין דיספּענסעריס; אָבער די לעצטע צייטען, זעהענדיג אז איהם העלפט וועניג, האָט ער דאָס אויפגעהערט און ניצט בלויז היימישע רפואות.

גיטיל האָט איהרע האָפנונגען אָבער נאָך ניט אָפּגעגעבען. עד היום, ווען זיא כאַפּט נור אַ ליידיגע מינוט, און האָט דאביי א פּאָאָר פענעס אין פּאקעט, לויפט זיא גלייך אין דיספּענסערי. דאָס מיט אַלבערטען, דאָס מיט צירעלען, דאָס מיט בער־קען און אַן אנדערש מאָהל טאַקע מיט זיך אליין.

גיטיל האָט שוין איבערגענומען גאַנצע ימים מיט רפואות און זיא געהט אין דיס־פּענסעריס.

לעצטע וואָך האָט זיך בערקע גענומען עפּעס צוקרימען זיך. גיטיל איז מיט איהם גלייך אוועק אין א נאָהענטער דיספּענסערי, גענומען א רפואה און גענומען מיט מזל געבען דעם קראַנקען.

אין מיטען נאַכט איז גיטיל אויפגעשטאַנען, ניט טויט ניט לעבעדיג. דאָס קינד איז געוואָרען ערגער. איהם האָט גענומען ברעכען. ער האָט זיך אָנגעצונדען וויא א פלאַקער און איז געוואָרען גאָר א חרוב'ער.

אז גיטיל האָט איבערגעלעבט דיא נאַכט איז זיא געווען שטאַרקער וויא אייזען.

מיטן טאָג איז דאָס קינד עטוואָס בעסער געוואָרען, און עס איז אנשלאָפען געוואָרען.

ווען נחום איז געקומען פון דער בעקער גרוב, האָט ער דערזעהען זיין ווייבעל זיצט ביי בערקעס געלעגער און וויינט. דער אָרעמער טאַטע איז געוואָרען א פערצי־טערטער. דיא פיס האָבען איהם אונטערגעבראָכען.

— גיטיל, וואָס ? — האָט ער קוים ארויסגערעדט — וואָס איז מיט אונזער בערקען ?

— קראַנק... זעהר קראַנק. גאָט זאָל זיך מרחם זיין — האָט זיך גיטיל נאָך מעהר צוּאוויינט.

— וואָס איז געווען ? וואָס איז געשעהען ?

גיטיל האָט דערציילט איהר מאַן וואָס מיט דעם קינד איז פאָרגעקומען די נאַכט.

— אָבער וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען?—האָט נחום פערבראָכען דיא הענד.

— איך וויים, — דיא קאָפּ שפּאַלט זיך מיר.

— זאָלסטו מיט איהם ווייטער געהן אין דיספּענסערי ?

— איך וויים ? — זאָל איך אזוי ויסען פון בייז.

— נו, וואָס דען זאָל מען טאָהן ?

— איך וויים אויך ניט... אפשר... אפשר... וואָלט מען בעדארפט פּראָווען א דאקטאָר — האָט עפּעס אזוי וויא מיט שרעק גערעדט גיטיל.

— א דאָקטאָר ?

איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אז איך האָב פּראָסט מורא טאָמער טאָר מען איהם אין גאַס ניט ארויסטראָגען.

— נו, ועסטו רופען אהיים? — האָט נחום תּמ'עוואטע געפרעגט.

— איך וויים ? . . . . .

— דאָס שמעקט מיט א דאָלער.

— איך וויים, מיינע צרות.

— אז דער דאָלער וואָלט חאָטש געווען... דער דלות איז אזוי גרויס, אז קאָם וואָס מען האָלט איין דיא נשמות. פינף דאָליארעס האָב איך יעצט געבראַכט. וואָס פאַנגט מען מיט זיי אָן צו טאָהן? וואָסערע לעבער פערשטעקט מען מיט זיי פריהער?

—איך וויים ? איך וויים ? — האָט גיטיל געזאָגט, — דו געהסט ארום א נאַקעטער; איך בין גאָר א הוילע. עס איז כמעט א העמד ניטאָ אויפן לייב. דיא קינ־דערלעך זיינען צוריסען, צושליסען, אָבער מאַך עפּעס, אז גאָט שטראָפט. זעהסט דאָך, דארף בערקע ווערען אזוי קראַנק.....

— געשמאַקע צרות . . . .

— בערקע, קינד מיינס טהייערס, וועה איז מיר, וואס איז דיר געשעהן ?... אזא קינד... אזא קינד — האָט גיטיל זיך ווידער צוּאוויינט.

— נו, שאַ משוגענע... עס וועט גאַנץ זיין — עס איז יעצט אזא איבערגאַנג, עס איז גאָרנישט.

— יעס? — האָט גיטיל אַ שווערען זיפץ געגעבען ,עפּעס אזוי וויא ביי איהר וואָלט אראָפּגעפאַלען א שטיין פון הארצען, אַ, הלואי! הלואי! אָבער פון דעסטוועגען וואָלט איך וועלען פּרואווען א דאָקטאָר. מען זאָגט דאָך, אז מען רופט אהיים איז עפּעס גאָר אַן אַנדער מזל־ברכה.

— א חדוש! — האָט נחום געענטפערט — א דאָלער איז א דאָלער.

— נו וואָס זאָל מען טאָהן? אזוי וויא מיט דעם דאָלער אזוי אָהן דעם דאָלער, און איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אז עס וועט גאָר קיין דאָלער אויך ניט קאָסטען.

—וויא הייסט? — האָט נחום געפרעגט פערוואונדערט.

— איך וועל דיר זאָגען — האָט גיטיל איהם געמאַכט א רעכנונג — מיט אל־בערטען און מיט צירעלען מוז איך, אזוי וויא מען מוז לעבען אויף דער וועלט, ווייטער געהן אין דיספּענסערי. ביי צירקען פלאַקערט עפּעס דאָס נעזיל היינטיגע וואָך וויא צונטער, און ביי אלבערטען איז דיא קעפּעל געוואָרען פיעל ערגער. נו, אז איך זאָל געהן מיט זיי און מיט בערקע דארף סיי וויא סיי קאָסטען דרייסיג סענט, פערשטעהסט דו מיך, און אז א דאָקטאָר וועט זיין אין א הויז, וועט מען שוין אויף זיי אויך א פרעג געבען.

— נו, זאָל מען זיך שוין מאַכען א ריס אין הארצען, — האָט נחום געענטפערט.

— און ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען א סוד? — האָט גיטיל ווייטער גערעדט. עס וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אז דו אליין זאָלסט א פרעג געבען ביי אַ דאָקטאָר אויף דיינע ברעכענעס. קרעכטשעסט דאָך אָפּ גאַנצענע נעכט. עס איז דאָך א גרויל!

— ניין, ניין! — האָט נחום געענטפערט — און אויף דיינע אויגען וואָלסטו אויך געמעגט אַ פרעג געבען.

— איך וועל זעהען, וויא דאָס וועט האַלטען.

— איך האָב מורא...

— וואָס? . . . .

— איך וויים? ער וועט אפשר ניט וועלען זאָגען גאָרנישט?

— נו, פּטור נו, האָט גיטיל פערזיכערט איהר מאַן. אז ער וועט שוין דאָ זיין — וועט ער שוין ניט זיין אויף אַזוי פיעל שלעכט.

— נו, זאָל מען זיך שוין מאַכען א לאָך אין הארצען, אָבער וועמען רופט מען?

— אָט איז א דאגה! קענסט קריגען דעם בעסטען דאָקטאָר; פאר אַ דאָלער וועט צו דיר יעדער געהן. אבי נור רוף.

— ניין, מיין ווייבעל — האָט נחום געזאָגט מיט אזאַ פעסטען קול עפּעס אזוי וויא ער וואָלט געווען אַן אַלטער מבין אין דער זאַך. — ניין, מיין ווייבעל, מען דארף זויסען מיט וועמען מען האָט וואָס צו טאָהן. אַן אַנדערער קען דיר אָנמאַכען אזאַ התונה, אז דו זאָלסט דיך האָבען מיט וואָס צו קראַצען.

— וואָס איז דאָס?

— וואָס פערשטעהסטו דאָ ניט חמור? זיי היילען, היילען און דערהיילען אלץ ניט אַזוי, אז מען זאָל זיי בעדארפען רופען וואָס אָפטער.

— ניט דאָ געדראכט — משוגענער — האָט גיטיל איבערגעשלאָגען.

— ניט דאָ געדראכט, ניט צעהן מאָהל געדראכט — האָט נחום זיך אָפּגעשפּויגען.

— נור עה... — האָט גיטיל ווייטער געזאָגט.

— וואס עה ?

— ער וועט זעהען אז דאס איז ניט דער ארט. דער דלות ב"ה קלאגט אין יעדער ווינקעלע, ער וועט זעהען אז דא קען מען ניט ציהען.

— יעס, אבער פון דעסטוועגען....

— איך וועל דיר זאגען, רוף דעם דאזיגען.

— ועמען ?

— אלטערמאנען. דיא מיסיס וויינשטיין זאגט אז ער איז א גוטער און אן עהרליכער דאקטאר. צו איהר חיים'קען, אונז צו לאנגע יאהר, האט זיא איהם א לאנגע צייט געניצט.

— וואו געפינט זיך דער אלטערמאן ?

—דו געה צו דער מיסעס וויינשטיין, וועט זיא דיר זאגען.

נחום איז אוועק רופען דעם דאקטאר.

דאס קראנקע קינד האט נאך אלץ געשלאפען. בלויז צייטען־וייז פלעגט בערקע א שווערען זיפץ טאן אין שלאף.

גיטיל האט גענומען אביסעל צוקלייבען אויפראמען אין הויז לכבוד דעם קומענדען דאקטאר.

אין גיכען איז נחום צוריקגעקומען.

— נו, וואס ? — האט גיטיל געפרעגט.

— ער וועט באלד קומען.

אין א האלבע שטונדע ארום האט מען ביי נחום'ן האסטיג אנגעקלאפט אין טיהר. און טאקע באלד... איז אריין א מאן מיט א שפיציגער בערדיל — דאס איז געווען דער דאקטאר.

— דא וואוינט נחום ? — האט ער הויך געפרעגט.

— יעס, יעס, — האט נחום געענטפערט און האט אריינגעפיהרט דעם דאקטאר אין פראנט רום.

— וואו איז דער קראנקער ? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

נחום האט דערלאנגט בערקען צו דעם דאקטאר.

דער דאקטאר האט דעם חולה ארומגעזעהען, ארום געהערט, ארום געקלאפט, ער האט אויף זיך אנגעצויגען עפעס אזא ערנסטען פנים. עפעס אזוי וויא ער וואלט טאקע דא געהאט צו ראטעווען דעם קראנקען. ער האט א זיפץ געגעבען, אוועקגעזעצט זיך, ארויסגענומען א פענסיל מיט א שטיקעל פאפיער, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעדריקט זיין נאמען און, איך וויים ניט צו וואס, נאך א נאמען און דיא פירמע פון א געוויסען אפטייקער און ער האט זיך פערטראכט.

באלד האט ער עפעס אנגעשריעבען אויף דעם פאפיער.

— אט איז דא פאר איהם פראשקעס אלע צוויי שטונדען א פראשיק.

— איז דאס עפעס געפעהרליך ? — האט נחום שטיל געפרעגט.

— ניין, — האט דער דאקטאר אויסגערעדט זיך אן אמת, נור באלד האט ער צוגעפיקסט.

—אבער דאך דארף מען ניט פערלאזען, מען דארף היילען דאס—האט דער דאקטאר געגעבען אן אנצוהערענעס, אז מען זאל איהם רופען א צווייטען מאהל.

דער אלטערמאן האט גענומען דיא העט אנטאהן, גיטיל האט איהם אבער גלייך אבגעשטעלט.

— זעהט, זאלט איהר מיר געזונד זיין — האט זיא צו איהם געזאגט עפעס אזוי

וויא דערשראָקען — זעהט וואָס איז דער מעהר מיט מיין אלבערטס קעפּעל, און אל־בערט איז שוין געשטאַנען לעבען דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אוועקגעלייגט דיא הוט, און צו דעם גרעסטען פערגנגיגען פון גיטלען האָט ער בעטראַכט אלבערטס קעפּעל.

— וועלל, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט,—מען דארף דאָס א לאנגע צייט היילען, אָבער ער וועט געזונד ווערען. איך וועל איהם עפּעס פערשרייבען.

און אלטערמאַן האָט פערשריעבען צוויי רעצעפּטען פאר אלבערטען, א זאלב צום שמירען און אַ מיקסטורע צום איינגעהמען.

—אָי דיא קינדער, דיא קינדער,—האָט עפּעס אזוי וויא בגנבה ווייטער גיטיל גע־זאָגט — און איך הייב ניט אָן צו פערשטעהען וואָס איז דאָס פאר אן אויסגאָס אויף מיין צירעלען, דאכט זיך אזא טהייער קינד וויא דאָס איז, נו, רינט עפּעס ביי איהר פון דיא אויערלאַך און דער נעזעל איז עפּעס אזוי רויטלעך.

נחום האָט געטאָהן זיין זאַך און האָט שוין אין דער צייט צוגעגרייט צירעלען פאַרן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען און גענומען זיך צו צירעלען. ער האָט איהר אויך פערשריעבען אַ רעצעפּט.

— איהר הערט — האָט ער זיך געווענדעט צו נחום׳ן — נעהמט דיא רעצעפּטען ביי בלאָפּמאַנען, דאָ אויפן קאָרנער, איך וועל אַהין אריינגעהן און הייסען איהם אז ער זאָל אויף יעדען רעצעפּט אין אידיש אָנשרייבען דעם נאָמען פון דעם קראַנקען און איהר וועט קיין אירטהום האָבען.

— מיר דאנקען שוין — האָט נחום געענטפערט, רעכנענדיג, אז מיט אַ דאָקטאָר דארף מען ריידען דייטש־מעריש.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעטאָהן דיא העט. נחום האָט אוועקגעלייגט דיא האנד אין קעשענע נאָך׳ן דאָלער און, כלומרשט זוכענדיג דעם דאָלער, האָט ער דערווייל גע־זאָגט :

— מיינט איהר וואָס ? און אליין איז מען אויך קראַנק, אָט ברעכט מיר אין אלע ביינדעלעך, אז קוים וואָס איך האַלט עס אויס. איך וויים, אפשר טאָר מען דאָס גאר ניט פערלאָזען, אפשר דארף מען עפּעס טאָהן...

גיטיל איז געשטאַנען און איהר האָט הנאה געטאָהן וואָס איהר מאַן גנב׳עט אריין אזוי פיין דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אָבער פערשטאַנען, אז מען מיינט דאָ מיט איהם האַנדלען אַ מציאה און ער האָט געענטפערט :

— ניין, ניין, מען טאָר קיין זאַך ניט פערלאָזען — געהט צו מיר אריין אזוי פון פינף ביז זיעבען, וועל איך אייך בעטראַכטען.

נחום׳ן און זיין ווייבעל איז געוואָרען קאלטלעך אויף דיא הערצער. גיטעל האָט געשווינגען און נחום האָט תּמ׳עוואַטע געענטפערט:

—יעס.. מען דארף.

— דאָס איז פאר אייער מיה, דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט בעמערקט דיא מטבעה און אַ ביטערער שמייכעל האָט זיך געצייגט אויף זיינע ליפּען.

— ניין, ליעבער פריינד — האָט ער זיך געווענדעט צו נחום׳ן — ניין, ניט דאָס קומט מיר...

— הא?... — האט נחום געזאגט און דיא נשמה איז ביי איהם אריין אין דיא שפיצען פון דיא פיס.

— מיין וויזיט איז א דאלער — האט דער דאקטאר געגומען דינגען זיך — ווען איך בעהאנדעל איין קראנקען. איך האב דא אבער געהאט צו טאהן מיט דריי, איך בין געזעסען העכער וויא א שטונדע.... מיר וואלט געקומען דריי דאלער... אבער.... וועלל, איך לאז עס אפ פאר צוויי.

גיטיל איז געווארען בלאס וויא קאלך און נחום האט מעהר ניט געהערט וויא דיא ווערטער: „דריי" און נאכהער „צוויי".

— מיר זיינען ארימע לייט... —האט גיטיל א זיפץ געטאהן....

— וואס קען איך העלפען ?... אייער מאן וויל אויך בעצאהלט ווען ער ארבייט.

— אבער שטילער — האט נחום אויסגעשטעלט אויף דער ארעמער גיטלען א פאר אויגען, פון וועלכע ביי דער לעצטער איז דיא הארץ פערשטארבען געווארען. דער דאקטאר איז געשטאנען וויא א דעמבע און האט זיך ניט גערירט פון ארט. נחום האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען, ער האט ארויסגענומען א צווייטען דאלער און האט דערלאנגט דעם הערר דאקטאר.

— וועלל, גוד באי, — האט דער דאקטאר געענטפערט און האט זיך ארויסגע־רוקט פון טיהר.

אייניגע סעקונדען זיינען ביידע געבליבען שטעהן ווי פון א דונער דערשלאגענע.

— נו, גיטעלע... — האט נחום דער ערשטער גענומען ריידען — וועסט איצטער רופען דאקטוירים — צוויי דאלער... צוויי דאלער... ווען מען איז קראנק, מוז מען געהן אין דיספענסערי... נחום דער בעקער וועלכער פינסטערט אפ א וואך פאר פיער און א האלבען דאלער, גיט צוויי דאלער א דאקטאר.... גיטעלע... הא גיטעלע?....

— ווער זאל עס וויסען ? — האט דיא פערציטערטע גיטעל געבראכען דיא הענד.

— און יעצט געה נאך האנדלען מיט דיא אפטייקען... עס וועט דאך אויף א טארבע ניט בלייבען.

— וואס זאל מען טאהן ? וואס זאל מען טאהן ?

— וואס? וואס?... נעהם צוריים דיא רעצעפטען, וויקעל איין דאס קינד און געה אין דיספענסערי.

דער קראנקער בערעלע האט גענומען וויינען.

— וועה איז מיר פאר דיר, וועה איז מיר, מיין בערעלע, וועה איז מיר, מיין זו־נעלע — האט גענומען וויינען דיא מאמע.

— נו, נו, — האט נחום געזאגט... ער האט ארייגעשטעקט ביידע הענד אין דיא האר פון קאפ און איז געבליעבען זיצען שטיל...

שפעטער איז גיטיל מיט איהר קראנקען בערעלע אוועק ווידער אין דיספענסערי.

און ער האט זיא פערשטויסען.

אין א מינוט פון ליכטזינן און ברענענדע פערלאנגען איז זיא בעגאנגען א פער־ברעכען און זיא איז געוואָרען אונטריי צו איהר מאַן...

אין אן עהנליכער מינוט ווען איהר מאַן וואָלט געוועזן לעבען איהר — און איהר מאַן האָט זיא ליעב געהאט — וואָלט זיא איהם געקושט, ארומגענומען, פעסט גע־דריקט צו זיך ביז דיא צערטליכע געפיהלען, וועלכע האָבען זיא ארומגעכאַפּט וויא א ווילדע בורע, וואָלטען געקראָגען זייער נאַטירליכען אויסגאנג. — דער מאַן איהרער איז אָבער זעלטען צו הויז; ביי טאָג איז ער פערטראָגען און פערנומען אין ביזנעס און נעכט ווערט ער פערפאַלען ווער ווייס וואו....

ווען זיא וואָלט געווען א מוטער, וואָלט זיא איהר קינד אין אזא מינוט געשטיקט צערטליך צו איהר ברוסט ביז דער אָנגעלאָפענער שטראָם פון ליעבע וואָלט אויסגע־גאָסען ווערען... זיא האָט אָבער קיין קינדער ניט געהאט.

ווען זיא וואָלט אין אזא מינוט געווען אליין אין איהר צימער, וואָלט זיא אויפ־רעגענד פאנטאזירט, אפשר וואָלט זיא זיך פערשלאָגען מיט אן ארבייט... זיא וואָלט געזונגען... געוויינט.... געלאכט, וואָלט זיך פאַרגעשטעלט אויפרעגענדע בילדער ביז דער פייערל, וועלכער צינדט אָן אזוי ברענענד דיא בלוטען, וואָלט אויסגעברענט און לאנגזאם אויסגעלאָשען געוואָרען. איז זיא אָבער געווען ניט אליין... מיט איהר איז געזעסען אן „ער" אין צימער. אַ פריינד און א שטענדיגער אריינקומער אין זייער הויז. דער פריינד האָט אַ געוואָהנהייט געהאט ווען ער פלעגט צו איהר רעדען, פלעגט ער אָפט געברויכען צוויי דייטיגע ווערטלעך, פלעגט זיא שטעכען דורכדרינגענד מיט זיינע בליקען און אָפט קוקענדיג אויף איהר פלעגט ער אזוי מאָדנע שמייכלען...

זיא פלעגט איהם אָבער פערלאכען און פערגליווערן מיט איהר אונשולד, מיט איהר קעלט.

אָבער דאָן איז געווען מיט איהר א שרעקליכע מינוט... ער האָט דערפיהלט און ער איז געוואָרען פרייער צו איהר אין זיין בענעמען זיך...

איהר פנים האָט געפלאקערט, איהרע אויגען האָבען געשאָטען פונקען.... ער האָט פערשטאַנען איהרע געדאנקען און ער האָט זיך צו איהר אזוי דערנאָהענט, ביז איהר אָטהעם האָט איהם גענומען ברענען.

זיא האָט איהם לייכט אָפּגעשטופּט, און אָפּשטופּענדיג האָט זיא זיך צו איהם לייכט צוגעריהרט און ער האָט דערפיהלט וויא זיא ברענט.

ער האָט געמאכט אַ שריט נעהענטער צו איהר: זיא האָט עפּעס געזאָגט, אָבער איהרע ווערטער האָבען מאָדנע געציטערט.

וויא א צורייצטע חיה האט ער זיך צו איהר פלוצלונג א ווארף געטאהן און האט זיא א ווילדען קוש געטאהן.

זיא האט א לייכטען געשריי געגעבען...

ער האט זיא פעסט ארומגענומען. א ווײלע האט זיא זיך געראנגעלט. ער האט געברויכט קראפט, אבער באלד איז איהר ראנגלען שוואכער געווארען... א ווײלע איז זיא געבליעבען אזוי וויא מאכטלאז... נור באלד האט זיא ווייטער אויפגעברענט... נור ניט צום ראנגלען זיך, נור צום לעבען און צום פיהלען....

זיא האט פערגעסען אלעס אין דער וועלט.... זיא איז געווען וויא פער׳שיכור׳ט פון ליעבע....

שפעטער האט זיא זיך געכאפט וואס זיא האט געטאהן. זיא האט פערשטאנען, אז זיא האט געלעבט מיט איינעם, וועמען זיא האט גאר ניט ליעב, אז זיא איז געווען אונטריי צו איהר מאן.

איהר האט גענומען עקלען פאר זיך זעלבסט... זיא האט זיך גענומען מאטערן, שרעקליך ליידען... זיא איז געווען וואהנזיניג פון געוויסענביסע...

זיא האט ניט געוואגט צו קוקען איהר מאן גלייך אין דיא אויגען. זיא האט זיך בעטראכט אלס א געמיינע נידריגע פערברעכערין, און אפט ווען זיא איז פער־בליעבען אליין, האט זיא געוויינט מיט ביטערע טרעהרען....

זיא האט זיך בעשלאסען מודה צו זיין זיך פאר איהר מאן.

זיא האט געפיהלט, אז אנדערש קען זיא ניט לעבען.

און זיא האט זיך מודה געווען....

דאס איז געווען א ווינטער אבענד.

דער, פאר וועמען זיא האט זיך געוואלט מודה זיין, האט פערשלאפען זיין אפיס — ער איז געווען א יונגער ריעל עסטייט מאן — און איז אוועק אהיים. אויפן וועג איז ער פערגאנגען אין א בעקאנטען האטעל, געזעצט זיך לעבען א טישעל און גענומען א גלאז וויין.

צו איהם איז צוגעגאנגען א בעקאנטע מיידעל, א מיידעל, וועלכע האט בע־לאנגט צום האטעל. באלד זיינען אויפן טישעל געשטאנען צוויי גלעזער וויין און דיא פאר האבען פרעהליך און לעבעדיג געשמועסט און עס איז געווען קענטיג, אז זיי זיינען אלטע בעקאנטע.

זיא האט איהם איינגעלאדען צו זיך אין צימער און ער האט זיך לאנג ניט גע־לאזט בעטען...

נאך א שטונדע פון אויסגעלאסענעם לעבען, איז ער אוועק אהיים. ווען ער איז אריין צו זיך אין הויז, האט ער אזוי וויא געוועהנליך צערטליך ארומגענומען זיין פרוי און האט זיא געוואלט א קוש טאהן. זיא האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע הענד, אבער געטראטען און איז בלאס געווארען.

איהם איז ארויף א געדאנק, אז זיא האט דערוואוסט זיך וועגען זיין ארט לעבען און זיא וויל מאכען א סצענע.

— וואס איז ? — האט ער געפרעגט אביסעל דערשראקען, אבער שוין צורייצט און בארנדיג, און ער האט זיך שוין אנגעגרייט ענטפערן איהר: „ניט דיינע ביזנעס“, און גלייך איבערהאקען איהר דיא פליגלען.

זיא האט זיך צוואויינט.

— וואס איז ? — האט ער ווייטער געפרעגט.

—איך בין אַ געמיינע פערברעכערין.....

און וויינענדיג מיט ערנסטע ביטערע טרעהרען האָט זיא זיך אין אַלעס מודה געווען... בעשולדיגענדיג בלויז זיך אין איהר פערברעכען.

— דו געמיינע... אַ שרעקליכען וואָרט האָט ער אויסגערעדט. און ער איז אויך בלאַס געוואָרען און זיינע אויגען האָבען גענומען ברענען.

זיא איז געפאַלען צו זיינע פיס און געבעטען פערצייהונג.

ער איז פערבליעבען קאַלט, הארצלאָז צו איהר ריהרענדען געבעט... און שפּעטער האָט ער זיא פון זיך פערשטויסען....

אין געריכטס־זאַאַל, וואו ער האָט פערלאַנגט געזעצליכע שיידונג פון איהר, האָט זיא זיך ווייטער אין אַלעס מודה געווען... און אַלע האָבען אויף איהר געקוקט מיט פעראַכטונג... ער אָבער האָט געקראָגען מיטלייד און סימפּאַטהיע אַלס אַן אָבגענאַרטער מאַן און מען האָט זיי געזעצליך געשיידעט.

אַ פרוי'ס נקמה.

זיא האָט איהם געהאַסט וויא דעם טויט.

זיא האָט איהם פיינט געהאַט מיט אַ ביטערער פערביסענער שנאה, דערפאַר ווייל זיא האָט געוואוסט, אז ער האָט זיא שטאַרק ניט ליעב.

זיא האָט געוואוסט אז ער שעצט זיך גליקליך, ווען ער קען נור אויף איין מינוטע־לע פון איהר פטור ווערן און זיא האָט פון איהם נקמה גענומען דערמיט, וואָס זיא האָט איהם נאָכגעפאָלגט וויא אַ שאָטען. זיא האָט געזעהען אז זיא פּלאָגט איהם מיט איהר נקמה און זיא איז געווען גליקליך.

אָפט האָט זיא געהערט וויא זייערע פריינדע און בעקאַנטע זאָגען וועגען איהר און וועגען איהר מאַן, אז זיי לעבען וויא דיא טייבעלעך און זיא האָט טיעף אין האר־צען געלאַכט מיט אַ גיפטיגען געלעכטער....

זיא איז געווען אַ שלעכטע און האָט איהם געמאַטערט און ער איז געווען אַ שוואַכלינג און האָט געליטען.

איין מאָהל האָט זיא געקראָגען אַ פערדאַכט, אז ער ליעבט אַן אנדערע.

זיא האָט פערביסען דיא ליפּען.. אַ ווײַלע פערטראַכט זיך. איהרע אויגען האָבען פּלוצלונג אַ שלעכטען ברען געגעבען און זיא האָט זיך באַלד צולאַכט.

און זיא האָט איהם גענומען נאָכפאָלגען שטאַרקער, גרוויזאַמער.

זיא איז אַוועק ארבייטען אין דעם זעלבען שאָפּ וואו ער האָט געארבייט; וואָהין ער פלעגט נור וועלען געהן, פלעגט זיא אָנבאָטען איהר קאָמפּאַניע. זיא האָט געזעהן, אַז ער ליידעט שרעקליך פון דעם, און זיא האָט געקוואָלען און זיא האָט איהם אויף איין סעקונדע ניט געלאָזט פון דיא אויגען....

דער ארעמער מאַן איהרער איז שיער ניט משוגע געוואָרען פון צרות.

ער וואָלט צו יעדער מינוט געווען גרייט אַוועקצוגעבען אַ האַלבען לעבען אום צו בעפרייען זיך פון זיין טהייערער העלפט. — ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוטה אויסצופיהרען זיין הייסען וואונש.

זיין גליקליכסטע, זיין ליעבסטע פאַנטאַזיע איז געווען צו זעהן זיין אייגענע פער־זאָן חאַטש איין נאַכט אָהן זיין פרוי... און דאָך איז זיא געווען מיט איהם אימער־אימער צוזאַמען.

איהם איז געוואָרען דער לעבען איבערדריסיג... ער האָט געפיהלט דעם גיהנום ביי זיך אין הארצען... זיא האָט עס געזעהען און דאָס איז געוואָרען איהר לעבען, איהר גליק; איהר נקמה איז געווען איהר נשמה...

זיין גרעסטע גליק איז געווען איהר שמערץ. זיין גדרולד האָט גענומען פּלאַצען און ער האָט גענומען ביסלעכוויז ארויסצייגען זיינע געפיהלען.

איהר האַסס איז געוואָרען גיפטיגער, שטאַרקער, טיעפער... זיא האָט זיך אָבער געמאַכט, אז זיא פערשטעהט איהם ניט און זיא איז אלץ מעהר און מעהר געוואָרן צו איהם צוגעבונדען און ער האָט געפיהלט ער ווערט דערשטיקט פון איהר...

ענדליך האָט ער מוטה געקראָגען, האָט זיך ענטשלאָסען און האָט איהר געזאָגט, אַז ער ליעבט אַן אַנדערע און אַז זיי מוזען זיך שיידען...

— דו אידיאָט ! — האָט זיא זיך צולאכט, ווען זיא האָט איהם אויסגעהערט— און וואָר דיינקסטו? איך האָב דיך ליעב? איך האס דיך וויא... דעם טויט....

— דעסטאָ בעסער — האָט ער געענטפערט און האָט זיך געטרייסעלט פון אויפ־רעגונג.

— קענסט געהן — האָט זיא געענטפערט און זיא האָט איינפאך אויף איהם אויסגעשפּייט.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט און דיא פּאָר זיינען אוועק שלאָפען אין בעזונדער'ע צימערן...

דיא פּרויס נקמה האָט זיך אָבער ניט געענדיגט !

איינינע מאָהל איז זיא אויפגעשטאַנען פון איהר בעטיל און מיט פלאמענדע אויגען און מיט שטילע טריט וויא א קאַץ איז זיא צוגעגאנגען צו זיין צימער און האָט זיך צוגעקוקט אויב ער שלאָפט.

ווען זיא האָט זיך איבערצייגט אז איהר מאַן געפינט זיך אין דער וועלט פון חלומות, איז זיא אריין אין צימער א קוק געבען מיט האס אויף איהר שלאָפענדען מאַן, האָט געעפענט דיא רעהרען פון דיא גאז און איז מיט א שרעקליכען שמייכעל ארויס פון צימער....

דיא פרוי'ס נקמה האָט זיך אָבער נאָך ניט אין גאַנצען געענדיגט...

שפּעטער איז זיא אריין צו דעם מאַן אין צימער, געלייגט זיך לעבען איהם, גענומען זיינע שוין כמעט פערקיהלטע הענד און צוגעדריקט ארום זיך... ארומגענומען איהם, צוגעשלאָסען זיינע ליפּען צו איהרע...

און אין אזא פּאָזע האָט מען זיי אויף מאָרגען געפונען טויט...

אין אַן איבערגעלאָזענעם צעטעלע האָט זיא געבעטען פאר זיך און אויך אין נאָמען פון איהר מאַן, אז מען זאָל זיי מקבר זיין אין איין קבר.

פריינד האָבען ערפיללט זייער ביטע: מען האָט זיי אויך געשטעלט א מצבה, אויף וועלכער מען האָט אויסגעקריצט דיא טיעף־ריהרענדע ווערטער:

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו“, און קיינער ווייס ניט, אז דאס איז געווען א פרוי'ס נקמה.

נאַ דיר פרייטאג.

איך צווייפעל אויב אירגענד ווער האָט ווען עס איז געוואָרט אויף א פרייטאג, אזוי וויא עס האָט דיא לעצטע גאַנצע וואָך געוואַרט איף איהם ברוך דער שוהמאַכער און זיין פאמיליע.

דער מאַן איז א גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען סלעק, ער האָט עפּעס ביי א דריי מאָנאַטען צייט א צובראָכענע פּענע ניט פערדיענט און ביי איהם אין הויז האָט זיך איינגעוואָרצעלט א פינסטערע, שוידערליכע נויטה. עס איז געקומען אזוי ווייט, אַז עס איז איינפאַך ניט געווען אויפן שטיקעל טרוקענעם ברויט.

נור ענדליך האָט זיך דער מזל ערבאַרעמט איבער דעם אָרעמען שוסטער און ברוך האָט געקראָגען אַרבּייט. דער גליק איז געקומען פונקט צו דער צייט, וואָרום ווען עס וואָלט געדויערט עטוואָס לייגנער, וואָלט ברוך מיט זיין פאמיליע מעהר עקזיסטירען ניט געקענט.

מאָנטאג אין דער פריה, ווען ברוך איז אַוועק צו דער אַרבּייט, האָט ער מיט זיך גאָרנישט גענומען צום עסען. אויך האָט ער געוואוסט, אַז ער לאָזט איבער אין דער היים א פרוי מיט דריי קליינע קינדער אָהן א שטיקעל ברויט.

ברוך׳ס ווייבעל, וועלכע איז שוין געווען אין דער לעצטער שטופע פון פעֿ־ צווייפלונג און וועלכע איז שוין געווען מיעד פון בעטען באָרגען און פון בעטען לייען וואָלט שוין געוויס געבליבען זיצען אין דער היים און איבערגעבען זיך און איהרע קינ־ דער אין דער האַנד פון דעם שיקזאל, נור דער גדאנק, אַז איהר מאַן אַרבּייט שוין האָט איהר געגעבען מוטה. זיא איז אַוועק „טרייען“ און האָט ענדליך אַרום האַלבען טאָג געקראָגען ערגעץ וואו א דאָלער אויסגעבאָרגט.

דיא פרוי איז געקומען אהיים, געמאַכט עפּעס וואָס צום עסען פאַר זיך און דיא קינדער, אויך האָט זיא געמאַכט א סאַפּער פאַרן מאַן.

ווען ברוך איז געקומען פון דער אַרבּייט איז ער געווען אזוי שוואַך, אַז קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטען אויף דיא פיס.

— וואָס הערט זיך?—זיינען געווען זיינע ערשטע ווערטער ווען ער איז אַריינ־ געפאַלען אין הויז — האָבען דיא קינדער געגעסען ?

— יע, יע — האָט איהם בערוהיגט זיין פרוי.

— נו, און מיר איז עפּעס פאַראַנען וואָס א ביס צו טאָהן ? — האָט ער שוין דאָן געפרעגט מיט א לייכטערן אָטהעם.

ראָזע, אזוי האָט געהייסען ברוך׳ס ווייבעל, האָט מיטגעטהיילט איהר מאַן, אַז עס איז דאָ א סאַפּער, און דעם אָרעמען שוסטער איז געוואָרען גוט און לייכט אויפן הארצען.

שפּעטער ביים סאַפּער האָט ראָזע זיך צורעדט מיט איהר מאַן, ער האָט דער־ צעהלט וועגען זיין אַרבּייט און זיא האָט אַלץ דערציילט, וויא ביטער און שווער עס איז איהר אָנגעקומען צו דערקאָזען דעם דאָלער און דאַן האָבען זיי ביידע געפאַכט א רעזאָלוציאָן, אַז מיט דעם געבאָרגטען דאָלער מוז מען אויסקומען ביז פרייטאג אבענד

ד. ה. ביז וואנען ער, ברוך, וועט בריינגען זיינע ווײדזשעס, וואָרום אין דער פעקטאָרי וואו ער האָט געארבייט איז פרייטאג געווען דער „פיי דיי".

ברוך פלעגט יעדען טאָג געהן צו דער ארבייט און ער האָט געוואַרט אויפן פרייטאָג. ראָזע פלעגט יעדען טאָג מאַטערן זיך מיט איהר עקאָנאָמיע אום אויסצוציהען דיא לעצטע הוצאות פון דעם איינציגען דאָלער און האָט געוואַרט אויפן פרייטאג. אויך ברוך'ס הונגעריגע אויסגעדאַרטע קינדערלעך האָבען ערוואַרטעט דעם גוטען פרייטאג וועגען וועלכען פאפא און מאמא האָבען זיי דערצעהלט הרים וגבעות, און אין וועלכען זיי האָבען ערוואַרטעט צו געניסען פיעלע פערשפּראָכענע גליקען — איך צווייפעל אויב אירגענד ווער האָט ווען עס איז געוואַרט אויף פרייטאג אזוי וויא עס האָט דיא לעצטע גאַנצע וואָך געוואַרט אויף איהם ברוך דער שוהמאַכער און זיין פאַמיליע...

דאָנערשטאָג איז אַריבער! ביי ברוך'ן אין הויז איז שוין א פּעני ניט געווען. ראָזע האָט דיא לעצטע פּאָר סענט פון דעם דאָלער געשפּענט אויף א האַלבען גאַלון קעראָ־סין, א לעבעלע ברויט און א הערינג. דיעזער מאַטעריאל איז דאָס שוין געווען איינ־געקויפט אויף מאָרגען, אויף פרייטאג. אָבער מעהר איז אין הויז גאָרנישט געווען. ניט קיין צוקער, ניט קיין טעה, ניט קיין קאַפע, ניט קין ביסעל מילך, גאָר נישט, גאָר נישט? אָבער דערפאַר האָט מאָרגען בעדאַרפט זיין פרייטאג און ברוך מיט זיין פאַמיליע האָ־בען ניט געזינדיגט.

אויף מאָרגען פריה, פרייטאג, וויא ברוך האָט נור געעפענט דיא אויגען פון שלאָף, האָט ער גלייך צו זיך זעלבסט געזאָגט:

— היינט איז שוין פרייטאג.

— עס האָט זיך ארויסגעצייגט אז ראָזע שלאָפט שוין אויך ניט און זיא האָט געענטפערט:

— און איך טראַכט וועגען דעם טאָקע.

—אז מען לעבט דערלעבט מען — האָט ברוך געזאָגט און גענומען שנעל אָנטאָהן זיך.

— גאָט צו דאנקען דורכגעקומען — האָט ראָזע גלייך בעגינען איינגעטהיילט א ברכה דעם טאַטען אין הימעל.

ברוך איז ארוים אין קיטשען, א פליאָך געגעבען א ביסעל וואסער אויף דיא הענד, א ריב געגעבען דעם פּנים, א וויש מיטן האַנטוך און שוין גענומען געהן צום טיהר.

— ברוך, — האָט ראָזע איהם אָבגעשטעלט — נעהמסט גאָר ניט מיט זיך אין שאָפּ?

— איך האָב זיך גאָר פערגעסען — האָט ברוך זיך א כאַפּ געטאָהן — האָסט עפּעס וואָס צו געבען?

— אין ברויט באָקס ליגט ברויט — האָט ראָזע געענטפערט — און אין אלמער אין א פּייפּערל ליעגט א הערינג; נעהם, דאָס איז אלעס וואָס איך האָב, ברוך'ל.

— נענוג — האָט ברוך געענטפערט, שנעל אָבגעשניטען א שטיקעל לחם, אָבגע־ריסען דעם קאָפּ פון דעם הערינג, פערוויקעלט אין א פּייפּער און גענומען עפענען דיא טיהר.

— ברוך — האָט ראָזע א צווייטען מאָהל אָבגעשטעלט איהר מאַן — וועסט אפשר קענען אויסבאָרגען א פּאָר פּענעס אין שאָפּ, וועסט זיך עפּעס קויפען צום עסען.

— אָט — האָט ברוך געענטפערט — און אפשר וועסטו קריגען עפּעס, כאָטש א פּאָר פּענעס, קויף פאַר דיא קינדער עפּעס צום עסען.

— ברוך... וועה איז מיר ניט — האָט ראָזע זיך פּלוצלונג א כאַפּ געגעבען —

עס איז דאָך עפּעס היינט פרייטאג, איך האָב גאָר פערגעסען. ביז וואנען דו וועסט קומען ברייגגען געלד און ביז וואנען איך וועל אראָפּ איינקויפען, קען מען נאָך חלילה פערשפּעטיגען דיא בוטשער סטאָר און דיא גראָסערי, וועה איז מיר, וואָס זאָל איך טאָהן?

— וואָס קען איך דאָ העלפען? — האָט ברוך געענטפערט.

—איך וועל דיר זאָגען — האָט ראָזע געענטפערט — ווען דו וועסט געהן פון שאָפּ, הייל זיך וויא דו קענסט, און אויפן וועג פערגעה אין בוטשער סטאָר, נעהם א פונט פלייש, פערגעה אין גראָסערי, און פערכאַפּ א קוואָרט פּאָטייטאָס, א פונט ציבעלע, א פערטיל פוטער, א פייפער צוקער, אַן אכטעל טעה, א פערטיל קאַפע.

— וואַרט, און וואָס נאָך? — האָט ראָזע זיך געכזמען עראינערן און גלייך ווייטער געגומען רעכענען:

— א פערטיל רייז, צוויי סענט ראָזשינקעס, א חלה און אכט סענטיגע, צוויי הערינג און... און וואָס נאָך?

ביי דעם אָרימען ברוך'ן האָבען זיך דיא האָר פון קאָפּ אוועקגעשטעלט קאַפּויר.

— גענוג, גענוג — האָט ער איבערגעשלאָגען זיין ווייבעל — וואו וועל איך דאָס אַלעס געדיינקען?

— וועסט געדיינקען — האָט ראָזע געזאָגט — און ווען ניט וועט דער גראָסערי מאַן דיך שוין אליין דערמאָנען. ער וועט שוין דיר אַלעס אויסרעכענען.

— און וויא וועל איך דאָס אלעס אריינטראָגען? — האָט ברוך געפרעגט.

— גלייך — האָט ראָזע געענטפערט.

דיא ווייבעל איז ניט פויל געווען, אויפגעהויבען זיך פון בעט, אריין אין פראָנט רום, ארויסגענומען עפּעס א טישטוכעל פון שטרויענעם קאָסטען און דערלאַנגט עס דעם מאַן.

— נאַ, — האָט ראָזע געזאָגט מיט א שמייכעל — וועסט איינוויקלען אלעס אין דעם, וועסט מאַכען א באָנדעלע.

ברוך איז אייגענטליך ניט געווען צופריעדען פון דעם גאַנצען מסחר און ער איז שוין געווען ברוגז'לעך. נור ווען עס האָט זיך לעבען איהם אוועקגעשטעלט זיין ראָזע אין איהר „נייט גאָן" און האָט קאָקעטיש געשמייכעלט איז איהם דער כעס פּאַראַבער; ער האָט גוט מוטהיג א שמייכעל געגעבען און גענומען דעם טישטיכעל אוועקלייגען אין קעשענע, דערווייל האָבען גענומען ברוך'ס קינדערלעך איינציגוויים ארויסקריכען פון בעד - רום.

— פּאַפּא, היינט איז פרייטאג, וועסט ברייגגען גוטע זאכען.

— פּאַפּא, ברייגג מיר קענדי.

— פּאַפּא . . .

— גוט, גוט, גוט — האָט ברוך שטיל געענטפערט און איז ארויסגעלאָפען פון הויז . . . .

אין שאָפּ, וואו ברוך דער שוסטער האָט געארבייט, האָט מען געהאַלטען אין טהיילען וויידזשעס צו דיא ארבייטער.

ברוך לערמאַן — האָט דער באָס אויסגערופען און אונזער שוסטער איז צוגעגאַנגען צום באָס: דער ארבייטער האָט געהאַט צו בעקומען זיעבען דאָלער און ער האָט שוין ערוואַרטעט גלייך צו קריעגען דיא מזומנים. מען האָט איהם אָבער קיין געלד געגעבען.

דער באָס האָט איהם אַנשטאָט געלד דערלאַנגט אַ פּאָר מענער שיך און האָט ביי איהם געפרעגט:

— האָט איהר דאָס געארבייט?

ביי ברוך'ן איז דאָס האַרץ אַזוי וויא פערשטאַרבען געוואָרען.

— יעס — האָט ברוך געענטפערט, דערקענענדיג זיין אַרבּייט.

דער באָס האָט איהם אָנגעצייגט אויף אַ געוויסען פעהלער וועלכען ער האָט געמאַכט אין דער ארבייט.

ברוך איז געוואָרען בלאַס וויא אַ טויטער.

— איך האָב אַזעלכע אכט פּאָר שיך — האָט דער באָס דאַן געזאָגט — און אַלע אייער אַרבּייט, און אַלע מיט דעם זעלבען מיסטייק.

ברוך האָט דערפיהלט אַזוי וויא אימיצער וואָלט ביי איהם אונטערגעהאַקט דיא פיס... איהם איז פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען....

— וועלל — האָט דער באָס געמומען רעדען — עס איז נאָך גוט, עס איז נאָך אַ גליק, וואָס דיא שיך זיינען ביליגע און דיא גאַנצע אכט פּאָר טרעפען אָן בלויז צעהן דאָלער.

— וואָס טהו איך? — האָט דער אונגליקליכער און דערשראָקענער ברוך געשטאַמעלט און ער האָט געציטערט וויא אַ בלאַט.

— וועל — האָט דער באָס געענטפערט — איך האָף אַז איהר וועט יעצט בעסער ארבייטען, נור דיא אכט פּאָר שיך מוזט איהר זיך צונעהמען, אַזוי פיהרט זיך דאָ אין שאָפּ; ווען איינער פערדארבט אַן אַרבּייט, נעהמט ער עס זיך צו און בעצאָהלט דאַפיר. זיעבען דאָלער וועל איך אייך אָפּרעכענען היינטיגע וואָך און דריי דאָלער וועט איהר אָפּארבייטען נעקסטע וואָך.

אין דער היים האָט מען ברוך'ן אונגעדולדיג ערווארטעט. דיא קינדער זיינען געשטאַנען און געקוקט אין דיא פענסטער און ראָזע האָט זיך פערפערטיגט און צוגעגרייט. זיא האָט אויפגעזאָדען אַ „טהי פּאָט" מיט וואַסער. אוועקגעשטעלט קאָכען אין אַ טעפּעל וואַסער, פערקאַשערט דיא אַרבעל הויך אַריבער דיא עלענבויגענס און האָט געוואַרט אויף איהר מאַן.

— דער פּאַפּאַ געהט! דער פּאַפּאַ געהט! — איז געוואָרען אַ פרייליכער ליאַרם פון דיא קינדער.

ראָזע האָט אַ בליק געגעבען אין שפּיעגעל און צוגעלאָפען צום פענסטער. זיא האָט ווירקליך געזעהען איהר מאַן מיט אַ באַנדעל אין דיא הענד, קומענדיג אַלץ נעהענטער און נעהענטער צום הויז. ראָזע האָט מיט דורסטיגע בליקען בעטראַכט דעם באַנדעל וועלכען איהר מאַן האָט געטראָגען; איהר האָט דער באַנדעל געשיינט צו זיין צו גרויס עפּעס און דעם שוסטער'ס ווייבעל האָט געטראכט און געוואונדערט זיך וואָס איהר מאַן האָט דאָרט אָנגעקויפט.

נור אָט האָבען זיך ברוך'ס טריט דערהערט אין האָל, ביי ראָזען האָט עפּעס גענומען קלאַפּען דאָס האַרץ און דיא קינדער האָבען גענומען שפּרינגען און טאַנצען.

— דער פּאַפּאַ געהט. . . .

— דער פּאַפּאַ טראָגט גוטע זאכען!

— דער פּאַפּאַ.... דער פּאַפּאַ ....

און דער פּאַפּאַ איז אַריינגעקומען.

אָבער אַה, וועה, וויא ברוך האָט אויסגעקוקט! . . . .

דער קאָפּ אַראָבגעלאָזען, דער פּנים בלאס און אויסגעקרימט פון יסורים און דיא אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען.

ברוך האָט א שליידער געגעבען דעם באַנדעל אויף דעם פלאָר, האָט זיך א זעץ געגעבען אויף א שטוהל און בעהאַלטען דעם קאָפּ אין דיא הענד.

ראָזע, וויא אויך דיא קינדער, זיינען געבליעבען שטעהן איבערראשט, פערוואונ־דערט און דערשראָקען.

— וואָס איז דער מעהר ? — האָט מיט א פערשטיקטען אטהעם געפרעגט דיא דערשראָקענע ראָזע.

— טהו א בליק... ועסטו ויסען — האָט ברוך געצייגט אויף דעם באַנדעל, און ער האָט גענומען אָיקען און זיפצען.

ראָזע האָט פערנאַנדערגעבונדען דעם טישטיכל.

— שיך ! האָט דיא ארעמע פרוי א פערצווייפעלטען געשריי געגעבען און איהר פּנים האָט זיך אויסגעקרימט פון שרעק.

— שיך.

— שיך, — האָבען דיא קינדערלעך פערוואונדערט איבערגעקוקט זיך, און דיא יונגינקע נפש׳לעך האָבען ניט געוואוסט, צו וויינען צו לאכען.

באַלד האָט ראָזע וועגען אלעם זיך דערוואוסט.

— נאַ דיר פרייטאג ! — האָט זיא געזאָגט מיט א נערוועזען שמייכעל... און באַלד האָט זיא זיך צוואויינט.

דיא קינדער האָבען טרויעריג אַראָפּגעלאָזען דיא קעפּעלעך און זיי זיינען געבלי־בען שטעהן שטיל וויא דיא בענומענע....

אַ מוטער.

דאַס איז געווען א זומער נאָך מיטאג, ווען עס האָט זיך אָנגעצינדען דיא הויכע בינף שטאָקיגע טענעמענט הויז נומער 302 ל. סטריט.

דער פייער האָט זיך אָנגעפאנגען אין ביסמענט, וואו א'ן איטאַליענער האָט גע־האַלטען א גאנצען סטאָק אלטע רעגס און שמאַטעס. מיט א טייוועלשער שנעלקייט האָבען זיך דיא פלאַמען אריינגעריסען אין האָלל, אויפגעהויבען זיך צו דיא העכערע פלאָרען און האָבען זאָפאָרט אָבגעשניטען דעם ארויסגאַנג איבער דיא טרעפען...

בלאַסע, ערשראָקענע פּנים'ער פון מענער, נור איבערהויפּט פרויען און קינדער, האָבען זיך געגומען צייגען ביי דיא פענסטער פון דער ברענענדער הויז און דיא גאַס איז פול געוואָרען מיט בענומענע הערצרייסענדע געשרייען פון דיא, וועלכע האָבען זיך געזוכט צו ראַטעווען און אויך פון דיא צושויער, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענ־געלאָפען ארום דער ברענענדער בילדינג.

דיא שכנים פון דיא העכערע פלאָרס האָבען זיך בלויז אויף אייניגע סעקונדען געצייגט לעבען דיא פענסטער און א קוק געבענדיג, אז דער אונטערסטער פלאָר איז שוין אין פייער, זיינען זיי צוריק געלאָפען וואהרשיינליך זוכען זייער רעטונג דורך דעם רוף, און דיא לייטע פון דיא נידריגערע פלאָרס ניט האָבענדיג קיין אנדער וועג וויא זיך צו רעטען, האָבען גענומען קלעטערען איבער דיא שמאָלע טרעפּלעך פון דיא פייער־עסקייפּס... אנדערע האָבען געוואָלט גלייך פון דיא פענסטער שפּרינגען, אָבער דיא צוזאַמענגעקליבענע מאַסע האָט צו זיי פון אונטען ארויפגעשריען, געווארענט און ניט דערלאָזט בעגעהען דיעזען געפעהרליכען שריט.

פּאָליסלייט און בראַווע מענער האָבען זיך געוואָרפען אין פייער און געהאָלפען וויא ווייט עס איז געווען מעגליך דיא אונגליקליכע, אָבער איין מינוט לייגער און אלעס איז שטיל געוואָרען... דיא פלאַמען האָבען אָבגעשניטען יעדען צוטריט צו דער הויז און קיין שפּור פון לעבען האָט זיך מעהר ניט בעוויזען אין דער ברענענדער גע־ביידע.

דער פייער האָט זיך שוין געלאָזט זעהען דורך דיא העכערע פלאָרס און פון איי־ניגע פענסטער האָט ארויסגעשפּארט א געדיכטער רויך, איבערמישט מיט פונקען און פייערדיגע צינגער. . . .

— פיעלייכט זיינען נאָך דאָרטען אייניגע פערבליעבען ?

— אז דיא פייערלייטע וואָלטען שוין כאָטש קומען !

— וויא שנעל דאָס האָט געכאַפּט ברענען !

— אונטערגעצונדען ?

— נאָו, א סיבה — האָבען זיך צווישען דער מאַסע צושויער געהערט פערשיע־דענע אויפגערעגטע געשפּרעכען... פּלוצלונג זיינען אלע געבליעבען שטיל, וויא פער־שטאַרבען און פון דער מאַסע האָט זיך ארויסגעריסען אן אלגעמיינער זיפץ...

לעבען אן אָפענער פענסטער אויפן טאָפּ־פּאָלר האָט זיך געצייגט אן אלטע גראָע פרויענצימער.

זיא האט אויסגעשפרייט דיא הענד, עפּעס אזוי וויא זיא האט זיך געבעטען מען זאל זיא רעטען... א וואלקען מיט רויך האט זיא אויף איינינע סעקונדען פערשטעלט און א געשריי פון אויפרעגונג און שרעק האט זיך ארויסגעריסען פון הונדערטער הערצער...

דיא פרוי איז ארוים אויפן פייער־עסקייפ.

— דיא אלטע מיסעס שולעם! — האבען אויסגעשריען דיא שכנים, וועלכע האבען דערקענט דיא אלטע פרוי און דיא לייטע האבען פערבראכען דיא הענד.

דיא פרוי איז געשטאנען אזוי וויא צוטומעלט און האט זיך פון ארט ניט גע־ריהרט... עפּעס, אזוי וויא זיא וואלט געווען ניט א לעבעדיגע.

פון ווייטען האט זיך שוין געהערט דער קלינגען און פייפען פון דער קומענדער פייער־קאמאנדא און הונדערטער קולות האבען גענומען ארויפשרייען צו דער אונגליק־ליכער פרוי אז זיא זאל זיך ניט פערליערען, אז באלד וועט מען איהר קומען צו הילף.

פון דיא פענסטער לעבען וועלכע דיא פרוי איז געשטאנען האט זיך געצייגט א רויך.

אלע זיינען געשטאנען מיט פערשטארבענע הערצער.

פּלוצלונג האט דיא פרוי א כאפּ געגעבען זיך, עפּעס אזוי וויא זיא וואלט זיך אויפגעכאפּט פון א טיעפען שלאף און מיט דיא שנעלקייט פון א בליץ איז זיא אריינ־געשפרונגען דורך׳ן פענסטער צוריק אין צימער.

— פערפאלען! — האבען פיעלע פון דער „קראוד" אויסגעשריען ביטער אין פערצווייפעלט.

— פיעלייכט א קינד פערגעסען? — האבען איינינע אויפגערעגט גערעדט.

— פיעלייכט געלד? — האבען אנדערע קאלטבלוטיג געגעבען זייער מיינונג.

אבער ביי דיא שכנים, וועלכע האבען גוט געקענט דיא אלטע מיסעס שולעם, ביי דיא האבען זיך פון שרעק דיא האר אויף דיא קעפּ אוועקגעשטעלט קאפּויר און א סקרוך איז זיי אריבער איבער דיא לייבער.

— פערלארען דעם דעת.

— משוגע געווארען.

— אה, אונגליקליכע, אה ארימע! — האבען דיא שכנים געבראכען דיא הענד. און זיי האבען אנדערש ניט געקענט דיינקען!

דיא שולעמס, דאס הייסט דיא פרוי און איהר מאן, האבען געוואהנט אין דיעזע הויז פון לאנגע, לאנגע יאהרען, און דיא שכנים האבען צו גוט געוואוסט אז זיא האט ניט וועמען און אויך ניט וואס צו רעטען.

א קורצע, אבער אונענדליכע טרויעריגע געשיכטע האבען דיא שכנים געוואוסט וועגען דיא אלטע שולעמס.

אמאהל זיינען דיא שולעמס געווען א קליינע, אבער פריילינע און גליקליכע פאמיליע, דאס איז געווען דאן ווען עס האט ביי זיי נאך געלעבט זייער איינציג קינד, זייער ליעבער, זייער טהייערער „אבראשע".

אבראשע איז אלט געווען פערצעהן יאהר, ער איז געווען א פריילינער, לעבע־דיגער, געראטענער באי, ער איז נאך געגאנגען אין סקוהל און האט זיך אויסגעצייי־כענט געלערנט...

אה, וויא גליקליך עס זיינען דאן געווען זיינע עלטערן, עס איז געווען בלויז מיט איינינע יאהרען צוריק, און דאך האט מען דאן גאר ניט געטראכט זיי צו רופען דיא „אלטע שולעמס", ווארום זיי זיינען דאן געווען יונג, שטארק און שעהן....

אבראשקע איז קראנק געוואָרען און איז געשטאָרבען...

פינף יאָהר זיינען אריבער און, אָה, וויא אלט, וויא שטיל און וויא קראנק זיינען געוואָרען דיא שולעמס!

זיי זיינען נאָךביידע ניט אלט געווען קיין פופציג יאָהר, און דאָך זיינען זיי געווען גרוי און אלט פון זיעבציג און מען האָט זיי גערופען דיא אַלטע שולעמס...

אמאָהל, ווען אבראשא האָט געלעבט, האָט שולעם פיין פערדיענט, און דיא פאַמיליע האָט געמאכט א פיינעם אנשטענדיגען לעבען, אָבער יעצט איז דער שוואכער, איבערגעבראָכענער מעלאנכאָלישער שולעם ניט פייהיג געווען צו דער ארבייט; ער האָט געשאפט אין אַ פעקטאָרי, האָט אָבער זעהר ווענינ פערדיענט... און דיא שכנים האָבען געוואוסט אז דיא אַלטע, שטילע, עלענדע שולעמס לעבען אין גרויס ארמוטה.

„פערלאָרען דעם דעת" — דאָס איז געווען דיא איינציגע ערקלערונג, וועלכע דיא שכנים האָבען זיך געקענט געבען אויף דעם, וואָס דיא אונגליקליכע פרוי האָט זיך צוריק אריינגעוואָרפען אין א ברענענדען צימער...

דיא פייער־קאָמאַנדאָ איז אָנגעקומען. און טומעלדיג און אויפגערעגט האָט יעדער אָנגעצייגט אויף יענעם פענסטער, וואָהין עס איז אָט ערשט פערשוואונדען געוואָרען דיא אַלטע פרוי.

אָבער בעפאָר א פייערמאַן האָט נאָך צייט געהאַט עטוואָס צו טאָהן האָט זיך דיא אַלטע מיסעס שולעם צוריקגעקעהרט לעבען פענסטער....

אַ פריידען־געשריי האָט זיך ארויסגעריסען פון הונדערטער הערצער...

דיא אַלטע איז ארוים אויפן פייער־עסקייפ... איהרע גרויע האָר זיינען געווען צופאַלען און צוזוואָרפען... מיט איין האנד האָט זיא געריבען דיא אויגען, וועלכע דער רויך האָט פערבלענדעט און אין דער צווייטער האנד האָט זיא געהאַלטען... א קליין באַנדעלע מיט ביכלעך, „טעטראדען" און שרייב געצייג... אָט דאָס האט דיא פרוי גערעטעט פון פייער.

— איהר קינד'ס סקוהל ביכער! — האָבען א זיפץ געגעבען דיא, וועלכע האָבען געקענט דיא אונגליקליכע מיסעס שולעם... ביי דיא לייטע זיינען דיא אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען... און צווישען דער מאַסע האָט זיך דערהערט א שטילער געוויין...

אַ וואָלקען מיט רויך האָט אַ שפּאַר געגעבען אויף דער אלטער פרוי, זיא איז געפאַלען.......

אין א מינוט אַרום האָט אַ פייערמאַן זיא געטראָגען ארונטער איבער א לייטער. איהרע גרויע לאַנגע האָר זיינען אראָפּגעהאנגען... זיא איז געווען א געחלש'טע... אָבער דיא אונגליקליכע מאַמע האָט ניט ארויסגעלאָזען פון איהר האַנד איהר קינד'ס סקוהל ביכער...

אָה, ווער פערשטעהט א מוטער?!....

מ נ ש ה.

דאָס איז געווען א זורינער זומער אבענד: איך בין ערשט געקומען פון דער אר־בייט, פערנאנדער געטאָהן זיך, פערנאנדערגעשפּילעט זיך, אוועקגעזעצט זיך לעבען פענסטער פון מיין קליינעם חדר, וועלכען איך האָב פערנומען און האָב זיך געפּאָכט מיט דער נשמה.

מען האָט אָנגעקלאַפּט צו מיר אין טיהר, און ניט װאַרטענדיג אויף קיין ענטפער איז אַריינגעגאַנגען א פרוי מיט געלע האָאָר און אין שרעקליך י פערשלומפּערטע קליידלעך.

נאָך איהר „אַפּירענס" האָב איך גלייך געקענט זעהען אז דיא ווייבעל איז ניט גע־קומען צו מיר פון מרחקים; דער קאָפּ איז ביי איהר מיט גאָר נישט געווען בעדעקט, דיא ארבעל פערקאַשערט. זיא האָט געהאַלטען א קאָך־לעפעל אין האַנד און האָט עפּע־מעלה גרה געווען.

זיא האָט הפנים פערשטאַנען, אז איהר וויזיט קוקט מיר אויס קשה׳דיג און זיא האָט זיך געהיילט צו ערקלעהרען.

— איך בין מנשה׳ס ווייב — האָט זיא געזאָגט.

— מנשה גרוקלין׳ס? — האָב איך איבערגעפרעגט.

—יעס — האָט דיא אריינקומענדע געענטפערט — גרוקלין׳ס, גרוקלין׳ס.

איך האָב אויף גיך אַרויפגעכאַפּט א רעקעל און געבעטען איהר זיצען.

מנשה׳ן האָב איך געקענט און גוט געקענט. ער איז געווען אַן אַפּרייטאָר ביי קעפּ־און האָט מיט מיר געארבייט אין איין שאַפּ.

איך האָב געוואוסט אַז מנשה וואָהנט ערגעץ דאָ אין הויז. זיין ווייב האָב איך אָבער געהאַט דיא עהרע צו זעהען דעם ערשטען מאָהל.

— הערט נור — האָט דיא פרוי אָנגעפאנגען — איהר ארבייט דאָך מיט מיין מאַן אין איין שאַפּ.

— יעס, יעס, האָב איך בעשטעטיגט דעם פאקט.

— נו, טאָ זאָגט זשע מיר — האָט זיך דעם אפּרייטאָר׳ס געלע ווייבעל א שטעל געטאָהן וויא א יון — פאַר וואָס עפּעס זעה איך אַז איהר זייט געקומען פון דער אר־בייט, ווען גאָט און לייט קומען, מיט אַלע מענשען גלייך, און מיין חאָלעריע — ניט, און דאָס איז שוין ניט צום ערשטען מאָהל, אז ער ווערט ערגעץ וואו פערפאַלען און קומט מיט צוויי שטונדען שפּעטער וויא אַלע אנדערע. וואָהין שלעפּט ער זיך דאָס ארום ?

— איך ווייס ניט — האָב איך ערנסט געענטפערט.

דיא ווייבעל האָט אַזוי זיך צוואָרפען מיט איהר קאָך־לעפעל אז איך האָב גע־מיינט דאָס זיא דיינקט מיך מכבד צו זיין.

— איהר ווייסט ניט ? — האָט זיא עפּעס פיעל בעדייטענד א מאַך געטאָהן מיט דיא אויגען — וויא הייסט ? איהר גערט דאָך צוזאַמען אוועק פון שאַפּ, זעהט איהר דאָך וואָהין ער פערגעהט.

איך האָב זיך דערמאָנט אַז ווירקליך ווען מנשה געהט פון דער ארבייט, טרעפט דאָס ער געהט אָב מיט מיר צוזאַמען בלויז א פּאָר בלאָק, נאָכהער פערקעהרט ער זיך. און געהט עפּעס אַוועק ווייטער אין אַן אנדער וועג. איך האָב זיך אויך עראינערט אַז איין מאָהל האָב איך ביי איהם געפרעגט וואָהין ער געהט עס, און ער האָט געענט־פערט, אַז ער פערגעהט צו בעקאַנטע.

—ער מוז פערגעהן צו בעקאַנטע — האָב איך געענטפערט דער פרוי.

— צו בעקאַנטע ? — האָט זיא איבערגעפרעגט, און האָט זיך, איך ווייס אַליין ניט וואָרום פּלוצלונג ווילד צולאַכט. ווער? וואָס? ווען? וועמען? מיר זיינען דאָ נאָך גרין, עלענד וויא דיא שטיינער. וועמען האָט ער, דער אונגליק ?

— איך ווייס ניט — האָב איך געזאָגט — אַזוי האָט ער מיר דערצעהלט.

— אָלרייט ! — האָט מנשה'ס פרוי געענטפערט. — איך וועל איהם פערגעבען א גוטען חלק, ער וועט מיך האָבען צו געדיינקען.

און זיא איז אַוועק.

ווען זיא איז אַרויס פון חדר האָט זיך מיר גלייך פאָרגעשטעלט וויא דער אָרימער שוואַכער, שווינדזיכטיגער מנשה קריגט א חלק פון זיין געלער ווייבעל און מיר האָט עפּעס מיין הארץ פערקלעמט.

מנשה איז געווען א מאַן פון א יאָהר דרייסיג, זיין פּנים איז געווען געל בלאַס און ארומגערינגעלט מיט אַ שוואַרצער בערדעל, ער איז געווען זעהר א דאַרער, א הוס־טער און א קראַנקער, ער האָט ניט געקענט שרייבען און שוואַך געלייענט בלויז אידיש, איז געווען אַ שטילער אָרענטליכער מענש'ל, מען קען זאָגען דער איינצעלנער אפּריי־טאָר אין שאָפּ וועלכער האָט פערגונען דעם לעבען זיינע מיטאַרבייטער און ער איז גע־ווען בלויז איין יאָהר אין לאַנד און חברה פלעגען פון איהם ליעב האָבען שפּאַס צו מאַכען אויף דעם רעכענונג. איך פלעג זיך אימער פאר איהם אָננעהמען, וואָרום איך האָב איהם ליעב געהאַט.

— וואָהין קען ער דאָס טאָקע געהן ? — האָב איך גענומען טראַכטען אין מיר איז דיא אנגעלעגענהייט געוואָרען זעהר אינטערעסאַנט.

אויף מאָרגען פריה האָב איך זיך נאַטירליך געטראָפען מיט מנשה'ן.

איך האָב געוואָלט מיט איהם נעהמען ריידען וועגען זיין אידענעס וויזיט צו מיר. דער אפּרייטאָר האָט אָבער אין דיזען פריהמאָרגען אויסגעקוקט אַזוי טרויעריג, אַזוי אונגליקליך, און מיר האָט זיך געדאַכט אַז דער מאַן האָט שוין געקראָגען דעם „פער־שפּראָכענעם חלק" און ביי מיר האָט ניט געכאַפּט קיין מוטה מיט איהם אָנצופאַנגען צו־ריידען וועגען זיין ווייבעל.

פאַר נאַכט ווען מיר זיינען געגאַנגען פון שאָפּ, האָט מנשה צו מיר געזאָגט.

— איז מיין אידענע ביי אייך געווען ?

— יעס — האָב איך געענטפערט — ברודער מנשה, זיא שיינט צו זיין אויף אייך אַנגעשטויסען.

— א בייזע זעהר — האָט דער אפּרייטאָר געזאָגט — צוקאָכט זיא זיך — קען זיא טויטען א מענשען, אָבער א רחמנות, א ביטערע הארץ, נעביך. אויף גרויסע צרות, דלות, דחקות....

מנשה האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען.

— זיא האָט ביי אייך געפרעגט, וואָהין איך פערגעה עס אַן אנדערס מאָהל נאָך דער ארבייט? — האָט זיך דער אפּרייטאָר צו מיר ווייטער געווענדעט.

— יעס — האָב איך געענטפערט.

— איהר ווילט וויסען ? — האָט מנשה געפרעגט.

— ווארום ניט, מיסטער גרוקלין ?

— קומט לייגט אָן א פּאָר בלאָק גאנג — האָט מנשה געענטפערט — און איך וועל אייך עפּעס ציינען.

— קומט — בין איך געווען איינשטימיג און מיר זיינען אוועק צוזאמען.

אָפּגעהענדיג עטליכע בלאָק, האָט מיר מנשה אריינגעפיהרט עפּעס מיט א שמאָלער, נאָך ווייניג פערבויטער געסעל.

מנשה האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען צופריעדען שמייכלען. איך האָב זיך פערוואונדערט ארומגעקוקט. מיר זיינען געשטאַנען לעבען א לעערען לאָט, א טהייל פון וועלכע עס איז געווען ארומגערינגעלט מיט א נידריגען צאָם פון שטיינער און איבערגעבראָכענעם דראָט און איז געווען בעארבייט אַלס אַ גאָרטען.

— קוקט נור — האָט מיר דער אפּרייטאָר אָנגעצייגט אויפן גאָרטען — וואָס פאר א מין חיות; מען זעהט עס אזוי זעלטען אין ניו־יאָרק.

מנשה איז צוגעגאנגען נעהענטער צום צאָם און זיינע בליקען האָבען עפּעס אזוי דורסטיג גענומען וואנדערן צווישען דיא גרינסען, וועלכע האָבען זיך יעצט פּראַכטפאָל צר־וואָרפען און געהאַלטען אין בליהען. איך האָב זיך צוגעקוקט צום גאָרטען. אַלעס וואָס דאָרטען איז געוואקסען איז מיר געווען אונבעקאַנט, און איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאר א מינים דאָס זיינען. איין זאַך איז אין גאָרטען אָבער יע געווען פאר מיר היימליך און בעקאַנט און דאָס זיינען געווען אייניגע שיינע גראַציאָזנע הויכע „לבנות", וועלכע זיינען דאָ און דאָרט געווען פערשפּרייט איבערן גארטען, און זיינען געשטאַנען אזוי וויא שטומע פערטראכטע, שיינע וועכטער. דיא רייזען האָבען שוין געבליהט און זייערע קעפּלעך האָבען זיך מיר אָפּגעדאַכט, אזוי וויא געהיימע טיעפע אויגען ארומגערינגעלט מיט געדיכטע גאָלדערנע ברעמען.

— איהר זעהט דיא „לבנות"? — האָט מנשה גערעדט ענטציקט, אָבער מעהר צו זיך אליין אידער צו מיר — קוקט, ס'ארא אנטיקעל, איך קען פון זיי אַן אויג ניט אראָפּנעהמען, איך בין קאַפּאַביל אָפּצושטעהן דאָ שטונדען לאַנג און קוקען אויף זיי, עפּעס איך פיהל אזא מחיה, אזוי וויא איך בין אין דער היים.. אין דער היים זיינען זיי א סך !...

דער אפּרייטאָר האָט א זיפץ געגעבען, פערטראכט זיך אויף אַ מינוט און ווייטער גענומען ריידען :

— איך קוק אויף דיא רויזען און איך דערמאָן זיך אויף אַמאָהליגע צייטען, ווען איך בין געווען נאָך אין דער היים. מיר האָבען געהאַט א גרויסען גארטען און איך האָב איהם אזוי האָלט געהאַט; ווען דער גאָרטען פלעגט נעהמען בליהען, פלעג איך דאָרטען אָפּזיצען גאַנצע שטונדען און ניט קענען אָנקוקען זיך. די רויזען פלעגען שטעהן אזוי פערטראַכט און פלעגען קוקען אזוי וויא מיט לעבעדיגע אויגען. דיא אוגערקעס פלעגען זיך צולעגען וויא דיא קעצעלעך. און פלעגען זיך ווייט, ווייט אוועקציהען מיט זייערע בלעטער, איבער דיא בייטען, דיא בעבעלעך פלעגען זיך דראַפּען וויא דיא קונדסים, און די קירבעס, און די פּאָטייטאָס... וואָס פאר א מין אנטיק! און בליהונגען, רויטינקע, בלויאינקע, געלע, גרינע, עפּעס אזוי וויא אויגען פון אלערליי קאָלירען. אין מיר פלעגט זיך דאכטען, אז אַלעס לעבט דאָ, אז דער גאנצער גארטען לעבט, און מיר פלעגט זיך דאכטען אז איך הער וויא זיי ריידען, דיא רויזען, דיא פּאָטייטאָס, דיא בעבעלעך און גאַנצע אבענדס פלעג איך פערברייננגען אין גארטען... איך האָב עס אזוי האָלט, אזוי וויא מיין נשמה... קוקט, קוקט, קוקט דיא רויזען זיינען זיי ניט וויא לעבעדיג ?

איך האָב אַ קוק געטאָהן אויף מנשה'ן. עס האָט זיך מיר געדאכט אַז דער שווינד־זיכטיגער אפּרייטאָר איז שענער און אינגער געוואָרען. זיין פּנים איז דאכט זיך ניט אַזוי בּלאס געווען און זיינע אויגען האָבּען אזוי צופריעדען און אַזוי גליקליך געבּרענט.

— איהר הערט ? — האָט צו מיר מנשה געזאָגט, ווען מיר זיינען אוועק פון גארטען — איך האָב שוין געהאט איין מאָל פערזעצט „שעמענעס“ פון רויזען אין דער היים אין אַ קעסטעל אויפן פייער עסקייפּ, עס האָט זיך געהאַט צוגענומען און גענומען ארויסשפּראָצען.

מנשה איז אנשוויגען געוואָרען.

— וועל ? — האָב איך געפרעגט — און וואָס איז געווען ?

— האָט דיא ווייב ארויפגעלייגט אויפן בעסקעטעל לופטערן דעם מאַטראַץ און געמאַכט פון דעם אַ תל.

מנשה האָט אַ מאַך געגעבען מיטן האַנד און איך האָב מעהר ביי איהם גאָר ניט געפרעגט.

דער איינגער שאפּ, וואו איך און ער ארבּייטען, איז מיר ארויף אויפן זיננען און מיין הארץ האָט מיר גענומען זעהר וועה טאָהן.

עס פערדריעסט מיך.

(ערְאינערונגען).

דאָס וואָלט דאָך געווען א נאַרישקייט... און דאָך פערדריסט מיך און עס טהוט מיר וועה מיין הארץ וואָס איך האָב דיעזע נאַרישקייט ניט בעגאַנגען... און ווען איך ערְאינער זיך וועגען דעם, דאכט זיך מיר אז מיין פערשטאָרבענע מוטער שטייט אויף פון איהר קבר און קוקט אויף מיר אזוי ווייך, אזוי גוט... מיט אזוי פיעל ליעבע, אָבער מיט א פערבאָרגענעם פּאָרוואורף און עטוואס כאפּט ארום און טהוט א ריס מיין הארץ.. אך, דיא בליקען פון פערשטאָרבענע געליעבטע, זיי קענען פעהריקט מאכען...

מאַמע, מיין אונגליקליכע, מיין ארימע, מיין טהייערע מאַמע!

* * *

אין א שטונדע ארום האָב איך בעדארפט אוועקפאָהרען... אין א שטונדע ארום האָב איך בעדארפט פערלאָזען מיין היימאטה. דיא קליינע פערוואָרפענע שטעדטעלע וואו עס איז אריבערגעלאָפען מיין יוגענד, פערלאָזען פריינד, בעקאנטע... ברידער... שוועסטער... פיעלעס טהייערעס, וואָס איז געווען איינגעוואָרצעלט אין מיין הארצען... אינסטינקטיוו האָב איך געפיהלט, אז איך פערלאָז עטוואָס אזוינס, וואָס איך וועל שוין ניעמאַלס פערמעגען אין מיין לעבען... ווייט אין א טיעפען פערבאָרגענעם ווינקעלע פון הארצען האָט עטוואָס „געגאַיעט" און געוויינאָגט... אָבער איך בין דאָך געווען יונג... און איך האָב זיך צו דעם ווייניג צוגעהערט.

דאָס איז געווען א שיינער, ווארימער זומער אבענד... אונזער קליינע הייזקע איז געווען איבערפּילט מיט מענשען... דיעזע זיינען געווען אלע דיא וועלכע זיינען מיט מיר געקומען זעגענען זיך און ווינשען מיר גליק פאר מיין אוועקפאָהרען נאָך אמעריקא... אך, דאָס זיינען אלע געווען טהייערע, ליעבע געזיכטער... מען האָט גערעדט.... מען האָט געשמועסט... עס איז געווען טומעלדיג און עס האָט געהערשט עפּעס א מין פריילּיכער טרויער. דיא עלטערע צווישען די אנוועזענדע, דיא קרובים, דיא שוועסטער, דיא ברידער זיינען געווען טרויעריג און פערטראַכט... אייניגע האָבען שטילערהייט געוויינט... און אייניגע האָבען זיך געשעהמט... און טאקי גוט אויסגעוויינט זיך... דיא אינגערע פריינד, דיא חברים, דיא „טאָווארישטשעס", דיא וועלכע האָבען געהאָפט אין גיכען זעהען זיך מיט מיר אין דער ווייטער געהיימניספאָלער לאַנד, דיא האָבען געלאַכט פון דיא אַלטע, האָבען זיך געסטאַרעט אויסצוקוקען מונטער און פריילעך... אָבער אויך אויף זייערע פנים'ער איז געלעגען א פערבאָרגענער אומעט, אויך אין זייערע אויגען האָב איך געזעהען טרעהרען... און דיזע בעהאַלטענע טרעהרען האָבען מיך עפּעס אזוי געלאשצעט און געטרייסט...

דיא מינוט, דיא לעצטע מינוט האָט זיך גערוקט נעהענטער און נעהענטער... איך האָב זיך גענומען מיט יעדען זעגענען זיך... אָט איז צו מיר צוגעגאַנגען דיא מומע ביילע, מיין פערשטאָרבענע מוטערס א שוועסטער... וועלכע איז מיט איהר אויסזעהען

געוועזן מערקווירדיג עהנליך צו דער מאמען, איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען, מיר האָבען זיך צוקושט... זיא האָט זיך אזוי אָהן רחמנות צו וויינט... איך האָב געשמייכעלט... אָבער דער אטהעם האָט מיר פערכאפּט פון טרעהרען...

זלמן'קע — האָט זיך דיא מומע צו מיר געווענדעט — מיט מיר האָסט דוא זיך צוזעגענט, אָבער וועגען דער מאַמען פערגעסט דוא דאך... הא?

איך האָב א שמייכעל געגעבען, אָבער עטוואס האָט מיר א ריס געטאָהן אין הארצען.

— פאלג מיך, מיין קינד — האָט דיא מומע ווייטער גערעדט,— זעגען זיך מיט דער מאַמען, זיא האָט דיך זעהר האָלט געהאַט... זיא האָט עס כשר פערדיענט... אוי, אז דוא וואָלסט וויסען וויא זיא האָט דיך האָלט געהאַט.

— אָבער מומעלע — האָב איך געענטפערט — דיא מאַמע איז דאך געשטארבען. איך האָב אָבער געפיהלט אז דיא ווערטער, וועלכע איך האָב אויסגערעדט געהען ניט פון הארצען נור איך זאג דאס אזוי, ווייל וואס דען האָב איך געהאַט צו ענטפערן?

— נו, אז געשטארבען איז וואס? — האָט דיא מומע גערעדט גאנץ ערנסט — דארפסטו צו איהר ניט געהן געזעגענען זיך?... וויא הייסט, דוא פאהרסט דאך עפּעס אוועק אפשר אויף אייביג. וועסטו גאר ניט געהן אויף דער מאַמעס קבר?

—איך האָב איהם דאָס שוין א פּאָר מאָל געזאָגט — האָט בעמערקט מיין עלטערע שוועסטער און האָט גענומען מיטן פארטוך ווישען דיא אויגען.

— מען פאהרט ניט אוועק אין אזא וועג, ניט געהענדיג אויף א מאַמעס קבר — האָט נאך איינער פון מיין משפחה בעמערקט.

— אזא גוטע מאַמע פערדיענט אז מען זאָל געהן אויף איהר קבר.

— זיא וועט פאר דיר בעטען גאָט און וועט מצליח זיין דיין וועג...

— דוא ביזט דאך געוועזן איהר גאנצער לעבען...

— דוא מוזט גיין.

איך האָב האָלט געהאַט מיין מאַמען. עס זיינען שוין דאן פאראיבער צוויי יאהר זייט זיא איז געוועזן טויט, און דאך פלעג איך זיך אָפּט שטיללערהייט אויסוויינען ווען איך פלעג וועגען איהר טראכטען, אָבער גיין צו איהר קבר? איך, א מענש, וועלכער גלויבט ניט אין טויטע; א יונגער מענש, א פריידיינקער... נארישקייטען! לעכערליך! אָבער עטוואס, איך וויים אליין ניט וואס דאס איז געוועזן, האָט דאך געריסען מיין הארץ און אין מיין מחשבה האָב איך זיך פּלוצלונג דערזעהען וויא איך שטעה לעבען דער מאַמעס קבר.

איך האָב זיך ארומגעקוקט... מיינע פריינד האָבען געקוקט אויף מיר און געשמייכעלט.

— רעדט ניט קיין נארישקייטען — האָב איך צו אלעמען געענטפערט — ווען מיין מאַמע וואָלט געלעבט וואָלט איך אפשר אין גאנצען ניט געפאהרען, און ווען איך וואָלט יא געפאהרען... וואָלט איך איהר געהאלזט און געקוסט און אויסגעקוסט יעדער אבר איהרען, אָבער אז זיא איז טויט, נאַראָנים'לעך... איהר איינע....

* * *

מיר פאהרען, און דיא שטעדטעל איז שוין ווייטער אהינטער אונז — מיר זיינען צוועלף „פארשויינען" און מיר זיינען צוזאמענגעפּאקט אין דער קליינער פורל אזוי וויא דיא הערינג, אָבער אך, וויא גוט מיר איז! שטעלט זיך פאר, איך בין דער העלד, איך פאהר דאך אוועק אין אמעריקא און אייניגע פון מיינע יונגע חברים זיצען מיט מיר צוזאמען, דאס פאהרען זיי מיך בעגלייטען ביז דעם באהן. מיר זיצען און מיר

ריידען, פאנטאזירען — מיט ווערטער און בויען אזעלכע שיינע, אזעלכע טהייערע לופט־שלעסער. אך, וויא זיס, אך וויא גוט דאס איז געווען!

דער בלויער, קלאהרער הימעל פינקעלט מיט פערטראכטע זילבערנע שטערן. דיא לופט איז אזוי זיס, אזוי געשמאק, פריש... דיא פעלדער פוןביידע זייטען, וועל־כע בעהאלטען זיך אין דער פינסטערניס פון דער נאכט און גייען זיך צוזאמען מיט דעם הימעל, זיינען עפעס אזוי פאנטאסטיש, אזוי געהיימניספאל... און אט הערט זיך א בעקאנטער גערויש, דאס כליפעט דער וואסער־פאל אין דעם ווייטען מיהל... אט, אט איז דער בית־עולם... דארטען אינעווייניג ליגט מיין מאמע און שלאפט מיט אן אייביגען שלאף. עפעס האט מיר א ריס געגעבען ביים הארצען... מיינע פריינד האבען פריילעך „געפלאפעלט". איך האב מעהר ניט געהערט וואס זיי ריידען. עס האט מיך גענומען ציהען צו דער מאמעס קבר... מיר האט זיך פלוצלונג פערוואלט אראפ־שפרינגען פון וואגען, אוועקלייגען זיך אהין וואו עס זיינען געשטאנען דיא שטומע מצבות, צו לויפען צו מיין מאמעס קבר. פאלען און קושען דיא ערד. מיין מוטער האט זיך אוועקגעשטעלט פאר מיינע אויגען אזוי וויא א לעבעדיגע. עפעס א זיסע אימה האט מיך ארומגעכאפט. איך האב א ציטער געטאהן.

— וואס איז דער מעהר? וואס האסטו זיך אזוי פערטראכט? — האב איך דער־הערט וויא איינער פרעגט.

— הא? — האב איך זיך א כאפ געגעבען. — גאר נישט, אזוי, גאר נישט.

מיר זיינען אריבערגעפאהרען. דער בית עולם איז געבליעבען אהינטער אונז...

לאנגע יאהרען זיינען אריבער זייט איך האב פערלאזען מיין היימאטה און איהר מעגט פון מיר לאכען, מיך פערדריסט וואס איך בין ניט געווען אויף מיין מאמעס קבר... און ווען איך טראכט וועגען דעם, פאנגט אן צו דריקען אויף מיין ברוסט אזוי וויא א שווערער קאשמאר און איך דערזעה פאר זיך מיין מוטער מיט איהרע ווייכע גוטע בליקען, אין וועלכע איך זעה עפעס א שטילען, אבער הערצרייסענדען פאר־װאורף....

דעם קינדס פראַגען.

עס איז א ווינטער נאכט....

דרויסען איז א ברענענדער פראָסט און א שניידענדער, קאַלטער ווינט... דרויסען איז „סיביר"... און אין צימער? אין צימער איז ניו־יאָרק!

און עס איז קאַלט וויא אויף דרויסען, ווייל אין צימער וואָהנט אן ארבייטער, א אידישער פענטס מאכער, און פון יעדען ווינקעלע קוקט טרויעריג ארויס דיא ביטערע, שטיקענדע נויטה, ווייל דער פענטס מאכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטאָ צו הויז — ער איז אויף א מיטינג.

דיא פרוי זיינע זיצט ביים אויוועו און נייט עפעס מיטן נאָדעל — דאָס פיקסט זיא אויס וועש פאר שכנים און העלפט דעם מאַן אין זיין סטרייק.

דער פייער אין אויוועו געהט אויס.

הפנים וויא דעם סטרייקערס פרוי האָט דערפיהלט דיא קעלט, וואָרום זיא האָט געעפענט א דעקיל און האָט אריינגעקוקט אין אויוועו.

האָט זיא א שווערען, טיעפען זיפץ געגעבען, געוואָרפען א טרויעריגען בליק אויף דעם לעערען פייל פון קוילען, און איז ווייטער געבליעבען זיצען פערטראכט און שווער פערזאָרגט.

און עס איז שטיל אין צימער, בלויז דער ווינד קלאַפּט מיט דיא פערפראָהרענע שויבען און א מאָהל אין א ווײלע רייסט ער זיך אריין אין דעם קוימען פון מענטיל־פּיס און וויינט, אזוי הערצרייסענד, אזוי טרויעריג, עפּעס אזוי וויא ער וואָלט אויך געהאַט א ביטערע הארץ פון א פענטס מאַכער, א סטרייקער...

— מאַמע,—האָט זיך דערהערט א קינדערשע שטימע פון בעדרום און דיא מאַמע וואַרפט דיא ארבייט און לויפט אין בעדרום. דאָרט שלאָפט איהר צירעלע, איהר איינציג דריי יאָהריגעס קינד.

צירעלע איז געווען בעהאַלטען אין א גאַנצען ים מיט שמאַטעס, האָט זיא דאָס אַלעס אראָפּגעוואָרפען און וויל אַרויסגעהן פון בעט.

— וואָהין מיין קינד? — פרעגט דיא מוטער און טרייט איינדעקען צוריק דאָס מיידעלע.

— מאַמע, נעהם מיך צום אויוועו, מיר איז קאַלט — בעט זיך צירעלע.

— לעבען אויוועו איז אויך קאַלט, מיין נשמה.

און דיא מוטער דעקט איין דאָס קינד מיט נאָך א שמאַטע און זעצט זיך לעבען איהר און טרייט זיא פערשלעפערן.

—שלאָף, מיין קינד, שלאָף מיין נשמה.

— נעהם מיך צום אויוועו — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטען קאַלט צירעלע.
— שיט אריין קוילען — גיט אַן עצה דאָס קינד.
— ניטאָ, מיין נחת, קיין קוילען — זיפצט דעם סטרייקערס פרוי.
— פאַראַן.
— ניטאָ, מיין לעבען — אָט איך וועל דיר ווייזען דעם פייל.
און דיא מוטער געהט אין קיטשען, נעהמט דעם לעערען פייל און ציינט צירעלען..
צירעלע קוקט אריין אין פייל און גיט דערביי א טיעפען קינדערשען זיפץ.
— נאָ מאַר קוילען — זאגט צירעלע און איהר קינדעריש פנים׳ל ווערט אזוי ערנסט טרויעריג.
— נאָ מאָר ! — בעשטעטיגט דיא מוטער.
— געה ברענג — ראטה דאָס קינד.
— ניטאָ קיין געלד, מיין הארץ.
— ניטאָ קיין פענעס ? — פרעגט איבער דאָס קינד.
— יעס, מיין נשמה, ניטאָ קיין פענעס.
— דער טאַטע ברייננט ניט ?
— יעס, צירינקיו, דער טאַטע ברייננט ניט.
— פאר וואָס ?
— ווייל עס איז א סטרייק, מיין טאָכטער.
צירעלע קוקט אויף דער מוטער אזוי בייזקענד, אזוי טרויעריג, אָבער דאָס קינד פערשטעהט ניט וואָס דיא מאַמע האָט איהר דאָ געזאָגט, זיא ווייס ניט וואָס א סטרייק איז.
— שלאָף צירינקיו.
— איך וויל עסען, מאַמע.
— ביסט הונגעריג, מיין ארעמע פויגעלע ?
— איך וויל עסען, מאַמע.
— באַלד מיין קינד.
און דיא מאַמע געהט אין קיטשען, שניידט אָפּ א שטיקעל ברויט, זוכט עפּעס מיט דיא אויגען אין אלמער, געפינט גאַר נישט און וויימער געבענדיג א שטילען, אָבער טיעפען זיפץ געהט זיא אין בעדרום צו איהר הונגעריגעס קינד.
— נאַ מיין קינד.
— וואָס איז דאָס ?
— ברייטעלע !
— מיט פוטער ? — פרעגט דאָס קינד.
— יעס, מיין טאָכטער, מיט פוטער — פּרובירט דיא מאַמע נאַרען דאָס קינד.
צירעלע נעהמט דאָס שטיקעל ברויט אין האנד און דערגעהט גלייך דעם טרויעריגען שווינדעל און עסט ניט און טרייסעלט מיט דעם קאָפּ.
—איך וויל ניט, מאַמע.
— פאַר וואָס, צירינקיו ?
— בעשמיר מיט פוטער.
—נישטאָ, מיין נחת, מאָרגען וועל איך בעשמירען — דערוויילע עס אזוי.
— איך וויל ניט.
— נו, קען איך דיר ניט העלפען.
— גיב מיר סאָפּער.

— ניטאָ קיין סאפּער.

— גיב מיר פלייזשעלע און סופּעלע.

— ניטאָ מיין קינד, ניטאָ — שווערט זיך דיא מוטער, קושט דאָס קינד און איהרע אויגען ווערען פערלאָפען מיט טרעהרען.

— טאָ גיב פּוטער — ווידערהאָלט דאָס קינד איהר ערשטע פאָדערונג.

— קינד מיינע, נו וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלען געבען, אז עס וואָלט געווען נארעלע מיינע — רעדט איין דיא מוטער איהר קינד.

צירעלע וויל אָבער ניט גלויבען און צייגט אויף'ן אלמער.

— אָט נאַ זעה, איך וועל דיר בעווייזען — זאָגט דיא מוטער, געהט אין אלמער געהמט דיא לעערע פּוטער באָל, און צייגט דעם קינד...

און צירעלע קוקט אויף דער לעערער פּוטער כלי מיט אזעלכע בייגקענדע בליקען אוּן דאָס קינדעלע... דיא ארעמע פויגעלע פון א ארעמען סטרייקער גיט ווייטער א שטילען הערצרייסענדען זיפץ.

— נאָ מאָר פּוטער, מאמע — זאָגט דאָס קינד אזוי טרויעריג און פיהרט פאנאנ־דער מיט דיא הענטעלעך.

— נאָ מאָר מיין לעבען — ענטפערט דיא מוטער און אין איהר שטימע פיהלען זיך טרעהרען.

— נאָ פּענעס — ערקלעהרט דיא יונגע צירעלע.

— יעס, מיין טאָכטער, נאָ מאָר פּענים.

— דער פּאפּא ברייננט ניט ?

— נאָ, מיין נשמה, ער ברייננט נים.

— פאר וואָס מאמע ?

—איך זאָג דאָך דיר, מיין אויג אין קאָפּ, ער סטרייקט.

א ווײלע בלייבט שווייגען דאָס קינד. נור פּלוצלונג טהוט עס א פרעג :

— וואָס איז דאָס מאמע ?

— וואָס מיין קינד ?

— פאר וואָס דער פּאפּע ברייננט ניט קיין פּענעס ?

— ער סטרייקט, מיין קינד.

— ווער איז דאָס ? — פרעגט ווייטער צירעלע.

— קיינער ניט, מיין קינד, דאָס איז א סטרייק — ערקלעהרט דיא מוטער, צירע־לע פערשטעהט ניט און פרעגט ווייטער :

— וואָס איז דאָס, מאמע ?

— א סטרייק, מיין נשמה.

— א „בוגימען"?

— ניין, מיין קינד, קענסט עס ניט פערשטעהען... ביסט נאָך א יונגינקע, וועסט עלטער ווערן, וועסטו פערשטעהען...

דער ווינד ווערט שטארקער... פאנגט אָן עפּעס אזוי וויא מיט אכזריות צו קלאַ־פּען מיט דיא שויבען... עס ציטערט דיא גאנצע הויז... און עס הערט זיך אזא בענר מענער וויינען.... צירעלע דריקט זיך צו צו דער מאמען און ציטערט פאר שרעק...

— נארעלע, ניט שרעק זיך, מיין לעבען...

— איז דאָס דער סטרייק, מאמע ?

— נארישע קינד, דאָס איז דאָך א ווינד...

צירעלע הערט זיך צו, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעהמט עסען דעם שטי־קעל טרוקענעם ברויט...

און פון דער מוטערס אויגען קאַפּען אַרונטער טרעהרען אויף דעם קינדס קעפּעלע. אויך פון צירעלעס אויגען האָבען אַרונטערגעקאַפּעט אַ פּאָר קינדערשע טרעהרען אויף דעם שטיקעל טרוקענעם ברויט...

— מאַמע! — האָט זיך פּלוצלונג דאָס קינד צואוויינט...

— וואָס איז צירעלע? ועה איז מיר, וואָס וויינסטו דאַרלינגל?

— וואו איז דער פּאַפּע?

— ער וועט באַלד קומען; נאַרעלע...

דאָס קינד איז איינגעשלאָפען מיט דעם שטיקעל ברויט אין האַנד. און דעם סטריי־קערס פרוי האָט שטילערהייט געוויינט...

דערקאָנט.

ביי היינטיגען טאָג שטעהט דער מיסטער דאָבקין אין דער בויערי אויף א קאָר־נער און פערקויפט קאָלער באָטענס, נעקטיי־פינס, שוה־לייסעס, א. ד. ג. און פון דעם איז ער מפרנס זיין ווייב מיט דיא קינדער.

מיט איינינע יאָהר צוריק איז דער זעלבער מיסטער דאָבקין געווען אן אפרייטאָר ביי ראפּערס, און פון דער נעה מאַשין האָט איהם פערטריבען א שרעקליכער, שוידער־ליכער אונגליק...

אין שאַפּ האָט ער געארבייט דאן צוזאמען מיט זיין עלטערע טאָכטער, א מיידעל פון א יאָהר דרייצעהן, א מאַשין לעבען א מאַשין.... צוזאמען.

רייזיל, אזוי האָט געהייסען דאָבקין'ס טאָכטער, האָט פערמאָגט אויף איהר קאָפּ א מתנה פון דער נאַטור — אַ וואלד מיט שעהנע, שווארצע, לאַנגע האָאר, וועלכע פלעגען אראָפּהיינגען, פערקאמט אין צוויי שעהנע צעפּ, איבערגעפלאָכטען מיט רויטע באַנטיקעס.

אין שאַפּ איז געווען ביזי. דאָבקין און זיין טאָכטער זיינעןביידע געווען פער־טיעפט אין דער זעלבער לאָט ארבייט.

ביי רייזלין איז ארויסגעפאלען דיא שעריל פון האנד און זיא האָט זיך אונטער־געבויגען אויפהויבען זיא. דיא נעה מאשינען זיינען אין דיזען שאַפּ געווען געטריעבען דורך סטים ־ קראפט.

רייזיל'ס שעהנע האָאר האָבען זיך אריינגעכאפּט אין ראָד...

עס האָט אָבגעהילכט אין שאַפּ א שוידערליכער, הערצרייסענדער געשריי פון דעם פעראונגליקליכט קינד; אויך גלייך האָט זיך ארויסגעריסען אַ געשריי פון אימה און פערצווייפלונג פון דעם פּאָטער...

עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין שאַפּ א שוידערליכע סצענע....

בלוט... בלוט פון א קינד, וואָס האָט געארבייט ביי ראפּערס... דער שאַרבען, צו־זאמען מיט דיא האָאר איינגעדרעהט אין דעם ראָד פון מאַשין...

דאָס קינד איז געלעגען פערבלוטיגט און שטיל...

און דער פּאָטער?

א ווייילע האָט ער שרעקליך געשריען משונה'דיגע קולות, אזוי וויא אייגער אָהן דעת, נור באלד איז ער געפאלען אויף זיין קינד א גע'חלש'טער...

אן אמבולאַנס האָט צוגענומען אין האָספּיטאל ביידען — דעם פּאָטער און דאָס קינד. . . .

צוגענומען האָט מען ביידען, אָבער צוריק איז ארויס בלויז דער פּאָטער. דאָס קינד איז פערבליעבען אין מאָרג.

און דאן האָט דאָבקין פערלאָזען דעם שאַפּ און איז געוואָרען אַ פּעדלער.

מען זאגט, אַז דאס, וואס עס ווערט פערשאָטען מיט ערד מוז פערגעסען ווערן...

דיעזער זאַגען איז ניט אין גאַנצען ריכטיג.

א קינד'ס טויט מאַכט אַ טיעפע וואונד אין דיא עלטערן'ס הערצער; דיעזע וואונד קען מיט דער צייט פערוואקסען ווערען אַבער בלויז מיט אַן אייבערשטער היי־מעל; אינעווייניג בלייבט דיא וואונד רויה, און ביי דעם קלענסטען ריהר פיהלט זיך אַ שאַרפער וועהטאָג.

ווען איהר זאָלט ניט נעהמען ריידען מיט אַ מוטער אָדער מיט אַ פֿאָטער וועגען זייער פערשטאָרבענעם קינד, דער טויט האָט געמעגט פאסירען מיט לאַנגע יאָהרען צוריק, וועט איהר בעמערקען אַז אונטער זייערע הערצער לעבט אָפּ אַן אַלטע וואונד. אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. . . .

אייניגע יאָהר זיינען געווען אַריבער, זייט רייזיל איז געוועהן טויט. עס איז גע־ווען אַן אַנפאַנג זומער טאָג, און דיא מיסעס דאָבקין איז אַוועק אויף העסטער סטריט קויפען פאַר זיך אַ ראַפּער אויף זומער.

זיא האָט געקויפט דעם ראַפּער און האָט עס געבראַכט צו זיך אַהיים.

ווען זיא האָט אָנגעמאָסטען ביי זיך אין דער היים דעם ניי געקויפטען בגד און האָט איהם גוט בעטראַכט, האָט זיא דערזעהען אַז מען האָט זיא אָפּגענאַרט: אויף דעם אונטערסטען ראָפּיל פון דעם ראַפּער זיינען געווען עפּעס עטליכע דונקעל־רויט־ליכע פלעקען.

— גנבים — האָט מיסעס דאָבקין אַ מורמעל געגעבען מיט כעס — פערקויפען געדעמעדזשטע סחורה פאַר נייע.

מיט פערדרוס האָט זיא אויסגעטאָהן פון זיך דעם געקויפטען ראַפּער, איינגע־וויקעלט עס צוריק אין דעם זעלבען פּייפּער, אין וועלכען זיא האָט איהם געבראַכט און דיא פרוי האָט זיך גענומען אָנטאָהן אום צו געהן אין סטאָר איבערבייטען דיא סחורה און אָוועקגעבען אַ פינסטערע, ביטערע גאָב דעם פערקויפער.

איבערטאָנדיג זיך האָט זיא הויך געשאָלטען אין דער וועלט אריין, וואהרשיינליך מאַכענדיג מאַנעווורעס צו דעם קומענדען אָנפאַל אויף דעם שווינדלערישען סטאָרקיפּער.

— אַז אויסגעריסען זאָל ער ווערן, אַז פינסטער און ביטער זאָל איהם זיין — האָט דיא פרוי געשאָלטען מיט אַזאַ היץ, אַז זיא האָט גאָר ניט געהערט וויא איהר מאַן איז אין דער צייט אריינגעקומען אין הויז.

ווען דאָבקין האָט געהערט זיין ווייב'ס ביטערע קללות האָט ער גערעכענט אַז דאָס מיינט מען איהם און ער איז געבליעבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל פערוואונ־דערט און אַ ביסעל דערשראָקען.

— וואָס איז געשעהען? — האָט דער פעדלער אַ פרעג געגעבען זיין ווייבעל — וועמען פלוכסטו אזוי?

—אַמעריקאַנער גנבים — האָט דעם פעדלערס פרוי געענטפערט.

— וואָס איז דער מעהר? — האָט דער פעדלער געפרעגט אביסעל בערוהיגט אָבער נייגעריג.

און דיא ווייב האָט איהם דערצעהלט דעם שווינדעל מיט דעם ראַפּער.

דאָבקין האָט פאַנאַנדערגעוויקעלט דעם ראַפּער.... דער באַנדעל איז ארויסגע־פאַלען פון זיינע הענד.

— אין דיא העל, מיין מאַן — האָט זיך צו איהם אַ וואָרף געגעבען זיין צורייצ־טע ווייב — אָט דו ריכטסט נאָך איין וועט מען עס ניט וועלען בייטען.

זיא האָט אויפגעהויבען דעם ראַפּער און אַ קוק געגעבען אויף איהר מאַן. ער

איז געשטאַנען בלאס וויא א טויטער און זיינע אויגען זיינען געווען פערלאָפען מיט טרעהרען.

— וואס איז מיט דיר? — האָט דיא פרוי געפרעגט ערשראָקען.

— רויטע פלעקען זאָגסטו? — האָט דער פעדלער זיך געווענדעט צו זיין פרוי און זיין שטימע האָט מאָדנע געציטערט.

— יעס, רויטע פלעקען... וויא פון בלוט....

דער פעדלער האָט זיך א וואָרף געגעבען צום ראַפער און האָט עס געכאַפּט האסטיג אין דיא הענד אריין...

— וואו? וואו? וואו זיינען דיא פלעקען? . . .

זיא האָט איהם אַנגעצייגט.

זיינע בליקען זיינען געוואָרען שרעקליך... ער האָט געציטערט מיטן גאַנצען קערפּער.... ער האָט נערוועז אַנגעכאַפּט דעם ראַפער און האָט פלוצלונג אויסגעבראָכען מיט א שרעקליכען געוויין.

א ווײַלע איז דעם פעדלערס פרוי געבליעבען שטעהן פערשטוממט פון אימה... נור באלד האָט זיא זיך געכאַפּט...

— אוי! — האָט זיך ארויסגעריסען א שרעקליכער זיפץ פון דעם רעכטען דעק פון איהר הארצען.

—אונזער קינדס? .... איז דאָס אונזער קינדס? — האָט דיא פרוי געקוקט אויף איהר מאַן מיט בליקען פול מיט שמערץ און יסורים.

— דאָס איז אונזער רייזילס בלוט . . .

און פאָטער און מוטער האָבען ביידע בעקוקט דיא שרעקליכע דונקעלע פלעקען...
און זיי האָבען דעם ראַפער נאס געמאַכט מיט ביטערע זודיגע טרעהרען......

דיא נייע גזרה.

...און דער גאָווערנאָר האָט אונטערגעשריבען דעם ביל וועגען דיא סוועטיג שעפער....

און עס איז געווארען א געזעץ אין ניו־יארק סטייט, אַז אין פינסטערע, ענגע, שמוציגע פערפעסטעטע גריבער מעגען ארביימער בלויז וואָהנען, אָבער ארבייט טאָר דאָרט ניט געמאַכט ווערן.

דיזע נייעס האָט זיך שנעל פערשפּרייט צווישען דיא אידישע ארבייטער און איבערהויפּט צווישען דעם שניידער־פּאַך ארבייטער אין זייערע פינסטערע סוועטינג־שאָפּקעלעך, וואו זיי פינסטערן אָפּ טעג און נעכט.

מען האָט וועגען דעם גערעדט און געשמועסט, און עס זיינען אויסגעדריקט געוואָרען ראביי פערשיעדענע מיינונגען.

אַנדערע האָבען געדיינקט אַז דאָס איז אַ ישועה פאר ארבייטער, אַנדערע האָבען גערעכענט אַז קיין גוטעס קען מען פון דעם ניט ערווארטען, און אַנדערע האָבען זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז פון דעם וועט גאָרנישט ווערן.

אין דעם שאַפּ וואו יודעל דער קלאָוקמאַכער האָט געארבייט, האָט מען זיך אָנ־דערצעהלט וועגען דעם נייעם געזעץ גאַנצע וואונדער. מען האָט דאָרטען דערצעהלט, אַז מען וועט ניט טאָהרען ארויסנעהמען קיין ארבייט, מען וועט מעהר וויא צעהן שטונדען אַ טאָג ניט טאָרען ארבייטען און נאָך אזעלכע זאכען. אין דיזען שאַפּ האָט מען דעם נייעם געזעץ אָנגענומען פאר א מין גזירה און יודלען האָט דיא מעשה זעהר און זעהר ניט געשמעקט...

דאָס איז געווען א זייגער צעהן אין דער נאַכט, ווען יודעל איז געקומען אהיים פון דער ארבייט. יודעל איז חלילה ניט געקומען מיט לעערע הענד; דער מאַן האָט מיט זיך געבראַכט צו שלעפּען אַ גרויסען באָנדעל ארבייט פאר זיין ווייב און זיינע עלטערע 2 טעכטער, פאר דער צוועלף יעהריגער חנה'ן און דער עלף יעהריגער באַסיען.

וויא יודעל איז אריין צו זיך אין הויז האָט ער מיט כעס א וואָרף געטאָהן דעם באָנדעל פון זיך און האָט זיך אַליין א זעץ געגעבען וויא א שטיין אויף אַ שטוהל וועלכער איז געשטאַנען אין מיטען הויז.

יודעלס ווייב, א דאַרע מאָגערע אידענע פון א יאָהר פערציג מיט אַ צוקנייטשטען בלאַס־געלען פּנים, מיט רויטע האַלב־בלינדע אויגען, איז געזעסען ביי דער ארבייט און שלעפעריג געצויגען מיט'ן נאָדעל. חנה איז נאָך אויך געזעסען ביי דער ארבייט, אָבער מיט דער נאָדעל אין האַנד האָט זיא געדרעמעלט. דיא איבריגע קינדער זיינען שוין אלע געשלאָפען, אָבער נאָך ניט וויא געהעריג איז, נאָך ניט אויף זייערע ערטער, און ניט אויסגעטאָהן, ווארום מען האָט נאָך ניט געגעסען קיין סאַפּער און מען האָט געווארט אויף דעם טאַטען.

באַסיע איז געלעגען אויפן לאָנדזש, און קריינע, זיצענדיג אויף דיא קניע אויף דעם פלאָר און אָנגעשפּאַרט איהר קעפּעלע אָן באַסיען, איז אזוי איינגעשלאָפען. בע־

רעלע איז געלעגען אויפן פלאָר. דיא קעפּעל אויפן האַנד און איז געשלאָפען, חיים'קע האָט זיך אוועקגעלייגט אויף צוויי שטוהלען און מערעלע, גאָר דיא אינגסטע, איז איינגעשלאָפען אין „ראָקינג טשער".

יודעל'ס ווייב האָט אַ ברייטען גענעץ געגעבען און שלעפעריג געפרעגט:

— וואס עפּעס אזוי שפּעט? קומסט דאָך אַללע מאָהל ניין?

— ווערסט מיך שוין האָבען דאָ אין גיכען גאָר פריה — האָט יודעל געענטפערט און אַ שווערען זיפץ געגעבען.

— שוין סלעק? — האָט חיה יודעל'ס ווייב אַ פרעג געגעבען — און דער שלאָף איז אין איין מינוט פערשוואונדען געוואָרען פון איהר.

— אַן אַנדער צרה — האָט יודעל טרויעריג געענטפערט.

— וואָס איז שוין דאָרטען? — האָט חיה אונרוהיג געקוקט אויף איהר מאַן.

— אַ נייע גזרה.

— וואָס פאַר אַ גזרה?

— אַ פינסטערע, אַ ביטערע גזרה.

חנה האָט זיך אַ כאַפּ געגעבען ניט טויט ניט לעבעדיג און דערזעהענדיג דעם טאַ־טענס בייזען בליק — האָט זיא גענומען שטעכען מיט'ן נאָדעל.

— שלאָף, שלאָף מיין טעכטערל — האָט יודעל געווענדעט זיך צו חנה'ן מיט אַ ביטערן שמייכעל אויף דיא ליפּען — ווערסט שוין יעצט קענען שלאָפען דעם גאַנ־צענעם טאָג.

חנה האָט ניט פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך און ציהענדיג דעם נאָדעל האָט זיא געוואָרפען אונרוהיגע און ערשראָקענע בליקען דאָס אויפ'ן פאָטער און דאָס אויף דער מוטער.

— עס איז שוין אַ נייער געזעץ ארויס — האָט יודעל ווייטער געזאָגט צו זיין אידענע.

— אַ געזעץ?

— יעס, אַ געזעץ, עס איז אַ סברה אַז מעהר וויא צעהן שטונדען אַ טאָג וועט מען ניט לאָזען ארביימען אין שאָפּ.

— ווער וועט ניט לאָזען? — האָט חיה געפרעגט פערוואונדערט.

— בהמה! — האָט זיך יודעל ביטער צולאַכט — אַ געזעץ איז ארויס אַזאַ, איך זאָג דאָך דיר, איז וואָס פרעגסטו ווער וועט ניט לאָזען? ווער לאָזט דיך ניט גנב'ענען?

חיה האָט אַ דריק געגעבען מיט דיא פּלייצעס.

— נו, און וויפיעל ארבייטסטו יעצט? — האָט זיא געפרעגט ביי איהר מאַן.

— קענסט דאָך בערעכנען — האָט יודעל פאַרווירפליך געקוקט אויף חיה'ן.

— איך ווייס זעהר.

— אוועקגעהן צו דער ארבייט געה איך אוועק ווען? — האָט יודעל אַ פרעג געגעבען.

— איך ווייס? עס מוז זיין אַ זייגער דריי — האָט חנה געענטפערט.

— אבי דו ווייסט, נו, און ווען קום איך?

— נו, ניין, ניין; דוא ווייסט דאָך, — האָט חנה געזאָגט.

— יעצט בערעכען: פון דריי ביז דריי האָבען מיר צוועלף שטונדען, און פון דריי ביז ניין האָבען מיר נאָך זעקס; צוועלף און זעקס האָבען מיר אכצעהן. אַ שטונדע נעהם אראָפּ אויף איינפאַל: אויף געהן, אהין און צוריק, אויף עסען דינער און אזוי אויף איינפאַל, בלייבט זיבעצעהן שטונדען ארבייט.

נו, און וויפיעל וועט מען עס יעצט לאזען ארביימען?—האט חיה איבערגעפרעגט.
— צעהן שטונדען. דאס הייסט, אז זיעבען שטונדען א טאג וועט מען מוזען צור־רייבען, דאס הייסט, אז דו זאלסט זיך אפילו צורייסען, וועט מען ניט מאכען קיין לעבען.
— עפעס אן אונגליק — האט חיה ווייטער געדריקט מיט דיא פלייצעס און זיך געוואונדערט.
— און דאס איז נאך גאר נישט — האט יודעל ווייטער מיטגעטהיילט וועגען דעם נייעם געזעץ — מען וועט ניט לאזען אהיים שלעפען קיין ארבייט, מען וועט אין דער היים אויך ניט טארען ארביטען.
ווען חנה האט דערהערט דיא לעצטע בשורה איז איהר עפעס געווארען אזוי גוט און לייכט אויפן הארצען. זיא האט אראפגעלאזען איהרע קינדערשע אויגען אז דער טאטע זאל ניט בעמערקען איהר שמחה.
— אין דער היים אויך ניט? — האט חיה איבערגעפרעגט.
— יעס, יעס— האט זיך יודעל גענומען קאכען — יעס, יעס, מען וועט ניט טארען אין דער היים א שטאך געבען.
— דאס האבען הפנים דיא באסעס אבגעטהאן, א קריינק אויף זיי — האט חנה געגעבען איהר מיינונג.
— נארעלע — האט יודעל מילד א קוק געטאהן אויף זיין פרוי, — דיא גזרה איז אויך אויף דיא באסעס, זיי נעהמט מען אויך דיא קישקעס. זיי געהען געבעך אויך ארום פערפינסטערטע. עס איז א סברה אז ביי מיין באס וועט מען אין גאנצען פערמאכען דעם שאפ און א סך שעפער וועט מען צומאכען.
חיה האט פערבראכען דיא הענד.
— וואס איז דאס מיט אמאל געווארען? — האט זיא דערשראקען אויסגעשריען.
— עס טהוט זיך; א וועלט מיט וועלטעלעך — האט יודעל ערקלעהרט — פער־שטעהסטו נאך דעם נייעם דין נאך דארף מען האבען אזעלכע שעפער וואו עס זאל צוקומען לופט, און עס זאלען זיין פענסטער, אבער ניט אזעלכע פענסטער וויא ביי אונז אין שאפ, אדער וויא דא אין קיטשען נור טאקע אמת'ע פענסטער, אז עס זאל זיין דורך זיי ליכטיג און דער באס מיט דיא קינדער וועלען דארט ניט טאהרען וואהנען און מען וועט אין שאפ ניט טארען שלאפען, און מען וועט נאך מעסטען אויך.
— וויא הייסט מעסטען? — האט חיה איבערגעשלאגען איהר מאן.
— איין אפרייטאר וועט ניט טארען זיצען הארט לעבען צווייטען א רוקען צו א רוקען, אזוי וויא יעצט, נור עס וועט דארפען זיין אפגעטהיילט צווישען יעדען אר־בייטער א געוויסע מאס — האט יודעל ערקלעהרט. אויך עקסטרא אינספעקטארס ווע־לען ארומגעהן אכטונג געבען אויף דעם, אז אלץ זאל פארקומען נאך'ן געזעץ נאך.
— זאג מיר — האט חיה געפרעגט — פון וואנען קומט דער אונגליק? וואס האט מען זיך דאס מיט א מאהל גענומען צו אייך?
— זאל איך אזוי וויסען פון בייז — האט יודעל ערנסט געענטפערט.
— איך בין דאך א נארישע אידענע — האט חיה געזאגט — פון דעסטוועגען זאג איך מיינס, אז דאס קומט פון דיא באסעס. איך וויים פון איין זאך, אז וואו נור אן אונגליק — קומט עס פון זיי.
יודעל האט א מאך געגעבען מיטן האנד, וויא איינער וואלט זאגען: נימא מיט וועמען צו רעדען.
חיה האט עס פערשטאנען און זיא האט זיך בעליידיגט.

— היינט פון וואנען דען שטאמט דער המן? — האט זיא א פרעג געטאהן מיט גרויס ערגערנים.

— מען ווייס ניט — האט יודעל ערקלעהרט קורץ און שארף — עס וועט ווערן א געזעץ און א סוף.

חיה האט גענומען ווארפען בליקען פון איין קינד אויף דעם אנדערן און זיא האט אזוי טרויעריג געשאקעלט מיטן קאפ.

— וועה איז מיר, מיינע ארעמע פויגעלעך — האט זיא א מורמעל געגעבען און אין איהרע אויגען האבען זיך געצייגט טרעהרען.

יודלען האט פערנומען ביים הארצען.

— נור, עט, עס וועט גאנץ זיין, ניטא וואס צו שרעקען זיך — האט ער געזאגט אזוי וויא צו זיך זעלבסט.

חיה האט אויף איהם א בליק געגעבען מיט ברייטע אפענע אויגען, עפעס אזוי וויא זיא וואלט וועלען שלינגען זיינע ווערטער.

— מיט עטליכע יאהר צוריק — האט יודעל ווייטער גערעדט — געדיינק איך איז געווען פונקט אזא מהומה און הכלל מען האט געמיינט אז דער הימעל לייגט זיך אויף דער ערד, און עס האט זיך גאר נישט אויסגעלאזען, מען ארבייט ווייטער אין דיא זעלבע שעפער, מען ארבייט צו אכצעהן שטונדען. מען טראגט אהיים אר־בייט און גאר נישט. יעצט וועט דאס אויך אזוי זיין, עס וועט זיך אויסלאזען אן אויס־געבלאזענע איי פון דעם גאנצען געשעפט!

חנה'ס פנים איז ליכטיגער און פרייער געווארען.

— גאט זאל רחמנות האבען — האט זיא אפגעזיפצט זיך — מען איז אזוי אויך אויף גרויסע צרות. קוים, וואס מען מאכט א לעבען.

— נו, סאפער — האט יודעל געזאגט.

— סאפער, סאפער — האט חיה ווידערהאלט איהר מאן, און איז אויפגע־שטאנען.

— סאפער — האט גענומען חנה וועקען דיא קינדער.

— סאפער, קינדער, סאפער!

— סאפער — האט געשריען חיה.

— סאפער — האט געטענה'ט יודעל.

און דיא קינדער האבען ניט געוואלט אויפשטעהן, און עס האט זיך אנגעפאנגען א קלאג, א מהומה, טאקע אן אמת'ע גזרה, א סאפער גזרה אויף דיא קינדער......

צוריק אַהיים.

זייט הלל דער ראפּער מייקער איז אין ניו־יארק, האָט זיך נאָך ניט געמאכט ניט איהם זעלבסט, ניט זיין ווייבעל, ניט זיינע יונגע קינדערלעך ערגעץ וואו אויסגיין אָדער אויספאהרען.

מען קען ניט זאגען אז הלל מיט זיין פאמיליע זיינען ניט געווען בעקאַנט מיט דעם אידישען ניו־יארקער איסט סייד ווינקעל. דאס וואלט געווען אַביסעל איבער־טריעבען, ווארום פאר דיא פינף יאהרען, וואס הלל איז שוין דאָ, מיט זיין פאמיליע, האָבען זיי געמופט עטליכע מאָהל, און אלס אין פערשיעדענע סטריטען, אָבער דאָך איז דער צענטער פון זייער בעוועגונג געווען העסטער סטריט און ווייטער האָבען זיי זיך ניט גערוקט.

הלל האָט געוואוסט דעם וועג פון זיין הויז צום שאָפּ און פון שאָפּ אהיים. ציפּע זיין אידענע, פלעגט זיך אַ פּאָאַר מאָהל אין טאָג ארומדרעהען אין חזיר מאַרק. ווייטער אַ שבת, אַ יום־טוב, פלעגט הלל מיט זיין פאמיליע אוועקלאָזען זיך צו גאַסט, צו זיינעם עפּעס אַ שטיקעל קרוב, אַ פּיינטער, וועלכער האָט געוואוהנט אַ גאַנצע צעהן בלאָק פון העסטער סטריט, אָבער קיין ווייטערן מהלך האָבען ניט הלל, ניט זיין פאמיליע קיין מאָהל ניט געמאכט פאר זייער זיין אין ניו־יארק.

נון, האָט זיך געמאכט אזוי, אז מנחם דער פּיינטער, הלל׳ס קרוב, האָט ארויס־געמופט נאָך דער הונדערט און זיעבעציגסטער סטריט וועסט סייד. פון דאן אָן איז מנחם געווען פאר הלל׳ן אזוי גוט וויא אָבגעשטאָרבען, ווייל הלל האָט קיין מאָהל אין זיננען ניט געהאַט צו מאכען אזא ווייטע רייזע אום צו זעהען זיך מיט זיין קרוב.

— וואוהין האָט עס מנחם׳קע פערשלעפּט זיינע ביינער ?—פלעגט ציפּע זיפצענ־דיג פרעגען ביי איהר מאַן.

— איך ווייס ? — פלעגט הלל דריקען מיט דיא פּלייצעס — אין אללע שווארצע יאָהרען, אויף יענעם זייט סמבטיון.

— ווער ווייס — פלעגט ציפּע דיינקען — אויב מיר וועלען זיך גאר ווען עס איז זעהען.

— ער קען נאָך צוריק אהער מופען — פלעגט הלל טרייסטען זיין ווייב.

מנחם פון זיין זייט האָט זיך אויך פערביינקט נאָך זיינע פריינד, און ער האָט גענומען שרייבען הלל׳ן אַ בריעף נאָך אַ בריעף בעטענדיג זיין קרוב לאָזען זיך צו איהם אין געסט.

. אָנפאנגס האָט הלל וועגען דעם גאר ניט געוואלט הערען, נור ביסלעכוויים איז ער מרוצה געווארען און אין איין געוויסען זומערדיגען שבת פריהמאָרגען האָט זיך הלל מיט זיין פאמיליע אוועקגעלאָזען צו זיין פערוואָרפענעם פריינד.

הלל׳ס קינדער זיינען געווען איבער גליקליך, ווען זיי האָבען זיך געזעצט אויף׳ן קאַר. ציפּע איז אויך געווען גאַנץ רוהיג. ווארום וואס האָט זיא זיך געהאַט וואס צו שרעקען, ווען לעבען איהר איז געזעסען איהר הלל, אין וועלכען זיא האָט געהאַט דעם

גרעסטען פערטרויען, און מיט וועלכען זיא האט זיך דאך שוין איין מאהל מיט דעם גרעסטען בטחון געלאזט אריבער איבערן ים, אבער הלל אליין האט זיך געפיהלט א ביסעל אונרוהיג. ער האט געוואוסט אז דיא גאנצע פעראנטווארטליכקייט ליעגט בלויז אויף איהם און אז ער האט דא צו זיין דער וועג־ווייזער און ער האט זיך גע־פיהלט גאנץ שווער אויפן הארצען.

הלל האט זיך אפילו ניט געלאזען אין וועג מיט ליידיגע הענט, וויא מען זאגט, זיין פריינד האט איהם בעזארגט מיט א גאנץ גענויער בעשרייבונג פון דעם גאנצען וועג, וועלכען ער האט געהאלטען אין זיינע הענד; א בעשרייבונג וואו און ווען מען דארף טשיינדזשען דיא קארס, דיא נעמען פון דיא קארס און אפילו וויא יעדע קאר דארף אויסזעהען.

הלל האט געהאט א גאנצען פאק מיט פערשיעדענע סמנים און אנמערקונגען, מיט איין ווארט, ער האט פערמאגט א רעגעלע לאנד־קארטע פון דעם גאנצען וועג. דאך וואס ווייטער ער איז געפאהרען, אלץ אונרוהיגער האט ער גענומען פיהלען און ער איז געווארען אלץ מעהר און מעהר צוטומעלט.

הלל האט געהאט צו בייטען פיער מאהל דיא קארס אויף זיין וועג. צו יעדען מאל, ווען ער פלעגט דארפען בייטען א קאר, פלעגט ער גאנץ פארזיכטיג דורכקוקען זיין „לאנד־קארטע", אבער הפנים ער האט דאך ערגעץ וואו געמאכט א מיסטייק, ווא־רום ווען הלל און זיין פאמיליע זיינען אבגעפאהרען א פיינע פאאר שטונדען, האט ציפע פלוצלונג בעמערקט צו איהם:

— זעה, הלל, איך וואלט זאגען אז איך בין אין דעם געגענד געוועז.

הלל האט א בליק געטאהן אויף זיין ווייבעל מיט א ליעבליכען שמייכעל.

— דוא ווייסט — האט ער געענטפערט — ביסטו ווען עס איז ארויסגעפאהרען פון דער היים?

— עפעס אלעס קוקט דא מיר אויס אזוי בעקאנט — האט ציפע ווייטער בע־מערקט.

הלל האט זיך ארומגעקוקט.

— דיא געגענדען מוזען טאקע זיין עהנליך איינס צום צווייטען — האט הלל בעמערקט פון זיין זייט.

מען איז אוועקגעפאהרען ווייטער.

— זעה, זעה, הלל — האט ציפע ווייטער געזאגט און איהר פנים איז פלוצלונג געווארען אזוי צופריעדען — קוק זיך נור צו. אן גייט דא אונזער בוטשער.

הלל האט זיך ווייטער אומגעקוקט.

— אמת טאקע, ער איז אויך דא.

— וואס טהוט ער דא? — האט ציפע געפרעגט פערוואונדערט.

— דוא מיינסט הפנים — האט הלל געענטפערט — אז ווען מיר זיצען אין דער־היים, שלאפט דיא גאנצע וועלט, א וועלט איז א וועלט: מען פאהרט, מען געהט, מען זיצט ניט אין דער היים.

דאך אזוי וויט? — האט זיך ציפע ניט אויפגעהערט צו וואונדערען.

פלוצלונג איז הלל'ס פנים בלאס געווארען און ער האט זיך ערשראקען ארומ־געקוקט.

— וועה איז מיר, וואס טהוט זיך דא? — האט ער פערבראכען דיא הענד.

— וואס איז דער מעהר? האט ציפע אונרוהיג געפרעגט.

— מיר פאהרען דאך אהיים — האט הלל אויסגעשאסען... ער האט ברייט פער־

נאנדערגעפענט דעם מויל, און דיא שווארצאפעל האבען זיך איהם געשטעלט אין מיטען דיא אויגען.

— וויא הייסט? וואס רעדסטו הלל?! — האט איהם ציפע אנגעקוקט.

— זעה, זעה... אהיים... אהיים... דאס איז דאך אונזער געגענד.

ציפע האט ארויסגעשטעקט איהר קאפ דורך'ן קאר און זיא האט זיך גוט ארומ־געקוקט.

— געוויס — האט זיא געזאגט,—אן געהען דאך נחמה'ס קינדער... און אן איז אונזער קוילען מאן... און אט... און אט...

— מיר האבען געמוזט ערגעץ וואו א מיסטייק מאכען — האט הלל געזאגט — און מיר זיינען אוועקגעפאהרען צוריק.

— איך האב אבער געפיהלט, אז מיר זיינען אין אונזער געגענד,—האט ציפע גע־זאגט — איך האב דיא מינוט דערפיהלט דיא זעלבע לופט... עפעס דארטען ווייט האט פערכאפט ביים הארצען און דער קאפ האט געשווינדעלט... און דא פיהל איך אזוי וויא אין דערהיים...

— נו נו,—האט הלל וויטער געשריען—מיר זיינען דאך באלד אין דערהיים... דאס איז דאך עללען סטריט.

— טא וואס טהוט מען? — האט ציפע געפרעגט.

— וואס זאל מען טאהן? מען מוז אראפגעהן....

אין גיכען איז הלל מיט זיין פאמיליע געקומען מיט מזל אהיים...

— ווייסטו הלל — האט ציפע געזאגט צו איהר מאן, ווען זיי זיינען שוין געווען צו הויז — איך בין דאך גאר א חורבה; עס האט מיר צוטרייסעלט דיא ביינער און פרעג וואס, פרעג ווען.

— א גוד דזשאב אויף מיר און אויף דיר — האט הלל געענטפערט — מען טאר זיך ניט אונטערנעהמען ווען מען ווייס ניט, און מען קען ניט.

— זעהר רעכט! — האט ציפע געזאגט,—ועסט זיך ווייטער ניט לאזען אין אלע שווארצע יאהרען.

מר. לאַנקין און זיין פרוי.

פריהמאָרגען שטעהט אויף דיא מיסיס לאַנקין אימער מיט א שטונדע פריהער וויא איהר מאַן, ווייל ביז וואַנען ער שטעהט אויף דארף זיא פערפערטיגען אנבייסען, אביסעל אויפראַמען אין הויז, אָפּגעבען עסען דאָס קינד, אזוי, אַז איהר דריי יאָהריגע מעכטעריל זאָל זיך פערהאַלטען רוהיג און ניט טומלען דעם טאַטען, ווען ער עסט זיין אנבייסען. אזוי איז זיא זיך נוהג תמיד. נור היינט איז זיא אוֹיפגעשטאַנען ניט מיט איין שטונדע נור מיט גאַנצע דריי שטונדען פריהער פון איהר מאַן.

אורזאַכען, ווארום דיא מיסיס לאַנקין איז היינט אויפגעשטאַנען אזוי פריה, זיינען דאָ פערשיעדענע....

ערשטענס איז היינט איהר מאַן'ס „פיידע" און אין זיין „פיידע" חנפ'עט זיא איהם מעהר איידער א גאַנצע וואָך; זיא מאַכט פאַר איהם א בעסערן ברעקפעסט און זעהט איהם מעהר „געהאַווירען", ווייטער האָט זיא היינט זעהר א סך אַרבייט, און ווען דער טאָג וואָלט ענטהאַלטען ניט פיער און צוואַנציג שעה נור זעקס מאָל פיער און צוואַנציג, וואָלט פאַר איהר געווען גאָר ניט צופיעל, אזוי פיעל ארבייט האָט זיא...

עס איז א וואָך צו ראש השנה.

צו דער געוועהנליכער „שקירטע" וועש וואָס זיא האָט צו וואַשען יעדע וואָך זיינען א סך זאַכען צוגעקומען מחמת דעם קומענדען יום טוב. זיא דארף צו־וואַשען דיא לייס־קאָיטענס פון דיא פענסטער, דיא ווייסע פיקענע קאָלדרע, דעם „קאָווער" פון לאַנדזש און נאָך איינִיגע זאַכען, וועלכע מען וואַשט ניט אזוי אָפט און אויף וועלכע מען דארף אַוועקלייגען א היבשע ביסעל כוחות אום ריין און וויים צו מאַכען. ווייטער האָט זיא נאָך אַן ארבייט, דאָס אַרבייט זיא בגנבה פון איהר מאַן, זיא וויל איהם סורפּרייזען.

א קייפּ מוז זיא האָבען אויף יום טוב א נייע, אויף דער אַלטער איז שוין ניט ניחה א קוק צו געבען. עטליכע מאָהל האָט זיא וועגען דעם געמאַכט א רייד מיטן מאַן און ער לייגט עפּעס אַלץ אָפּ, און אַן אַנדערס מאָהל שווייגט ער טאַקע צו.... דאָס פערדריסט איהר שטאַרק, אָבער זיא שלינגט עס אראָפּ.

— „וואָס זאָל ער נעבעך טאָהן, אַז עס איז ניטאָ פאַר וואָס צו קויפען" — פערענטפערט זיא פאַר זיך זעלבסט איהר מאַן.... און זיא פאַלט אויף א סברה: זיא וועט אויסשוואַשען, אויספּארען אויסרייניגען דיא אַלטע קייפּ, מען וועט עס איבערנעהען... אין ביורא ליגט ביי איהר פערוואַלגערט א שטיק פיינע טרימינג. ווען נור זיא עפענט דיא ביורא און דערזעהט אַט דיא טרימינג נעהמט זיא פאַנטאַזירען וויא אזוי און צו וואָס זיא קען עס פערברויכען. יעצט וועט עס ענדליך צוניץ קומען; זיא וועט מיט דעם אַרומטרימען דיא קייפּ. זיא וועט עס מאַכען שפּאָגעל ניי, ניט צום דערקענען גאָר אַז דאָס איז דיא אַלטע קייפּ... וועט עס צוזאַממענלייגען אין א פּייפּער און צייגען איהר

מאַן. — „זעה נור לאַנקין“ — וועט זיא צו איהם זאגען — „אַט דיא קייפּ וויל איך קויפען... שאַץ, וויפיעל איז דאס ווערטה. זיא וועט זעהען וואס פאר א הויה ער וועט מאַכען. א ווײלע וועט זיא זיך מיט איהם רייצען, נאָכדעם וועט זיא איהם אויסזאגען דעם אמת...“

ווען דיא מיססיס לאַנקין טראַכט אָפּ א זאַך האָט זיא דאס ליעב מקים צו זיין. דעם צווייטען טאָג אַז זיא איז שוין ביזי מיט דער קייפּ. דעם צווייטען טאָג אַז זיא אַרבייט שוין מיט דער נשמה איבער דער אַלטער שמאַטע. היינט, אַז זיא וועט גוט אַן ארבייט געבען וועט זיא דאס אפשר ענדיגען... און ווען איהר מאַן וועט קומען אַהיים מיט דער „פּיידע“ וועט זיא אָפּמאַהן איהר שפּיצעל... און עס שלאָפט זיך ניט דער פרוי... און זיא איז אויפגעשטאַנען באַגינען...

גלייך וויא דיא פרוי האָט זיך נור אוועקגעשטעלט אויף דיא פיס האָט זיא גע־נומען ארבייטען.

אויפגעראַמט אין הויז, געגרייט דעם טיש, קאַפע געמאַכט, אראָפּגעלאָפען נאָך מילך אין גראָסערי... און ווען זיא קומט מיט דיא מילך אָפּסטעז פינף שטיגען הויך, כאַפּט זיא זיך — זיא האָט פערגעסען זעמעל נעהמען... גלייך געלאָפען צוריק ארונ־טער, גענומען זעמעל, ווען דער ברעקפעסט איז שוין פאַרטיג דערמאָנט זיא זיך אַז דער מאַן האָט נעכטען אָנגעמוטה, אַז ער וואָלט זעהר וועלען א שטיקעל שווייצער קעז מאָרגען צום אנבייסען. וויטער „דאַנסטעז“ און ווען זיא קומט ארויף מיט דיא קעז איז זיא אָהן אַן אטהעם... און עס שווינדעלט אין קאָפּ... דער מאַן שלאָפט נאָך. דערווייל וויקט זיא אַן וועש. דאס קינד איז אויפגעשטאַנען. גענומען ארומטאַנצען ארום דעם קינד... און זיא אַרבייט... און זיא איז ביזי... אין מויל האָט זיא נאָך גאר־נישט גענומען.... ווער האָט עס צייט צו עסען? וועמען ליגט עס אין קאָפּ? ארבייט... עס איז דאָ אַזוי פיעל מלאכה צו טאָהן...

דער מאַן איז אויפגעשטאַנען.

— פריידיל — רופט ער זיא — קום אהער, נעה מיר איין א באַטען אין העמד.

פריידיל זוכט א נאָדעל, וויסע קאַטען.

— וואס געוועררט עס אזוי? — שרייט שוין דער מאַן ניט־צופרידען.

פריידעל לויפט צום מאַן. זיא לויפט פערביי דעם שפּיגעל... עס טהוט א שיין אין איהרע אויגען איהר אייגענער פנים... וויא בלאַס, וויא געל זיא איז... עפּעס טהוט איהר א שטאָך אין האַרצען... אָבער באַלד פערגעסט זיא זיך... מלאכה... עס איז דאָ אַרבייט.

מיסטער לאַנקין האָט זיך אָנגעטאָהן, איינגעוואַשען זיך. קאַנטעט א שפּיל גע־געבען מיט דער בייבי, מיט דער פרוי אויך, אָפּגעגעסען, אָפּגעטרונקען און איז אוועק צו דער אַרבייט.

דער טאָג ציהט זיך... דיא מיססיס לאַנקין איז ביזי!

וואַשט, שייערט, רייניגט.... שלעפּט בלאַטע... וועש אין קעסיל, פון קעסיל... הייבט דעם קעסיל... רייסט זיך דיא גידערים... אַרבייט, אַרבייט... בלייבט אָהן קרעפּ־טען.... פאַרטיג דיא וועש... עס ברעכט דער רוקען... עס חלש'ן הענד און פיס... נור זיא רוהט ניט... זיא נעהמט זיך פאר דער קייפּ...

אביסעל האָט זיך פריידיל גענאַרט מיט איהרע רעכענונגען: דער דזשאַב איז פיעל שווערער, פיעל ביטערער איידער זיא האָט געדיינקט. דיא קייפּ איז אזוי אַלט... אזוי פערפליאַמעט.... אזוי צופלאַטערט און צוריסען, אַז עס איז גאר ניט מעגליך עפּעס פון איהר צו מאַכען... און פריידיל ארבייט מיט דער גאַלל... מיט דער נשמה, רייבט

פוצט, רייניגט, נייט, רייסט, און נייט ווייטער... זיא ווערט בעגאסען מיט שוויס... אין דיא אויגען איז אזוי פינסטער... דיא שפּיצען פינגער ברענען, שמאַרצען פון דעם רייבען דיא פּליאמעס פון דער אַלטער שמאַטע... דיא האַרץ פערגייט פון שוואכקייט... גאַט צו דאנקען... עס גייט אויף א „לאד"... פון דער שמאַטע הויבט אַן צו ווערען עטוואס עהנליכעס צו א קייפּ... דער זייגער שלאגט... אוי, עס איז שוין שפּעט... סאַ־פּער... סאַפּער... דער מאַן וועט באלד קומען... פריידיל ווערט ביזי מיט'ן סאַפּער מאַכען

א בראַטען מאַכט זיא היינט צום סאַפּער און ווען לאַנקין וועט קומען וועט זיא פערקאָכען א מאַננע־גרויפּען קאַשע און זיא וועט צוהאַקען א פּאַאר אייער...

זיא לאָזט דעם בראַטען בראַטען זיך אויף א קליינעם פייער און זיא נעהמט זיך ווייטער פאר דער ארבייט: דיא וועש איז שוין טרוקען און דרויסען וואלקענט אַן, עס קען א גאס געבען א רעגען און איהר גאנצע ארבייט איז קאַפּוט... און זיא היילט זיך... רייסט דיא וועש פון ליין... און עס פאַלט פון דיא הענד... א העמד איז ארויס־געפאַלען פון האַנד ארונטער אין יאַד אריין... פריידיל כאַפּט דיא קינד אין האַנד און פליהט ארונטער אין יאַד אריין... און דער בראַטען איז זיך דאַ דערווייל מישב און נעהמט א ביסעל אונטערברענען...

מיסטער לאַנקין געהט אהיים פון דער ארבייט.

אין פּאַקעט טראגט ער דיא „פּיידע" און ער פיהלט עס. אויפ'ן וועג געהט ער אריין אין א סאַלון און מאַכט א שנעפּסיל... ער געהט פאַרביי א פרוכט סטענד, קויפט זיך עטליכע בארען און זעהט זיך צו... „איך האָב פערדיענט" — טראַכט ער ביי זיך — „איך מעג".

אָט געהט ער פאַרביי א שוהסטאָר, אין שאָוקייס שטעהען אויסגעשטעלט פיינע שיך... זיין סייז... עס קומט ארויף א געדאַנק קויפען זיך א פּאָאר שיך, ער שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך צו.

עס דערהערט זיך טיעף אין האַרצען א שטיממע, א בייסענדע שטיממע פון געוויסען:

— דיינע שיך זיינען נאָך גאר ניי... דיא ווייב בעטעלט שוין דיא דריטע וואָך אויף א קייפּ.

לאַנקינען ווערט א ווייל ע שווער אויפ'ן האַרצען... אָבער דיא שיך זיינען אַזעלכע שיינע.... זיי וועלען אַזוי פּיטען צו זיין נייעם סוט... און דאָ פיהלט זיך אין פּאַקעט דיא „פּיידע".

— „איך פערדין... איך ארבייט... איך מעג" — פערענטפערט ער דיא ניט אנ־געגעהמע שטיממע פון זיין געוויסען... ער געהט אריין אין סטאָר, קויפט זיך שיך און שפּאַנט א צופריעדענער אהיים....

ער דערמאָנט זיך ווייטער אָן דער ווייב...

ער ווייס אַז פריידיל וועט פראַגעס פרעגען און פון דרך שלום וועגען טראַכט ער עפּעס א פּאַסענדען תירוץ.

עס קומט איהם ארויף א געדאַנק צו דערצעהלען א מעשה אַז עס איז געווען א סייל.... אַז ער האָט געהאַט א זעלטענע געלעגענהייט צו האַנדלען א גרויסען בארגיין... און לאַנקין שמייכעלט צופריעדען.

געהענדיג שילדערט זיך איהם א בילד וויא ער זיצט שוין ביים טיש... אין צימ־מער איז ריין... ציכטיג... ליכטיג... דער טיש איז געגרייט מיט א קלאָרען טישטוך,

ער, דיא ווייב און דאס קינד זיצען ביים טיש... און ער האט הנאה פון א פיינעם סאָ־פּער... און נאָכדעם ווייטער תענוג... און ער געהט א קאָנטענטער אהיים...

וויא נור פריידיל איז אריין אין הויז מיט דער ארונטערגעפאלענער העמד, האט זיא גלייך דערפיהלט, אז דער בראטען ברענט... א פערציטערטע, א דערשראקענע איז זיא ארייגעלאָפען אין קיטשען און געכאפּט אפּראטעוועז דעם נשרף...

אן אנדער טעפּיל, אנדערע וואסער, אן אנדער ציבעלע, וויטער קאָכען.... זיא כאפּט, זיא היילט זיך, דיא הענד ציטערן. עס איז שוין שפּעט... „ער" קומט גלייך.

„אוי וואס פאר אן אונגליק" — שעפּטשעט זיא — און זיא פיהלט זיך ווירקליך זעהר אונגליקליך....

לאַנקין איז געקומען.

אריין איז ער אין הויז מיט א באקס אונטערן ארעם, מיט א שמייכעל אויף דיא ליפּען, און מיט א תירוץ אויף'ן שפּיץ צונג. דער קערל האט אָבער גלייך דער־פיהלט אז דער בראטען ברענט און דער גוטער מוטה זיינער איז אין איין סעקונדע אוועק וויא מיט רויך....

— וואס ברענט עס, פריידיל?

— גאר נישט, גארנישט — און איהר שטימע ציטערט פערדעכטיג.

— עס שמעקט דאָך צוברענטע פלייש.

— נאָך עפּעס — לייקענט פריידיל — דיא ציבעלע האט נור א ברען געגעבען, עס איז גארנישט.

לאַנקין־גנב פערשטעהט אָבער אז מיט'ן סאפּער איז טראבעל... און ער איז שוין אין כעס...

פריידיל דערזעהט דעם באקס, וועלכען איהר מאַן האט געבראכט.

— וואס האסט דוא דאס געבראכט? — פרעגט דיא פרוי.

— איך האָב זיך געקויפט שיך — ענטפערט קורץ און טרוקען לאַנקין.

— שיך? האסט דאָך גאר נייע שיך...

— איך האָב געוואלט האָב איך געקויפט... איך אַרבייט... דאס איז מיינע.

פריידיל ענטפערט גארנישט... אָבער א שמערצליכער פעררדרוס דריקט צוזאמען איהר שוואכע הארץ... זיא דערמאָנט זיך אָן איהר קייפ... א שטומע, אָבער ברייטע טיעפע פראגע רייסט זיך ביי איהר פון הארצען... אָבער זיא שווייגט שטיל.... בלויז טרעהרען שטעהען אין האלדז....

ב י י ד ע.

דער מאַנאַט דזשוליי האָט מיט זיינע ברענענדע היצען געבראַכט אין ריינאַך דעם עקספּרעסמאַנס הויז אַן אונגליק נאָך אַן אונגליק, אַ צרה נאָך אַ צרה.

אין דיא שעפּער איז געוואָרען סלעק, פאָלגליך זיינען אויך ריינאַך'ס פערדינסטע, פערקלענערט געוואָרען, ווייל זיין פּרנסה איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט פאַנאַנדערפיהרען אָרדערס פיר פערשיעדענע שעפּער

ריינאַך'ס פרוי, וועלכע איז זייט יאָהרען לאַנג אַן אינוואַליד, איז מיט דעם אַנקומען פון דיא היצען ערגער און ערגער געוואָרען.

מיט אַ וואָך צוריק האָט דער עקספּרעסמאַן פעררופען צו זיך אַ דאָקטאָר און דער מעדיצין מאַן האָט איהם עפּעס אָנגערעדט גאַנצע הרים וגבעות פון וואָס ריינאַך האָט נור פערשטאַנען אַז זיין ווייב איז געפעהרליך און יעדער טאָג קען מיט זיך בריי־נגען איהר טויט... אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט; דער הויפּט אונגליק, דיא גרעסטע צרה איז אויף איהם אויסגעפאַלען געסטערן, ווען זיין פערד, זיין שפּייזער, זיין ער־נעהרער איז פון דיא ברענענדע היצען פּלוצלונג קראַנק געוואָרען.

דער לעצטער אונגליק האָט דעם אָרעמען עקספּרעסמאַן אין גאַנצען דערשלאָגען!

צו דיא סלעק אין דיא זומערדיגע חדשים איז ער געוואוינט געוואָרען: דיעזע צרה ווידערהאָלט זיך יעדען יאָהר.

דיא ווייב איז שוין דאָך אויך קראַנק פון יאָהרען. אמת, ביז יעצט פלעגט זיא זיך נאָך אַרומשלעפּען איבערן הויז און איצטער ליגט זיא אין בעט אַ האַלבע אַ טויטע, אָבער דאָס מאַכט אַ גאַנץ קליינעם דיפּערענץ. קיין נוצען בריינגט זיא זאָ וויא זאָ ניט, און דיא ווירטהין אין הויז איז זיין עלטערע זעכצעהן יעהריגע טאָכטער.

אָבער דער פערד!

אָהן דעם פערד קען ער ניט עקזיסטירען, זיין ביזנעס מוז ער טענדען. זאָל ער נור עטליכע טעג ניט ארבייטען פערליערט ער דיא גאַנצע טרייד און דאַן בלייבט ער אָהן ברויט, מיט אַ קראַנקער פרוי אויפן האַלז און מיט פינף קינדער, פון וועלכע ניט איינס פערדיענט אַ סענט.

דיא עלטערע טאָכטער זיינע וואָלט שוין יאָ געקענט פערדיענען איהר שטיקעל ברויט, נו, מוז זיא דאָך טענדען דיא הויז.

און דערפאַר האָט דיא פּלעצליכע קראַנקהייט פון דעם פערד אַזוי ניעדערשלאָ־גען אונזער אָרעמען עקספּרעסמאַן.

דאָס פערד ליעגט אין סטייבל... דער וועטריאַנער האָט ערקלעהרט, אַז מיט דער בעשעפּענים האַלט עס היינט ניט פּרעהליך, און דער עקספּרעסמאַן איז אין איינע ציטערנים.

ביזנעס מוז מען טענדען. אויף מאָרגען האָט ריינאַך געדונגען אַ פערד און האָט פאַר איין טאָג געמוזט בעצאָהלען צוויי דאָלער אין אדוואַנס; בעצאָהלענדיג דיא קעש האָט ער נאָך שטאַרקער געפיהלט וואָס זיין פערד בעדייטעט פאַר איהם, און איהם איז געוואָרען שווערער און ביטערער אויף דעם האַרצען.

א גאַנצע נאַכט איז ריינאַך ניט געשלאָפען און געפּוּנען זיך ביי דעם זייט פון זיין קראַנקען פערד, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס זיין פרוי האָט געהאַלטען אין זעגענען זיך מיט דעם לעבען.

אויף מאָרגען פריה איז ריינאַך געווען פערטיג אוועקצופאָהרען צו דער ארבייט.

— ריינאַך — האָט איהם צוגערופען זיין שטערבענדע פרוי.

ריינאַך איז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער.

— ריינאַך, וואָס מאַכט דער פערד? — האָט דיא שטערבענדע געפרעגט מיט א שוואַכער שטימע.

— גאָט זאָל רחמנות האָבען — האָט ריינאַך געענטפערט, און א ווייל'ע שטיל בלייבענדיג זאָגט ער ווייטער:

— און וויא פיהלסט דוא זיך?

— שלעכט — ענטפערט דיא קראַנקע — זעגען זיך מיט מיר בעפאָר דו געהסט אוועק... ווען דו וועסט קומען וועסט דו מיך אפשר שוין ניט טרעפען; און דיא שטערבענדע פרוי האָט אריינגענומען דעם מאַנס האַנד אין איהרע קאַלטע און האַלב אָבגעשטאָרבענע הענד.

— זיי געזונד ריינאַך . . .

ביי דעם עקספּרעסמאַן זיינען פּלוצלונג דיא אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען. ער האָט טרויעריג אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט זיך אָפּגעקוזשעט לעבען זיין פרוי.

— דו ווייסט ריינאַך? — האָט דיא שטערבענדע געפרעגט מיט א שמייכעל, זיא האָט אָנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אָן זיינע קניע און פון דעם עקספּרעסמאַנס אויגען האָבען אראָפּגערונען א פּאָר טרעהרען.

— וויין ניט ריינאַך... פאָהר צו דער ארבייט... עס איז שוין ניט פריה... זאָג דיא קינדער... וויא זיי זאָלען זיך בעגעהן מיטן פערד — האָט געזאָגט דיא קראַנקע.

— זיי דוא געזונד, מיין ווייב.

—פאָהר געזונד.

ריינאַך איז אוועק אין סטייבּל נאָך אַמאָהל, א בליק געגעבען אויף זיין פערד און האָט געגעבען דיא קינדער אייניגע אונטעררירטונגען, וויא אזוי צו בעגעהען זיך מיט דער קראַנקער בעשעפענים, אונטערדעסען האָט ער צוגעזאָגט זין צעהן יעהריגען אלבערט'ן, אז א זייגער צוויי נאָך מיטאָג זאָל ער אוועקלויפען אהין און אהין, אין יענעם און יענעם שאָפּ וואו איהם וועט ביי דער זעלבער צייט אויסקומען צו זיין, און ער זאָל אָנזאָגען וואָס עס הערט זיך אין דער היים.

— גיט אויך אכטונג אויף דער מאַמען — האָט ריינאַך געזאָגט זיינע לעצטע ווערטער און ער איז אוועקגעפאָהרען צו זיין ארבייט...

* * *

א זייגער דריי נאָכמיטאָג איז ריינאַך געווען נאָהענט פון יענעם שאָפּ, וואָהין זיין קינד האָט איהם בעדאַרפט ברייננען נייעס פון דער היים און צופאָהרענדיג צו דעם בעשטעלטען ארט פּרובירט דער עקספּרעסמאַן טרעפען זיין שיקזאַל.

„אפשר האָט דאָס קינד אָנגעזאָגט — טראַכט ריינאַך — אז עס איז שוין נאָך דעם פערד", און דעם עקספּרעסמאַן ווערט שרעקליך שווער אויף דעם הארצען.

„וואָס טהוט מען דאַן?" — טראַכט ער ווייטער און דריקט אזוי פערצווייפעלט מיט דיא פּלייצעס.

דער פערד איז ניט אינשורט, אָבגעשפּאַרטע געלד אום צו קויפען אַן אנדער

פערד האָט ער ניט, דינגען א פערד איז א קנאַפּער תכלית, עס וועט ניט זיין ניט אויפֿן פערד און ניט פאַר זיך.

— וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? — שעפּטשעט רײנאַך און איהם ווערט אזוי אונמוטהיג, אזוי ביטער, און איהם דאכט זיך, דיא גאַנצע וועלט ענדיגט זיך.

„און אפשר וועט דיא בשורה לויטען, אַז זיין ווייב איז שוין געשטאָרבען“ — טראכט רײנאַך ווייטער... און זיין הארץ פערבלייבט זיך שטיל און רוהיג.

עס וועט ניט פאָרקומען קיין שום ענדערונג אין זיין געזינד, דיא לאַגע וועט נאָך פערלייכטערט ווערן, ווארים דיא קראַנקע איז אַן איבעריגע פּערזאָן אין הויז, און פער־שאַפט בלויז טראָבעל. רײנאַך פערגעסט דאביי ניט, אַז דיא אַלטע איז פערזיכערט אין הונדערט און פופציג דאָלער, פון דיא פיונעראל עקספּענסעס וועט נאָך איבער־בלייבען עטליכע דאָלער... דער עקספּרעסמאַן זעהט פאָראויס א גאַנצען פּיקניק און איהם ווערט פרייער אויף דעם הארצען.

ווייט, ווייט אין א טיעפען, פערבאָרגענעם ווינקעל פון דעם עקספּרעסמאַנס נשמה לאָזט זיך הערען א שוואכע שטימע פון זיין געוויסען אין דער פאָרמע פון א שטילען בּיינקענדען וועהטאָג. עס עראינערט זיך דער עקספּרעסמאַן, וויא אזוי זיין „אַלטע“ איז אמאָהל געווען יונג... דיא קראַנקע איז געזונד, דיא שטערבענדע איז געווען שעהן און האָט געבליהט... עס קומען איהם ארויף אויפֿן זיננען עראינערונ־גען, וועלכע שילדערן אין פערשידענע בילדער, וויא אזוי דיא קראַנקע האָט אוועקגע־לייגט איהרע יאָהרען, איהרע כחות, זייענדיג א טרייע ווייב, אַן איבערגעגעבענע הויז ווירטהין און ארבייטענדיג טאָג אזוי וויא נאַכט שווער און ביטער אויף איהם און אויף דיא קינדער...

טומאַנע, אונדייטליך דערפיהלט רײנאַך, אז זיינע מחשבות, זיינע פריהערדיגע רעכענונגען וועגען זיין פרוי זיינען א פערברעכען. עפּעס דריקט איהם צוזמאַען בּיים הארצען... אָבער דאָס דויערט ניט לאַנג, דער קאַלטער, טרוקענער אינטערעס, פער־שטיקט דיא שוואכע שטימע פון געוויסען און ווען דער עקספּרעסמאַן געהט אריין אין שאַפּ פיהלט ער גאַנץ דייטליך אז איהם וואָלט זיך בעסער ווען הערען דאָ, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבען, איידער צו דערוויסען אַז דער פערד איז טויט.

— גוד אפטער נון, מיסטער רײנאַך — האָט דער פאָרמאַן פון שאַפּ מיט א פריינדליכער שטימע בעגעגענט דעם עקספּרעסמאַן.

דער עקספּרעסמאַן האָט זיך פערנייגט און האָט געענטפערט מיט דעם זעלבען פריינדליכען גערוס, רײנאַך האָט אָבער אויך פערשטאַנען אין דעם פאָרמאַנס פריינד־ליכקייט מיטלייד צו איהם און ער האָט געוואוסט, אַז פאַר איהם איז דאָ א טרויעריגע בשורה אין זאַפּאַס.

— איז מיין באָי דאָ געווען? — האָט דער עקספּרעסמאַן געפרעגט מיט א ציטערדיגער שטימע.

—יעס, געוועזן.

— וואס הערט זיך ביי מיר צו הויז?

— לײדער, קיין פרעהליכע נייעס — האָט געענטפערט דער פאָרמאַן.

—איז מיין פערד טויט? — האָט רײנאַך א פרעג געגעבען און זיין הארץ איי־געבליבען א ווײלע שטיל שטעהן.

— לײדער, יעס.

רײנאַך איז געוואָרען בלאס וויא א טויטער.

— וואָס מאַכט מיין פרוי ? — האָט ער ווייטער געפרעגט עפּעס אזוי וויא אויטאָמאַטיש.

— האָב קוראזש, אַלטער מאַן — האָט דער פארמאַן טרויעריג געענטפערט.

— געשטאָרבען ?

— זיא איז יעצט אין היממעל.

ריינאַך האָט פערבראכען מיט דיא הענט ; דער מאַן האָט עס אָבער געטאָהן בלויז פון אנשטענדיגקייט וועגען. אויפן הארצען איז איהם גראדע געוואָרען פרייער פון דער לעצטער בשורה ווארים אין זיין געדאנק איז איהם גלייך דורכגעלאָפען דיא „אינשורענס" פאר זיין פרוי און ער האָט אין דעם דערזעהען א רעטונג פאר זיך.

— פאָהר אהיים צו דיין טויטער ווייב, צו דיינע קינדער — האָט דער פאַרמאַן געקוקט אויף ריינאַך'ן מיט מיטלייד.

— יעס, מען מוז פאָהרען — האָט ריינאַך געענטפערט, און ער האָט שוין געוואָלט געהן צום טיהר.

—איין מינוטעלע — האָט איהם דער פאַרמאַן אָבגעשטעלט.

ריינאַך איז געבליעבען שטעהן.

דער פאַרמאַן האָט ארויסגענומען פון אן אלמער א באָטעל בראנפען אָנגעגאָסען א גלעזעלע און דערלאַנגט צו ריינאַך'ן — טרינק ברודער !

ריינאַך האָט אויסגעטרונקען.

— פערליער ניט דיין מוטה — האָט דער פאַרמאַן געטרייסט דעם עקספּרעסמאַן און האָט איהם דערלאַנגט נאָך א גלעזעלע.

ריינאַך האָט אויסגעטרונקען, און האָט מיט א גענאַרטער וויינענדיגער שטימע געזאָגט :

— אָט אזוי שטראָפט מיך גאָט.

— מען טאָר ניט זינדיגען — האָט דער פאַרמאַן געזאָגט פון זיין זייט. מיט איין האַנד שטראָפט גאָט און מיט דער צווייטער ערבארעמט ער זיך.

— וואהר, וואהר — האָט ריינאַך צוגעגעבען און דער מאַן איז מיט א לייכטען, פרייען געמיטה ארויס פון שאַפּ.

פערראַטהען זיין פרינציפ.

מיסטער בריינין איז אַ יונגער, היציגער, ערנסטער מאַן. זאגען וועגען איהם אַז ער גלויבט ניט אין גאָט, וואָלט געווען זעהר און זעהר אַ שוואַכע פאָרשטעלונג פון איהם. ניט גלויבען איז גארנישט, ניט גלויבען קען יעדער איינציגער, ער האָט געהאַסט, געהאַסט מיט'ן גאנצען האַרצען דיא מינדעסטע געדעכענעס פון גלויבען, סיי אידישען סיי קריסטליכען, ער איז געווען אַ דם שונא דעם קלענסטען שפור פון רעליגיאָן. און ער האָט געטהאָן אַלעס וואָס איז נור געלעגען אין זיינע קרעפטען צוליעב זיינע אידעען. איבעראַל, אימער, ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער גערעדט און געפרייידיגט דאַגעגען גאָט און דאַגעגען רעליגיאָן. זיין ליעבסטע ווערטעל איז געווען: „זעהען אַ גלויביגען און ניט פרובירען איהם עפענען דיא אויגען איז אַ נידריגער, געמיינער פערברעכען“. און דאַס איז געווען ביי איהם ניט אַ פראַזע, נור זיין ריכטיגע אמונה, זיין האַרץ. דאָך האָט מיט בריינינען אַ מאָהל פאַסירט אַ צופאַל און ער האָט ניט געהאַט מוטה גענוג צו פאָלגען זיין אייגענעם „איך“ און זיין ליעבסטע ווערטעל איז אויף דיזען מאָל טאַקע ווירקליך פערבליעבען אַ לעערע, קלינגענדע פראַזע. הערט נור וואָס עס האָט געטראָפען: איין מאָהל ארומוואַנדערענדיג איבער דיא ניו־יארקער אפטאונער גאסען האָט ער דערהערט וויא אַ פרויען־שטימע רופט צו יעמאַנדען:

— מיסטער, מיסטער, האָט רחמנות. קומט אַהער.

ווען בריינין האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזעהען איבערן וועג לעבען „סטופ“ פון אַ טענעמענט הויז איז געשטאַנען אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעכצעהן און האָט צו איהם געמאַכט מיט דיא הענד. בריינין איז צו איהר גלייך צוגעגאַנגען. ווען ער האָט דערזעהען דיזע מיידעל האָט ער גלייך פערשטאַנען, אַז עפּעס אַן אונגליק האָט פאַסירט, דיא מיידעל האָט אויסגעקוקט שרעקליך, דיא אויגען זיינען ביי איהר געווען רויט און פערשוואָלען פון טרעהרען. דיא האָר זיינען געווען ניט פערבאָרסטען און צוואוארפען אָהן אירגענד וועלכע אָרדנונג. זיא האָט אויסגעקוקט בלאַס, קראַנק און אויסגעמאַטערט...

— וואָס האָט פאַסירט? — האָט בריינין געפרעגט, דערשראָקען און מיט אַ פערשטאָרבענעם האַרץ.

— האָט רחמנות, מיין טאַטע... מיין טאַטע... אָה, קומט אריין, ער וויל זאָגען וידוי מיט אימיצען... דיא מיידעל האָט זיך צוואויינט. — דער דאָקטאָר האָט איהם אָבגעזאָגט. שוין...

— וידוי?... — בריינין איז אייניגע מינוטען פערבליעבען שטעהן עפּעס וויא אַ צוטומעלטער.

— האָט רחמנות — האָט דיא מיידעל ווייטער געזאָגט — דאָ ארום און ארום איז שווער צו קריגען אַ אידען... קומט אריין...

עפעס וויא אן אטאמאט, ניט וויסענדיג אליין וואס ער טהוט, איז בריינין אוועק נאך דער מיידעל און איז אריין אין דעם אפארטמענט וואו דער שטערבענדער איז געלעגען.

א הערצרייסענד טרויעריג בילד האט זיך פונאנדערגעוויקעלט פאר בריינין'ס אויגען. דער חדר איז געוועזען פינסטער, איינג און שמוציג, אלעס האט אויסגעקוקט נאקעט, הייל, פעראַרעמט און פערוויסט, דריי קליינע קינדערלעך צוריסענע און צושמיסענע, בלאסע און דארע, זיינען געזעסען צושפרייט אין פערשיעדענע ווינקעלעך און זיינען געוועזען בענומען שטיל, עפעס אזוי וויא פערגליווערטע, וויא פערשטארבענע. אנגעשפארט דעם קאפף אהן וואנד איז געשטאנען א פרוי פון א יאהר פינף און פערציג און האט הערצרייסענד געוויינט, אויף א בעטעל איז געלעגען דער שטערבענדער, ער איז געווען צוגעדעקט מיט א ליילעך, און ער האט זיך אויסגעזעהן אזוי קליין, אזוי דאר, אז ווען עס וואלט ניט ארויסגעשטעקט זיין שרעקליכער פנים, וואלט מען געקענט מיינען, אז עס ליגט דא נאך א יונגעס קינד... אבער דער פנים פון דעם שטערבענדען איז געווען שרעקליך. דאס איז עפעס געווען א בלאס־געל פנים, ארומגעטרימט מיט א קליין בערדעלע, מיט א פאר איינגעגראבענע אויגען, וועלכע זיינען שוין געווען אויסגעקרימט פון ליידען... עס איז געווען זעהר לייכט צו דערקענען, אז דער טויט שוועבט שוין איבער דיעזען פנים. בריינינען האט אפגעגעבען מיט א קאלטען שוויים. ער האט זיך ארומגעקוקט, קיינער האט אין אכט ניט גענומען זיין אריינקומען און אפילו דיא מיידעל, וועלכע האט איהם אריינגעבראכט, האט זיך אויך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל און האט גענומען וויינען. בריינין האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. פלוצלונג האט זיך דערהערט א הייזעריגער שטילער, אבער עפעס שרעקליכער קרעכץ. דער שטערבענדער האט א קעהר געגעבען זיין פנים צו בריינינען און האט צו איהם א וואונק געגעבען, אז ער זאל צוגעהן... מיט א פערציטערטע הארץ איז בריינין צוגעגאנגען צום קראנקען... ווען ער האט נעהענטער א בליק געגעבען אויף דעם פנים פון דעם שטערבענדען האט זיך איהם אפגעדאכט, אז ער קען איהם, אז ער האט איהם ערגעץ וואו געזעהען... באלד האט ער זיך ערא־נערט, אז ער האט, דאכט זיך, א מאל זיך מיט איהם צוזאמענגעטראפען אין א שאפ, ביי דער העמדעל ארבייט. עס האט זיך געדאכט, אז אויך דער קראנקער דערקענט בריינינען, ווארום ער האט עפעס אזוי „מאדנע" א בליק געגעבען מיט זיינע האלב אפגעשטארבענע אויגען. אויף איינינע סעקונדען האט דער קראנקער אפגעקעהרט דעם קאפף, עפעס אזוי וויא ער וואלט גאר דיא גאנצע ביזנעס ניט געוואלט. באלד האט ער אבער צוריק אומגעקעהרט דעם קאפף און האט ווייטער א בליק געגעבען אויף בריינינען.

— איהר גלויבט דאך אין גאט — האט דער קראנקער אויסגערעדט מיט א שטילער שטימע, וועלכע עס האט זיך געהערט אזוי וויא פון יענער זייט קבר.

ביי בריינינען איז דאס הארץ אזוי וויא פערשטארבען געווארען. ער איז איינינע סעקונדען געבליעבען שווייגען. דער שטערבענדער האט אויף איהם געקוקט, און וואס פאר א שרעקליכער בליק דאס איז געווען!

— נו, יעס, יעס — האט זיך ביי בריינינען אראפגעגליצט פון צונג אן ענטפער. דעם קראנקען'ס פנים איז עפעס אזוי וויא ליכטיגער געווארען. ער האט געצייגט בריינינען אויף א ספר, וועלכער איז געלעגען אויפ'ן טיש.

— איך שטארב... שנעל... זאגט מיט מיר „וידוי".

בריינין האט זיך ארומגעקוקט, ער האט דאכט זיך עפעס געוואלט זאגען. נור

ער האָט גלייך דערזעהען, אַז ער האָט זיך ניט צו װעמען צו װענדען, װאָרים דיא פרוי און אויך דיא מיידעל זיינען געשטאַנען און הערצרייסענד געיאָמערט.

— שנעלער... איך שטאַרב...

ברייניין האָט גענומען דעם ספר, ער האָט לאַנגזאַם געקעהרט דיא בלעטער, ער האָט געצװייפעלט, איהם האָט זיך גענומען דאַכטען, אַז ער באַגעהט דאָ אַ נידעריגען פאַרברעכען; אַז ער לייקט פאַר זיך זעלבסט און לייקט פאַר אַ מאַן, װעלכער װעט אװעקטראָגען דיעזען ליגען אין קאַלטען קבר, ער האָט געזעהען, אַז דער שטערבענדער איז געװען גענוג באַרויבט אין זיין לעבען.

„טאָ װארום זאָל ער נאָך שטאַרבען אַ בעשװינדעלטער, אַן אָפּגענאַרטער, מיט אַ פאַלשער האָפנונג אויף גאָט, אויף אַ יענער װעלט?“ דיעזע װערטער האָט זיך פלוצלונג געװאָלט ברייניגען אויסשרייען אין דער הויך, ביי איהם האָט אָבער ניט געכאַפּט קיין מוטה צו טהאָן דאָס, און ער האָט זיך װייטער אונרוהיג ארומגעקוקט, עפּעס אַזוי װיא ער װאָלט װעלען געפינען אַן אויסגאַנג פון זיין לאַגע...

דער קראַנקער האָט פון איהם ניט אראָפּגענומען זיינע אויגען. ברייניין האָט בעגעגענט דעם בליק פון דעם שטערבענדען און ער איז געװאָרען אַ פערציטערטער; ער האָט װייטער גענומען מישען דיא בלעטער.

„האָב אויף איהם מיטלייד“ — האָט ער דערהערט, עפּעס װיא איינער װאָלט גערעדט צו איהם אין דער טיעפענעס פון זיין האַרצען—„דיעזער מאַן איז געװען גענוג אונגליקליך אין זיין לעבען, רויב ביי איהם ניט אַװעק זיין לעצטען גליק, װאַרף ניט אריין קיין צװייפעל אין זיין שװין טויטער האַרץ, מאַך ניט דונקעל זיין לעצטע האָפנונג, לאָז איהם רוהיג שטאַרבען.“ ברייניין האָט גענומען שנעל, שנעל מישען דיא בלעטער און באַלד האָט ער מיט אַ ציטערענדיגער שטימע גענומען זאָגען װידוי מיט דעם שטערבענדען.

קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד.

ווען בער, דער סוספענדערס פעדלער, איז געקומען אהיים אבענד־צייט פון זיין ארבייט האָבען זיינע אויגען געפינקעלט און זיין פנים האָט צופריעדען געשמייכעלט; צירע, בער'ס ווייב, האָט גלייך בעמערקט, אז איהר מאַן איז געהויבען: רעכענענדיג, אז איהר מאַן'ס שמחה קומט, וואהרשיינליך, פון א גוטען ביזנעס טאָג, איז איהר אויך געוואָרען פרעהליכער אויפ'ן הארצען און דיא אידענע האָט זיך גוטמוטהיג גע־ווענדעט צו דעם אריינקומענדען:

— וואָס איז מיין מאַנעלע, וואָס קוועלסטו?

— מאַ... גאָר נישט — האָט דער מאַן געענטפערט.

— עפּעס א רעכטען טאָג געהאַט?

— א צוברָאָכענע פּעני ניט געמאַכט, פערקויפט אונטערן קרן... מ. „הנידניק" מ. „קאָסטימער", ארויסגעצויגען דיא נשמה.

צירע האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען אויף איהר מאַן.

— טאָ וואָס איז מיט דיר דיא שמחה אזוי גרויס? — האָט זיא זיך צו איהם געווענדעט שוין ניט אין גאַנצען צופריעדען.

— וואָס זאָל איך וויינען? — האָט בער געענטפערט געלאַסען — עס איז עפּעס א נייעס וואָס איך פערדין ניט, וואָס?

צירע האָט א קוק געגעבען אויף איהר מאַן מיט פעראַכטונג און האָט זיך אָפּגע־קעהרט פון איהם.

בער האָט אראָפּגענומען פון זיך זיין סטאָק מיט דיא סוספענדעס, פערנאַנדערגע־טהאָן זיך, איינגעוואַשען דעם פּנים און גוט אויסגעהוסט זיך.

— צירע, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי מיט א מילדען, רחמנות'דיגען קול — פראַנען א גלעזעל וואַרעמס אפשר?

צירע האָט געשוויגען; און בער האָט זיך אליין אָנגעגאָסען א גלעזעל טהע, און גיסענדיג דעם טהעע האָט ער געקוקט אויף צירע'ן און געשמייכעלט.

— צירע, — האָט בער ווייטער אָנגעפאַנגען, לאַנגזאַם ציהענדיג דיא ווער־טער — צירע, זאָג וואָלסטו פאָהרען אהיים?

— פריש פרעהליך און משוגע — האָט צירע א דריק געגעבען מיט דיא פּלייצעס.

— איך מיין באמת, וואָלסט וועלען פאָהרען אהיים?

— ניט נור אהיים, נור אפילו אין גיהנום, אויף יענער זייט סמבטיון, אבי אַנט־לויפען פון דיר און פון מיינע צרות —האָט צירע אריינגעשאָסען א קויל גלייך אין איהר מאַן אריין.

— כאַפּ זשע ניט — האָט אָבער בער געענטפערט גאַנץ געלאַסען — איך מיין דאָס באמת, וואָלסטו געוואָלט פאָהרען אהיים?

צירע האָט אפילו בעמערקט, אז איהר מאַן'ס פּנים איז טאַקע גאַנץ ערנסט, עפּעס

איז איהר געוואָרען נייגיעריג; דאָך האָט זיא זיך נאָך אימער געהאַלטען ביי איהר ראָלע.

— ווארום דען ניט? — האָט זיא געעטפערט — וואָס זאָל איך דאָ מורא האָבען צו פערליערען? מיין דלות, מיין שווערע געמיטהה, מיינע צרות, דיא טהייערע רומ־ אונזערע, דיא וואַנצען? דיא קאַקרוטשעס? דיא מייז, דיא בלאָטע, דיא פינסטער־ ניס, דעם חושך, דעם לענדלארד וואָס רייסט שטיקער, דחקות, הונגער, מאַטערניש—

— שאַ! שאַ! שאַ! — האָט בער איבערגעשלאָגען צירען — שאַ, כאָפּ דעם אָטהעם... פעררייקטע...איך שפּאַס דאָך ניט פון דיר... איך מיין דאָך באמת... נארעשע.

— אָבער וואָס עפּעס מיט אַמאָהל? — האָט צירע פּלוצלינג געביטען איהר טאָן.

— איך וועל דיר שוין דערצעהלען, אָבער פריהער זאָג אויב דוא וואָלסט וועלען פאָהרען אהיים.

— נו, רעכען אז איך וויל — האָט צירע געזאָגט שוין ווייטער מילד — רעכען איך וויל, און וואו ועסטו נעהמען געלד אויף פאָהרען?... מיר זיינען דאָך ב"ה בלוטיגע אביונים, עס איז ניטאָ אַ גאַנצע העמד אויפ'ן לייב... ניטאָ קיין גאַנצער שוך. הייל, נאַקעט, אָבגעריסען, אָבגעשליסען, פערשולדעט ביז'ן קאָפּ; עס איז דאָך נעווער אין הויז דאָ אַ פּעני אויף מאָרגעדיגען טאָג... עס איז דאָך...

— וואוהין ביסטו פערקראָכען? — איז בער ווייטער געווען געצוואונגען איבער־ צושלאָגען זיין פרוי — רייד צו דער זאַך, אידענע דו מיינע.

— דאָס איז דאָך צו דער זאַך... איך פרעג דאָך וואו וועלען מיר נעהמען געלד, אַז מען...

בער האָט אַ מאַך געגעבען מיט'ן האַנד, אום צירע זאָל זיך ווייטער ניט פער־ ריידען.

— מען וועט אויסהעלפען... עס זיינען דאָ קאָמיטעס, איין אבטע סטריט... און נאָך אַזעלכע...

— אָבער דוא דאַרפסט דאָך ניט פאָהרען — האָט צירע געזאָגט — דוא ביסט דאָך דאַכט זיך איין אַנטלאָפענער סאָלדאַט...

— אָט וועגען דעם האָב איך טאַקע געוואָלט רעדען,—האָט בער שנעל געענט־ פערט און האָט געשווינד ארויסגעכאַפּט אַ אידישע צייטונג פון פּאַקעט.

— לייען! — האָט ער געזאָגט, און זיינע אויגען האָבען געברענט.

— וואָס זאָל איך לייענען? — האָט צירע געפרעגט.

— אָט דאָ... האָט בער געטייטעלט מיטן פינגער אין צייטונג אריין.

— קאָנ...סטי...טו...צי...יע.. — האָט צירע לאַנגזאם איבערגעלעזען און האָט תמ'עוואטע געקוקט אויף איהר מאַן

— ווער איז דאָס? — האָט צירע פערוואונדערט און ערנסט געפרעגט ביי איהר מאַן.

— אי, נארעשע, נארעשע אידענע — האָט בער זיך צולאַכט, — דאָס איז דאָך ניט קיין מענש וואָס דוא פרעגסט: „ווער איז דאָס?" וואָס איז דאָס, אָבער ניט ווער איז דאָס.

— זאָל זיין וואָס איז דאָס? נו, טו זאָג וואָס איז דאָס? — האָט צירע געערדט אביסעל פערשעהמט.

— פריי — האָט בער גענומען ערקלערען וואָס „קאָנסטיטוציע" איז צו זיין פריי.

— פריי, עס וועט ווערען פריי אָט אַזוי וויא דאָ אין אמעריקא.

— וואו וועט ווערען פריי? — האָט צירע געפרעגט שוין פעראינטערעסירט.

— אין דער היים... ביי אונז... ביי אונז אין רוסלאנד איז דאָ א האָפנונג, אז עס וועט ווערען פריי....

— גוטע גזרות אויף אידען ? — האָט צירע געפרעגט, ניט אין גאנצען בעגריי־פענדיג איהר מאַן'ס פרעהליכע בשורה.

— וואָס עפּעס אויף אידען ? אויף אלעמען, אויף אלעמען... — האָט בער געגומען רעדען מיט פייער, מיט בעגייסטערונג, — עס וועט ווערען א פרייע מדינה... פאר אלע־מען גלייך.

„וואָס רעדסטו..? איז אזוי...? וואָס ? ווען...?"

— לייען, לייען, — האָט בער געצייגט אויף דער צייטונג... — לייען, וועסטו ווי־סען וואָס עס טהוט זיך אויף דער ווייסער וועלט.

— נו, דערצעהל, לאָמיך הערען.

— עס קעהרט אַ וועלט אין רוסלאנד — האָט בער אָנגעפאנגען צו דערציילען מיט התפעלות, עס טהוען זיך אָב מעשים, עס גיסט זיך בלוט אין דיא גאַסען.

— פאָגראָמען? — האָט צירע געפרעגט. זיא איז בלאַס געוואָרען און האָט פער־בראָכען מיט דיא הענד.

— זאָ, זאָ, ארבייטער, אידישע, קריסטליכע, צוזאַמען... מיט סטודענטען... שלאָגען זיך מיט דיא סאָלדאטען... מען וויל אראָבוואַרפען דעם קייזער, דעם המן, מען וויל מאכען פריי.

— אוי הלואי, גאָטעניו שטאַרקער, — האָט צירע געענטפערט איינפאך אָבער פון טיעפען, טיעפען הארצען און זיא האָט א שטילען זיפץ געגעבען.

א קליינע פויזע.

— נו, און וואָס וואָלטען מיר געטאָהן יעצט אין דער היים? — האָט צירע אנגע־פאנגען — מילא דאָ פערדינסטו מיט דיא סוספּענדעס, מאַכסט אַ לעבען.. א פינסטערן.. א ביטערן לעבען... אָבער דאָך א שטיקעל ברויט... וואָס וועסטו דאָרטען טאָהן ?

„נו, פטור נו, געפונען וואָס צו זאָרגען? אין דער היים שטאַרבט מען אויך ניט פון הונגער...

— יעס... עס קען זיין — האָט צירע געענטפערט און זיא האָט זיך פערטראַכט אויף א ווייל.

בער האָט אריינגעקוקט אין צייטונג.

— צו וועמען וואָלטען מיר יעצט פערפאָהרען ! — האָט צירע גענומען ריידען טרויעריג פערטראַכט און עפּעס אזוי וויא פאר זיך — צו וועמען? מיינע עלטערן זיינען צושטאָרבען... זיינע זיינען אויך אין קבר... אונזערע קרובים זיינען אויך צוזייט אי'ן צושפּרייט.... וועמען און וואָס האָבען מיר יעצט דאָרטען ? און ווער דארף אונז ?... ווער וועט אונז בעגעגנען? ווער וועט זיך מיט אונז דערפרעהען? קראַנק, שוואך און פעראַרעמט וויא מיר זיינען... צובראָכענע שאַרבענס....

— עפּעס פאָרט אין דער היים — האָט בער שטיל געענטפערט און זיין פּנים איז געוואָרען טרויעריג געטראַכט.

— ווען מיר זיינען אוועקגעפאָהרען — האָט צירע ווייטער גענומען ריידען פער־טראַכט און אומעדיג — האָבען מיר געהאַט אַ היים... מען האָט אונז געקושט און גע־האלזט.... און געזעגענט זיך מיט געוויין... אָבער יעצט... ווען מיר וואָלטען געקומען? וואָס ? ווען ?....

— קען מען זאגען... עפּעס פארט אונזער „שטעדטעלע... אייגענע מענשען, אן אייגענער לשון... פאָרט ניט אזוי פרעמד... ניט אזוי פערוואָגעלט...

— אָבער צו שפּעט. יעצט מיין מאַנעלע קענען מיר שוין אהיים ניט פאהרען, — האָט צירע געזאָגט און א שווערער וואָלקען האָט בעדעקט איהר בלאַסען פּנים.

— ווארום ? — האָט בער געפרעגט, און עפּעס האָט איהם א ריס געגעבען אין הארצען. דער ארעמער האָט געפיהלט זיין פּרוי'ס ענטפער.

— מיר האָבען דאָ אין אמעריקא א טהייערן פערמעגען, — האָט צירע געזאָגט מיט א ציטערדיגע שטימע — אויף דעם ברוקלינער בית עולם האָבען מיר צוויי טהייערע בריליאַנטען... בער... בער... וויא ווערען מיר לאָזען אליין אונזערע טויטע קינדערלעך ! . . . .

— אה... גענוג שוין דיר... גענוג... — האָט בער געענטפערט... אוןביידע האָבען זיך שטילערהייט צואויינט.

צוריק פון דער קאָנטרי.

דאָס איז געווען א זידיגער זוממער נאָכמיטאג, ווען מיר האָט זיך געמאכט דורכ־צוגעהן סאָפאָלק סטריט. א גרויסע מענגע פון מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען אַפּעם ארום א וואַגען האָט ציגעצויגען מיין אויפמערקזאמקייט. איך בין צוגעגאַנגען, דורך־געשטופט מיין וועג צום רעכטען וואָגען, אָבער מעהר אז א וואָגען מיט א פערד האָב איך ניט דערזעהען.

— וואָס איז דאָ געשעהן? — האָב איך זיך געווענדעט צו איינעם, נור דער איינער האָט בלויז א גאַנעץ געגעבען גלייך מיר אין פּנים אריין.

— איבערגעפאָהרען אימיצען? — האָב איך געפרעגט ביי א פרוי.

— ניין — האָט דיא גוטע פרוי געענטפערט — א מאַן איז געקומען פון קאָונטרי, און איז פערשוואונדען געוואָרען צווישען דיא מאַסע צושויער.

— וואס קען עס זיין? — האָב איך זיך געטראכט — אז א מאַן זאל קומען פון קאָונטרי אין סאָפאָלק סטריט, איז דאָס יע ניט קיין איבריגס נאַטירליכע ערשיינונג, אָבער אז מען זאָל זיך צוזאמענקלייבען אויפ'ן בייז־וואונדער צוליעב דעם, האָב איך דאָך ניט געוואָלט גלויבען.

— וואס איז געשעהען?—האָב איך זיך געווענדעט צו א קליינע מיידעלע, האָפענ־דיג אז פון א קינד וועל איך שנעלער עפּעס דערגעהן.

— לייבע דער שווירטמייקער איז געקומען פון קאָונטרי — האָט דיא מיידעלע געענטפערט, כמעט דיא זעלבע וואָס דיא ווייבעל בעפאָר.

— טאָ וואס קוקט מען דאָ? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— מען האָט איהם געבראכט אויף א וואָגען און מען האָט איהם ארויפגעטראגען אפּסטעז — האָט דיא מיידעלע ערנסט געענטפערט.

„לייבע דער העמדעל נייער האָט זיך הפּנים זעהר פיין ארויפגעארבייט אין דער קאָונטרי, אז מען האָט איהם געמוזט ברייננען אויף א וואָגען אהיים און ארויפטראָגען אפּסטעז"—האָב איך ביי זיך געטראכט און מיר איז דיא זאך געוואָרען אינטערעסאַנט.

— וואו וואוינט ער, דער העמדעל נעהער — האָב איך געפרעגט דער זעלבער גוטער מיידעלע.

— אָט דאָ, אָט דאָ — האָט דאָס קינד מיר געצייגט — אויפן דריטען פלאָר, איהר זעהט, וואו דיא פענסטער איז פערשטאָפּט מיט א קישעלע, און איך בין ארויף מקבל פּנים זיין לייבע דעם העמדעל נייער וועלכער עס איז געקומען פון קאָונטרי...

צוקומען צו דעם גאַסט איז מיר געווען אונמעגליך, ווייל ער איז געלעגען אין בעד רום, ניט פאַר קיינעם געדאכט, גאָר א חרוב'ער, נור פון זיינע קינדער, וועלכע האָבען אויסגעקוקט טויט־ערשראָקען און האָבען געוויינט, אביסעל פון זיין פרוי, וועל־כע האָט אויך געוויינט און געבראָכען דיא הענד, און דער הויפּט פון דיא שכנים האָב איך דערוואוסט פאָלגענדע געשיכטע.

לייבע דער שווירטמייקער האָט שוין פון לאַנג אָן געהאַט א הארצפּעהלער, א קור־צען אטהעם און א טרוקענעם הוסט, נור פון דעסטוועגען האָט ער דאָס געהערט אין טראָק און האָט זיך געארבייט. דיעזען זוממער האָט ער אָבער גענומען פיהלען זעהר

שלעכט און ער האָט גענומען צופּאַכען מיט דער נשמה. זיין ווייב האָט גענומען וויינען איבער זיין קאָפּ און שיקען איהם צו דאָקטוירים. לייבע האָט אַ לאַנגע צייט וועגען דעם אפילו ניט געוואָלט הערען, נור אין איין טאָג, זיצענדיג ביי דער מאַשין, האָט ער געפיהלט, אַז ער קען דעם אטהעם ניט כאַפּען... אַ קאַלטער שווייס איז איהם ארויס איבערן גאַנצען לייב און ער איז געבליעבען זיצען וויא אַ ליימענער. גאַרנישט, ער האָט זיך אָבגערוהט ביי אַ גוטער שטונדע און האָט ווייטער געאַרבייט, נור דעם נעקסטען טאָג איז ער שוין אוועק אין אַ דיספּענסערי.

אין דער דיספּענסערי האָט מען איהם געזאָגט, אַז קיין רפואות וועלען איהם שוין ווייניג העלפען און ווען ער וויל נאָך אביסעל לעבען זאָל ער אוועקפאָהרען ערגעץ וואו אין אַ זומער פּלאַץ, לעבען אַ ברעג פון אַ ים. לייבע האָט אַ מאָך געגעבען מיטן האַנד, אַ ביטערן שמייכעל געטאָהן און האָט פאַר זיך געטראַכט, אַז ער וואָלט כאָטש ניט בעדאַרפען צו דאַגה'נען וועגען רענט פאַר זיינע יעצטיגע רומקעס אין סאַפאָלק סטריט, וואָלט איהם שוין אויך געוואָרען פיעל בעסער.

דער זומער איז געגאַנגען און לייבע האָט זיך אָבער גענומען פיהלען ערגער און ערגער און צייטען־ווייז ווען איהם פלעגט ווערן זעהר שלעכט פלעגט ער אַ טראַכט געבען וועגען דער קאָונטרי. אָך, ווען עס וואָלט זיך געמאַכט עפּעס אַ גליק און ער וואָלט געקענט מופען מיט זיין נעה־מאַשין און מיט זיין באָס ערגעץ וואו אין אַ קאָונטרי. פאַרשטעלען זיך זעלבסט אויף איין מינוט אָהן זיין נעה מאַשין האָט דער העמדיל נייער אין קיין פאַל ניט געקענט.

שטעלט זיך פאָר דעם מאַן'ס שמחה און גליק ווען אין איין שעהנעם טאָג האָט ער אין אַ אידישער צייטונג איבערגעלעזען פאָלגענדען אדווערטייזמענט:

אַ זעלטענער טשאַנז פאַר אָרעמע און שוואַכע העמדעל נייער, וועלכע ווילען געניסען דיא פרוכט פון דעם ליעבליכען זומער און דער שיינער נאַטור!

אין ק., אַ קליין קאָונטרעלע ביים רעכטען ברעג פון ים, אין דעם שוים פון גרינע פעלדער, פערלאַנגט מען אפּרייטאָרס צו העמדלעך. א. ז. וו., א. ז. וו.

לייבע דאָט אין דיזער אַנאָנסע געזעהען עפּעס אַ נס מן השמים פאַר זיך און אין אַ וואָך ארום איז ער געווען אויפן פּלאַטץ.

וויא פערוואונדערט איז דער העמדעל נייער געוואָרען, ווען ער האָט פאַר זיך דערזעהען אלס באָס דעם בעריהמטען ניו־יאָרקער סוועטער מיסטער דארדיק, ביי וועמען ער, לייבע, האָט שוין אַ מאָהל געאַרבייט און איז קוים מיט דער נשמה אַנטלאָפען.

— זעה, דאָס זייט איהר, מיסטער דארדיק — האָט לייבע געפרעגט ניט איבריגס צופריעדען.

— נו, דו זעהסט דאָך — האָט דארדיק געענטפערט.

— וואָס האָט איהר עפּעס געמופט? — האָט לייבע אונמוטהיג געפרעגט.

— איך האָב פיינד דיא ארבייטער אין ניו־יאָרק — האָט דארדיק געענטפערט— זיי זיינען דאָרטען צופיעל צולאָזען. און ווען מען גיט זיי ניט נאָך אַזוי שנעל וואָס זיי ווילען, לויפען זיי גלייך אוועק, דאָ וועלען זיי שוין ניט לויפען, וואָרום ניטאָ וואָהין.

לייבע האָט זיך מיט אַ צובראָכען הארץ אוועקגעזעצט ארבייטען ביים רעכטען ברעג פין ים צווישען דעם שיין פון פעלדער און וועלדער, ביי מיסטער דארדיק דעם סוועטער אין שאָפּ, לעבען זינגער'ס נעה מאַשין.

אַ מאָנאָט צייט איז לייבע אָבגעקומען אין קאָונטרי און וויא אַזוי דאָס האָט געווירקט אויף דעם העמדעל נייערס שוואַכען געזונד, האָט מען שוין געקענט זעהן פון דעם וויא אַזוי ער איז געקומען צוריק...

„דער טאַטע טריקענט זיך".

רעגען... רעגען... און רעגען...

און דער הימעל איז בעצויגען אזוי וויא מיט א בלייענעם פאנציר, און עס איז גאָר קיין האָפנונג ניטאָ אז דיא ליכטיגע זונן וועט ווען עס איז ווייטער ערשיינען. רעגען, רעגען און רעגען.

עס איז שוין געווען נאָך מיטאג צייט. פון הויז בין איך ארויס בעגינען. דיא גאַנצע צייט האָב איך זיך ארומגעשלעפט זוכען ארבייט און האָב ניט געפונען. איך בין געווען דורכגענעצט דורך און דורך ביז דעם מארך פון דיא ביינער. דיא קליידער האָבען זיך געקלעפט צום לייב, דיא שיך זיינען געווען פול מיט וואסער און ביי יעדען טראָט פלעגט זיך געבען עפּעס אזא מין „חראַמטש" און דיא וואסער פלעגט לויפען פון דיא לעבער. דיא העט האָט מיר אראָפּגעווייגען מיין קאָפּ. זיא האָט געמוזט איין זיך אָננעהמען ביי צעהן גאלון וואסער און אזוי וויא זיא איז געווען אָ געפארבטע, האָט פון איהר אראָפּגעגאָסען געדיכטע, שמוציגע און שווארצע וויא ליין־זוימען אויל, טראָפּענס איבער מיין פנים... איך האָב שוין געשפּאַנט אהיים, אָבער איך האָב געפיהלט אז איך האָב קיין ברעקעל כוח ניט ווייטער צו געהן.

איך האָב זיך ארומגעקוקט: איך האָב נאָך בעדארפט דורכמאכען זעהר א ווייטען מהלך.

— וואס טהוט מען? — האָב איך גענומען טראכטען, — וואו געפינט מען עפּעס אַן אָרט, אז מען זאָל זיך א ביסעל א ווארעם און א טריקען טאָהן?

צו מיין גרעסטער שמחה האָב איך זיך דערמאָנט, אז גראדע דאָ ניט ווייט וואָהנט מיינער אַן אלטער בעקאנטער — האָבערמאַן, א סוספּענדער פּעדלער.

איך האָב גלייך פערקעהרט צו מיין בעקאַנטען.

געהענדיג אויף דיא טרעפּ, האָב איך בעגעגענט האָבערמאַנ'ס א טאָכטער א מיידעלע פון א יאָהר צעהן.

— האַלאָ, הענעלע — האָב איך זיך צו איהר געווענדעט — איז דער טאַטע אין דער היים?

— יעס — האָט דאָס קינד מיר געענטפערט.

— וואָס טהוט ער עפּעס?

— דער טאַטע טריקענט זיך — האָט ענני געענטפערט.

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיהר און בין אריין אין צימער.

אויף דרויסען איז אפילו געווען ניט ליכטיג, דאָך איז ביי מיין בעקאַנטען אין קיך געווען טויזענד מאָהל פינסטערער. איך בין געבליעבען שטעהן לעבען טיהר, ניט וואָגענדיג ווייטער א טראָט צו געבען, ווארים איך האָב ניט אָנגעהויבען צו זעהען וואָס ארום מיר טהוט זיך.

ווען מיין זעהונגס־קראַפט האָט זיך מיר צוריקגעקעהרט, האָט זיך פאר מיר

פערנאַנדערגעוויקעלט פאָלגענדעס בילד: חיה האבערמאַנ׳ס ווייבעל איז געשטאַנען לעבען וואש־טאָפּ און געריבען וועש, דיא וועש איז הפּנים געוועזן ערשט פערבריט אָדער ערשט פון קאָכען, וואָרים פון וואש־טאָפּ האָט זיך געהויבען א גאַנצער וואָלקען מיט פּארע... אויף דער אידענע איז געוועזן אַן אימה אַ קוק צו טאָהן... אָבער וואס זאָל איך ריידען? ניט דאָ געדאַכט, ניט פאר קיינעם געדאַכט, מען ווייס שוין ווי א ליטישע ווייבער קוקען אויס ווען זיי רייבען אָפּ וועש.

האבערמאַן אַליין איז געזעסען לעבען אויווען. ער איז געוועזן אָנגעטאָן אין זיין פּולע פּעדלערשען „יוניפאָרם“. ער איז געזעסען אויף זיין שטוהל און דיא פיס אָנגעשפּאַרט אויף אַ צווייטען שטוהל, אזוי מעשה בעל הבית. דער אויווען האָט געברענט, און פון זיין דיקען „אָלסטער“ און פון זיינע שיך האָבען זיך געגאָסען גאַנצע „רוצשאַיעס“ מיט שמוציגע וואַסער. דיא שמוץ האָט זיך צוגאסען איבערן פלאָר. דאָ זיינען געזעסען צוויי קליינע נפש׳לעך און האָבען מיט דערמיט געשפּיעלט, פאַנאנדערגעשמיערט דאָס איבער׳ן גאַנצען פלאָר און געמאַכט פון דעם אַ גאַנצען יום טוב.

ווען דער פּעדלער האָט מיך בעמערקט האָט ער מיר אָבגעגעבען דעם ברייטעטען ברוך הבא.

— קומט, זעצט זיך — האָט ער גלייך מיר אָפּגעלאָזען זיין צווייטען שטוהל, און איך האָב דאָס מיט דעם גרעסטען פערגעניגען גענוממען.

— וויא קומט איהר עפּעס אין אונזערע געגענדען? — האָט האבערמאַן ביי מיר געפרעגט.

איך האָב איהם דערצעהלט.

— פּעדעלט איהר היינט? — האָב איך געפרעגט.

— וויא הייסט? וויא זשע דען?

— היינט וואָס זיצט איהר אין דער היים?

— אָט אַזוי, — האָט מיין בעקאַנטער ערקלעהרט — זינט דיא רעגענס האָבען זיך אָנגעפאנגען, פערגעה איך אַ פּאָר מאָהל א טאָג אהיים און טהו זיך אביסעל א טריקען. עס נעצט דורך דיא ביינער. איך פיהל אז דיא העמד איז מיר שווער פון נאַסקייט.

— נו, ווארום טהוט איהר זיך ניט פערנאַנדער? — האָב איך געפרעגט — וואָלטען זיך דאָך אייערע קליידער א טריקען געגעבען.

— עס קען זיין — האָט האבערמאַן א זיפץ געגעבען, איך וואָלט אפשר זיך טאַקע מחיה געוועזן; איך האָב שוין באלד פערגעסען דעם טעם פון טרוקענע קליידער, נור וואָס קען מען זיך העלפען? קיין אנדערע קליידער צום איבערבייטען איז טאַקע ניטאָ און לייגען טריקענען דיא קליידער, הייסט עס, אַז איך זאָל זיך אויסטאָהן אַ נאַקעטער, אוועקלייגען זיך אין בעט, און פעדלען זאָל אַנאַנדערער געהן.

מיר זיינען ביידע געבליעבען שטיל.

— איהר הערט — האָט מיין בעקאַנטער ווייטער אָנגעפאנגען — אפילו פאר דער נאַכט טריקענען זיך אויך ניט גוט אויס דיא קליידער. איך צו היינג אלעס איבער׳ן אויווען, עס ווערט אין הויז אַ דערשטיקענעס, אָבער אַלץ בלייבט אַ פייכטקייט און איך טוה אויף מאָרגען אָן נאַסע קליידער.

דער אויווען האָט געברענט, מיינע קליידער זיינען געוואָרען זודיג אָבער ניט טרוקען און איך האָב דערפיהלט, אַזוי וויא איך בין ארומגעוויקעלט אין הייסע קאָמפּרעסען.

— פיהלט איהר אויך אזוי? — האָב איך געפרעגט דעם מיסטער האבערמאַן.

— וויא?

— אַט אזוי וויא הייסע קאָמפּרעסען ארום לייב ?

— פונקט אזוי, פונקט אזוי — האָט דער פעדלער צופריעדען בעמערקט — טאַקע אזוי, עס איז היים און אלץ פייכט.

האבערמאַן האָט גענומען הוסטען מיט א הילכיגען טרוקענעם הוסט. — איהר הערט ? — האָט דער פעדלער געזאָגט הוסטענדיג — דאכט זיך איך בין שטענדיג נאָס, דאכט זיך ביז דיא ביינער און דיא געדערים זיינען נאַס פון דעם שטענדיגען ארומגעהען אין רעגען, פון דעסטוועגען איז ביי מיר דער הוסט אַזאַ טרוקענער, פון וואַנען קומט עס ?

איך האָב גאָר נישט געענטפערט.

שפּעטער ווען איך בין געקומען צו זיך אַהיים, האָב איך אויך געקראָגען א טרוקענעם הוסט, עס האָט מיר אויך גענומען שטעכען אין דיא זייטען.

איך האָב פערגעסען פרעגען אויב דעם פעדלער שטעכט.

דער ערשטער לעסאָן.

ערשט מיט איינינע חדשים צוריק האָט עס פּאַסירט....

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג ווינטער אבענד; העסיל דער העמדעל נעהער איז געקומען אהיים פון דער ארבייט; האָט ער אזוי וויא אימער געטראָפען זיין פרוי קאָכענדיג סאפּער און זיין קליינע צוויי יעהריגע מיידעלע, שפּיעלענדיג מיט צאַצקעס אויפ'ן פלאָר; ער האָט אָבער ניט געטראָפען אין דער היים זיין עלטערעס קינד, זיין זוהן, זיין צעהן יעהריגען אייבי'ן.

און געוואוינט געווארען איז העסיל שטענדיג טרעפען זיין עלטערעס קינד אין דער היים, ייצענדיג פערטיעפט אין זיינע סקוהל ביכלעך אָדער אין דיא ביכלעך, וועלכע ער, אייבי, נעהמט צום לעזען אין דער פרייער לייברערי פון „היברו אינסטיטוט“.

ליעב האָט דער פאָטער אייבי'ן, שמערצליך ליעב, און דער העמדעל נעהער לייגט גרויסע האָפנונגען אויף זיין זוהן.

אַ טהייער קינד איז אייבי, אַ זעלטען קינד!

טראָגט אויף זיך אַ טהייער קעפּעל און איז אַ גרויסער בעל חשק אין לערנען, אין סקול איז ער דער ערשטער און דער בעסטער שילער, לערנט זעהר גוט, אויך ווען אייבי קומט אהיים נעהמט ער זיך גלייך פאַר זיינע ביכלעך.

אייבי איז עפּעס גאר ניט וויא אַנדערע קינדער; ער האָט ניט ליעב אַרומצולויפען, לויפערן; אין איהם איז גאָר קיין שפּיעל ניטאָ, דער בוך — דאָס איז אייבי'ס נשמה; שרייבען, לייענען — דאָס איז זיין לעבען. ניט אומזיסט איז העסיל געוואוינט געוואָרען קומענדיג פון דער ארבייט, צו טרעפען זיין אייבי'ן אין דער היים ביי דיא ביכלעך און ווען ער האָט איהם דעם מאָהל ניט געטראָפען האָט עס דער אַפּרייטאָר גלייך בעמערקט און האָט זיך וועגען דעם געווענדעט צו זיין פרוי:

— פרומע לאה, וואו איז עפּעס אונזער אייבי?

שטעהט פרומע לאה און שמייכעלט.

— האָסט איהם נאָך עפּעס געשיקט? — פרעגט העסיל.

— ניין. נאָך וואָס זאָל איך איהם שיקען?

בעמערקט העסיל אַז זיין ווייב שמייכעלט ווערט ער נאָך מעהר נייגעריג און פרעגט ווייטער:

— וואָס שמייכעלסטו בהמה, וואו איז אייבי?

— האָסט שוין אַן אויסהעלפער אויף דיא עלטערע יאָהרען — מאַכט פרומע לאה און שמייכעלט אימער עפּעס אזוי גוטמוטהיג.

— וואָס איז אזוינס? — פערשטעהט ניט העסיל זיין פרוי.

ווערט דעם העמדעל נעהערס בלאסער פּנים אזוי ערנסט און ניט צופריעדען.

— וואָהין האָסטו דאָס איהם געשיקט, פרומע לאה? — פרעגט דער מאַן ביי זיין פרוי מיט אַ סטראָגען קול.

—איך ? איך האָב איהם ניט געשיקט.

— אָבער וואָס איז ער געגאַנגען טאָהן ?

— לאַנגע יאָהר זאָל איהם זיין, וואָס פאַר אַ טהייער קינד ער איז — ענטפערט אויף דעם פרומע לאה.

— וואוהין איז ער אַוועק ? — פרעגט העסיל אונגעדולדיג.

— האָט אַ טהייערע הארץ — לויבט דיא מוטער איהר קינד, און ביי העסלין פלאַצט דיא געדולד און ער גיט שוין אַ געשריי אין כעס'דיג :

— ווילסטו שוין אַמאָהל דערצעהלען וואָהין ער איז אַוועק ?

פרומע לאה ווערט גאַנץ וועניג נתפעל פון איהר מאַן'ס כעס, זיא הערט ניט אויף צו שמייכלען גוטמוטהיג און געהט זיך מיט איהר פריהערדיגען וועג :

— אַ טהייער קינד.

— איך ווייס, אָבער נו....

— נעכטען ביי נאַכט האָט ער געהערט וויא דו הוסט...

— נו, נו...

— זאָגט ער צו מיר היינט: „מאַמע, איך האָב נעכטען געהערט, דער טאַטע האָט זעהר געהוסט, ער איז זעהר אַ שוואַכער... ער האָט ניט קיין כוח צו ארבייטען....

— איין איינפאַל פון אַ קינד — שלאָגט איבער העסיל זיין פרוי און עס טהוט זיך אָפּ דער כעס פון זיין פנים און אַ שמייכעל נעהמט רוהען אויף זיינע ליפּען.

— זאָגט אייבעלע צו מיר : — דערצעהלט ווייטער פרומע לאה — „און איך העלף איהם ניט; ניין, מאַמע, איך רעכען, אַז עס איז ניט גוט אַזוי, מיר פערדריסט זעהר אויפן פּאַפּאַ'ן".

— נו, נו ! — שטופּט אונטער העסיל זיין פרוי, און אויף דעם בלאַסען, אויסגע־מאַטערטען פנים פון דעם העמדיל נעהער נעהמט עפּעס אַזוי וויא רוהען דיא שכינה.

— זאָג איך צו איהם — געהט אָן פרומע לאה מיט איהר מעשה — זאָג איך צו איהם: „אדרבה, אייבינקו, פאַר וואָס זאָלסטו עפּעס טאַקע ניט פערדיענען?" מאַכט ער צו דעם ביכעל, טהוט זיך אָן און בעט ביי מיר צעהן סענט, פרעג איך דאָך: „וואָס ווילסטו טאָהן, אייבעלע?" זאָגט ער: „איך וועל פעדלען מיט צייטונגען".

— אַוועק העלפען דיר אין פרנסה.

— האָסטו איהם געגעבען ? — שלאָגט העסיל ווייטער איבער זיין פרוי.

— ער איז צוגעשטאַנען, האָב איך געגעבען.

— און ער איז אַוועק פעדלען מיט צייטונגען ?

—אַז ער בעט זיך, זאָל ער געהן....

— נאָך אַמאָהל זאָל האָס ניט זיין — האָט העסיל אַ זאָג געטאָהן קורץ און שארף.

— אַז איהם ווילט זיך, זאָל ער געהען — זאָגט פרומע לאה.

— ניין, ער זאָל ניט געהן ! איך דאַרף ניט זיין פרנסה — האָט העסיל געענטפערט.

— זאָל זיין ניט ; מיינע דאגות...

— געוויס ניט !

און פערבלייבענדיג אַ ווילע פערטראַכט זאָגט העסיל ווייטער :

— ביז וואַנען מיינע פינגער וועלען זיך בייגען זאָל מיך גאָט אויסהיטען פון אַזעלכע פרנסות.

פרומע לאה'ס פנים איז ערנסט געוואָרען און העסיל האָט ווייטער גערעדט :

— אונזער אייבעלע איז א גאָט'ס בענשונג, אין רייכען אופן וואָלט מען זיך מיט איהם ארומטראָגען אויף דיא הענד... א זעלטענער קינד... אי"ה אז גאָט זאָל נור מיר שיינקען כוחות, וועט ער שוין ניט זיין קיין העמדעל נעהער.

— גאָט זאָל איהם היטען — זאָגט פרומע לאה.

— איך וועל ארבייטען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט, און איך וועל זעהען ער זאָל א מענש זיין... אי"ה, פרומע לאה, אונזער אייבעלע וועט זיין א טרייסט אויף אונזערע עלטערע יאָהרען... מיט זיין קעפּעל, מיט זיין חשק וועט ער ווייט אוועקגעהן.

— ער זאָל נור ביי אונז לעבען און געזונד זיין — שיקט פרומע לאה א שטילען, הערציגען געבעט צום הימעל.

— דאָס האָט אונז גאָט געבענשט — רעדט העסיל ווייטער — פאר אונזערע צרות, פאר אונזער שווערען געמיטה, פאר אונזער ביטערן דלות, דאָס האָט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט א נחמה פאר אונזערע צוויי קינדערלעך, וועלכע ער האָט ביי אונז אוועקגענומען.

— איהם צו לאַנגע יאָהר — האָט פרומע לאה איבערגעשלאָגען איהר מאַן, איה־רע אויגען זיינען דאביי פערלאָפען מיט טרעהרען און זיא האָט זיי געגומען ווישען מיטן פארטוך, און העסיל האָט ווייטער גערעדט.

— ביז וואנען מיינע פיס וועלען קענען טרייבען דעם ראָד פון נעה מאַשין, ביז וואנען מיינע פינגער וועלען קענען אריינציהען דיא קאָטען אין נאָדעל, וועט מיין איי־בעלע געהן ווייטער און ווייטער און אי"ה מיר וועלען דורך איהם געהאָלפען ווערן.

— הלואי, רבונו של עולם !

— זאָלסט איהם נאָך אמאָהל מיט פּייפּערס ניט שיקען.

— עפּעס אזוי וויא איך האָב איהם געשיקט — זאָגט פרומע לאה.

— איך וויל ניט !

— און איך וויל דען ? — פרעגט פרומע לאה.

— זאָל ער זיצען ביי דיא ביכלעך... זאָל ער לערנען, דער טאַטע האָרעוועט פאר איהם....

אייבי איז געקומען.

דער העמדעל נעהער האט זיך אָנגעבייזערט אויף זיין קינד, האָט איהם פערזאָגט, אז ער זאָל וועגען פעדלען מיט פּייפּערס מעהר ניט דערמאָנען, זאָל זיך ניט מישען אין פרנסה זאכען און זאָל זיך רוהיג זיצען ביי זיינע ביכלעך...

און דאָס האָט פּאסירט ערשט מיט איניגע חדשים צוריק.

אין דעם אידישען סוועט שאפּ איז ניטאָ קיין לופט און קיין ליכט.... לאַנגזאַם, אָבער זיכער געהט דאָרטען אוים דער ארבייטער... דאָרטען, לעבען דער נעה מאַשין, שטאַרבט אוועק א גליעד נאָך א גליעד, דער ווער עס נעהט אייערע קליידער... דאָר־טען ווערן זיי ערצויגען דיא קאַנדידאַטען פון שווינדזוכט.

וויפיעל אלמנות, וויפיעל יתומים'לעך עס בריינגט אויף דער וועלט אָט דיזער פינסטערער סוועט שאַפּ... און בנאמנות, עס וויינט זיך ווען איך טראכט וועגען דיע־זען גהינום.

העסילס פנים האָט גענומען ווערען בלאסער; דיא קנייטשען האָבען זיך איינ־געשניטען טיעפער, דער הוסט האָט גענומען מעהר שטיקען... דער אָטהעם איז געוואָ־רען שווערער און שווערער.

און איין פריהמאָרגען, ווען העסיל איז געזעסען ביי דער מאשין און העמדלעך גענעהט האָט זיך ביי איהם אזא מאָדנער הוסט א ריס געטאָהן פון הארצען און... און... א העמדיל האָט זיך פערפלעקט מיט א שטיקעל בלוט...

העססיל האָט זיך דערשראָקען.

קיין גרויסע ביזי איז דאַן ניט געווען און דער העמדיל נעהער איז גלייך פון שאפּ אוועק אין א דיספּענסערי פרעגען וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

האָט ער אין דער דיספּענסערי דערגאַנגען, אז ער פערמאָגט שוין דיא דעהר און אז איהם איז פערבליעבען גאַנץ ווענינ צייט צו נעהען העמדלעך.

קיין „ליארם“ האָט פון דעם העסיל ניט געמאַכט, ער איז גאָר אהיים ניט פער־גאַנגען און איז צוריק אין שאפּ אַוועק. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביי דער מאַ־שין... נור אַרבייטען האָט ער געארבייט מיט האַלבע הענד. דיא מעהרסטע צייט איז ער געזעסען פערטראַכט, טיעף פערטראַכט.

וואָס ער האָט דאָרטען געטראַכט ווייס איין גאָט, יעדענפאַלס, קיין פריילּיכע מחשבות זיינען דאָס ניט געווען; ווארום ניט איין מאָהל זיינען דעם אפּרייטאָרס אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען, ניט איין מאָהל האָט זיך א טיעפער, שווערער זיפץ ארויסגעריסען פון זיין סאַמע הארצען, ניט איין מאָהל האָט ער אזוי פערצווייפעלט געבראָכען מיט דיא הענד.

און דיא איבריגע אפּרייטאָרס קוקען אויף זייער טריידס קאַמעראד און בעטראַכ־טען איהם מיט וואונדער.

אין סוועט שאפּ, אַן אפּרייטאָר, ביי דער מאַשין זאָל גאָר זיצען פערטראַכט — ווירקליך א וואונדערבאַרע ערשיינונג !

נו, טרייבט חברה לצנות פון דעם ארעמען העססלען.

— היי, מיסטער העססיל — פרעגט אן אפּרייטאָר — וואָס בעטראַכט איהר דיא וועלט מיט אַמאָהל ?

העססיל שווייגט.

ענטפערט פאַר איהם אַן אַנדערער אפּרייטאָר.

— ער טראַכט וויא אזוי פּטור צו ווערען פון דער ווייב.

— אַן אומזיסטער עסק — בעמערקט נאָך איינער.

— פון אָ ווייב און פון דער נעה מאַשינע קען מען נור פּטור ווערען ווען מען זאָל קריגען א סטעדין דזשאָב ביי דעם מיסטער מלאך המות — גיט זיין מיינונג פּנחס דער קורנאָסער.

— לאָזט צופריעדען שדים ! — זאָגט העסיל מיט הארץ, און אלע צולאכען זיך.

האָט העסיל געצייגט דיא העמדעל מיט דער רויטער פּגימה און האָט אין קורצען דערצעהלט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

אוים לצנות, אוים שפּאַסען !

אלע האָבען איהם ארומגערינגעלט, מען קוקט אויף העסלין מיט רחמנות, מען רעדט צו איהם וועיך, סימפּאַטיש און מען גיט איהם פערשיעדענע עצות.

— היינט אָדער מאָרגען, דאָס איז דער סוף פון אַלע אפּרייטאָרס — האָט בע־מערקט פּנחס דער קורנאָסער, און אין שאפּ איז געוואָרען שטיל וויא אין א קבר...

ביינאַכט, ווען עס איז געקומען דיא צייט צו געהן אהיים פון דער ארבייט האָט העסיל איינגעפּאַקט א באַנדעלע עטליכע צוגעשניטענע, ניט געמאַכטע העמדלעך, דיא שער און דיא קאַטען, נאַכהער האָט ער אָפּגעשרויפט דיא קאָפּ פון מאַשין.

— וואָס טהוט איהר דאָס מיסטער העסיל? — האָבען געפרעגט איינינע אפּרייטאָרס.

— איך רעכען נעהמען לערנען מיין זוהן דיא העמדעל־נעהעריי — האָט העסיל געענטפערט און זיינע ליפּען האָבען זיך דערביי אזוי נערוועז אויסגעקרימט.

— דאַט'ס רייט, דאַט'ס רייט — האָבען צוגעשטימט דיא אפּרייטאָרס.

— און א סטענד צו דער קעפּיל פון מאַשין וואו וועט איהר נעהמען? — האָט א פרעג געגעבען אַן אפּרייטאָר.

— אַ סטענד האָב איך אין דער היים — האָט העסיל מיטגעטהיילט און נעהמענדיג דיא חפצים אין דיא הענד איז דער העמדעל מאַכער אוועק אַהיים.

ווען פרומע לאה האָט דערזעהען איהר מאַן טראָגענדיג אזעלכע חפצים איז איהר דיא זאַך געוואָרען פערדעכטיג. דיא אידענע האָט זיך דערשראָקען און האָט א פרעג געטאָהן:

— וואָס איז דער מעהר העסיל? וואָס טראָגסטו דאָס?

— גאָרנישט — האָט העסיל געענטפערט.

— סלעק?

— עס איז ניט סלעק.

— געסעקט?

— ניט געסעקט.

— ניטאָ קיין ארבייט?

— עס איז דאָ אַרבייט — האָט העסיל געענטפערט, געוואָלט האָט ער צוגעבען: „נור קיין לונגען און קיין הארץ איז ניטאָ" ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט.

וואָס זשע דען איז דאָס? — האָט פרומע לאה געצייגט אויף דער קעפּיל פון דער מאַשין און אויפ'ן באַנדעלע און האָט געדריקט מיט דיא פּלייצעס.

— וועסט שוין זעהען — האָט העסיל שטיל און טרויעריג געענטפערט.

אייבי איז געזעסען אין פראָנטרום און האָט געלייענט אין אַ ביכעל. העסיל האָט געוואָרפען א טרויעריגען, בייגקענדען בליק אויף זיין קינד און דער אפּרייטאָר האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען.

אויסטרינקענדיג א גלעזעל „ווארעמס" האָט זיך העסיל גענומען פאר דער ארבייט. ער האָט צוגעשרויפט דיא קעפּיל פון דער נעה מאַשין צו דעם סטענד וועלכען ער האָט פערמאָגט אין דער היים, האָט צוגעפיקסט דעם סטראַפּ, האָט אָנגעגרייט דיא קאַטען און האָט אַ רוף געגעבען:

—אייבי!

אייבי איז צוגעקומען צום פאטער.

— קוק זיך צו, מיין זוהן, וויא מען שפּאַנט איין אַ נעה מאַשין, האָט העסיל געזאָגט מיט אזא מאָדנער שטימע און ער האָט גענומען ארייגציהען דיא קאַטען אין מאַשין.

אייבי האָט זיך גוט צוגעקוקט.

— יעצט פּרוביר אַליין מיין קינד.

אייבי האָט זיך געזעצט לעבען דער מאַשין און האָט איינגעפּיקסט דיא קאַטען.

— גוט מיין זוהן — זאָגט העסיל — און יעצט קוק זיך צו וויא מען לייגט אונטער דיא וואַרע און וויא מען דרעהט דעם ראָד.

אייבי האָט זיך צוגעקוקט.

— יעצט פּרואוו אַליין.

אייבי האט געפּרואווט.

— אָללרייט, טאַטע ?

— אָללרייט, מיין זוהן.

און פרומע לאה שטעהט און וואונדערט זיך.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָהל ? — פרעגט זיא.

— עס איז אמעריקא, עס איז בעסער אז מען קען א טרייד — האָט העסיל גע־ענטפערט און זיינע ווערטער האָבען לייכט געציטערט.

— זעה נור, אייבי — איז העסיל ווייטער אָנגעגאנגען מיט זיין לערנען „דיא טרייד" זיין קינד — זעהסט אַט דאָס איז א „סליוו" אַט אַזוי לייגט מען עס צוזאמען.. זעהסט... קוק זיך צו... און אַזוי מאַכט מען אַ „סיעם". נו, וועסט קענען אליין ?

— יעס איך וועל קענען — ענטפערט אייבי. דאָס קינד נעהמט אַ שטיקעל צו־געשניטענע סחורה און נעהט עס צוזאמען.

— ריכטיג, טאַטע ?

— ריכטיג.

העסיל האָט ארומגענומען זיין קינד און האָט צוגעדריקט אייבי'ס קאָפּ צו זיין ברוסט.

— האָסט אַ גאָלדען קעפּיל, מיין קינד, אָבער האָסט בעדארפט געבאָרען ווערען ניט ביי העסיל דעם אפּרייטאָר... דיא ווערטער האָבען זיך איבערגעריסען... עפּעס האָט דעם קראנקען אפּרייטאָר געוואָרגען אין האַלז און איבער זיינע בלאַסע איינגע־דארטע באַקען האָבען זיך גענומען קייקלען טרעהרען... אפּרייטאָרשע, זודיגע, ברענענ־דע טרעהרען, און דיא טרעהרען זיינען געפאַלען אויף דעם יונגען קאָפּ פון דעם יונגען קינד ....

* * *

דער ערשטער לעסאָן, וועלכען העסיל, דער קראנקער אפּרייטאָר האָט געגעבען זיין קינד איז אין ניוועץ ניט געגאַנגען, מיט עטליכע חדשים שפּעטער איז אייבי שוין אַ יתום געווען און ער איז געזעסען און האָט געארבייט אין דעם זעלבען שאפּ אויף דער זעלבער נעה מאַשינע, אויף וועלכער דער טאַטע האָט געארבייט....

עס איז געווען ביזי און דאָס קינד האָט געארבייט „אָווערטיים".

זיצט שבעה אויפ׳ן רוף.

וואו ער געפינט זיך א גאַנצענעם גרויסען טאָג קען איך קיין רעכענונג ניט אָפּגעבען. נור ווען דער לאַנגער, זודיגער זומער טאָג פאַנגט אָן צו פערלאָזען דיא זינדיגע וועלט — (דיא צייט פון יאָהר ווען דיעזע סצענע שפּיעלט זיך אָב איז מאָנאַט זשוליי) — ווען דיא זונן פאַנגט זיך אָן צו בעהאַלטען אויף דעם מעריב זייט פון הימעל און דיא מילדע אבענד שאַטענס וואקסען ברייטער און לייגגער, דאַן קומט ער.

ער רינגט אירגענד וועלכען בעלל, ווייל קיין „אייגענע“ בעלל פערמאָגט ער דאָ אין הויז ניט און יעדער איינוואָהנער פון הויז, וועמעס גלעקעל עס זאָל גיט אָנקלינגען עפּענט איהם דיא טהיר.

נאָך דעם שוואַכען, עפּעס אזוי וויא רחמנות׳דיגען רינג דערקענט יעדער איינציגער פון דיא „טענער“ אַז דאָס קומט ער — „אונזער רוף־באָרדער“. מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל טהוט מען א דריק דעם עלעקטרישען באָטען און מען לאָזט איהם אַריין.

ער געהט דורך אַלע שטיגען, געהט גלייך אויפ׳ן רוף, עפּעס אזוי וויא אין אַן אַלטע היים, דאָ אויפן רוף פערבלייבט ער שוין נעכטיגען; אויף מאָרגען בעגינען פערשווינדט ער ווייטער.

קיין וואָהנונג האָט ער דאָ אין הויז ניט. ער האָט ניט קיין לאָזשי. קיינע פערוואַנדטע, קיינע לאַנדסלייטע, קיינע פריינד.

דער רוף — דאָס איז זיין נאַכטלעגער. ער האָט שוין דאָ זיין קאָלדרע וועלכע ער בעט אונטער ווען דיא נאַכט איז ווארעם און שעהן און דעקט זיך צו מיט דערזעלבער קאָלדרע ווען עס פאַלט אויס א קיהלע נאַכט אָדער ווען עס רעגענט.

פריהמאָרגענס שפּרייט ער אויס דיא קאָלדרע צום טריקענען זיך אָדער לופטערן זיך און אונזער רוף־באָרדער געהט פאָרט.

וואָהין ער געהט און פון וואַנען ער קומט ווייסען מיר ניט און קיינער אינטערעסירט זיך ניט צו וויסען. מיר פערשטעהען, אז ער זוכט אַרבייט, נור דער פאַקט, אז ער קומט אימער נעכטיגען אויפן רוף בעווייזט אז זיין זוכען האָט קיין ערפאָלג ניט און מיר האָבען ניט וואָס צו פרעגען.

אונזער רוף־באָרדער האָט אויך זיין נאַמען. ער הייסט מיסטער בלודין.

אום צו פערענטפערן דיא פראַגע, וויא אַזוי קומט עפּעס מיסטער בלודין צו אונזער רוף? מוז מען דערצעהלען א קורצע אָבער דייטליכע געשיכטע.

אַמאָהל איז ער דאָ אין הויז א באָרדער געווען. זיינע לאָזשי בעלי־בתים זיינען דאָ אין הויז געווען אַלטע גוטע איינוואָהנער און אונזער רוף־באָרדער האָט מיט זיי צוזאַמען געוואָהנט עטליכע פיינע יאָהרען.

פאר דיעזער לאַנגער צייט האָט ער אין אונזער טענעמענט הויז געקראָגען גאָר א פיינעם נאַמען.

א שטילער, א רוהיגער, א העפליכער און א פרומער יונגער מאַן פון א יאָהר עט־ליכע און דרייסיג איז אונזער רוף־באָרדער. זיין בלאַסער ערנסטער פּנים, זיין שטי־לער בענעהמען זיך האָט צו איהם ארויסגערופען רעספּעקט און יעדערער פון דיא איינוואָהנער האָט ניט קוקענדיג און ניט וויסענדיג דעם מאַן עפּעס איהם רעספּעק־טירט און געגליכען... זאָגאר דער הויזקיפּער פלעגט איהם שטענדיג אָפּגעבען א בריי־טען גוט מאָרגען. טראָץ דעם וואָס בלודין איז געווען בלויז א באָרדער אין הויז... און אויף באָרדער קוקען דיא הויזקיפּער וויא אויף פּאַראַזיטען.

דיא לעצטע צייטען האָט מען געקענט בעמערקען אָן בלודין'ס פּנים, אַז דעם מאַן געהט ניט אָם בעסטען. און בסוד נאַטירליך האָט יעדער איינציגער געוואוסט אז עס איז שוין באלד א האלב יאָהר זייט בלודין האָט אויפגעהערט צו צאָהלען לאָזשי געלד.

יײנע לאָזשי בעלי בתים האָבען אין זיך קיין קוראזש ניט געהאַט מאַכען איהם צום מופען. אויסגעדריקט זיך האָבען זיי אז זיי קענען איהם דאָס ניט טאָהן ווייל ער איז אַזאַ פיינער מאַן. נור מורמלען האָט מען געמורמעלט, אז זיי האָבען ניט קיין מוטה איהם מאַכען צו מופען דאפיר ווייל אין גוטע צייטען ווען בלודין האָט פערדיענט האָט ער ניט געקעהרט פאר א פּעני און דיא לייטע האָבען ארום איהם זעהר שעהן אויסגע־מאַכט. וויא דיא מעשה זאָל ניט זיין, זיינע לאָזשי בעלי בתים האָבען איהם אָפּגעטהאָן א בייזען שפּיטצעל: אין איין שעהנעם טאָג ווען זייער באָרדער איז צו הויז ניט געווען האָבען זיי געמופט. דעם אדרעס וואָהין האָבען זיי ניט אָנגעגעבען און בלודין'ס טשע־מאָדאַן מיט עטליכע חפצים, האָבען דיא לצים איבערגעלאָזען אין דיא לעערע רומס. אויס רחמנות האָט דער הויזקיפּער ארייגענומען דיא חפצים צו זיך און ביי נאַכט, ווען דער אָרעמער בלודין איז געקומען אהיים, האָט איהם דער זשעניטאָר איבערגעגע־מען און האָט איהם אָנגעזאָגט דיא טרויעריגע בשורה אז ער איז אוים באָרדער דאָ אין הויז, אז ער האָט ניט וואָס צו געהען אפּסטעז.

ווען בלודין האָט בעגריפען דעם שפּיצעל וואָס מען האָט איהם אָפּגעטאָהן — אזוי דערצעהלט אונזער הויזקיפּער — איז ער בלאס געוואָרען וויא א טויטער. ער האָט א ביטערן שמייכעל געגעבען און זיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען.

בלודין'ס גוטע רעפּוטאַציע האָט איהם אויסגעהאָלפען אין דיזען אונגליקליכען פּאַל: דער הויזקיפּער האָט מיט איהם סימפּאַטיע געקראָגען.

— האָט איהר עפּעס געלד ? — האָט דער הויזקיפּער געפרעגט דעם פּראָונ־גליקליכטען אָפּגענאַרטען באָרדער.

— איך האָב ניט — האָט בלודין געענטפערט קורץ און ערנסט.

— האָט איהר בעקאַנטע פריינד, לאַנדסלייטע דאָ אין נויאָרק ?

— קיינעם ניט — האָט בלודין פערצווייפעלט געענטפערט.

דער הויזקיפּער האָט זיך פערטראַכט, און אָן ערשטען מאָהל זייט ער איז הויז־קיפּער אין אמעריקאַ — אזוי דערציילט ער זעלבסט — האָט ער רחמנות געקראָגען אויף א באָרדער און בלודין האָט געקראָגען דיא ערלויבניס צו נעכטיגען, אָבער בלויז נעכטיגען אויפן רוף ביז זיין לאַגע וועט זיך פערבעסערן און ער וועט זיין אימשטאַנדע צו דינגען א לאָזשי.

מיר, דיא שכנים פון הויז, האָבען אויס רחמנות צו דעם אָרעמען וואוילען בלודין דאגעגען גאָר נישט אויסגעזעצט און אזוי האָט אונזער טענעמענט הויז געקראָגען אונ־זער רוף - באָרדער.

מיט צוויי טעג צוריק איז אָנגעקומען צו אונזער רוף־באָרדער א בריעף פון דער היים.

אבענדס, ווען בלודין איז געקומען אויפ'ן רוף, האָט איהם איינער פון דיא שכנים דערלאַנגט דעם בריעף.

בלודין האָט אַ קוק געגעבען אויפן קאָנווערט.

— פון דער היים — האָט ער פאר זיך אַ מורמעל געגעבען און זיין פערוואַלקענ־טער פנים האָט עפּעס אזוי וויא אַ שיין געגעבען.

— איהר זעהט — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, ווייל איך בין אין דער מינוט אויך געווען אויפ'ן רוף און איך בין געשטאַנען נאָהענט לעבען איהם. — איהר זעהט דאָס איז פון דער היים... איך האָב אַמאָהל אויך געהאַט אַ היים... איך האָב דאָרטען אַ יונגע קליינע טהייערע שוועסטעריל, איך האָב דאָרטען אַן אַלטע מאַמע.

און רעדענדיג דיא ווערטער האָט בלודין אויפגעריסען דעם קאָנווערט און גענומען לייענען דעם בריעף פון דער היים...

— אוי! — האָט בלודין פּלוצלונג אויסגעשריען.

דער לעטער איז איהם ארויסגעפאַלען פון דיא הענד. ער איז בלייך געוואָרען, אַ כאָפּ געגעבען זיך פאר'ן קאָפּ, אַ זעטץ געגעבען זיך אזוי וויא אַן אונטערגעשניטענער אויפ'ן רוף און ער האָט זיך צוואוויינט אויפ'ן קול.

אַלע, ווער עס איז נור געווען אויפ'ן רוף, האָבען זיך ארום איהם ארומגעקליעבען.

— בלודין, וואָס איז מיט אייך? — פרעגט איינער.

— בלודין, וואָס איז געשעהען? — פרעגט אַ צווייטער.

— עפּעס אַן אונגליק? — פרעגט אַ דריטער.

— וואָס שרייבט מען אייך? — פרעגט אַ פערטער.

בלודין ענטפערט ניט . . . . .

בלודין ברעכט דיא הענד און וויינט.

ער האָט זיך ארומגעקוקט מיט אַזאַ מאָדנעם בליק.... וויא לאַנג איך וועל לעבען וועל איך דעם בליק ניט פערגעסען. גרויסע ברענענדע אויגען... פול מיט אונגליק... פול מיט געבעט...

— לאָזט מיך אַ ווייַלע אליין.... האָט רחמנות....

מעהר האָט ער גאָר ניט געזאָגט.

מיר זיינען אַלע אַוועק ווייטער פון איהם, דער רוף איז גריים געגוג... נור אויך פון דער ווייטען האָבען מיר געהערט וויא ער וויינט... פערשטיקט שטיל, אָבער מען האָט געקענט הערען.

שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אָנגעזאָגט אין דעם בריעף דיא ביטערע בשורה, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבען. דאָס האָט איהם געשריבען זיין קליינע שוועסטערל און זיא האָט זיך אין דעם לעטער געבעטען, אַז ער זאָל זיא נעהמען אהער אין אַמעריקאַ צו זיך, ווייל זיא איז אַ יתומה'לע און ער איז יעצט איהר מאַמע און איהר מאַמע....

דיא וואָך טרייעט בלודין ניט קיין ארבייט זוכען, ער זיצט שבעה אויפן רוף.

דער הויזקיפּער איז אַ פרומער איד, און האָט עס איהם ערלויבט און מיר טענגער האָבען דאַגעגען גאָר ניט. אדרבה אַלע בשותפות האַלטען מיר איהם אויס דיא וואָך מיט קעסט.

אַ רחמנות אויף איהם. רעדט אַליין וועגען דער פערשטאָרבענער מאַמע'ן און נאָך מעהר וועגען דער קליינער שוועסטערל.

די מאַמע איז געפאלען.

עס איז אַ הייסער, זודיגער זומער טאָג. די זונן ברענט, פלאַקערט אונטער־באַרמליך, עס ברענען די שטיינערנע טראָטוארען אונטער די פיס, עס ברענען די שטיינערנע הייזער, עס ברענען די אייזערנע פייער־עסקייפּס, עס ברענט און עס איז אויסגעברענט די לופט, אַלעס ברענט, פון אַלעם גיט אָב מיט היץ, בלויז די מענשליכע הערצער פערבלייבען קאַלט.

אין סוועטינג שאַפּ, אין דעם אידישען סוועטינג שאַפּ איז ביזי, אַ פייערדיגע, אַ ברענענדע ביזי, אזוי וויא צו להכעים דער ברענענדער היץ.

פּלאַץ איז אין ניו־יאָרק טהייער, יעדער ווייס דאָס, אָבער מעהר פון אַלעמען ווייס עס דער אידישער סוועטער, מיסטער דארדיק, און אין זיין ניע־פּענטס שאַפּ אין אַ חדר אין וועלכען עס איז דאָ ווייניג רוים און לופט פאר אַ דוצענד פליגען, שפּארט ער צוזאַמען אַ פינף־און־צוואַנציג ארבייטער און אָט האָט איהר אַ מיניאַ־טורנע בילד פון דעם גהונם, מיט וועלכען מען דראָהעט אונז נאָך אונזער טויט... ביזי... פיעל שטויב, שמוץ, אַ טומעל, אַ רעש, אַפּרייטאָרלעך שוויצען, פּאַכען מיט די נשמות, באָדען זיך אין שווייס, מאַטערען זיך און מאַכען חרוב די וועלט מיט קינדערשע הייזקעס... שטויב... שמוץ... סטים... אַ דערשטיקענעס... אויף דעם פערשוויצטען פּנים און לייב זעצט זיך אָפּ עפּעס וויא אַזאַ מין דונקעל בלויע, פּעטע פארב, מען קען ניט אָטהעמען, פון לופט איז קיין גערעכנים ניטאָ. נור מען ארבייט, און מען קוויקט זיך מיט סאָדאַ וואַסער און מיט געזאַלצענע בייגעל.

אין שאַפּ זיינען אריינגעקומען צוויי קינדער, צוויי בלאַסע באַיעס, פון פינף ביז זיעבען יאָהר.ביידע זיינען זיי געווען אָהן העטקעס, אָנגעטהאָן אין קורצע, ביליגע ניעפּענטס און בייביידען זיינען געווען די פיסלעך דין וויא קינעלעך און שטאַרק פערבלאָטיגט. די קינדער זיינען געבליעבען שטעהן לעבען טהיר דערשראָקען און צוטומעלט.

— וועמען דארפט איהר? — האָט זיך צו די קינדער געווענדעט אַן ארבייטער, וועלכער איז געזעסען מיט זיין מאַשין נאָהענט פון טהיר.

— דעם טאַטען — האָט געענטפערט דאָס אינגערע קינד.

— כאַ, כאַ, כאַ — האָט זיך דער אָפּרייטאָר צולאַכט — ווער איז אייער טאַטע?

— היימאַן — האָט געענטפערט דער עלטערער באַי.

— עה, מיסטער היימאַן! — האָט גענומען שרייען דער זעלבער אָפּרייטאָר — קוקט נאָר אַהער, אָט זיינען אייערע קדישים.

היימאַן, אַן ארבייטער פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, האָט זיך ארומגעקוקט, און ווען ער האָט דערזעהען די קינדער, האָט ער זיך האַסטיג און דערשראָקען אַ הויב געטהאָן פון מאַשין און איז צוגעלאָפען צום טהיר.

— וואָס איז געשעהען? — וואָס, וואָס איז דער מעהר?

— דיא מאַמע — האָט פערוויינט און דערשראָקען געענטפערט דער אינגע־רער באָי.

— וואָס דיא מאַמע?

— דיא מאַמע איז געפאַלען — האָט געענטפערט דער עלטערער באָי — קום אהיים.

היימאַן איז געוואָרען אַ פערציטערטער.

— וואו געפאַלען? ווען געפאַלען? — האָט דער אפּרייטאָר געפרעגט זיינע קינדער.

— אין קיטשען — האָט געענטפערט דער אינגערער באָי, און ער האָט זיך צו־וויינט.

— אין קיטשען לעבען וואַשטוב און קען ניט אויפשטעהן — האָט געזאָגט דער עלטערער באָי און דאָס קינד האָט טרויעריג אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— ווער איז מיר — האָט אַ זיפץ געגעבען דער דערשראָקענער היימאַן — וואָס פאַר אַן אונגליק איז דאָרט געשעהען?

ער איז צוגעלאָפען צום מאַשין נאָך זיין הוט און זיין אויבעררָאָק.

אין אַ מינוט ארום איז היימאַן דער ניעפּעגטס מאַכער געלאָפען אהיים און נאָך איהם זיינען נאָכגעלאָפען זיינע צוויי קינדער...

היימאַן פערמאָגט אַ ווייב מיט פינף קינדער, איינס אונטער איינס. ער אַרבייט אין סוועטינג שאָפּ פון זיעבעצעהן ביז ניינצעהן שטונדען דעם טאָג, נור פון דעסטוועגען מפרנס זיין דיא פאַמיליע איז ער גיט אימשטאַנדע, און זיין ווייב, זיין קונע מוז איהם אויסהעלפען אין דער פרנסה, אָבער וואָס קען אזא פרוי ווי קונע טאָהן? זיא איז פון דער נאַטור אַ שוואַכע און ניט פערגעסט אַז ביי צעהן יאָהר האָט זיא גע־אַרבייט אין אידישע סוועטינג שעפּער, נאָך פאַר דער חתונה. יעצט איז זיא פּשוט אַ קראַנקע, קינדעלט נאָך צו יעדען יאָהר, און איז, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, בע־שאָטען מיט קינדער — מיט וואָס קען אזא פרוי העלפען איהר מאַן? באָרדערס האַל־טען! דאָס איז אַלעס וואָס זיא קען טאָהן, און דאָס טהוט זיא: זיא האַלט פיער באָרדערס, צוויי אין אַ „סעפּערעט רום" און צוויי אין פראָנט רום, זיא קאָכט פאַר זיי אַלעמען סאַפּער און וואַשט זייערע וועש.

דער טאָג איז אַ הייסער, אַ זודיגער, אויף דרויסען ברענט, און מענשען געהען ארום קראַנק. ביי קונען אין הויז איז פיעל הייסער איידער אויף דרויסען, און אין קיטשען? אין קיטשען איז וויא אַ קאַלך־אויווען, און קונע פיהלט זיך זעהר שלעכט... זיא האָט נאָך אַ זויג־קינד, אָבער זיא איז שוין אַ „שוועער מענש" און זיא פיהלט זיך ניט גוט, אַזוי שוואַך, קוים וואָס זיא לעבט. אין דער פריה האָט זיא אָבגעריבען אַ „שקירטע" וועש אפשר הונדערט שטיק און האָט עס צוהאַנגען אויפען רוף; צוליעב דיא וועש האָט זיא געהייצט דעם אויווען. אין קיטשען איז קיין פענסטער ניטאָ, און דיא דונקעל־גרינע ווענט ווערן נור אַזש צושפּאָלטען פון היץ... דיא קינדער האַלט זיא ניט אין הויז. זיא האָט זיי אָנגעטאָהן, געגעבען עסען און אוועקגעשיקט שפּיעלען אויף דרויסען, בלויז דיא בייבי און דער צוויי יעהריגער איזשע לופטערן זיך אויפ'ן פּייער עסקייפּ אונטער דעם ליעבליכען שאָטען פון אַן אַלטע קאָלדרע... אָבער זיא? זיא מוז פערבלייבען אין הויז, זיא איז ביזי, זיא קען זיך ניט אָברייסען פון קיך. אפילו אין גראָסערי האָט זיא קיין צייט ניט אַראָפּצולויפען און דער גראָסערי מאַן טראָגט איהר אַלץ אריין... און קונע פערבלייבט אַלץ אין קיטשען לעבען אויווען... און אָי, וואָס זיא האָט נאָך מלאכות! זיא דאַרף נאָך קראָכמעלען דיא וועש, זיא

דארף אויפראמען דיא הויז, זיא דארף מאכען א סאפער פאר זיך און פאר דיא בארדער... און זיא לויפט ארום איבערן קיטשען און זיא ארבייט און זיא איז ביזי... אבער זיא פיהלט אזוי שלעכט, אזוי שלעכט... הייס, זודיג, קיין שארך פון לופט א דערשטיקענעס... זיא ווערט בעגאסען מיט שוויים... זיא קען קוים דעם אטהעם כאפען... אבער זיא ארבייט, זיא איז ביזי... און דער קאפ וועגט אראפ וויא טויזענד פוד, און ער ווערט צושפאלטען און עפעס אזוי וויאביידע שלייפען ווילען זיך צו־רייסען גאנץ בעזונדער... און קוים וואס זיא האלט זיך אויף דיא פיס...

אי, וויא זיא פיהלט זיך ניט גוט... אבער זיא ארבייט... זיא פערבלייבט אליין ביזי... נור אט נעהמט איהר פלוצלונג שטארק שווינדלען אין קאפ... עס גיסט איהר אב מיט א קאלטען שוויים, דאס הארץ ווערט שטילל... דיא פיס האקען זיך אונטער, און זיא פאלט אוועק אין אהנמאכט אין קיטשען לעבען וואש טוב... גוט וואס דיא טיהר איז אפען און א שכנה דערזעהט זיא...

עס איז געווארן א ליארם, שכנות זיינען אנגעלאפען... מען האט גענומען דיא גע'חלש'טע מינטערן, שפריצען מיט קאלטע וואסער און אברופען מיט שרעקליכע גע־שרייען... איזשע האט געמאכט בענומענע קולות, דיא בייבי האט זיך דערשראקען און אויך געמאכט געשרייען... עס זיינען אריין אין הויז דיא איבריגע קינדער און אויך גענומען דערשראקען וויינען... און א שכנה, וועלכע האט געוואוסט, אז היימאן ארבייט דא ניט ווייט, האט אוועקגעשיקט דיא עלטערע צוויי קינדער נאכ'ן טאטען.

דיא גע'חלש'טע האט אויפגעעפענט דיא אויגען. א וויילע איז זיא געבליעבען בעוואוסטלאז, שכנות האבען זיא אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט אין פראנט רום לעבען א פענסטער... קונע איז געקומען צו זיך..

— אזוי ניט גוט געווארען — האט זיא א שווערען זיפץ געטאהן, א שמייכעל געגעבען און געבעטען דיא בייבי צו זיך.

מען האט קונען צוגעלייגט א נאסען טוך צו דעם קאפ.

— וואס גיט איהר זיך עפעס נאך? הא? — בייזערט זיך אויף איהר פריינדליך א ווייבעל.

— דער מאן וואלט זיך גאר וויניג אפעסען דאס הארץ — לאכט א צווייטע שכנה.

— נעווער מיינד — בעמערקט א דריטע — דאס איז גארנישט. אז איך האב געשוואנגערט מיט מיין בערטשען, אונז צו לאנגע יאהר, פלעג איך אויך שטענדיג בלייבען אין חלשות.

קונע'ן איז „בעסער“ געווארען. דיא שכנים זיינען זיך צוגאנגען. און אט איז אריינגעלאפען היימאן א פערשטארבענער, א האלבער א טויטער.

— וואס איז דער מעהר? וואס איז דער מעהר? וואס האט געטראפען? — איז ער צוגעלאפען צו זיין פרוי און ער האט זיך אין גאנצען געטרייסעלט.

— גאר נישט, גאר נישט — זאגט קונע — פערריקטער, וואס האסטו זיך אזוי דערשראקען? גארנישט, עס איז מיר פון היץ ניט גוט געווארען און איך בין געפאלען פון דיא פיס.

— אבער וויא פיהלסטו יעצט?

— בעסער, בעסער — ענטפערט קונע און היימאן כאפט אפ דעם אטהעם.

אין א שטונדע ארום האט היימאן ווייטער געארבייט אין שאפ און קונע איז ווייטער געווען ביזי אין קיטשען.

אומעט.

(א געדיכט אין פראזא).

מיר איז אומעטיג!...

אי, וויא אומעטיג... וויא אומעטיג מיר איז!...

א שטילער, טיעפער, טיעפער בייגקען, א בייגקען נאך א פערשפיעלטען גליק, נאך א פערלארענעם טהייערן לעבען טאטשט און עסט... און עסט מיין הערץ.

אך, וויא אומעטיג מיר איז!

און שטיל... וויא שטיל, וויא שטיל ארום מיר איז! א שוידערהאפטע, טויטע שטילקייט, א שטילקייט פון א בית עולם. א פראסט געהט אריבער איבער מיין גאנ־צען לייב, עס ווערט אין מיר פערשטארבען א גליעד נאך אגליעד...

אה, וויא שטיל...

אה, וואו הער איך יענע זיסע, יענע טהייערע שטיממע?!

אומעטיג איז מיר!

און איך קען ניט געפינען דאס, וואס איך זוך... און איך קען ניט פעריאגען דיא פינסטערע חמארע... און לאנגזאם געהט אוים מיין הארץ... און ניטא צו וועמען צו ריידען... גוואלד, וויא אומעטיג מיר איז!

צובראכען פון א ווילדען גרויזאמען שטורם ליעגט, אונטערגעגאנגען, מיין לע־בענס־שיף. איך בין בלויז אן איבערגעבליעבענער זעגעל־בוים, זעה זיך ארוים אין מיטען בייזען ברויזענדען ים... עלענד, טרויעריג, האפנונגסלאז, אהן א צוועק, אהן א ציעל...

אומעטיג איז מיר!

און עס דאכט זיך מיר — איך האב איבערגעלעבט מיין אייגענעם טויט. מיינע ליעבע, מיינע זיסע האפפנונגען ליעגען שוין לאנג אין קבר... איך האב מיט דאס לע־בען מעהר ניט וואס צו טאהן... איך וואנדער ארום עפעס אזוי וויא א גייסט, וויא א שאטען און איך וויים ניט וואו איך זאל זיך אהינטאן... און איך וויים ניט צו וואס איך זאל זיך צוטשעפען...

אומעטיג, אומעטיג איז מיר!...